STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05979

GEZAMELTE SHRIFTEN

Sholem Asch

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

שלום אַש

געזאַמעלטע שריפטען

הימעל און ערד

דריטער באַנד

צווייטע אויסגאַבע.

ארויסגעגעבען פון
שלום אַש קאָמיטע.
1923

Copyright by
Sholom Asch
1923

הימל און ערד

יודישעס

דער פערבארגענער בחור

(א מעשה פון פוילישע רביים)

(געווידמעט דעם אנדענקען פון י. ל. פרץ)

שוין פון קינדהייט אן איז דער קליינער יואל אויסגעוואקסען גאר ניט צו דענקען וועגען דער וועלט, אין וועלכער ער איז אריינגעפאלען, נור פארצובערייטען זיך פאר דעם אייביגען לעבען פון יענער וועלט — צו וועלכער ער וועט געהן. דער פאטער האט איהם געלערענט, אז די וועלט איז נאר א „פאדער־הויז" צום פאלאץ און האט נאר אויף אזוי פיעל א בעדייטונג אויף וויפיעל מען גרייט זיך דא אן פאר דער צווייטער וועלט. און יואל האט פון קינדהייט אן בעטראכט זיין געבארען ווערען אלס א שטארבען פאר דער אייביגקייט, און זיין אבשטארבען — אלס צוריק געבארען ווערען.

און ווירקליך האט ער ווייניג וואס געקענט געפינען אויף דער וועלט עפעס אזעלכעס, צוליעב וואס עס האט זיך געלוינט געבארען צו ווערען. ביים פאטער זיינעם האט דאס אנהאלטען דאס לעבען אויף דער וועלט אויסגעזעהן אזוי ניט וויכטיג, אז ער האט עס איבערגעגעבען צו רער מוטער. די מוטער האט געצויגען פרנסה פון אן ארימען שניטשטענדער, וואס זי האט געהאלטען אויפ'ן מארק. זומער, אין די היצען, ווינטער אין די קעלטען, איז די מאמע געשטאנען ביים שטענדער און פערקויפט די ארימע פויערטעס לייווענט אויף א העמד, ציט אויף א קליידעל. אז זי איז אהיים געקומען אויף דער נאכט, האט זי אבגעקאכט א פאר קארטאפעלס, אדער קליסקעלאך. און פון דעם איין

מאָל אין טאָג מאָהלצייט האָט די פאמיליע זיך ערנעהרט דעם גאנצען טאָג. דער פאטער איז געזעסען אין שטיבעל און האט געהאלטען אין איין אָנגרייטען עשירות — פאר יענער וועלט.

ווען יואל איז נאך געווען א קינד, פלעגט ער זיצען ביי דער מאמען אויפ'ן שויס אין מארק, און געזעהן און מיטגעלעבט דער מאמעס וואָ־בעדיג, צי־וועלטיג לעבען. נור זיגט דער טאטע האָט איהם מיטגענומען מיט זיך אין שטיבעל אריין און האט אנגעהויבען צו לערנען מיט איהם די הייליגע ספרים, האט יואל געקראגען יענע וועלט.

און ווי רייכער און הערליכער איז געווען יענע וועלט געגען דער וועלט! דער הימעל האט זיך אויפגעעפענט פאר איהם, און ער האט געזעהן די שכינה אין איהר גלאַנץ. די מלאכים און שרפים, די הייליגע נשמות אין אייביגען גן־עדן. אויף גאָלדענע שטוהלען זיצען אין וויים־בלאָהען בעוועבטען וואָלקען־חלול די צדיקים, בעגאָסען אין הערליכען ליכט, און דער רבונו של עולם לערנט מיט זיי תורה. ער האָט דערהערט דאָס געזאנג פון די הימלען, ער האָט געזעהן דאָס אייביגע שבת־ליכט, וואָס איז אויסגעגאָסען איבער דער צווייטער וועלט, דאָס שטילקייט און די שלמות פון מענשען, וואָס איז אויסגעטהאָן פון יעדער שוואכקייט, וואָס בעדארף גאָר ניט, נאָר דאָס שטילע געזאנג און די מנוחה פון שבת... וואו ער האָט זיך אומגעקוקט האָט ער געטראָפען אַ הייליגען. אַט זעהט ער די אבות, ווי זיי לעבען דאָס לעבען פון חומש; אַט איז משה רבינו, ווי ער פיהרט די אידען און לערנט מיט זיי פון די לוחות די סודות פון דער תורה, און אין אַן אנדער ווינקעל זעהט ער דוד המלך, מיט דער פייערדיגע הארפע אין דער האנד, און ארום איהם די לוים, וועלכע זינגען אוים די קאפיטלאך פון תהלים. אַט זעהט ער ווי רבי פיהרט זיין ישיבה פון תנאים און אמוראים, אלע הייליגע, פון וועלכע ער האָט נאָר געהערט, און פערבאָרגענע צדיקים, וואָס זיינען אוועק פון דער וועלט פערהילט אין זייער צניעות, אלע האָבען זיך געפונען אויף יענער וועלט. און ווי האָט זיך געקענט פערגלייכען געגען די אלע הערליכקייטען דער מאמע'ס ארים שטיבעל, מיט די קליסקעס אין אבענד, אפילו שוין דער יריד מיט די שיכור'ע גוים?

אודאי האָט ער אויף דער מאמען רחמנות געהאט, וואָס איהר איז געווען בעשעהרט דער ביטערער מזל צו טראגען די זארגען פון דער

וועלט. און די פּרנסה קומט ניט אָן גרינג. ער האָט געהערט אין די ווינטער נעכט דער מאַמע'ס קרעכצען. און זומער איז דער מאַמע'ס פּנים געווען אָבגעברענט און עס האָט זיך געשיילט, און די מאַמע האָט עס געשמירט מיט אַ זאַלב און האָט געשריען פון יסורים. און האָט ער וואָס געבעטען ביי גאָט פאַר זיך אויף דער וועלט — זיינען עס געווען כחות, אַז ער זאָל קענען העלפען דער מאַמען טראָגען די פּעקלעך שניט־סחורה אין גאַס אריין. ער האָט זיך געדונגען יעדען פריה־מאָרגען און אבענד מיט דער מאַמען איבער'ן וועג פון שטוב אין מאַרק אריין; די מאַמע האָט גע'טענה'ט, אַז ער האָט קיין כח ניט צו טראָגען די פּעק־לעך און יואל האָט געוואָלט דער מאַמען איבערצייגען, אַז ער קען שלע־פּען אפילו די ברעטער אויך. דער רבונו של עולם האָט איהם טאַקע די כחות צוגעשטעלט יעדען פריה־מאָרגען און יעדען אבענד וואָס ער האָט געדאַרפט פאַר דער מאַמע'ס פּעקלעך. און יואל האָט ניט בעדווי־ערט דער מאַמען, וואָס זי גרייט זיך גאַר ניט אָן פאַר יענער וועלט. ער האָט געוואוסט — און די מאַמע האָט עס אויך געוואוסט — אַז איהר טהייל אין טאַטען'ס לערנען און אין זוהן'ס לערנען איז גע־זיכערט, אַז זי האָט שוין דורך זיי איהר חלק אויף יענער וועלט. כאָטש זי בעשעפטיגט זיך מיט זאַכען פון ד ע ר וועלט. בעדויערט דער מאַמען האָט ער אבער, ווייל זי האָט ניט די הנאה פון דעם פרומען דאַווענען, פון וועלכען ער האָט הנאה, וואָס זי פערברענגט ניט אין דער וועלט פון רוחניות אין וועלכער ער פערברענגט אַ גאַנצען טאָג לערנענדיג די הייליגע ספרים, וואָס זי מוז זיך אָבגעבען מיט פּויערים און פּויערטעס און ארומוואַלגערן זיך אַ גאַנצען טאָג אויפ'ן יריד. און ווען ער איז נאָך געווען אַ אינגעל אין די יאָהרען, ווען מען שעהמט זיך ניט צו פערברענגען מיט אַ מאַמען, פלעגט ער איהר אין די זומערדיגע אבענדען, ביים לבנה־שיין, איבערדערצעהלען פון דעם וואָס ער האָט געלערענט, און די מאַמע האָט אָנגעקוואָלען פאַר נחת. זי האָט זיך גאָר ניט געשעהמט דערמיט, וואָס איהר איז בע־שערט צו האָבען צו טהאָן נור מיט די וועלטיגע זאַכען, זי איז גאָר ניט געווען געפאַלען ביי זיך. פערקעהרט, זי האָט זיך געהאַלטען מיט איהר האנדלען און איינשאַפען פּרנסה אזוי גרויס, ווי דער טאַטע מיט'ן לערנען, און ער האָט געזעהן, אַז דער פאָטער האַלט עס אויך אזוי.

ניט איין מאל, אין די הייסע זומערדיגע טעג, ווען יואל איז געווען פערטהאן אין לערנען, האט דער פאטער געהייסען פערמאכען דעם ספר און געהן צו דער מאמען אין מארק אריין.

— אפשר בעדארף זי דיך, א שעפ וואסער איהר ברענגען, עס איז א חמימה.

אין די פארנאכטען, ווען ער איז אהיים געגאנגען מיט'ן פאטער נאך מעריב, האט דער פאטער, וועלכער איז געווען א וויינינ־דיידער, אריינגעמורמעלט א ווארט אין זיין שיטערע, שפיציגע בארד, וועלכע איז געווען אזוי מאגער ווי זיין פנים:

— איהר האנדלען און ארומוואלגערען זיך איז ביי גאט אנגעלעגט ווי אונזער תורה — זי איז א צדקית.

יואל האט געוואוסט אז דער טאטע מיינט דער מאמען. און אמאל האט ער געזעהן, ווי די מאמע האט זיך געריסען מיט א שיכור'ן גוי אין מארק. גויים זיינען געשטאנען און געזידעלט איהר, געוואלט צו־ריקקריגען געלד פאר אבגעשניטענע סחורה, און די מאמע האט זיך ניט געלאזט, אויסגעהערט די חרפות און בזיונות און געשוויגען — דאן האט ער פערשטאנען דעם טאטען'ס ווערטער...

נור איין מאל אין דער וואך האט יואל דערפיהלט די שייכות פון דער וועלט מיט יענער וועלט. און די מאמע איז דענסטמאל דער־הויבען געווארען אין זיינע אויגען צו דער זעלבער מדרגה וואס דער טאטע... דאס איז געווען פרייטאג צו־נאכטס, ווען די מאמע האט די שבת־ליכטלאך אנגעצונדען, און די זונן איז אונטערגעגאנגען מיט א בענקעניש; די נאכט איז אנגעקומען א שטילע און א צניעות'דיגע, און האט איבערגעהילט די וועלט מיט א הימלישע גנעדיגקייט; דער־מאלט האט ער דערפיהלט, אז די וועלט איז א טהייל פון דער גרויסער און אייביגער יענער וועלט, אז זי איז גאט'ס בעשעפעניש. זי איז שוין ניט געווען פאר איהם א דורכגעהענדע, וואס וועט אונטערגעהן: ער האט דערפיהלט די נשמה אין איהר, וואס איז אייביג: דער שבת וועט אויביג בלייבען, און די וועלט וועט צוריקקומען צו גאט. די מאמע ווען זי איז געשטאנען ביים ליכט־בענטשען אין דער שבת'דיגער הויב, איז ניט געווען די אידענע, וואס זיצט אין מארק, אין קעלט און היץ, און דינגט זיך מיט די פויערטעס און קריגט זיך מיט די פויערים און שלאגט זיך ארום איבער א קונה — פערקויפט לייוועגד, זאגט ליגען,

שווערט זיך און האָט קיין זאך ניט אין זינען — די מאמע איז אויפ־געגאנגען אין זיינע אויגען אלס אַ הייליגע געשטאַלט. איהר האנדלען — אַ מאַטערניש, וואָס זי האָט אויף זיך גענומען פרייוויליג, פאר איהר מאַן'ס און איהר זוהן'ס תורה. און די קנייטשען אויף איהר פנים און דער אָבגעברענטער שטערען און נאָז — צייכענס פון מארטירער־טהום, און זיי האָבען בע'חן'ט איהר פנים מיט אַ הייליגען חן. איהרע גרויסע אויגען האָבען נאָך געשיינט מיט דער הייליגער צניעות'דיגקייט, די אונשולד און די ווייכקייט פון איהר ווייבליכקייט, און די אויגען האָ־בען יעצט געקראָגען די הערשאפט איבער איהר וואָכעדיג פנים — אַזוי האָט ער זי געזעהן אין דעם ליכט פון שבת, אַזוי איז די מאמע דער־הויבען געוואָרען ביי איהם, און דער דרך־ארץ און כבוד פאר איהר איז געוואָרען ביי איהם אין לשער.

אַ גאנצע וואך איז מען אבגעקומען מיט גארניט. די מאמע איז אהיים געקומען פארנאכט און עפּעס דארט געמאכט ביים אויווען עסען. אויף פרייטאג צו־נאכט איז געווען פיש, פלייש, חלות און וויין. און דאָס טישעל איז געווען געגרייט מיט אַ טישטוך און די ליכטלאך האָבען געברענט אין די לייכטערלאך, און בעטען זיינען געווען אויפ־געבעט, דאָס שטיבעל צוגעראמט, די מאכלים האָבען געקראָגען אַ טעם ניט נאר פון שפייז פאר'ן זינדיגען קערפּער, נאר בעהערליכט מיט דעם גלאנץ פון שבת, האָבען זיי געהאט אויך דעם העכערען טעם פון שפייז פאר דער נשמה. עס איז געווען, ווי עס וואָלטען זיך אויסגעמישט אין שבת די הנאות פון קערפּער מיט די הנאות פון דער נשמה. עס איז געווען פערווישט דער גרענעץ פון די וועלטען, דער קערפּער איז גע־געוואָרען אַ טהייל פון דער נשמה. און ער האָט געפיהלט דעם טעם פון דער צווייטער וועלט...

אבער דאס איז נאר געווען איין טאג אין דער וואך, און מיט דעם אויסגאנג פון שבת איז ווייטער אָנגעקומען דאָס נישטיגע, קליינע, וואָכעדיגער לעבען פון ד ע ר וועלט. און מיט מעהר חשק און מיט מעהר שטארקייט האָט ער געבענקט נאָך דער אויביגער גרויסער וועלט, נאָך דעם גרויסען אויביגען תכלית, און נאָך דעם טעם פון דער גרויסער אויביגער הנאה...

וואָס עלטער ער איז געוואָרען, אַלץ מעהר איז ער אריינגעוואקסען — ניט אין דער וועלט אין וועלכער ער האָט זיך געפונען, נור אין דער צווייטער וועלט: וואס בעקאנטער ער איז געווארען מיט די רייד און די קלוגשאפטען פון די חכמים וועלכע ער האָט געלערענט, אַלץ מעהר האָט ער געבענקט נאָך זיי — צו זיין מיט זיי, צו זעהן משה רבונו, ווי ער לערנט מיט די אידען די סתרי תורה, צו הערען דוד המלך'ס אויסטייטשען זיינע קאפיטלאך תהלים אויף דער הארפע, בעגלייט מיט דעם געזאנג פון די מלאכים, צו געפינען זיך אין די ישיבות פון יבנה און פומפדיתא, צו הערען די רייד פון די חכמים און אמוראים, צו פיהלען און פערשטעהן די סודות פון זהר, צו זיצען פון דערוויטענס און צו צוהערען זיך צו די רייד פון שמעון בן יוחאי; פון א רבי, פון א ר' מאיר, צו געפינען זיך אין א קהל חסידים פון א בש"ט און צו זעהן זיין ליכטיג פנים. און דאָס אַלעס, האָט ער געוואוסט, קען ער ניט געפינען אויף דער וועלט, נאָר אויף דער צווייטער, אין דער ליכטיגער, דער אויביגער, וואו דער גאנצער תוך איז דאָ און דער אויביגער תכלית, — און ער האָט זיך פאַרגעבענקט אהין צו געהן, און עס איז איהם געווען דערווידער דאָס ווארטען דאָ, אויף דער קליינער וועלט. צו וואָס? נור גאָט האָט געשיקט, און געשטעלט א גנעצע, און — בעל קרחך! — אזוי מוז עס זיין.

און האָט ער זיך געמוזט געפינען דאָ — געגען זיין ווילען — האָט ער געזעהן אונטערטעניג צו מאכען אַלעם וואס בינדט איהם אן צו ד ע ר וועלט — פאר יענער. דאָס ערשטע האָט ער געזעהן אונטערטעניג צו מאכען זיין קערפער צו דער נשמה. ער האָט געוואוסט פון זיך, און האָט געלערענט אין הייליגע מוסר ספרים, אז עס פיהרען אן אייביגען קאמפף צווישען זיך דער קערפער מיט דער נשמה. דער קערפער ציהט אראָב, צו דער ערד, פון וואנען עס קומט, און די נשמה בענקט אין דער הויך, צום רבונו של עולם, צום מקור פון וואנען זי קומט. אַלע תאוות פון עולם הזה קומען פון קערפער, און יעדע בענקשאפט נאָך העכערעס — קומט פון דער נשמה. די נשמה איז געפאנגען אין קערפער און דער קערפער וויל זי אונטערטעניג מאכען כדי זי, די נשמה, דער נצוץ פון רבונו של עולם, די טאָכטער, דער איינציגער געדאנק פון דער אייביגקייט וועלכער זיצט אין בשר ודם, זאָל, חלילה, דיענען צום גראָבען חומר. ער האָט דעם חומר אונטערטעניג געמאכט צו דער נשמה

מיט דעם, וואס ער האט איהם אויסגעהונגערט. ער האט איהם קיין שפייז ניט געגעבען, האט אלץ מעהר אויפגעהערט צו עסען, פאסט שוין יעדען מאנטאג און דאנערשטאג, און קומט ער אהיים אין א געוועהנליכען טאג, עסט ער נאר צוליעב דער ברכה, צוליעב דער מצוה, און ניט צוליעב דעם הנאה פון עסען. זיין קערפער איז שוין געווארען אזוי לייכט און מאגער, דאס יעדעס מאל ווען ער האט נור געוואלט—ווען די נשמה האט זיך אין איהם געשטארקט און די געדאנקען האבען איהם פערטראגען אין דער אנדערער וועלט, איז דער קערפער מיטגעגאנגען—ער האט איהם שוין ניט געצויגען צוריק צו דער ערד, ער איז געווארען א קנעכט ביי דער נשמה, א כלי, אין וועלכער זי האלט זיך אויף...

דערנאך האט ער געפרואווט אלע זיינע אברים אונטערטעניג מאכען פאר דער נשמה, זיי זאלען נור איהר אליין דיענען. דער לשון, דער איינציגער יתרון וואס גאט האט געגעבען דעם מענשען מעהר פון אלע בעשעפענישען, איז בעשאפען צו דיענען דער נשמה. ער האט נאר בענוצט זיין לשון פאר לערנען און דאווגען, פאר וועלטליכע זאכען איז ער שטום געווען, געהיט זיך אן איבריג ווארט אויסצורייךען, ווי ער וואלט נאר א בעגרענעצטע צאהל ווערטער פערמאגט און וויל זיי בעהאלטען פאר עפעס וויכטיגעס, ערנסטעס. דערנאך האט ער די אויגען אונטערטעניג געמאכט. זיי האבען נור גערינט אין ספרים, אין סדורים און גמרות איינצוגראבען זיך, זיי האבען נור בעלויכטען די ווענען פון די געדרוקטע עמודים, און ענטפלעקט אין די קליינע פיערקיילעכדיגע אותיות — דאס ליכט פון דער זון און דעם שאטען פון דער ערד, די פארבען פון רעגענבויגען און די בעלייכטונגען פון די שטערען מיט דער לבנה. פאר ד ע ר וועלט מיט איהרע הנאות, זיינען זיי געווען פערשלאסען. און אז ער איז געגאנגען איבער'ן געסעל פון בית־המדרש אהיים, זיינען די אויגען געווען איינגעגראבען אין דער ערד, צו בעלייכטען זיין גאנג אויף וויפיעל מען דארף. און מיט דער צייט האט ער זיינע אויגען אויסגעלערענט זעהן — ניט פון דרויסען, נאר האט זייער בליק אנגעצויגען אויף אינוועניג, און אינוועניג האבען זיי געזעהן די אייביגע הערליכקייטען און די גרויסע ליכטער פון דער איינציגער וועלט. די זונן האבען זיי געזעהן זיבען מאל אזוי שטארק אין איהר ליכט, און עס זיינען אוועק די פלעקען פון חומר; ער האט

געזעהן מיט זיינע אויגען דאס אינערליכע ליכט פון דער נשמה, וואס בעזעעלט יעדען מענשען, יעדע בוים און יעדע זאך...

צוערשט האט דער קערפער פראטעסטירט, ער האט ניט געוואלט ווערען אונטערטעניג דער נשמה און געפאדערט דאס זייניגע, און האט מען איהם ניט געהערט — האט ער דערמאנט אן זיך. ער איז קראנק געווארען, אנגעטהאן יסורים, מכות, שוואכקייטען. נאר יואל האט מיט פערראכטונג בעטראכט די יסורים און די מניעות פון קערפער, ער האט איהם בעדויערט, ווי מען בעדויערט אן ארימאן, וואס ער איז גע־מאכט אויס אזא ניעדריגען און שלעכטען שטאף. און וואס ארימער און שוואכער דער קערפער איז געווארען, אלץ מעהר האט ער איהם פעראכטעט און אלץ מעהר איינזעהן האט ער געהאט, אז עס האט זיך טאקע ניט געלוינט זיך מיט איהם אבצוגעבען און פאר איהם צו לעבען — א חומר, וואס האלט אין פוילען און צופאלען און געהט אונטער — און דאס זאל זיין דאס לעבען? — און אלץ מעהר האט עס איהם צו דעם צווייטען, צו דעם אייביגען לעבען, געצויגען.

די מאמע האט געזעהן ווי ער פערגעהט, און האט געוויינט; ס'איז געווען א צער; און דער פאטער האט מוסר געזאגט: „דער חומר איז אויך א טהייל פון גאט, און איז ער ניט קיין תכלית פאר זיך. אבער א סיבה פאר דער נשמה איז ער — דורך איהם האלט זיך די נשמה אויף אויף דער ערד, און ווען דער קרוג ווערט צובראכען, גיסט זיך דער וויין אויס".

נאר קיין מוסר און קיין טרעהרען האבען ניט געהאלפען, און ער האט עס געבראכט, אז דער קערפער האט זיך אויסגעלערענט דיענען דער נשמה. ער האט זיך איינגעוואהנט צו ערהאלטען איהם מיט דעם וויייניגסטען, צו פערטראגען דאס קאלטסטע וואסער אין די ווינטער טעג, און די אויגען האבען זיך אויסגעלערנט צו קוקען אינוועניג, צו זעהן דעם תוך פון זאכען, און ניט דעם אויסערליכען לייב, און דאס מויל האט זיך אויסגעלערנט צו רעדען דברי תורה און הייליגקייטען. און אזוי איז ער ביסלעכווייז איבערגעגאנגען פון דער וועלט און איז אריינגעקומען אין זיך, אין דער צווייטער וועלט.

מענשען האבען איהם מבטל געמאכט פון זיינע געדאנקען. זיי האבען איהם מיט זייערע רייד ארבגעשלעפט אויף דער וועלט — האט ער זיי אויסגעמידען. ער איז פערפאלען געווארען אויף גאנצע

טעג אין וועלדער, הינטערן שטעדטעל, און א בעהעלטעניש האָט ער געהאַט ביי א טייבעל, וואָס איז געווען מיט ריטער בעוואַקסען. אויף וויאָרסטען ווייט האָט זיך קיין מענש ניט געפונען. איז ער אהין ארויס פאַרטאָג, בעפאָר די זון קומט אָן, און געבאָדען זיין לייב אין קאַלטען וואַסער מיט דעם זונען־אויפגאַנג. דאָרט האָט ער אָבגעריכט זיין דאַוונען און דאָרט האָט ער געקענט זיך אין גאַנצען אָבגעבען אין זיין מחשבה — צו דעם גרויסען תכלית, צו דער צווייטער וועלט. און קוים האָט ער געפּרואווט אריינקומען אין דער אנדערער וועלט, איז דער קערפּער אזוי לייכט געוואָרען, אז ער איז מיטגעגאַנגען, און אלע זיינע חושים — זיין געהער, זיינע אויגען, זיין מויל, און זיין געפיהל — האָבען נאָכגעפאָלגט דער נשמה. באַלד איז דער וואַלד אוים וואַלד געוואָרען. עס זיינען ניט געווען די טויטע בוימער, וואָס שטעהען שטום און וואַקסען נאָר מען זאָל זיי אויסהאַקען און פערברענען. יעדער בוים האָט געקראָגען א נשמה, און עס איז ענטפּלעקט געוואָרען דער תכלית פון איהם — וואָס ער וויל מיט זיין וואַקסען. דאָס רוישען פון די בלעטער איז ניט געווען מעהר קיין צופעליגעס שאַרכען פון ווינד. דאָס איז געוואָרען א געוויין איבער דעם אֶהן־תכלית פון דער וועלט, אויף וועלכער זיי געפינען זיך, א בענקעניש און א געבעט זיי אנצור־ עפּטען אן דעם נצוץ פון דער גרויסער וועלט.

און יואל שטעהט צווישען זיי, און איז זייער שליח־צבור און דאַ־ ווענט פאַר זיי און בעט ביים רבונו של עולם רחמנות, און זיי דאַוונען שטום מיט. און באַלד ווערט דאָס רוישען פון וואַלד א געזאַנג און א לויב. דאָס שאַלען די בוימער פאַר שמחה, זיי דערפיהלען דעם נצוץ פון דעם אייביגען תכלית, זיי פיהלען שטום דאָס גרויסע, אייביגע לעבען פון דער צווייטער וועלט. דאָס לויפען פון וואַסער האָט געקראָגען א טעם, עס איז מקיים שטום און עהרליך גאָט'ס א שליחות, אָהן קשיות, מיט די תמימות פון א דומם, און גאָט האָט דעריבער רחמנות און דער־ הויבט עס פון דומם און עס דערפיהלט דעם כח פון וואַנען עס קומט. און אלע בעשעפעניש פון וואַלד, פון דעם גרינגסטען ווערימעל ביז צו דער ברומענדער חיה, און אלע געוויקסען פון וואַלד, פון דעם מינדסטען גרעזעל ביז צום בוים, און אלע דומם'ס פון וואַלד, פון דעם גרינגסטען זאַמדעל ביז צום שטיין — דערפיהלען דעם כח פון וואַנען עס קומט דער געבאָט פון גאָט, זיין וואָרט און זיין רצון. זיי דערפיהלען דעם

שותפות פון מענש — מיט דעם זעלבען כח וואס ער. און זיי ווערען שטאַלץ און גרויס, בעוואוסט אז זיי זיינען גאָט'ס בעשעפענישען. די גאנצע וועלט דערפיהלט דעם נצוץ, דעם כח פון וואנען זי קומט. אין דער מיטען פון דער וועלט, אינוועניג אין איהר, ברענט דער גרויסער ווילען פון גאָט, און אַלעס אין דער ערד איז אָנגעהעפט אָן דעם ווילען און ווערט שטאַלץ און גרויס. די גרענעצען ווערען אויסגעמישט, עס עפענען זיך אויף די הימלען, עס דערהויבט זיך די ערד און ווערט אָנגעהעפט אָן די הימלען, און עס איז ניט מעהר דאָ קיין טויט, ניט מעהר קיין דערווייל, קיין הפסקה — ניט קיין צוויי וועלטען — איין וועלט, איין ווילען, פון ערשטען ביז צום לעצטען, — איין אחד!

ער איז דעמאלט געווארען זיעבצעהן יאהר. ווען ער האט דערהערט דעם געזאנג פון דער וועלט. דאָס געזאנג פון די חי און דומם, און ער האָט אָנגעהויבען צו פיהלען, אז די וועלט איז נישט בלויז חומר, און איז נישט בלויז א לבוש, און צייטליך. ער האָט געהערט דאָס געזאנג ביי־נאכט אויף זיין געלעגער. אין שטיבעל איז פינסטער געווען, נאָר די פינסטערניש האָט ניט געהאַט קיין גרענעץ, און האָט זיך ניט גע־פונען אין שטיבעל אליין. עס איז געווען א טראָפּען פון דעם גרויסען ים פינסטערניש, אין וועלכען אלעס איז צוגעדעקט. אין דער פינ־סטערניש האָט ער דערהערט דאָס בענקענדע געזאנג פון דער וועלט.

ער האָט אמאָל געקוקט אויף אַ זונען־אונטערגאנג, ווי די זילבערנע וואלקען שווימען אריין אין א פלאַמענדען הייל, האט ער דערהערט א געשריי — דאָס געשריי פון טאָג, ווען ער פערגעהט, און דערפיהלט אין דעם געשריי די לעבעדיגע נשמה פון דער וועלט, ווייל איהר לבוש איז ניט אזוי אייביג ווי זי. און ער האָט פערשטאַנען וואָס מען מיינט, ווען מען זאָגט, בשעת עס קומט די צייט, אז די נשמה זאָל זיך טהיילען פון קערפּער — וויינט זי, די בת השמים, זי געהט צוריק צו איהר פאָ־טער אין הימעל מיט געוויין, ווייל זי האט ליעב געקראַגען דעם לבוש, די כלי אין וועלכער זי איז געזעסען אויף דער וועלט...

האָט ער אמאָל אין דער לבנה אריינגעקוקט, ביי חודש לבנה, האָט ער געהערט ווי זי זינגט, אַ זילבערנער קלאַנג קלינגט אָב אין דער וועלט

פון איין חלול אין צווייטען, ווען די לבנה שיינט ביי־נאכט. דורך דעם ווערט דער מענש אזוי איידעל און אויסגעטהאן פון שלעכטס ווען ער קוקט איז די שטערען ביי־נאכט. און אפשר איז עס גאר אין גאנצען נשמות אהן לבישות, און דאס וואס מיר זעהען זיי, איז ניט מיט אונזערע אויגען, נור אונזערע נשמות זעהען זייערע נשמות... דאן האט ער דערהערט די שטימע פון יעדען חי. יעדעם גרעזעל האט זיין געזאנג, און אפילו די שטיינער פון דער וועלט האבען זייער קול און דאס געזאנג פון דער וועלט איז דאס קול פון יעדען חי צומח און דומם — די שירות ותשבחות צו גאט. און ער האט געוואלט אין דעם כאר אנטהייל נעהמען, ניט מיט קיין ווערטער, וואס זיינען תפילות. יעדער געדאנק קומט דאך פון גאט — גיב איך צוריק גאט פון דאס זייניגע. די ווערטער זיינען זיינע; די קולות זיינען מיינע. איז ער ארויסגעגאנגען אין וואלד און האט געשריען צוזאמען מיט די בוימער, מיט'ן רוישען פון וואסער, מיט'ן צוויטשערען פון בוים־פויגעל, מיט'ן שארען פון קריכענדען ווארעם אויף די פערטריקענטע בלעטער, — געשריען אין איינעם מיט'ן חלול, מיט'ן הימעל און מיט דער ערד.

דערנאך האט ער געלערנט, אז געזאנג און געשריי זיינען אויך נאך צופיעל געדאנק. — דער גרעסטער לויב פאר גאט איז שווייגען... און געלערענט האט ער דאס פון דער נאכט. פון אלע בעשעפענישען וועלכע גאט האט בעשאפען אויף דער וועלט האט ער זיך אם מעהרסטען ענטפלעקט אין דער נאכט. די נאכט איז אהן א קץ, און מען זעהט זי נישט, נאר מען פיהלט זי; און זי איז ניט פון דרויסען, ווי די זון, זי איז אינווענינג, אין דיר. ביי־נאכט קריגט יעדעם בעשעפעניש צוריק זיין ריכטיגע, אינערליכע געשטאלט, עס ווארפט אראב פון זיך דעם אויסערליכען גלאנץ, דאס ביסעלע גרינס פון בוים, און דאס ביסעלע גרינס פון דער ערד, און דעם קאליר פון וואסער, און די געשטאלט פון א מענש — עס ווערט וואס עס איז, מיט דער הוילער נשמה, און אלעס ווערט צוזאמענגעגאסען, בעהעפט אין איינעם. עס זיינען ניטא אין דער נאכט קיין הימעל און קיין ערד — א חלול און א ממשות; א געשטאלט פון א מענש, און א געשטאלט פון א חי; אלעס ווערט איינס, און דאס איינע שווייגט. עס גיסט זיך אוים פון איין עק ביז צום אנדערען, עס פילט אן דעם אין־סוף, און עס שווייגט. און

ער רעדט מיט זיין זיין — דאס העכסטע ווארט איז דאס גרעסטע געזאנג. און ווען ער איז אָנגעקומען צו דער מדרגה פון שווייגען, האָט ער דער־פיהלט דעם אין־סוף...

אמאָל, אויף א יאָהר־מארק, ווען יואל'ס מוטער איז געשטאַנען אין גאס ביי איהר שטעל און פערקויפט שניט־סחורה, איז אָנגעקומען א פויער פון א נאָהנטען דאָרף, וועמען זי האָט געקענט, און געזאָגט פאר מענשען:

— דיין זוהן, זשידאָווקע, איז א בעהאלטענער רבי, ער איז זעהר א הייליגער מענש.

די אידענע האָט זיך ניט געמאַכט דערפון וואָס דער פויער האָט געזאָגט. נאָר די מענשען, בעלי־מלאכות, קרעמער, וואָס זיינען געשטאַ־נען ארום דער קראָם און דאָס געהערט, האָבען זיך אויסגעפרעגט:

— פון וואנען ווייסט דו, אז ער איז א הייליגער?

— פון וואנען איך וויים? פרעג די פויגעלאך אין וואלד וועלען זיי דיר זאָגען. ער שטעהט גאנצע טעג אין וואלד און מאָליעט זיך צו גאָט, און אז ער דאווענט, קומט א פייערעל און שטעלט זיך פאר איהם — ווי א ליכטעל וואָלט געברענט.

דעם גוי'ס ווערטער זיינען באלד פערשפרייט געוואָרען אין שטעד־טעל. מען האָט אָנגעהויבען דערפון צו רעדען אין בית־המדרש, ביי די בעלי־מלאכות. די בית־המדרש בחורים האָבען דאָס געהערט — איז זיי די מעשה ניט געפעלען. מען האָט געוואוסט אז ער פיהרט זיך אויף מאדנע, פאסט תעניתים, רעדט נישט. דאס איז שוין ניט געפעלען פיעלע, נאָר זיי האָבען ניט געהאט קיין געניגענדען טעם אויף איהם אנצופאלען. דאס וואס דער גוי האט דערצעהלט וועגען גרויסען רבי'ן, וואָס מאָליעט זיך אין וואלד, הייסט עס, אז דער בחור רעדט זיך איין אז ער איז א רבי, א הייליגער, בעדארף האָבען נסתריות און יחידות. איז מען ארומגעגאנגען מיט'ן געדאנק פון איהם דאָס נארישקייט ארויס־צושלאָגען. די בית־המדרש בחורים האָבען זיך פאַרגעבריית איהם אריינצוגארען אין בית־המדרש און דאָרט איהם ארויפנעהמען אויף א טיש און מאכען די ריכטיגע „משקנתא".

די חסידים פון זייער שטיבעל, וואו יואל מיט'ן פאטער האבען געדאווענט, זיינען געווען אויפגעבראכט אויף איהם פאר דעם גאות־הלב און אויך געוואלט זיך מיט איהם אברעכענען. נאר א פאר ווייבער און גראבע יונגע אידען, בעלי־מלאכות, האבען יא געגלויבט, נישט גע־גלויבט: אפשר א ל'ו'ניק, א פערבארגענער, און עס האט זיך אנגעהויבען צו וועקען ביי זיי די פאלקס־פאנטאזיע, אין געהיים געהאפט. אבער זיי האבען דרך ארץ געהאט פאר דעם וואס אידען, חסידים, למדנים זא־גען.

דער פאטער איז אויך געוואהר געווארען דערפון און געהאט גרויס שברות הלב איבער דעם, וואס דער זוהן געהט ארום מיט אזעלכע גרוי־סע אויגען און וויל אזעלכע זאכען. און ער האט, ווי אלע אנדערע, געמיינט, אז די געדאנקען זיינען געקומען צו יואל'ן מפני גאות הלב און גרויסע אויגען, און ער האט געהאט עגמת נפש.

עס איז געווען א זומער פאר־נאכט, אין די טעג פאר תשעה באב. א טרויעריגקייט האט ארומגעהילט דאס שטעדטעל, גלייך ווי א מת וואלט געלעגען אין שטוב.

ר' אהרן מאיר, יואל'ס פאטער, וואס האט זיך איינגעשלאסען די גאנצע דריי וואכען פאר תשעה באב אין דער קאלטער שוהל א גאנצען טאג און אבגעזעסען שבעה, קלאגענדיג אויף חורבן בית המקדש, איז ערשט אהיים געקומען פון פאסטען און פייניגען זיך א גאנצען טאג. חיה לאה, די מאמע, האט ביים אויווען אבגעקאכט די קליסקעס אין מילך. דאס טישעל איז געווען האלב בעדעקט מיט א טישטוך — כאטש אין טרויער, דאך דעם טיש, וואס איז געגליכען צום מזבח, גיט צו פערשעהמען. יואל איז אהיים געקומען פון וואלד, וואו ער האט זיך בעהאלטען א גאנצען טאג. זיין דינער גוף איז געווען לייכט ווי אן אויסגעצויגענער צווייג פון א צוקער־וואוקס, און הויל ווי א שטאנג, אז עס איז געווען אן אימה אז ער זאל זיך נישט איבערברעכען. אויף דעם דארען, הויכען קערפער האט זיך געוואקעלט זיין גרויסע און שווערע קאפ, וואס האט געמאכט דעם איינדרוק ווי ער וואלט זיך גע־האלטען אויף דעם דינעם, קינדערשען האלז, ווי דורך א נס. א הויכער

ברייטער שטערן, און אַ שטאַרקער און אַ גלאַנצענדיגער. פֿון ביידע זייטען שלייפֿען האָט זיך אַרויסגעשניטען דער שאַרפֿערביין פֿון שטערן —ווי אַ שטיק שטאַהלענע בלעך, און אַ געוועב פֿון בלויע אַדערען האָט אָנגעפֿילט דעם הויל פֿון די שלייפֿען־ווינקלען. שטרענגע אויגען, גראָהע, וואָס האָבען געקוקט בייז, ניט פֿריינדליך, פֿון זיינע שיטערע, גרוי־בעוואַקסענע ברעמען; די נאָז איז ביי איהם געווען אַ הויקערדיגע, מיט אַ ביין אין מיטען, ווי זי וואָלט געווען דורכגעהאַקט, נאָר אַרום די ברייטע ליפּען, אין די קיהן־גריבלאַך, האָט זיך בעהאַלטען אַ קינדיש־ווייכער שמייכעל. ער איז געזעסען ביים טיש מיט'ן פֿאָטער, אַ פֿערכמאַרעטער, אַ פֿערטראַכטער און אַ שוויינענדיגער. דער פֿאָטער האָט שוין אייניגע מאָל געברומט אונטער דער נאָז, אַ וואָרט אין דער וועלט אַריין:

— בעל־חשק, דאָס קומט פֿון איינריידעניש... מיט דעם זעלבען כח וואָס דער בעל־עבירה... דעם יצר־הרע'ס אַ מעשה, — רחמנא לבא בעה און וויימער גאָר ניט.

יואל האָט געשוויגען אויף דעם פֿאָטער'ס פֿאַרוואורף. אויף זיינע ליפּען האָט זיך נאָר געוויזען אַ ביטערער שמייכעל און די אויגען זיינען איהם גרויס געווען.

די מאַמע איז געזעסען אין אַ ווינקעל, געהאַלטען דאָס טעלערעל אין האַנד און געקוקט אויפ'ן מאַן מיט'ן זוהן. זי האָט אויך אין גאַס געהערט דערצעהלען אויפ'ן זוהן. אינוועניג, אין הארצען, האָט עס איהר געפֿרעהט, אַ פֿערבאָרגענע האָפֿנונג און ליעבע האָבען אָנגעהויבען צו וועקען איהר פֿאַנטאַזיע. דאָך האָט זי געשוויגען און מורא געהאַט מיט אַ וואָרט זיך אַריינמישען אין די גרויסע, פֿערבאַרגענע זאַכען וואָס קומען פֿאַר צווישען איהר מאַן און קינד.

— הייסט עס, אַז כבוד איז ביי דיר אויך שוין גאָר ניט, אַז דו שווייגסט. — און אפשר ביזטו שוין מבטל די עשות פֿון דער תורה — אַ קשיא אויף נסתרות?

— טאַטע, — האָט זיך יואל אָבגערופֿען מיט גרויס שרעק איבער דעם וואָרט וואָס דער פֿאָטער האָט געזאָגט — איך לערן ניט קיין קבלה.

— אם כן, וואָס דען איז עס? וואָס איז ווידער דער וואלד? וואָס איז דאָס נסתרות? דאוונען און לערנען קען מען דאך אין בית־המדרש אויך?

יואל האָט געשוויגען. ער האָט ניט געקענט דעם פאָטער דערצעהלען, וואָס ער דענקט אין וואלד און פאַר וואָס ער געהט צווישען חי און דומם ארום — זיי אויפצוהויבען, כדי צו פערשטעהן דעם כח פון וואנען זיי ווערען, אז אזוי ארום זאָלען זיי זיך פיהלען אנגעבונדען אין נצחיות. ערשטענס איז עס געווען זיין סוד, וואָס ער האָט פאַר קיינעם ניט געקענט דערצעהלען. און וויפיעל ער האָט ניט געוואלט איצט מקים זיין די מצוה פון כבוד אָב און שטעהן פאַר'ן טאַטען ווי אן עבד מפני רבו — (ווייל ער האָט זיך ווירקליך געשראָקען פאַר מצוות כבוד אָב ואם), האָט ער דאך דעם פאָטער ניט געקענט דערצעהלען פון גאר ניט. יואל האָט געקענט דעם פאָטער און געוואוסט זיין דרך. עס איז געווען דער דרך פון א סוחר, וואָס בעטראכט די וועלט פאַר א יאָהר־מארק, אויף וועלכען מען איז אראָבגעקומען איינהאנדלען זיך מצוות און מעשים טובים פאַר דער צווייטער וועלט... און אויף דעם דרך האָט ער איהם אויך געפיהרט, ווען ער איז געווען א אינגעל. לערן א סך, דאווען א סך — קויף איין א סך, און דאָרט וועט מען דיר דערפאַר בעצאָהלען. ער האָט שוין געוואוסט, אז די מדרגה על מנת לקבל פרס, איז די מדרגה פון קנעכט. ער איז אבער שוין צוגעקומען צו דער מדרגה פון בן — פון יורש. ער איז דא אויף דער וועלט, די יצירה, וואָס פיהרט אין זיך אָם מעהרסטען דעם ניצוץ פון גאָט, פון אחד און פון אייביג — און זיין אויפגאבע איז דא ניט צו האנדלען, נור צו טהאָן אויף דער וועלט, אין א קליינער מאָס, דאָס וואָס דער בכביכול טהוט אויף יענער וועלט — בעוואוסטזיניג צו מאכען דעם כח פון יעדען, זיי זאָלען פיהלען אין זיך דעם ניצוץ פון גאָט'ס ווילען, כדי זיי אָנצובינדען אין נצחיות — איז ווי אזוי קען ער דאָס זאָגען דעם פאָטער, פערשעהמען איהם, חלילה?

אין שטיבעל איז געווען שטיל. דאָס לעמפעל האָט געברענט. פאָטער און זוהן זיינען געזעסען ביים טיש שווייגענדע, דאָס עסען אויפ'ן טיש נישט אָנגעריהרט, און די מאמע אין ווינקעל, אויפ'ן קעסטעל, מיט'ן טעלערעל אין האנד, און האָט מורא זיך ארייצומי־

שען אין דעם גרויסען געשפרעך. און די שאטענס פון אלע דריי ציהען זיך אויס איבער דער וואנד, קריכען אויפ'ן באלקען, און שפיעלען נאך דארטען דאס שטילע שוויגען, וואס די לעבעדיגע ביים טיש.

צו מארגענס אין דער פריה, ווען יואל איז אריינגעקומען אין בית־המדרש מיט'ן תפילין־זעקעל און געוואלט צוגעהן צו די ספרים־שאנק ארויסנעהמען א ספר צו לערנען, האט ער דעם ערשטען פאטש געקראגען פון לייבעל בער, דעם מקוה איד, דעם גבאי פון בית־המדרש. ביי לייבעל בערן האבען זיך אנגעצונדען די אויגען מיט קנאה'שען פייער, און דאס שווארצע, שפיציגע בערדעל האט זיך ביי איהם אויפגעשטעלט:

— שיגץ, ארויס פון דאנען.

יואל האט איהם אנגעקוקט מיט די גרויסע, גרויע אויגען, מיט זיין גלייכגילטיגען, אהן אויסדרוק בליק, און די ליפען האבען געשמייכעלט, געשוויגען. ער האט געוואלט ווידער צוגעהן צו די ספרים־שאנק, נאר הענד האבען איהם געכאפט פון הינטען און געטראגען איהם מיט אימפעט צו א טיש.

— מאכט פלאץ, מאכט א ווארע, דער נסתר געהט, דער קדוש וטהר.

— וואו וועט ער אבריכטען טיש? — האבען אנדערע געפרעגט.

— אט א דא! אט א דא!

עס זיינען געווען בחורים מיט בלאסע פנים'ער ווי יואל, דאו"ע און אויסגעהונגערטע, מיט גליהענדע אויגען, מיט ארויסשטארענדע קראקס פון די העלזער, טהייל מיט פאות, טהייל אהן פאות: אלע האבען זיך צונויפגעפלאכטען אין איינעם און יואל איז געווען אריינגעקנאטען אין זיי. זיי האבען איהם ארויפגעלעגט אויף א טיש, פערדרעהט איהם אויף דער צווייטער זייט, און זיין ארימער, דינער קערפער איז איבערגעגעבען געווארען אין זייערע הענד.

— שטעהט, ווארט, אט אזוי פראוועט מען טיש ביים נסתר — האט אויסגערופען דער זעלבער לייבעל, וואס איז געווען אליין א לאנגע צייט א בית־המדרש בחור, און כאטש שוין חתונה געהאט,

חבר'ט ער זיך אלץ מיט די בחורים. ער האט איהם דערלאנגט דעם ערשטען פאטש און די בחורים נאך איהם.

אז זיי האבען איהם אבגעלאזט איז יואל געבליבען ליגען נאך א לאנגע צייט אויפ'ן טיש, דאן האט איהם ווער געהאלפען אויפשטעהן. זיין פנים האט זיך גאר ניט געהאט געענדערט. דערזעלבער גלייכ־גילטיגער בליק פון די גראהע אויגען, דאסזעלבע גאר ניט זאגענדע, פאר זיך אליין שמייכעלע אויף די געשפאלטענע גראבע ליפען. ער האט זיך ניט געשעהמט, עס איז געווען ווי ער וואלט געזאגט: איך וועל דוקא אזוי טהאן, און אלע האבען עס געזעהן.

א לענגערע צייט איז ער געזעסען אויף דער באנק. ארום איהם — א גרופע בחורים. זיי האבען איהם שוין ניט געשלאגען. אין א טהייל בליקען אין געלעגען רחמנות. נאר יואל האט קיינעם ניט געזעהן — ניט די בחורים ארום און ניט זייערע בליקען. זיינע אויגען האבען ערגעץ וואו ווייט, ווייט געקוקט...

דערווייל האט זיך דערהערט אין געסעל, אז די בחורים שלאגען דעם „הייליגען" אין בית־המדרש. די קצבים, וועלכע זיינען געווען אין מארק, ביי די יאטקעס, זיינען אויפגעקאכט געווארען.

— פאר וואס האבען זיי איהם צו שלאגען? איז ער ניט קיין הייליגער — קומט איהם צו שלאגען? — האט זיך אנגערופען איינער פון זיי.

— נאר איינער, עס קרענקט זיי, פאר וואס זיי זיינען ניט קיין הייליגע — שלאגען זיי איהם.

— בעריל, דו געהסט מיט ארונטער? זיי וועלען איהם דערפייניגען — האט געזאגט קומענדיג צו לויפען אהרן היטעל־מאכער, וועלכער איז שטענדיג געווען גרייט צו גלויבען אין אז אנדערען. און פון יואל'ן האט ער שוין לאנג געהערט און לאנג איהם געהאלטען פאר א הייליגען.

אין בית־המדרש זיינען אריינגעקומען א צוויי יונגע קצבים, מיט אהרן היטעל־מאכער. עס האט זיך מיט זיי מיטגעשלעפט נאך פישער, א איד, וואס גלויבט זעהר אין כשוף. ארומקוקענדיג זיך און דערזעהענדיג יואל'ן זיצען אויף דער באנק, אז אבגעריסענעם, אז אויסגעקנייטשטען, מיט רוהיגע, קלאהרע אויגען, וואס האבען געקוקט פאר זיך, זיינען די אריינקומענדע אויפגעציטערט געווארען פאר כעס:

— ווער האָט איהם געשלאָגען, ווער? — האָט זיך צושריען חיים קצב — איך וועל אייך די קעפּ שפּאַלטען, פּרעסערס!

— זיי זיינען בייז אויף איהם, וואָס ער קען יאָ און זיי ניט, שלאָגען זיי איהם, איך וועל אייך דאָ ווייזען שלאָגען.—

די בחורים האָבען געציטערט פאַר מורא. די הויפּט שלעגערס, מיט לייבעל בער'ן, האָבען זיך איינציגווייז ארויסגערוקט און אנטלאָפען.

— רב יואל, ווער האָט אייך געשלאָגען? עס טהוט אייך וועה? אפשר אַ גלאָז וואסער?

— גיב איהם אַ גלאָז וואסער, זעהסט דאָך, וואָס די עכברושים, גנבים, האָבען געמאַכט אוים איהם — רופט זיך אָן דער היטעל־מאַכער.

יואל האָט זיך ניט אבגערופען, ניט געענטפערט, געקוקט אויף דעם היטעל־מאַכער מיט זיינע גליהענדע אויגען ווי אויף די בחורים וואָס האָבען איהם געשלאָגען. און ווען דער היטעל־מאַכער האָט איהם אָנגענומען ביי דער האַנד, אזוי ווייך און מיט ליעבע ווי ער האָט נאָר געקענט, האָט ער איהם אוועקגעמאַכט די האַנד און ווייטער געשוויגען.

— איך וועל זיי דאָ דעם טויט מאַכען, די גנבים. ווער האָט עס געטהאָן? ווער? — האָט דער היטעל־מאַכער פּלוצלינג זיך צוהיצט און אָנגעהויבען צו פּאַטשען אָן אונשולדיגען בחור, וואָס איז געשטאַנען דערביי. — ער איז אַ הייליגער, אַ רבי; די גוים, להבדיל, האָבען איהם אפילו דערקענט אז ער איז אַ הייליגער — האָט דער היטעל־מאַכער אויסגערופען, קוקענדיג מיט שרעק אויף יואל'ס גלעזערנע אויגען.

און ווי דער היטעל־מאַכער האָט ארויסגעזאָגט די ווערטער, אזוי האָט ער מיט זיי אָן אימה ערוועקט ביי די אַנדערע מענשען. די קצבים יונגען האָבען זיך געשראָקען נעהנטער צוצוגעהן צו איהם און בעטראַכט איהם פון דערווייטענס. עס האָט זיך געדאַכט, אז זיי דערזעהען אין איהם עפּעס אונגעוועהנליכעס, אז אויף זיין פּנים רוהט אַ הייליגער גלאַנץ, וואָס מען טאָר עס ניט זעהן, און באַלד וועט זיך זיין מויל עפענען און זיי וועלען דערהערען פון איהם עפּעס אזעלכעס, וואָס זיי ווייסען אליין ניט.

נאָר יואל האָט זיך פּלוצלונג אויפגעהויבען פון זיין אָרט, איז צוגעגאַנגען וואַקלענדיג זיך צום כיור, אָבגעוואַשען זיך די הענד און איז

אריין אין א ווינקעל, פערשטעלט דאָס פּנים אין דער וואנד, אנגעטהאָן זיך די תפילין און געשטאנען און געדאוונט.

לאנג און שטיל האָט געדויערט זיין דאוונען. מען האָט גאָר ניט אנגעזעהן, נאָר אויף די קצבים יונגען און אויף דעם היטעל־מאכער, און אפילו אויף די אנדערע בעלי־הבתים וואָס האבען זיך געפונען אין בית־המדרש, אבער וועלכע האבען ביז איצט גאָר ניט בעמערקט יואל'ן און ניט אינטערעסירט זיך מיט דעם וואָס עס איז פאָרגעקומען — אויף זיי האָט זיין דאוונען געמאכט א שטארקען און ריהרענדען איינ־דרוק. וואס לענגער עס האט געדויערט און וואס שטילער עס איז געווען און וואס וויניגער זיי האבען געזעהן זיין פּנים — אלץ מעהר זיינען זיי געריהרט געוואָרען. זיי האָבען נאָר געזעהן, ווי ער האָט איינגעגראבען זיין פּנים אין די הענד און איז געשטאנען אונבעוועגליך א לאנגע, לאנגע צייט., אזוי ווי ער וואָלט געשלאָפען שטעהענדיגער־הייט. פון צייט צו צייט האט זיין דינער קערפּער געגעבען א צוק. זיך א ריהר געטהאָן און זיין גרויסע קאפּ האט זיך א שאקעל געטהאָן. און עס האָט זיך געוויזען זיין פּנים — ווי מיט א מאסקע איבערגע־צויגען, בלייך ווי דער טויט, און דאָך לעבעדיג און ציטערנדיג; די אויגען פעסט פערשלאָסען און דאָס מויל מיט די ליפּען קראמפּהאפט פערביסען. דאָס האָט נאָר געדויערט א מינוט. באלד האָט ער ווידער צוריקגעוואָרפען דאָס פּנים צו דער וואנט און זיין גאנצער גוף איז ווי איינגעשלאָפען.

די אידען, וועלכע האבען שוין אין יואל'ס בעווענונגען ענטפּלעקט אויסערגעוועהנליכעס, זיינען דערציטערט געוואָרען פון זיין דאוונען. א סך פון זיי האָבען זיך דערמאָנט אן מעשיות פון הייליגע צדיקים, ל"ו'ניקעס.

— האָסט געזעהן? האָסט געזעהן? — האָט דער היטעל־מאכער אין דער שטיל, מיט אימה געזאָגט צו די ארומשטעהענדע.

— זעה ווי ער צוקט, זעה, דאָס רעדט ער מיט די מלאכים.

— נאָר איינער, איז ער דען יעצט דא? ער איז יעצט ניטא. ער איז ערגעץ אנדערש וואו, איך ווייס ניט וואו ער איז, ער איז יעצט נישטא, — האָט זיך אָנגערופען א קליין אידעל, א שוסטער'ל, וועלכען קיינער האט ניט ביז איצט בעמערקט און קיינער האט נישט געוואוסט

אז דאָס קליינער דאַרף־געהער שוסטער'ל, וואָס זאָגט תהלים אַ גאַנצען שבת, זאָל וויסען פון אזעלכע זאכען און זיך אריינמישען.

די פראָסטע ווערטער „ער איז יעצט נישטאָ", האָבען אַלעמען דער־ציטערט. מען האָט דערזעהן אין זיין אונבעוועגליכען שטעהן און צוקען מיט'ן קערפער וואונדערליכע זאכען.

נאר פּלוצלינג האט זיך יואל'ס קערפער אנגעהויבען צו וואקלען ווי שכור. די פיס האָבען זיך אָנגעהויבען טרייסלען און ער האָט זיך איינגעבויגען, ווי אַ ווינד לייגט אוועק אַן אליין־שטעהענדע בוים: צו ערשט אויף איין זייט, דערנאָך האָט ער זיך געגעבען אַ וואקעל אויף דער צווייטער זייט און ער איז אומגעפאלען. די אויגען און די ליפען זיינען געווען פערשלאָסען און פערהאקט ווי פריהער. נאר דאס פנים איז געווען פינסטער און אַ רויטער בלוט־פלעק, וואָס איז איהם אי־בערגעבליבען אַ ניט־אבגעוואשענער אונטער אַן אויער פון שלאָגען, האָט יעצט, ביים פאלען, זיך צובלוטיגט, און דאָס רויטע בלוט אויף דעם שווארצען, אויסגעמאַטערטען פנים, האָט ארויסגערופען אַ ציי־טערניש ביי די ארומשטעהענדע. מען איז צוגעלאָפען צו איהם, אויפגעהויבען, און דער היטעל־מאַכער האָט אָנגעהויבען שרייען:

— וואסער, וואסער, דערלאנג וואסער!

מען האט דערלאנגט וואסער. יואל האט ניט געוואלט עפענען די ליפען. אַ קליינער ווייסער שוים האָט געשלאָגען פון מויל און גע־בלעזעלט זיך צווישען די ציינער. דער היטעל־מאַכער האָט איהם אויפ־געריסען דאָס מויל, אריינגעגאָסען וואסער. יואל האָט אַ צוק געטהאָן מיט'ן קערפער און אַ שוידער האָט אויפגעציטערט די מוסקלען פון זיין פנים. ער האָט אויפגעעפענט די אויגען און פרעמד זיך ארומגע־קוקט, ווי ער וואָלט ניט געוואוסט אויף וואָס פאר אַ וועלט ער געפינט זיך, און איינקאָרטשענדיג זיך ווי אַ וואָרעם, איז ער ווידער געלעגען, הויך און שווער אָבגעהעשעט, פערשליסענדיג די אויגען.

— זיי האָבען איהם פערמוטשעט — האָט דער היטעל־מאַכער גע־זאָגט.

— געה שויז, געה, דו מיינסט, אז דאָס איז פון שלאָגען. פון דאוונען, נאר — האָט געזאָגט אַ צווייטער.

— וואָס פון דאוונען! ער קומט יעצט פון ערגעץ אנדערש וואו. ער איז ערגעץ וואו געווען און יעצט קומט ער צוריק. איך ווייס ניט,

וואו ער איז געוועז — זאָגט ווידער דער קליינער שוסטער'ל מיט זיין געהיימניספולען טאָן און מינע.

אז יואל איז געקומען צו זיך, האָט ער זיך אויפגעהויבען און וואקלענדיג זיך אויף די פיס, האָט ער אָנגעהויבען ארויסצוגעהן.

דער היטעל־מאכער פון איין זייט און דער קליינער שוסטער'ל פון דער צווייטער, האָבען איהם אָנגענומען ביי די הענד און געפיהרט איבער'ן געסעל. יואל האָט זיך געלאָזט.

— האָסט געזעהן? האָסט געזעהן? ער איז דאָך מיט די תפילין אויפ'ן קאָפּ ארויסגעגאנגען.?

— די תפילין אויפ'ן קאָפּ — יא, נא, זעה, אָט געהט ער דאָך מיט די תפילין אויפ'ן קאָפּ!

— און וואו האָט ער געהאט די תפילין, ווען ער איז געפאלען?

— זיי זיינען איהם פון קאָפּ ניט אראָבגעפאלען.

— דו הערסט, די תפילין זיינען איהם פון קאָפּ ניט ארונטערגעפאלען.

און דאס וואס די תפילין זיינען פון זיין קאָפּ ניט ארונטערגעפאלען ווען ער איז געפאלען, איז געווען דאס וואונדער, וואס האט מיט איין מאָל אלעמענס הערצער געוואונען פאר דעם בעהאלטענעם הייליגען.

די בעלי־מלאכות האָבען איהם מיט די תפילין אויפ'ן קאָפּ אין שטיבעל אריינגעפיהרט. אין א ווינקעל איז די מאמע געזעסען, ווי אן עלובה, מיט אויסגעוויינטע אויגען. זי האָט שוין אין גאס געהערט פון איהר זוהן'ס שאנד.

יואל האָט גאָר ניט גערעדט, האָט זיך אוועקגעזעצט אין א ווינקעל, שטום, מיט גלאנצענדע, פערטראכטע אויגען. די מאמע האט וויינענדיג פאר איהם אנידערגעשטעלט אויפ'ן טישעל א טעצעל קאווע מיט א זעמעל. דאָס זעמעל האָט ער ניט געגעסען און די קאווע האָט ער געטרונקען.

אלעס וואס יואל האָט יעצט געטהאָן איז שוין בעטראכט און בעמערקט געוואָרען פון מענשען, וואס האָבען געקוקט דורך די פענסטער, דורך א שפארע אין דער טהיר. און יעדע זאך איז געוואָרען אויסגע־

טייטשט פאר א נס. און דאס וואס די תפילין זיינען איהם פון קאפ ניט אראבגעפאלען, האט זיך מיט דער שנעלקייט פון א בליץ פער־שפרייט איבער'ן שטעדטעל און האט געוואונען הערצער פאר איהם.

נאר נאך דעמזעלבען אבענד איז יואל ערגעץ וואו פערשוואונדען...

יואל איז אוועק פון דער היים, ביי נאכט איז ער געגאנגען אויפ'ן וועג צום נאהנטסטען דארף. ער איז מיעד געווארען און אוועקגעזעצט זיך אויף א שטיין. האבען שקצים'לאך דערזעהן ווי א איד זיצט אויף א שטיין פערטראכט, האבען זיי אין איהם געווארפען שטיינדלאך און גערופען איהם: „זשיד, זשיד!"

יואל האט זיי בעטראכט מיט די זעלבע בליקען וואס נעכטען די בחורים. ער האט אבגעקעהרט פון וועג און איז ווידער אריין צווישען פעלדער און סערער, אין א וואלד אריין, ווידער אויפגעזוכט א וואסער, און פאר מיעדקייט און הונגער איז ער אנידערגעפאלען און איז איינ־געשלאפען. ער איז געלעגען א פאר שטונדען אונטער דער זון און האט גאר ניט געפיהלט. אז ער האט זיך אויפגעכאפט האט ער דער־פיהלט א שוואכקייט און א פערלאנג נאך עסען. דער הונגער, וועלכער האט שוין אנגעהאלטען פון נעכטען אן, האט איהם געפייניגט. ער האט זיך געפרואווט פערגעסען דעם הונגער מיט זיינע געוועהנליכע מיטלען וואס ער האט זיך מכוון געווען צו גערענקען עס בלויז אין דער נשמה, ניט אין קערפער, נור פון הונגער זיינען זיינע געדאנקען אבגע־שוואכט געווארען און ער האט קיין כח ניט געהאט זיך צוזאמענצור־נעהמען. האט ער אנגעהויבען צו וויינען און צו בעטען גאט: „טאטע. טאטע, בעפריי מיך פון די מענשליכע הצטרכות".

ער האט אזוי לאנג, הילפלאז, קינדיש און שוואך געוויינט, ביז ער איז ווידער אומגעפאלען און פערזונקען געווארען אין א חלום. עס האט זיך איהם געדאכט, אז אימיצער גלעט איהם איבער'ן קאפ, און ער ווערט פון עפעס פריי, א שווערע לאסט פאלט פון די פלייצעס אראב און ער ווערט לייכט, די הענד און פיס זיינען גרינג, זיי הויבען זיך, הויבען זיך, און מיט אמאל האט ער זיך געפונען אין דער לופטען, צווישען הימעל און ערד, און באלד האט ער זיך געבאדען אין זיל־

בערנע וואלקען — פון איין זילבערנעם וואלקען ארויס, אין צווייטען אריין. און ווען ער איז געווען אין די זילבערנע וואָלקענס האָט ער געהערט מוזיק שפּיעלען און אַ שטיל, שטיל געזאַנג, און דאָס געזאַנג האָט איהם געזעטיגט; דאָס געזאַנג האָט אָנגעפּילט זיינע ביינער מיט אַ זעטיגקייט, און באלד איז ער אליין געוואָרען אַ געזאַנג... ניין, אַ זילבערנער וואָלקען און אַ געזאַנג, און ער וויקעלט זיך און וויקעלט זיך מיט די אנדערע וואלקענס, דא דערהויבט ער זיך מיט זיי, און דא רייסט ער זיך אב פון זיי און שווימט און זינקט אין ווייטען, ווייטען, אין קץ אריין...

אזוי איז ער געלעגען אַ גאַנצע צייט און געהאַלטען אַלץ אין איין שווימען, אין איין זינגען, ביז מענשען האָבען איהם אויפגעוועקט. ער האָט געזעהן פאַר זיך פּויערים אין העמדער, מיט העק אין די הענד. ער האָט געקוקט אויף די פּויערים און האָט זיי ניט דערקענט. ער האָט געדענקט, אז ערגעץ האָט ער געזעהן אַזעלכע ברואים, אָבער ער האָט ניט געוואוסט וואו ער האָט זיי געזעהן און ווי מען רופט זיי. זיי האָ־בען גערעדט צו איהם, ער האָט זיי פערשטאַנען און געוואָלט ענטפע־רען, האָט אָבער ניט געקאָנט, ער האָט פערגעסען די מענשליכע שפּראַך. זיי האבען איהם גענומען אונטער'ן ארעם און געפיהרט איהם, און איהם האָט זיך נאָך אַלץ געדאכט, אז ער פליהט און זינגט אין די וואָלקענס. זיי האָבען איהם אריינגעבראכט צום אידישען קרעטשמער. ער האָט דערפיהלט זויער־מילך, דעם ריח פון עפּעל און האָט דערקענט אידען. דארט האָט מען איהם אָנגעטרונקען מיט מילך, געגעבען איהם ברויט צו עסען. די אויגען זיינען איהם ליכטיגער געוואָרען, ער האָט דער־זעהן אויף וואָסער וועלט ער געפינט זיך — און אַ בענקעניש האָט איהם ארומגענומען.

דערווייל האט זיך די שטאָדט אויפגעכאַפּט מיט דער נייעס, אז דער פערבאָרגענער צדיק איז פערשוואונדען. אין בית־המדרש, צום דאוונען איז געווען אַ געקאָך, אַ גערודער און אַ געשריי, ווי אין אַ אויפגערעגטען ביהן־שטאָק. מיט אַמאָל האָבען אַלע דערזעהן אין יואל'ס טהאָן, ריידען און דרכים — עפּעס אויסערגעוועהנליכעס. שוין אָבגע־

רעדט פון דעם וואונדער ביי זיין נעכטיגען דאווענען, וואס די תפילין זיינען ביי איהם פון קאפ ניט אראבגעפאלען, בשעת ער איז געפאלען, און ער איז מיט זיי אהיים געגאנגען איבער דער גאס, האבען זיך מענשען אנגעהויבען דערמאנען זאכען, וואס זיי האבען שוין פון לאנג בעמערקט אין איהם און קיינעם ביז איצט ניט געוואלט דערצעהלען. אפילו זיינע חברים, די בית־המדרש בחורים, וואס האבען איהם ערשט נעכטען געשלאגען, האבען זיך דערמאנט פון איהם א סך זאכען. איינער האט דערצעהלט, אז ווען ער איז אמאל אין מיטען דער נאכט ארייןגעקומען אין בית־המדרש אריין, האט ער געזעהן ווי יואל זיצט ביי א גמרא און נעבען איהם זיצט אן אלטער פרעמדער מאן, מיט א לאנגער, ווייסער בארד, און לערנט עפעס מיט יואל'ן און גיט איהם עפעס צו פערשטעהן. אבער ווי נור ער איז צוגעקומען נעהנטער צום טיש, וואו יואל מיט'ן אלטען פרעמדען זיינען געזעסען, איז דער פרעמדער פערשוואונדען געווארען און געבליבען איז נאר יואל אליין.

אנדערע בחורים האבען דערצעהלט, אז זיי האבען געטראפען יואל'ן מיט דעם אלטען פרעמדען שפאצירענדיג אין די פאר־נאכטען צום בית־עולם צו. דער פרעמדער אלטער האט קיין אנדערער ניט געזאלט זיין ווי אליהו הנביא, אדער דער רא"י הקדוש, וואס איז אראבגעקומען צו לערנען מיט יואל'ן די סתרי תורה. אנדערע האבען ווידער דערצעהלט ווי יואל איז געשטאנען און געדאווענט און פלוצלונג האט זיך דאס ליכט פאר'ן עמוד, וואו יואל איז געשטאנען, אליין אנגעצונדען.

נאכ'ן אנבייסען האט זיך דער היטעל־מאכער און דער קליינער שוסטער ארויפגעכאפט אויף א קצב'ישע פוהר און זיינען ארויסגעפאהרען אין וואלד זוכען דעם צדיק. זיי זיינען פערפאהרען צו דעם גוי, וואס האט יואל'ן געטראפען אין וואלד דאווענען, און זיינען פלוצלונג געוואהר געווארען, אז ווען יואל האט געדאווענט אין וואלד, האט א ליכט געברענט פאר איהם און פייערדיגע שטראהלען האבען בעלויכטען זיין קאפ. אויף דעם ארט וואו ער איז געשטאנען איז פלוצלונג, איבער נאכט, אויסגעוואקסען א הויכער, געזונטער יונגער דעמב, אויף וועלכען דער פויער האט זיי אנגעוויזען אין וואלד.

— הונדערט יאהר האט עס געדארפט נעהמען אזא דעמב זאל אויסוואקסען — און דא איז ביז יעצט קיין דעמב ניט געווען. איך קען דעם וואלד ווי מיין האנד — דערצעהלט דער גוי.

דער היטעל־מאַכער האָט אין שטאָדט איבערדערצעהלט דאָס וואונ־דער און דאָס, וואָס די גוים גלויבען אין איהם, האָט נאָך מעהר פערשטאַרקט אין זייערע אויגען יואל׳ס הייליגקייט. נאָר איהם אליין האט מען אין ערגעץ ניט געקאָנט געפינען. די מאַמע האט געוויינט — פאַר צער, אָדער פאַר נחת? — און איז ארומגעלאָפען מיט׳ן היטעל־מאַכער און מיט׳ן שוסטער זוכען יואל׳ן. דער פאָטער איז געזעסען אין דער קאַלטער חברה־תהילים שטיבעל אויף דער ערד און אבגעריכט חצות יעדען טאָג — נאָר דער צדיק איז אַלץ ניטאָ.

דערוויילעל איז יואל געזעסען אין דאָרף ביים איד, דעם קרעטשמער, אַ צעהן־צוועלף ווייאַרסט פון שטעדטעל. דער ישובניק האָט צו איהם אזוי געזאָגט: „הער נור, בחור, וועסטו לערנען מיט מיינע קינדער,— וועל איך דיר געבען עסען און טרינקען; וועסטו ניט לערנען מיט מיינע קינדער — טאָ נעהם דאָס פעקעל, און היידאַ!

יואל איז איבערגעבליבען אין דאָרף ביים קרעטשמער. די קינ־דער זיינען געווען קליינע, אונוויסענדע, און ער האָט געארבייט אריינ־צוברענגען אין זיי דעם אלף־בית. זיינע תפלות האָט ער אָבגעריכט אין וואלד. קיין ספרים האט ער ניט געהאט, אבער ער האט יעצט ניט געדאַרפט קיין ספרים. ער איז יעדען טאָג ארויס אין וואלד, אויסגע־זוכט דאָס פערבאָרגענסטע אָרט און אוועקגעשטעלט זיך מכוון צו זיין צו בעהעפטען די וועלט מיט די נצחיות.

אזוי האָט ער פערבראכט גאנצע טעג.

איינמאָל, אין אַ שעהנעם נאָכמיטאָג, זיינען פערפאָהרען צום קרעטשמער עטליכע פוהרען מיט אידען פון שטאָדט. צווישען זיי איז אויך געווען דער היטעל־מאַכער, דער קליינער שוסטער, קצבים יונגען, גלאַט אזוי בעלי־בתים און אויך אַ נגיד פון שטאָדט, אַ ווייץ־סוחר. די אידען האבען זיך געפערעגט אויף׳ן בחור, דעם מלמד פון די קינדער. דער קרעטשמער האָט זיך דערשראָקען, האָט זיי אָנגעוויזען אויף׳ן וואלד, וואו ער פערברענגט גאנצע טעג. די אידען האָבען זיך ביים קרעטשמער נאָכגעפרעגט אויף׳ן בחור, צי האָט ער ניט בעמערקט אין איהם עפּעס אויסערגעוועהנליכעס, און האָבען איהם דערצעהלט וואָס פאַר אַ פערבאָרגענער צדיק דער בחור איז.

ווען דער קרעטשמער האָט דערהערט אז דער בחור איז אַ פער־באָרגענער צדיק, איז ער נאָך מעהר דערשראָקען געוואָרען און פּלוצלונג

אויך אַנגעהויבען דערצעהלען פון בחור גבורות ונפלאות. אלע צו־זאמען זיינען זיי אריין אין וואלד, איהם אויפגעזוכט, און געבליבען שטעהן פון דערוויטענס. זיי האָבען איהם געטראָפען אין דעם זעלבען עקסטאז ווי אין בית־המדרש, נאָר דאָ, אין פרייען וואלד, צווישען די בוימער, אין דער איינזאמקייט, האט זיין דאוונען, זיין ווארפען זיך און זיין עקסטאז געמאכט אויף זיי נאך א פיעל שטארקערע איינדרוק. זיי האָבען אָבגעוואַרט ביז ער איז ווידער אומגעפאלען, זיינען זיי צוגעקומען און איהם אויפגעהויבען.

אז ער האָט געעפענט די אויגען און דערזעהן ארום זיך די עדה אידען, איז ער דערשראָקען געוואָרען און געוואָלט אוועקגעהן.

— רבי, מיר זיינען געקומען צו אייך איהר זאָלט אונזער רבי זיין. מיר ווייסען, אז איהר זייט א פערבאָרגענער צדיק.

יואל האָט שטום געקוקט מיט זיינע אויגען, האָט ניט געענטפערט און געוואָלט געהן ווייטער.

— רבי, קומט מיט אונז אין שטאָדט אריין, מיר וועלען אייך מאכען א שעהן הויז און איהר וועט אונזער רבי זיין — רופט זיך אב דער נגיד פון שטאָדט.

יואל האָט אראָבגעבויגען דעם קאָפּ צו דער ערד, ערגעץ וואו איינגעעגבערט זיין בליק און אזוי געזאָגט:

— דער מענש, גאָט'ס אויסדערוועהלטע בריאה, איז ווייניגער פון אלע געטליכע בעשעפענישען מסוגל אויפצונעהמען אין זיך דאָס בע־וואוסטזיין פון דער אמת'ער סיבה פון וואנען עס קומט, צו פיהלען דעם נצוץ און אָנצובינדען זיך אין נצחיות, ווייל ער האָט א פרייען ווילען. דער פרייער ווילען פערשטעלט פון מענשען דעם ריכטיגען כח און ער מיינט, אז אלעס קומט פון איהם, מידיו, און אזוי ארום זינקען זיי און פערלירען זיך אין טויט אין ד ע ר וועלט. דער דומם, דער צמח, און אפילו דער חי ביי וועלכע דער איינציגער ווילען איז ניט אזוי שטאַרק, זיי זיינען תמימים. און אויב זיי קענען ניט מיט אייגענעם כח אָנ־קומען צום מקור, ווייל די נשמה־ניצוץ איז ביי זיי זעהר קליין, זיי־נען זיי אָבער מסוגל דורך אן אנדערען אויפגעהויבען צו ווערען. דורך דעם בעדאַרף ער זיך געפינען נור בלויז צווישען די דומם'ס, צומח'ס און חי'ס. דענסטמאָל וועט ער שטענדיג קענען פיהלען דעם נצוץ און תמיד אָנהעפטען זיי אין די נצחיות...

זיי האָבען ניט פערשטאַנען די ווערטער, נאָר טאקע דערפאר זיי־נען זיי דערשראָקען געוואָרען און ווען ער האָט זיי פערלאָזט, זיינען זיי איהם פון דערווייטענס נאָכגעגאַנגען.

— וואָס האָט ער געזאָגט? וואָס? — האָט געפרעגט דער קליינער שוסטער דעם היטעל־מאַכער.

— פרעגט ניט, קדוש, הייליגקייטען! אלעם וואָס ער רעדט איז קדוש — האָט איהם דער היטעל־מאַכער אָבגעענטפערט.

דער עולם איז איהם פון דערווייטענס נאָכגעגאַנגען. יואל איז צוריק אַהיים געקומען צום קרעטשמער און באלד איז שוין געמאַכט געוואָרען אַ מחיצה צווישען איהם און דעם פאָלק. אין איין שטיבעל איז געוועזען יואל, אין אַ אנדער שטיבעל די עדה, און דער היטעל־מאַ־כער האָט זיך אוועקגעשטעלט ביי דער טהיר אויפ'ן שוועל און קיי־נעם ניט אריינגעלאָזט צום „רבי'ן". דער „רבי" איז געוועזען אליין, געשטאַנען ביים פענסטער און ארויסגעקוקט אין דרויסען, און געבענקט נאָכ'ן וואלד מיט די לאנקעס.

צום „רבי'ן" האָט מען נאָר אריינגעלאָזט דעם נגיד, דעם וויצען־סוחר, און ער איז טאקע געזעסען נעבען איהם און געהיט, ער זאָל ניט אנטלויפען דורכ'ן פענסטער. דער נגיד האָט געהאַט אַן איין אייניציגע טאָכטער, אַ יפת־תואר, און געלד אויך — דער רבי איז אַ בחור...

דער נגיד האָט געשיקט די פוהר אין שטאָדט אריין צו ברייננען דעם פאָטער זיינעם, און אויך ר' איציקעל חסיד. פארנאכט איז די פוהר צוריקגעקומען. דער פאטער האט ניט געוואלט קומען. ר' אי־ציקעל איז יא געקומען. ר' איציקעל איז געוועזען דעם נגיד'ס אַ מעקלער, אַ יודע ספר און אַ חסיד אהן אַ רבי. צייט דער אלטער ראזאמינער איז נפטר געוואָרען — פאַהרט ער ניט —ניטאָ צו וועמען. פון יונ־גען רבי האלט ער ניט, איז ער דורך דעם צוקריגט מיט די חסידים און חבר'ט זיך מיט די בעלי־בתים, און אַם מעהרסטען מיט דעם נגיד, וואָס גיט איהם צו פערדיענען אַ קערבעל ביי מעקלעריי. איציקעל איז צוערשט געקומען מיט שפאַט און חוזק, — ווי דער שטייגער איז פון חסידים — נאָר אז ער האָט געזעהן, אז דער נגיד האלט פון יואל'ן, האָט ער גע־טראַכט אפשר איז עס אַ ענין. איציקעל איז אריין שמועסען מיט'ן רבי'ן. נור וואס ווייניגער יואל האט איהם געענטפערט, אלץ מעהר איז

ער איציק׳לען געפעלען געווארען. און אז יואל האט איהם סוף כל סוף געזאָגט דאָס, וואָס ער האָט פריהער אָבגעענטפערט די בעלי־בתים, אז ער ווייסט ניט אויב ער איז ביכולת בשר ודם׳ס אויפצוהויבען, ווייל זיי זיינען ניט מבטל זייערע רצונות. דומם און צומח׳ס קען ער יאָ אויפהויבען ווייל זיי זיינען תמימים, האט איציקעל אבגעענטפערט:

— פּרובירט מען.

און אז דער נגיד האָט געפרעגט וואָס ער מיינט, האָט איציקעל אָבגעענטפערט:

— אַ הויכער ענין.

און די בעלי־מלאכות האָבען זיך שוין גערוימט אין די אויערען: איציקעל חסיד זאָגט אליין, אז עס איז גרויס!

זיי זיינען געווען גליקליך. דער ארענדאר האָט זיך אָנגעטהאָן די שבת׳דיגע קאַפּאָטע לכבוד דעם רבי׳ן, און די ארענדארקע — די שבת׳דיגע הויב. מען האָט אָנגעגרייט עסען פאר דער גאנצער עדה, און אָנגעצונדען ליכט אין אלע שטיבער — אלעם אויפ׳ן חשבון הנגיד. און אז עס איז געקומען צו מנחה־מעריב, האָט מען געדאַווענט מיט מנין, געווארט אויפ׳ן רבין׳ס אויסגעהן שמונה־עשרה, און אז עס איז געקור־מען צום עסען — האָט דער רבי ניט אָנגעריהרט, ניט געוואָלט עסען בצבור, האָט מען אויסגעטייטשט, אז ער ברוגז׳ט זיך נאָך...

האָט דער נגיד זיך גע׳סוד׳עט מיט איציקלען אין אַ ווינקעל וועגען פערשיעדענע זאכען, און צווישען אנדערע אויך וועגען זיין טאָכטער, די יפת־תואר, און וועגען איציקעל׳ס גבאות...

און יואל איז אלץ געשטאנען אין פענסטער און ארויסגעקוקט אין דרויסען, און געזעהן די נאכט, ווי זי דעקט צו דאָס פּעלד און דעם וואלד — האָט ער געבענקט נאָכ׳ן געזאנג, נאָך דעם דרויסען...

ביי־נאַכט איז ער ווידער פערשוואונדען. ער איז געגאנגען אין נאָהנטסטען שטעדטעל אריין, נור זיין שם איז שוין פאָראויסגעגאנגען פאר איהם. קוים האָט ער זיך בעוויזען אין בית־המדרש פון דער פרעמ־דער שטעדטעל, איז באלד געווארען א גע׳סוד׳ערײ אין די אויערען. מען איז צוגעקומען צו איהם, מען האָט איהם אָבגעגעבען שלום־עליכם

מיט הכנעה. באלד איז געוואָרען אַ געשטופּעריי; אַלע האָבען גע־וואָלט זעהן דעם פערבאָרגענעם צדיק, וואָס טהוט וואונדער, אַלע האָ־בען געוואָלט האָבען די זכיה צו בעריהרען זיין האנד, און באלד האָט זיך אויך אין דער שטעדטעל געפונען אַ נגיד, וואָס האָט איהם אהיים גענומען צו זיך (דער נגיד האט אויך געהאט אַ טאָכטער). און עס האָט זיך געפונען אַן אנדער היטעל־מאַכער, וואָס האָט זיך אוועקגע־שטעלט אויף דער וואַד ביים רבי'ן און ניט צוגעלאָזט קיינעם, אַ חוץ די אויסדערוועהלטע. דאָס שטעדטעל איז געשטאַנען ארום די פענ־סטער.

אין דער פּרעמדער שטעדטעל, וואו קיינער האָט יואל'ן ניט גע־קענט, קיינער האָט איהם ניט גערענקט אלס אינגעל, און קיינער האָט זיין פאָטער און מוטער ניט געקענט נור געהערט פון זיין נאָמען, איז זיין שם געוועזן נאָך פיעל גרעסער. נור באלד זיינען אָנגעקומען די פוהרען פון יואל'ס שטעדטעל, מיט'ן נגיד, דעם ווייץ־סוחר, מיט אי־ציקעל חסיד, מיט דעם היטעל־מאַכער און דעם קליינעם שוסטער, מיט די קצבים און בעלי־מלאכות. דערהערט, אַז דאָס צווייטע שטעד־טעל וויל ביי זיי אויסכאַפּען דעם צדיק און בעהאלטען איהם פאַר זיך, זיינען זיי גרייט געוועזן זיך צו שלאָגען, דאָס לעבען איינצושטעלען, אבי נור ארויסצוקריגען דעם צדיק. דאַ האט זיך שוין געהאנדעלט אום פּרנסה, אין וועלכער שטעדטעל דער צדיק זאל וואהנען, אין וועלכער שטעדטעל זאָלען די הונדערטער, און אפשר טויזענדער חסידים — מענער און ווייבער, קראַנקע און געזונדע, וועלכע וועלען קומען צום צדיק עצות פרעגען, אין וועלכער שטעדטעל זאלען זיי זייער געלד אי־בערלאָזען. דאָס שטעדטעל אין וועלכער יואל איז געבאָרען געוואָרען, האָט געפיהרט די גערעכטע טענה: דער צדיק איז זייערער. דאָס צווייטע שטעדטעל האָט אָבער אָבגעענטפערט, אַז ביי זיי האָט מען דעם צדיק געשלאָגען, און ארויסגעטריבען פון שטאָדט.

דערווייל זיינען אַלץ מעהר פוהרען אָנגעקומען פון יואל'ס שטעד־טעל דעם צדיק אהיים צו נעהמען. אַלע האָבען זיך יעצט געוואָלט אָנ־כאַפּען אָן צדיק. עס האט געהאלטען ביי אַ געשלעג צווישען די צוויי שטעדטלאָך. דער סוף איז געווען, דאָס מען האָט זיך אויסגעגלייכט, גענגעבען אָבטרעט געלד און מען האָט יואל'ן אהיים געפיהרט אין זיין געבורטס־שטעדטעל, מיטבעגלייט מיט בעלייכטונג, בהדרת מלך.

דאָס גאַנצע שטעדטעל מיט ווייבער און קינדער זיינען דעם הייליגען צדיק אנטקעגען געגאַנגען. ליכט אין די פענסטער האָט מען אָנגעצונדען פאַר זיינענטוועגען, און וואָלט עס ניט געווען אין די דריי וואָכען, וואָלטען די כלי־זמר געשפּיעלט. פערפאַהרען איז מען צום נגיד אין הויז, אָבגעגעבען דאָס גאַנצע הויז פאַר'ן רבי'ן, אויס דעם זאָל דעם רבי'ס שטוב געמאַכט, גרויסע ספרים־שענק אריינגעשטעלט, ספרי־תורות, שעהנע טישען מיט טהייערע טישטיכער, אַ גרויסע טיעפע פּאָטער־שטוהל. אין דער הויז האָט מען אויך טאַטע־מאַמע אריינגעבראַכט. עס האָט דאָך שוין ניט געפּאַסט, אַז דעם צדיק'ס מאַמע זאָל אין גאַס האַנדלען. אַלע, דאָס גאַנצע שטעדטעל האָט געגלויבט אין צדיק, און די וועלכע האָבען נאָך ספקות געהאַט, האָבען מורא געהאַט דאָס מויל אויפצועפענען. עס האָט זיך געהאַנדעלט אום פּרנסה פאַר'ן שטעדטעל, און אין פּרנסה זיינען אַלע פּעראינטערעסירט געווען. דער מקוה־איד און די בחורים, וואָס האָבען איהם געשלאָגען, זיינען אריינגעגאַנגען צום צדיק אין די זאָקען, און אוועקגעשטעלט זיך ביי דער טהיר, און געבעטען מיט טרעהרען אין די אויגען „מחילה". זיי האָבען מורא פאַר זייערע יונגע יאָהרען.

ר' איציקעל חסיד איז געוואָרען גבאי, דער היטעל־מאַכער — שמש, דער נגיד — דער ערשטע מקורב, און דאָס גאַנצע שטעדטעל — חסידים.

די ערשטע פאַר נעכט האָט מען אוועקגעשטעלט אַ וואַך איבער'ן רבי'ס שטוב און געהיט דעם רבי'ן. און אויף שבת נחמו איז זיך צוזאַמענגעפאָהרען אַן עולם פון די ארומיגע שטעדטלאַך. טהייל אויס נייגעריגקייט, האָבען געוואָלט זעהן וואָס דאָס איז אזוינס; אַנדערע זיינען געקומען, ווייל דער נגיד און איציקעל חסיד האָבען געשיקט נאָך זיי. מען איז געקומען האַלב אין ספק — און אַנדערע אפילו מיט לצנות. פרייטאג אין אָבענד, צו קבלת שבת, ווען דער עולם איז שוין געווען אין די שטריימלעך און די אטלאַסנע קאַפּאָטעס, פערזאַמעלט צו דאַוונען, האָט זיך דער רבי פערשלאָסען ביי זיך אין חדר און ניט געוואָלט ארויסגעהן מיט'ן עולם דאַוונען. דער נגיד און איציקעל חסיד האָבען אָנגעקלאַפּט אין טהיר, געשריען, געבייזערט זיך — עס האָט ניט געהאָלפען, יואל האָט ניט געוואָלט עפענען. און דאָ ווארט דער עולם מיט'ן קבלת שבת.

דער סוף איז געווען, דאָס מען האָט אריינגעשיקט צו איהם דעם פּאַטער מיט דער מוטער. דער פּאַטער האָט פון אָנהויב גאָר ניט גע־גלויבט און ניט פערשטאַנען וואס דא טהוט זיך. נור ער האט אנגע־הויבען יעצט שוין מבטל צו מאכען זיין דעה — פאר דעת הרבים — ווי זיין געוועהנהייט איז געווען. יעצט איז ער געגאַנגען צום ערשטען מאָל רעדען מיט'ן זוהן. די מאמע האט געגלויבט פון דער ערשטער מינוט אַן און איהר פּנים האט געשטראַהלט פאר נחת און גדולה. אָנגעטהאָן איז זי געווען איצט אין שעהנע קליידער, דער נגידות'־טעס שעהנסטע הויב אויפ'ן קאָפּ, און א שנור קרעלען אויפ'ן האלז. און די גרויסע מאמע אויגען האָבען בעלויכטען איהר פּנים. און זי איז אריינגעגאַנגען בדחילא ורחימא, מיט פריידענס־טרעהרען, און געבעטען זיך:

— קינד, פערשעהם מיך ניט פאר מענשען!

און אז יואל האָט איינגעקנייטשט זיין הויכען, גרויסען שטערן און פערביסען די ליפּען פאר צער, און געזאָגט ממש מיט געוויין:

— מאמע איך ווייס ניט אויב איך וועל קענען. — זיינען בשר ודם'ס פערזונקען אין אייגענעם רצון.

האָט דער פּאַטער זיך אָנגערופען:

— אז דו האסט אנגעהויבען, מן הסתם האסטו דאך א דרך.

האָט ער געענטפערט:

— מיין דרך איז נור פאר תמימים, פאר דומם'ס און צומח'ס.

האָט דער פאטער שוין ניט פערשטאַנען:

— מה־דאָך, איז דאָך די ברואה וואָס קדוש־ברוך הוא האָט איהר אָבגעטהיילט פון זיין חלק — אודאי און אודאי, — און מען מוז דאָך עפּעס האבען אמונה אויך.

האָט ער דעם פּאַטער ניט געקענט געבען צו פערשטעהן. און דער־ווייל ווארט דער עולם הינטער דער טהיר. פון דער צווייטער שטוב הערט זיך דער רעש פון פאָלק, ווי דאָס גערויש פון ים. זיי זיינען אונגעדולדיג און ווילען אנהויבען דעם קדוש־השבת אהן דעם רבי'ן. עס ווערט שפּעט, און לענגער ווארטען ווילען זיי שוין ניט. ר' איציקעל קומט אריין א צושוויצטער, דאָס שטריימעל ארויפגערוקט, די קאַ־פּאָטע אויפגעשפּיליעט און פּאָדערט: דער עולם ווארט, עס וועט זיין

א חרפה ניט נור פאר איהם, נור פאר די אלע וואס האבען געגלויבט אין איהם — און דער עולם וויל שוין ניט לענגערווארטען — עס וועט שפעט, און ער מוז געדענקען, אז ער איז שוין ניט אליין. און געהט ער ניט ארויס באלד — געהט ער אריין צום עולם און הייסט דאווענען...

און יואל שטעהט ווי א דומם און שווייגט, און קוקט אין פענסטער ארויס צו די בוימער מיט בענקשאפט.

האבען פון דער מאמע'ס אויגען טרעהרען ארויסגעשפריצט, אזוי גרויס ווי פעריל, און זי האט געזאגט:

— קינד, דער צער פון דער מאמען וועט זיין גרויס. ווי אזוי וועט זי קענען אריבערטראגען די חרפה!

האט ער רחמנות געהאט — די ערשטע פרייד פון דער מאמען צו־שטערט; און ער האט געזעהן ווי די גרויסע שבת־אויגען ווערען ווידער פערטרונקען אין די וואכענדיגע קנייטשען — די קנייטשען און די אב־אבגעשיילטע הויט פון אבגעברענטקייט אויפ'ן פנים זיינען גובר איבער די אויגען — פון דער מאמען ווערט צוריק די אידענע וואס האנדעלט אין גאס מיט די פויערים.

האט ער ניט געקענט מעהר — זיך אויפגעכאפט און אריין אין דער צווייטער שטוב צום עולם.

די שטוב איז פול, עס גלאנצען די זיידענע קאפאטעס און עס שימערען שווארצע פוטערנע שטריימלען. ליכט ברענען, אין אלע ווינקלען אנגעפראפט מיט אידען. ער געהט צו צו דער וואנט, גראבט איין זיין פנים און די הענד, דער חזן זינגט לכו נרננה מיט א פרעה־ליכען נגון. צוזאמען מיט'ן קול הויבט ער זיך אן מכין זיין, אויסצו־טהאן פון זיך יעדע גשמיות, צו פיהלען די נשמה אין זיך, דורך איהר הויבט ער זיך אן אנצובינדען צום מקור פון וואנען זי קומט — עס איז איהם לייכט, ער פיהלט דעם נצוץ, ער איז שוין ניט אויף דער וועלט, ער ווייסט שוין ניט וואס עס טהוט זיך ארום איהם, ער זעהט שוין גאר ניט — נור ליכט, ליכט און ליכט, וואס אמאל טיעפער געהט דאס ליכט, און וואס טיעפער, אלץ העלליכער, אלץ ליכטיגער — און פון דארט, פון אינווענינ, געהט דאס געזאנג — דאס ליכט זינגט. באלד ווערט ער אליין א שטיק ליכט, און א געזאנג, און שווימט מיט. ער האט געפיהלט ווי צו זיין נשמה ציהען זיך פיעל, פיעל שנירלעך ליכט און בעהעפטען זיך אין איהם — באלד ווערען די שנירלעך גרעבער —

עס ווערט איין שנור, דערנאך ווערט עס איין ליכטיגע מאסע. ער האט געפיהלט, ווי ער טוקט זיך אין א ליכטיגען ים, און זיין נשמה ווערט דורך דעם לייכטער און פלינקער — אלעם ווערט איינס, עס זיי־נען שוין ניט קיין איינצעלנע חסידים, איינצעלנע נשמות — פון אלע נשמות איז געווארען איין נשמה, א גרויס, גרוים ליכט — און דאס ליכט שווימט אריין אין גרויסען וועלט־ליכט און עס זינגט שוין מיט, און אויס אלעם ווערט איין ליכטיגע שטיק ווארקען וואס קאלירט זיך, מונקט זיך און באדט זיך אין א ליכטיגען ים, און געהט וואס אמאל טיעפער, טיעפער...

ביים קדיש איז ער שוין געווען מיט'ן עולם ווייט, ווייט אין הימעל, און ער איז מיט זיי אריינגעשוואומען אין א טיעפען בלאהען שבת אריין...

דער טיש איז געווען בעדעקט מיט דער שעהנסטער טיש־טוך, בע־לויכטען מיט צעהנדליגע ליכט, וועלכע האבען געשימערט אין די זילבערנע לייכטערס. זילבער און רויט־בלוטיגע וויינען האבען געפינ־קעלט. א טיש בעשטעלט מיט די בע'טעמ'סטע מאכלים, וואס האבען פערשפרייט זייער געשמאק איבער דער שטוב. בייביידע זייטען טיש האבען זיך געשאקעלט ווי בוימער אויף ביידע זייטען וועג, חסידים אין זיידענע און סאמעט, אין שווארצע פוטערנע היטלען. די מאמע און דער טאטע, ביידע אין בגדי שבת, זיינען געזעסען נעבען איהם. די מאמע אויך — (אזוי האט ר' איציקעל גבאי איינגעריכט). און יואל איז געזעסען מיט פערמאכטע אויגען, קוים בעריהרט מיט זיינע הענד די מאכלים, וועלכע זיינען באלד געווארען צוכאפט אין שטיקלעך פון די חסידים — שיריים. דאס ליכט האט איהם אריינגעשיינט אין די אויגען דורך די פערמאכטע הייטלאך, און ער האט גערעדט, ווי צו זיך, ווי ער וואלט זיך געוואלט פערשטעהן, גערעדט מיט א ניעדריגער שטימע, אבגעהאקטע ווערטער.

— זייט ווי דומם'ס — תמימים, געפאנגען נור אין דער וועלט, אבער ניט מיט'ן גוטען ווילען און געדענקט שטענדיג אז דער נשמה — ווארים דורך איהר בינדט איהר זיך אן צום מקור, און אזוי ארום ברעננט איהר אריין די וועלט אויך בחשבון, ווארים עס ווערט איין אחד — פערבונדען מיט דעם זעלבען תכלית...

די פערשטענדיגע האָבען פערשטאַנען: די וואָס האָבען ניט פער־שטאַנען, האָבען געזעהן און געגלויבט — די חסידים זיינען זיך צופּאָה־רען און פערשפּרייט זיין נאָמען איבער דער וועלט.

וואָס מעהר יואל האָט גערעדט וועגען התפשטות הגוף פאַר די חסידים, אַלץ מעהר איז ער אַליין געפאַנגען געוואָרען אין הבלי עולם הזה. ער האָט אַליין ניט געזעהן ווי אַזוי עס איז געקומען און אַליין גאָר ניט געפיהלט, נור עס איז געווען, ווי די הנאות פון דער וועלט האָבען געמאַכט אַ שטילען בונד, און געוועבט אַ געשפּין־וועבעכס ארום יואל'ן און איהם דערינען אריינגענומען. שוין דאָס צימער אַליין, וואו ער האָט זיך געפונען, מיט די שראַנק ספרים, מיט די שעהנע טישען און דער שעהנער געהאַפטענער טיש־טוך, איז געוואָרען אַ שייכות צו איהם. אַ זאַך וואָס איז איהם זעהר געפעלען. ארום זיין קערפּער איז אוועק־געשטעלט געוואָרען אַ גאַנצע וואַך. די מענשען ארום איהם האָבען געהאַלטען אין איין קלעהרען ווי אַזוי צו שטאַרקען זיין אויסגעמאַ־טערטען, אויסגעמוטשעטען קערפּער. מען האָט אויסגעזוכט פאַר איהם דאָס טהייערסטע און דאָס בעסטע און געמאַכט פאַר איהם פערשיע־דענע געריכטען, און האָט ער געקעמפּפט געגען דעם, און ניט געוואָלט עסען — איז די מאַמע געקומען, איז די מחותנת'טע, דעם נגיד'ס ווייב, ר' איציקעל גבאי און גלאַט מקורבים, און אָנגעהויבען זיך בעטען ביי איהם, אַז ער זאָל רחמנות האָבען אויף די חסידים זיינע, אויף דער ערדה וואָס גלויבט אין איהם, ער זאָל זיך ניט פערהונגערען און, חלילה, אוועקגענומען ווערען פון זיי. און זיינען עס דען בלויז געווען די גראָבע הנאות פון זינדיגען עסען, וואָס די וועלט האָט פאַר איהם אָנגעגרייט? געגען די גראָבע הנאות האָט ער זיך נאָך געקענט וועהרען. נור די וועלט האָט אויך געהאַט פאַר איהם אַזעלכע גייסטיגע הנאות, אַזאַ רוחניות, וואָס האָט געקענט ביישטעהן געגען די הנאות פון יענער וועלט. שוין דער שבת אַליין, די הנאה פון שבת, די הונדערטער חסידים וואָס זיינען זיך צוזאַמענגעפאָהרען אויף אַ שבת, די זיידענע קאַפּאָטעס, די שטריימלען, די בעלייכטונג, דאָס דאַווענען, און דאָס וואָס ער, דער רבי, הויבט זיי אויף און נעהמט זיי מיט זיך מיט אין

אנדערע עולמות — דאָס איז געווען אזא הנאה, געגען וועלכער ער האָט ניט געקענט קעמפפען. אין דער הנאה איז געווען אויסגעמישט אי הימלישעס, אי ערדישעס, און ער האָט שוין ניט געוואוסט די גרענעצען פון איהר...

און אפילו דאס בעהעפטען זיך אין נצוץ, דאס איבערגעהן אין אַן אנדער וועלט, איז יעצט, ווען די חסידים זיינען געווען ארום איהם, און ער האט דאס בעדארפט — אפילו די הנאה פון התפשטות הגוף, איז עפעס געווארען ביי איהם א הנאה פון ד ע ר וועלט: אפילו דאס פייניגען זיך און פאסטען און לייטערן זיך, כדי צו קענען אריינגעהן אין די עולמות — דאס זיינען איצט אלע געווארען הנאות פון ד ע ר וועלט. ער האט געהאט כבוד דערפאר, הונדערטער חסידים זיינען גע־פאהרען צו איהם, — ווייבער און אידען, לומדים און פראסטע בעלי־מלאכות האבען גלויערט אויף זיינע טיהרען, געשארט זיך צו איהם, געבראכט זייערע צרות פאר איהם, און פאר זיי האט ער בעדארפט דעם מתדבק זיין זיך, אין כח, כדי ער זאל גלויבען אין זיך און ער זאל קענען זיי מאכען גלויבען אין איהם. אבער די הנאה, די ריינע הנאה איז פערשוואונדען פון איהם.

ער פלעגט זיך נאך איצט פון צייט צו צייט אין די פארנאכטען ארויס׳גנב׳ענען אין די פעלדער אין וואלד, און דארטען פרובירען זיך מתדבק צו זיין אין כח — נור פון דערווייטענס האט איהם דער שמש געהיט, און טיילמאל אויך די מקורבים, און אז ער איז צוריקגעקומען האבען אלע גערעדט דערפון און אלע האבען געקוקט אויף איהם מיט דאנקבארקייט, און די הנאה פון יענער וועלט איז פערשוואונדען, און עס איז נור געבליעבען א הנאה פון דער וועלט.

און וואס מעהר ער איז געווארען איינגעטונקט אין עולם הזה, אלץ שווערער איז פאר איהם געווארען מתדבק צו זיין זיך אין יענער וועלט. עס איז געווען, ווי די הנאות פון עולם הזה האבען פערטריבען די הנאות פון עולם הבא. דער קערפער — די נשמה, דער חומר — די רוחניות, און נאך מעהר — ער האט מיט דער צייט אפילו אויפגעהערט צו בענ־קען נאך זיי...

ער האט אנגעהויבען צו זוכען די רוחניות אין ד ע ר וועלט. די תורה איז ניט געגעבען געווארען פאר י ע נ ע ר וועלט, נאר פאר דער. און די מצוות — דאס זיינען די הנאות רוחניות פאר דער וועלט — האט ער

זיך אָנגעכאַפּט אין שפּרוך. געזוכט מצוות צו טהאָן. צדקה צו פּער־טהיילען, א סך מתפּלל צו זיין. און די תפלה איז שוין ניט געווען א מיטעל צו בעהעפטען זיך דורך איהר אין די עולמות, נור א תכלית — א סך צו עסען, כדי ברכות צו מאכען; א סך צו לערנען, כדי חלק לעולם הבא צו האבען.

לכתחילה, אז דער נגיד האט גערעדט וועגען חתונה האבען מיט זיין טאכטער, און דער פאטער איז אריינגעגאנגען צו איהם איבעררעדען, האט ער ניט געוואלט הערען און דענקען דערפון. און אז דער פאטער האט געפאדערט בשם התורה, ובשם המצוה, האט ער אבגעשטופּט, אבגעשלעפּט. חסידים זיינען בייז געווען: „שרוי בלא אשה". איצי־קעל האט זיך געקאכט, דער נגיד האט געסטראשעט און די מקורבים האבען גערעדט — ער האט אלעס דוחה געווען. און מען האט גאר ניט געקענט מאכען מיט איהם. „ער האט זיין דרך — מן הסתם ווייסט ער וואס ער וויל". איצט האט ער זיך אנגעכאפּט אן דער מצוה מיטביידע הענד. אלע זיינען געווען גליקליך. די מאמע האט געשטראהלט פאר גליק, חסידים — מלא שמחה, און פון נגיד רעדט מען דאך ניט. א חתונה האט מען אנגעגרייט וואס אזוינס איז נאך ניט געווען. די גרעסטע רבנים אלס אונטערפיהרער, כלי זמר געבראכט פון עק וועלט, הונדערטער עופות געשאכטען, אכט טעג פריהער — חתונה פאר ארימע לייט; פון דער גאנצער וועלט זיינען זיך צוזאמענגעפאהרען ארימע לייט, פון דער גאנצער וועלט חסידים — מען האט געהוליעט אכט טעג פריהער און אכט טעג שפּעטער — דער בחור הקדוש האט חתונה — חסידים האבען אין דעם געזעהן א געוויסען רמז, אז א ישועה וועט איבער דער וועלט קומען. משיח וועט קומען, — אז דער בחור הקדוש האט פון זיך די גזרה אראבגענומען.

ער האט זיך מכוון געווען קיין הנאות הגוף ניט צו האבען פון דער מצוה, און אנגעשטרענגט זיין גאנצע גייסטיגע קראפט, נור עס האט זיך איהם ניט איינגעגעבען... עס איז געווען ווי דער אויסגעמוטשעטער גוף, וועלכער איז אזוי לאנג געווען אין געפענגענשאפט ביי דער נשמה, וואלט געזוכט א געלעגענהייט די נשמה בייצוקומען. דער קערפּער וועלכער האט יעצט געקראגען זיין שפייז און געפאדערט זיין שפּייז מיט חוצפה, איז שטארק געווארען, קאכעדיג — און ביי דעם גרעסטען אירדישען גליק האט ער בייגעקומען די נשמה...

יואל האט עם דערפיהלט און איז ארומגעגאנגען דעם צווייטען טאג שרוי בצער. קיינער האט ניט פערשטאנען דעם טעם דערפון. יואל האט זיך ניט בלויז געשראקען פאר דער ממשלה פון זיין גוף איבער דער נשמה, נור אויך פאר דעם, וואס אין דעם גרעסטען ערדישען גליק וואס ער האט גענאסען דעם ערשטען מאל, האט ער דערפיהלט אזא אונ־בעגרענעצטען רייכטהום פון געפיהלען — יענער רייכטהום פון דעם גוף וואס קען פערמעסטען מיט יעדעם רייכטהום פון דער נשמה... און ער האט אויף א מינוט געצווייפעלט, וואו די וועגען ליגען...

און פון דער נאכט אן, ווען יואל האט דערפיהלט דאס העכסטע ערדישע גליק, וואס דער קערפער האט צו פערטהיילען — איז ער געווען ביים גוף אין די הענד...

אין דעם טיעפען פאטער־שטוהל איז געזעסען דער יונגער רבי, און אוים אן איידעלען, לאנגען באמבעם ציבעק — א מתנה פון א רייכען חסיד — האט ער געריכערט דעם האוואנישען טאבאק, און דינע וואל־קענדליך רויך האבען זיך געהויבען ווי זיידענע, דינע געוועב איבער זיין קאפ. ער האט זיך מיט דער האנד געקרייזעלט די פאות, געקריי־זעלט זיין שיטער בערדעל. פון דער צווייטער שטוב, הינטער דער טהיר, האבען זיך געשטופט מענער, ווייבער און קינדער, טהייל קראנקע אין קערפער, טהייל אין דער נשמה. און עס האבען זיך אריינגעריסען בענ־קענדע בליקען און פערשטיקטע קרעכצען פון דער זייט טהיר. נאר אויף דער וואך ביי דער טהיר איז געשטאנען א שמש און קיינעם ניט אריינ־געלאזט. דער רבי איז נאך אליין, ער נעהמט נאך ניט אן. דער גוף זיינער וועלכען מען האט אזוי לאנג אויסגעמוטשעט און האט יעצט מיט אמאל געקראגען אזוי פיעל אנגענעהמעס איז שטארק געווארען, קנאכיג. ארום איהם האט זיך יעצט געקנייטשט זיידענס און אטלעס און אנגענעהם איהם בעריהרט, און בעקוועם איז ער געזעסען אין דער ווייכער, טיעפער לעדערנער שטוהל, וועלכע האט זיך אויסגעבעט ארום זיין גוף און איהם פעסט געהאלטען... די בליקען פון זיינע אויגען האבען געגלעט דעם אנגענעהמען, רויט־בלוט קאליר פון די מעכאנישע ספרים־שראנק פול מיט ספרים געבונדען אין ווייסען פארמעט און רויטען לע־דער, וואס זיינען געשטאנען ארום דער שטוב. דער שטראהל פון פעריל

און שטיינער, וועלכע האבען זיך געפינקעלט אויפ'ן זיידענעם פרוכת'ל, האבען זיינע אויגען בעלעבט... א בוים ליכט, געוועבט פון שטויב־שטראהלען, וואס איז געפאלען פון דעם זיידענעם פארהאנג ביים פענ־סטער האט איהם ארומגענומען און בעלויכטען. פון דעם אפענעם פענסטער האבען זיך געטראגען די ריחות פון די לאנקעס און דער בשמים־געשמאק פון שטעהענדע עפעל, דער פעפערדיגער ריח פון פער־בארגענעם יאשמין, קאפפער און טוי־בלומען, וועלכע האבען זיך בע־האלטען אין די גראזען. פון דער צווייטער שטוב האט זיך דערהערט זיין יונג ווייבעל'ס הילכיג קול'כעל, וואס האט געפישטשעט ווי א פידעלע און האט ערוועקט אין איהם אנגענעהמע געפיהלען... ביי דער צווייטער טהיר איז געשטאנען ר' איציק חסיד, זיין פנים איז יעצט ברייט און פעט געווען, און די שטיקלאך בארד וואס האבען ארויס־געוואקסען, האבען זיך פערלוירען אין זיין ברויט פנים. ער האט זיך געדרעהט אין הויז ווי א בן־בית און אריינגערופען אין שטוב אריין מיט ברייטקייט:

— לאמיר דערלאנגען דעם רבי'ן עפעס דאס הארץ צו דערכאפען.

באלד איז אריינגעקומען דער היטעל־מאכער, אנגעטהאן אין רבי'ס א קאפאטע, און האט געהאלטען אין האנד א טעצעל איינגעמאכטס און אין אן אנדער טעצעל — קיכעלעך, האט עס אוועקגעשטעלט מיט א גע־וויסען חן'דעל, וואס איז געקומען פון ליעבע צום רבי'ן — פאר יואל'ן. יואל האט עס ניט בעמערקט, האט געלאזט שטעהן די איינגעמאכטס און די קיכלאך, און איז ווייטער געזעסען פערטראכט.

— רבי'צען, רבי'צען — דער רבי עסט ווידער ניט! און דער דאק־טאר האט איהם געהייסען דאס הארץ דערכאפען יעדער שעה — האט דער גבאי געזאגט צו דער יונגער רבי'צען.

די יונגע רבי'צען איז אין שטוב אריינגעקומען. זי האט אויסגע־זעהן ווי מען וואלט גענומען א מיידעל און פערשטעלט פאר א ווייבעל. איהרע בעקלעך זיינען געווען רויט, פריש, און איהרע יונגע אויגען — שעהן און קינדיש: דאס מויל — א קליינס, צוויי צוזאמענגעצויגענע ליפלעך, ווי א בלום וואס האט זיך נאך ניט אין גאנצען אויפגעפענט; און איבער'ן קאפ — ביז טיעף אין די אויגען אריין — א טיעפער טשעפטשיק פון ווייסע זיידענע בענדער, מיט פעריל בעפוצט. זי האט זיך אוועקגעשטעלט פאר איהם פון דערווייטענס:

— יואל דו האסט דאך מיר צוגעזאגט, אז דו וועסט דיר ניט מעהר לאזען דאס הארץ פערגעהן —

— וואס ווילט איהר פון מיר? איך פאשע מיר שוין מיין גוף, איך פיטער מיר שוין מיין חומר, איך דינען שוין צו איהם — איך דינען שוין! — האט ער געזאגט, ברוגז'דיג, מיט טרויער.

דאס יונגע ווייבעל האט זיך דערשראקען און געוואלט אבטרעטען. זי האט זיך אומגעקוקט אויף איציק'לען, וועלכער איז געשטאנען אין דער טיהר און געוויזען איהר מיט די אויגען, אז זי זאל ניט אבטרעטען.

— יואל, איך וויים ניט אויב איך טהו גוט — האט זי געזאגט — דער דאקטאר האט געהייסען דיך דערמאנען, דו פערגעסט דאך צו עסען! און דיין געזונד איז דאך אזוי טהייער פאר אלע.

יואל האט געשוויגען, איינבויגענדיג דעם קאפ. דענסטמאל האט דער הימעל־מאכער געוואגט נעהנטער צו צורוקען צום רבי'ן די טעצלאך, און דאס ווייבעל האט זיך אבגערופען:

— טהו עס פאר מיר, יואל!

יואל האט עס ניט געטהאן פאר דער ווייבעל. ער האט געטראכט וועגען דער מצוה, פון דער ברכה, און ער האט צוגערוקט צו זיך די טעצלער, הויך און פרום א ברכה געמאכט, און דאס ווייבעל האט אב־געענטפערט א פרומען „אמן“.

נור באלד האט זיך אין דער טהיר בעוויזען די מאמע. א פרעמדע ארימע פרוי, וועלכע האט מיט ציטערניש און פחד זיך געהאלטען ביי דער טהיר, האט זיך מיטגעשלעפט מיט דער מאמע. ביים פארטוך פון דער פרעמדער פרוי האט זיך געהאלטען א אינגעל, וואס האט מורא געהאט אריינצוגעהן, נור די מאמע האט איהם געשטופט. דאס אינגעל איז געווען יום־טוב'דיג אנגעטהאן, נור זיינע שקאצישע אויגען האבען פרעך ארויסגעקוקט פון אונטער זיין שבת'דיג זיידען היטעלע. דעם רבינ'ס מאמע, וועלכע איז יעצט געווען אנגעטהאן ווי א נגיד'יסטע, א רבי'צען, מיט א רייכער טיעפער הויב, מיט בענדער בעפוצט, מיט אוירינגלאך אין די אויערען — האט זי געוואגט נעהנטער צו צוטרע־טען צום זוהן, האט זיך אבער דאך אבגעשטעלט א טריט פון דער־ווייטענס און געזאגט, אויסשטרעקענדיג די הענד:

— רבי, העלף דער פרוי, ס'איז א גרויס רחמנות.

די פרוי ביי דער טהיר האט געפּרובט איהר אינגעל שיקען פאר־אויס פאר זיך. איהרע אויגען, וועלכע זיינען געווען רויט פון טרעהרען, האבען יעצט נישט געוויינט. ס׳איז ניט שעהן געווען פאר׳ן רבי׳ן צו וויינען. נור זי האט געהאלטען דעם קאפּ אראפּגעבויגען צו דער ערד, דאס קינד פאר זיך, — איז געשטאנען מיט אונטערטהעניגקייט פאר׳ן רבי׳ן.

יואל האט אויפגעהויבען זיינע אויגען און האט אנגעקוקט דער מאמען. זיין פּנים וואס האט נאך אויסגעדריקט די פרעמדקייט איבער דעם גרויסען שארפען שטערן, האט זיך מיט אמאל געענדערט, איז בלייך געווארען, פערלארען זיין קאליר, און די גראבע ליפּען האבען זיך צו־זאמענגעביסען, די אויגען זיינען איהם אזוי ארויס, אז עס האט זיך געדאכט, אז יעדען אויגענבליק פאלען זיי ארויס.

— מאמע, וואס מיינסטו, איך בין חלילה, דער בורא עולם ? אין מיין האנד איז עס ? וואס בין איך ביכולת ? עס איז דאך דא א גרויסער בורא עולם — איז איהר שלעכט— לאז זי וויינען, לאז זי בע־טען צו איהם.

— אבער זוהן ! די פרוי איז אונזער בעסטע שכנ׳טע געווען, און אז איך בין אוועק אין דער פריה אין מארק אריין און האב דיך ניט געהאט ביי וועמען צו איבערלאזען, האט זי דיך צוגענומען און גע־האלטען דיך מיט איהרע קינדער, ווי א מאמע, ביז איך בין צוריק־געקומען.

די פרוי, אויף וועלכע מען האט געזאגט די לויב, האט פּלוצלינג אויפגעהויבען די אויגען, דער צער פון איהר אימה איז באלד פער־שוואונדען און אנשטאט דעם האט זיך אויף איהר פּנים געוויזען אן אונבעשרייבליך פרייד און גליק איבער דער זכיה וואס זי האט געהאט.

— וואס זאל איך איהר טהאן ? וואס בין איך ביכול ? האט שוין יואל געשאקעלט אויף זיך מיט׳ן קאפּ מיט רחמנות.

— זי וויל גאר ניט, יואל, נור איהר קינד, וואס זי האט געבראכט צו דיר, זאל בעגעהען צו לערנען און זאל אויפוואקסען אן עהרליכער אידען און דיענען השם יתברך — האט געזאגט דעם רבי׳ס מוטער און צוגעשטופּט דאס אינגעל צו איהם, ווי זי וואלט וועלען דער אידענע בעצאהלען פאר איהר אמאליגער טובה מיט׳ן גאנצען הארצען.

דער אינגעל, אין דער נאהנטקייט פון'ם רבי'ן, האט זיך פער־לארען, דאס פנים'ל זיינס וואס איז נאך אלץ שקאציש געווען אפילו אין שבת'דיגער היטעל, איז בלייך און דערשראקען געווארען; די פינקעלדיגע אויגען — שוואך, בעהאלטען אונטער די הייטלאך ווי ביי א הוהן. נור דער מאמעס נאהנטקייט האט איהם אביסעל ערמוטהיגט, האט ער געקוקט אויף דער מאמען. דער רבי האט ארויפגעלעגט די הענד אויף זיין קעפעל, פערמאכט די אויגען און האט עפעס פאר זיך געזאגט. דערנאך האט ער אבגעלאזט דאס קינד און אוועקגעבויגען זיין קאפ צו דער וואנד. דעם רבי'ס מאמע האט אנגענומען דאס אינגעל און איהם איבערגעגעבען דער מוטער.

— ביים השם ישברך איז אלץ מעגליך — אלעס טהוט דער רבונו של עולם — זאל זי וויינען צו איהם, בעטען, און מיט"ן גאנצען הארצען בעטען. דער רבונו של עולם האט ליעב די הערצער פון די פראסטע — און פון די מוטערס.

די מוטער האט צוגענומען איהר קינד און האט מורא געהאט איהם צו בעריהרען — פאר דער הייליגקייט, וואס שוועבט אויף איהם פון רבי'ס ברכה. איהרע אויגען זיינען פול געווען מיט טרעהרען פון גליק און פרייד. זי האט זיך טיעף פערבויגען, נישט פאר'ן רבי'ן — אהין האט זי מורא געהאט צו קוקען — נור פאר זיין מוטער, וועלכע האט פערלאזט איהר זוהן מיט דעם געפיהל פון א מאמע וואס האט געבוירען א קעניג.

באלד נאך דעם איז איציקעל צוגעגאנגען צו דער טהיר, אונטער וועהכער עס האט געווארט דאס פאלק, אויפגעעפענט א קליינעם שפאלט אריינגערעדט עפעס און אריינגעלאזט דאס פאלק צום רבי'ן.

עס זיינען געקומען פערשיעדענע אידען, בעלי־מלאכות, למדנים, קינדער. קראנקע און געזונדע, וועלכע האבען אויף קוויטלאך אין זייערע הענד אנגעשריבען זייערע צרות און זייערע בקשות. אריינגעקומען זיינען זיי ווי מען קומט אריין אין הימעל — פון וואנען מען קען זיך אלעס אויסבעטען און בעקומען. יואל האט געהאלטען דאס פנים צוגעווענדעט צו דער וואנד, די אויגען פערמאכט, ווי ער וואלט זיך געשעהמט צו קוקען די מענשען אין פנים אריין. עס זיינען אריינגע־קומען אידען, וואס האבען גאר ניט בעגעהרט און גאר נישט געוואלט נור אנקוקען דעם רבי'ן און צו האבען די זכיה זיין האנד צו בעריהרען.

אנדערע, וועלכע זיינען געקומען דאנקען פאר די ישועות וואס ער האט זיי געגעבען. א טהייל פון זיי האבען זיך ניט געוואלט פערלאזען אויף דעם טרוקענעם, סקארבאָווען לשון פון דעם קוויטעל און האבען אנגע־הויבען פאר'ן רבי'ן צו פערטרויען זייער אינטימסטע, פערבארגענע ודויים, טהייל האבען געבעטען א רפואה פאר'ן קערפער, אנדערע — פאר דער נשמה. מאמעס האבען געבראכט זייערע קינדער, דער רבי זאל זיי בענשען. אנדערע האבען מתורה געווען פאר איהם זייערע זינד און געבעטען א תשובה. א סך, געטריבען פון חרטה, זיינען ארויסגעגאנגען פון זיין שטוב בעפרייטע, ווי ער וואלט צובראָ־כען די קייטען פון דער משא וואס האט זיי געדריקט.. טהייל האט ער געטרייסט מיט א בליק, אנדערע מיט א ווארט — אלעמען האט ער געזאגט, אז ער אליין קען גאר ניט טהאן — ער איז גאר ניט ביכולת, אלעס קען טהאן דער רבונו של עולם און צו איהם דארף מען בעטען און וויינען. און וואס קלענער ער האט זיך געמאכט, וואס ווינ־ציגער ער האט זיך צוגעשריבען מאכט, אלץ מעהר גלויבען האט ער ער־וועקט אין זיך. פערלאזענע און אונגליקליכע זיינען זיי אריינגעקו־מען, — פול מיט האפנונג און ריינערע זיינען זיי ארויסגעגאנגען. דער זכרון אז איהם האט ערוועקט פרומקייט, צניעות, ריינע געדאנקען ביי די טויזענדער וואס זיינען געקומען זוכען הילף אויף דער שוועל פון זיין טהיר.

יעדעס מאל נאך דעם עמפפאנג האט ער זיך געפיהלט אונגליקליך און זינדיג. דאס בענקעניש צו זיינע פריהערדיגע טעג, צו דער ריינער נשמה, האט איהם ארומגענומען און געפייניגט. ער האט זיך פאר־שלאסען אין צימער און קיינעם ניט אריינגעלאזט צו זיך. מנחה און מערב האט ער געדאווענט ביחידות, אבגעשלאסען. א צובראכען הארץ האט ער געהאט, יעדעס מאל נאכ'ן עמפפאנג, האט ער געדאווענט מערב מיט א צובראכען געמיטה. דאס האט איהם אביסעל בערוהיגט און די הויז מענשען האבען געוואגט אריינצוגעהן צו איהם נאך מערב — אז ער זאל עפעס נעהמען אין מויל אריין. נור דעם אבענד האט דער שוועד זיינער — ר' עוזר'ל ווייץ־סוחר, מיט ר' איציקעל גבאי, געוואלט אריינפיהרען צו איהם זעהר אן אנגעזעהנעם נגיד, א וואזש־נעם חסיד פון אן אנדער רבי'ן, וועלכען זיי האבען געוואלט געווינען פאר יואל'ן.

ווען דער רבי האט זיך נאך געהאט אבגעגעבען מיט'ן פראסטען פאלק, האט ער זיך נאך האלב געפיהלט בערוהיגט, ווייל זיי גלויבען בתמימות. מיט אזעלכע געסט אבער, וואס מען האט אריינגעפיהרט צו איהם, ניט ווייל זיי דארפען עפעס, נור ווייל מען וויל זיי געווינען, האט ער געפיהלט זיך זעהר שלעכט און זינדיג. ער איז שטום געווען און טרויעריג און ניט אבגעענטפערט. טייל אזעלכע וואזשנע מקורבים האבען זיך געפיהלט בעליידיגט און זיינען מעהר ניט געקומען. נור אנדערע איז זיין שטום האלטען זיך דוקא געפעלען געווען און זיי האבען זיך אנגעקלעבט אין איהם. דער נגיד, וועלכען מען האט געוואלט היינט אריינפיהרען צו איהם, איז געווען צו וויכטיג אז מען זאל רי־זיקירען. עס האט זיך געהאנדעלט אום אבצונעהמען „א פעסטונג" פון אן אנדער רבי — איז צוערשט אריינגעגאנגען דער שווער, רב עוזר'ל, מיט'ן גבאי, איבערצורעדען מיט איהם.

נור דער רבי איז היינט געווען שלעכט אויפגעלעגט. דאס דאוונען האט זיך איהם ניט איינגעגעבען. ער איז מטושטש געווען אין עולם הזה און ער האט בפירש געזעהן, אז מען לאזט איהם מעהר ניט אויפ'ן הימעל ארויף, אז מען לאזט איהם ניט מעהר זיך בעהעפטען ניט'ן נצוץ. שוין זייט א האלב יאהר זינט ער האט חתונה געהאט, איז ווי ער זינקט אין גשמיות, און קיין מאל לאזט מען איהם ניט מעהר זיך אויפהויבען און קיין מאל איז נאך ביי איהם די תשוקה און דאס בענקעניש ניט געווען אזוי שטארק צום מקור ווי אין דעם היינטיגען אבענד. איז ער אריינגעפאלען אין צער. און ווען ער איז אריינגעקומען אין צער איז עס געווען ביי איהם א סימן, אז ער ליגט צוגעבונדען צו דער ערד, ווארום דער צער איז געווען די מוטער פון דער ערד, און די שמחה — די מוטער פון הימעל.

ווי דער רבי האט דערהערט, וואס זיי פערלאנגען פון איהם האט ער אנגעהויבען צו שרייען:

— וואס מיינט איהר, איהר האט מיר געדונגען, איך זאל א וואגען אנגעלאדען מיט שטיינער שלעפען אין הימעל אריין, ווייל איהר פי־טערט מיין גוף? גיט מיר שפייז פאר דער נשמה, וועל איך אייך שלע־פען אין הימעל אריין. איהר בינדט מיך צו צו דער ערד, און איהר ווילט, אז איך זאל אייך שלעפען צום הימעל?

זיינען זיי ארוים פון איהם און אריינגעשיקט דאס ווייבעל. ווארים

זייט די פרוי זיינע איז טראגעדיג געווארען האט ער איהר גארנישט געקענט אבזאגען.

א שולדיגע, א שווייגענדע האט דאס ווייבעל זיך געשטעלט אין דער טהיר, האט געקוקט אויף איהם מיט בקשה אין איהרע יונגע אויגען.

— וואס וויל זי? — דער טאטע האט זי געשיקט? — האט יואל געזאגט, ניט קוקענדיג אויף איהר.

— יואל, איך בין אריינגעקומען, אז דו זאלסט עסען. שלמה טראגט דיר אריין דאס עסען. איך וועל ניט אבטרעטען פון דער טהיר ביז דו וועסט ניט האבען אויפגעגעסען. ס'איז שוין שפעט נאך מערב און דו האסט נאך גאר ניט גענומען אין מויל אריין.

און טאקי באלד האט דער היטעל־מאכער אריינגעטראגען א טאץ מיט עסען און אוועקגעשטעלט אויפ'ן טיש, און אן אנדער שמש מיט א שעפ וואסער און א ריין האנטוך, האט זיך אוועקגעשטעלט ביים כיור, גרייט דעם רבי'ן צו בעדיענען.

יואל האט דערזעהן איהר טראגעדיגע פיגור, כאטש ער האט ניט געקוקט אויף איהר פנים. איהר טראגעדיגקייט האט איהם געמאכט שולדיג. ער האט געהאט דאס געפיהל יעדעס מאל ווען ער האט זי געזעהן, אז זי איז די נשמה, וואס ער האט געהאט בחור־ווייז, נור די נשמה איז פערזינדיגט געווארען דורך זיין שולד... און די שולדיגקייט האט איהם פערפליכטעט צו דער זינד אין וועלכע זייביידע שטעקען. ער האט גאר ניט מעהר גערעדט. איז צוגעגאנגען צום כיור, געוואשען זיך, און אוועקגעזעצט זיך ביים טיש עסען. און זי איז נאך אלץ גע־שטאנען ביי דער טהיר, האט ניט גערעדט, נור געווארט. און איהר שטעהן פאר איהם איז געווען ווי זי דערמאנט איהם, אז ער האט מעהר קיין רעכט ניט צו יענער וועלט.

— נו, גוט, נו, גוט — זאג דעם טאטען, זאל ער איהם אריינפיהרען. איך וועל איהם מקבל זיין — בסבר פנים יפות וועל איך איהם מקבל זיין.

דער רבי איז אריינגעפאלען אין עצבות. ער איז געזעסען גאנצע שעה'ן, ארום איהם די חסידים און מקורבים ביים טיש, און ער האט גע־שווייגען. נור דאס שווייגען איז ניט געווען א טיעפעס, פון שמחה — נור פון עצבות. דער ערשטער וואס האט דאס בעמערקט, איז געווען דוקא א פשוט'ער איד — דאס קלייגער שומטער'ל.

דער קליינער שוסטער׳ל וועלכער האט דער ערשטער נביאות גע־זאגט אויף דעם בחור אז ער איז א קדוש, איז געווען דער, וואס האט געוואגט צו זאגן, אז דער רבי איז טרויעריג און זיין דאווגען איז ניט דאס.

געווען איז עס א פרייטאג־צו־נאכטס וואס איז אויסגעפאלען שבועות. צום רבי זיינען זיך צוזאמענגעקליבען חסידים פון דער גאנ־צער וועלט, געקומען זיך משמח זיין מיט קבלת־התורה. דאס נייע בית־המדרש וואס מען האט אויסגעבויט פאר׳ן רבי, האט זיך געברא־כען פון חסידים. א גרויסער עולם אין הויף — אלע אין אטלעס, אלע אין פוטערנע שטריימלען. פון דער טונקעלהייט בלישצען ארויס די צניעות׳דיגע פרומע שבת־ליכט — שבת איז איבער דער וועלט, און זומער. די נאכט רוקט זיך ערשט צו — ניט מיט טרויעריגקייט, נור מיט א שטילקייט און מיט פרומקייט. די אונטערגעגאנגענע זון בע־הערשט נאך דעם הימעל, בעלייכט די שטיקער לויפענדע וואלקען, כאטש מען זעהט זי שוין לאנג ניט. פון אלע הייזער שיינען ארויס שבת־ליכט. דער חזן זינגט דעם פרעהליכען לכה דודי, און דער רבי שטעהט אין ווינקעל, דאכט זיך ווי תמיד. מען זעהט גאר ניט אז ער איז דא, ער בעוועגט זיך, נור מיט דעם קאפ אנגעלעהנט אויף איין האנד, פער־טראכט. וואו איז דאס ליכט וואס ציהט זיך פון זיי צו איהם? וואו איז דער נצוץ, וואס ער האט תמיד געפיהלט אין זיך בשעת׳ן דאווגען? ארום איהם גראבע חומרם, וואס שוויצען — און מען פיהלט דעם שוויים און ער שטעהט אין מיטען, צווישען זיי, און זאגט טרוקענע ווערטער. ער פערשטעהט דעם פירוש המילות, נור די ווערטער זיינען אלט, אלע זאגען זיי, יעדען שבת זאגט מען זיי — „לכו נרננה“, א געזאנג מיינען זיי צו גאט? פון איינעם׳ס „לכו נרננה“ הערט זיך א געשריי נאך א שטיקעל ברויט, פרנסה; פון אן אנדערען׳ס — א גוט גע־שעפטעל, דער מסחר פון וואלד זאל זיך איהם איינגעבען; פון א דריטען׳ס — א מצוה׳לע, א קליינס, א שטיקעלע חלק לעולם הבא. יעדער וויל עפעס אנדערש — נישט פאר זיין נשמה, נור א שטיקעלע, אביסעלע פאר זיין ארימען שטארבענדען חומר. בעטלערם שטעהען ארום און שנארען ביי גאט: דער א שטיקעל ברויט, דער אביסעל גדולה, אנ׳אנדערער א מצוה׳לע, און פון אלע פיהלט זיך דער שלעכטער ריח — דער ריח פון דעם פוילענדען חומר — און ער שטעהט צווישען זיי

— און וואס וויל ער? איהם האט מען געזאלבט פאר דעם מלך פון שנארערס, אז ער זאל פאר זיי אויסבעטלען שטיקלאך הנאות־הגוף. קען ער דאס? ניין, ער נארט זיי אב.

מיט די געדאנקען האט ער זיך אויסגעדרעהט צום עולם. דאס קליינע שוסטער'ל איז געשטאנען הינטער איהם. ער האט זיך יעדען שבת געשטופט אין שטיבעל אריין צום רבי'ן. און ווי נאר דער קליינער שוסטער'ל האט אין זיין פנים אריינגעקוקט, האט ער אלעס געוואוסט.

— דו האסט געזעהן? דו האסט געזעהן? — האט ער געפרעגט די חסידים ארום.

— וואס? וואס?

— דעם רבי'ס פנים, ער איז דאך טרויעריג!

חסידים האבען איהם געוואלט שלאגען, צוטרעטען מיט די פיס, ער האט זיך פון זיי ארויסגעדרעהט.

ביים טיש האט דער רבי א לאנגע צייט געשוויגען. די מקורבים, וואס זיינען געזעסען ארום טיש, האבען געווארט — מען האט געווארט מיט די מאכלים אויפ'ן רבי'ס תורה, האט ער אנגעהויבען עפעס צו זאגען, ווידער וועגען התפשטות הגוף, און וועגען אנבינדען זיך מיט'ן נצוץ און וועגען ערהויבען זיך. נור פלוצלונג האט דער רבי דערזעהן דעם קליינעם שוסטערל שטעהענדיג הינטער א חסיד'ס רוקען און קוקט איהם גלייך אין פנים אריין. האט דער רבי זיך דערמאהנט, אז ער האט ערגעץ וואו געזעהן דעם קליינעם שוסטערל. ער האט זיך דערמאנט אן יענעם דאווענען אין בית־המדרש און ער האט פלוצלונג אויפגעהערט זאגען תורה, איבערגעהאקט.

חסידים און מקורבים האבען זיך פערוואונדערט. נור שבת נאך טיש איז דער קליינער שוסטערל ארומגעגאנגען צווישען די חסידים און געברומט עפעס אונטערן נאז און געצויגען מיט די קליינע קרומע אקסלען:

— עס איז עפעס וואס קאליע געווארען. איך ווייס ניט וואס איז קאליע, נור עס איז קאליע.

פאר די רייד האט ער געכאפט צוויי פלאמעדיגע פעטש פון א חסיד, א בעלי־הבית פון שטאדט:

— מיש זיך ניט אין אזעלכע זאכען — עס הארץ.
האט דער קליינער שוסטערל צוגענומען די צווי פעטש, אוועק־געשטעלט זיך אין א ווינקעל ביים אויווען און געזאגט זיין וואכענדיגען תהלים מיט א שבת'דיגען נגון.

דער וואלד האט געשוויגען — אן אנגעוואקסענער חומר, גראבע בוימער מיט א סך צווייגען, צוויגען ארום צווייגען, בלעטער גרינע, — אלעס קומט ארויס פון דער ערד — צו וואס? אזוי ווי קראנקע שוואמען, וואס דער רעגען ברענגט ארויס, פערברענט צו ווערען — און ער אין מיטען — א קראנקער, אנגעשוואלענער שוואם — ארויס פון דער ערד, רייסט זיך אב, קריכט ארום איבערן גראז ווי יעדעס חי, פערפוילט צו ווערען, אבשטארבען און ווידער אוים! לאזען זיך אין דער ערד און ווידער וועט עפעס ארויסוואקסען, אן אנדער קראנקער שוואם. — אזוי דור איין, דור אוים — ביז דער גרויסער סוף וועט קומען און די גאנצע וועלט וועט ערגעץ וואו אוועקגעהן, אויסלאזען זיך, א פארע ווערען, אוועקטראגען זיך — און ווידער אן אנדער קראפט ווערען. אומזיסט האט ער געפרואווט אויפהויבען זיך, געדענקען דעם ווילען, דעם כח פון דעם וואס האט דאס געשאפען. א מינוט האט עס איהם, חלילה, אויסגעוויזען, אז דער וואס האט דאס געשאפען, איז אויך אזא כח, וואס איז דורכדרינגליך, און בייט איבער יעדעס מאל זיין לבוש — ער האט זיך געשראקען פאר'ן געדאנק.
עס איז געווען פארטאג. די גראזען זיינען געווען נאס און די בוימער האבען זיך געוועקט פון שלאף. די אלול־זון, מיט ליכט אבער אהן היץ, ווי א צום טויט־פעראורטיילטער וואס ווארט אויפ'ן יום הדין — איז ארויס איבער'ן הימעל. פון דערווייטענס האט א פויגעל אין א בוים געקלאפט, ווערים האבען געסווישטשעט, וידוי אבגעזאגט. פון דערווייטענס האבען זיך געהערט קולות: רבי! רבי! יואל האט זיך אויפגעהויבען פון דער פייכטער ערד, די פיס האבען איהם גע־בראכען פון דער פייכטקייט, און א מיעדקייט און א ניט־אויסגעשלאפענקייט האט איהם ארומגענומען. ער האט ניט פערשטאנען פאר וואס ער האט געטהאן די נארישקייט — צו וואס איז ער געגאנגען ביי־נאכט אין וואלד אריין — ער האט פערגעסען דעם טעם דערפון...

נור עפעס אַ בענקשאַפט האָט איהם ארומגענומען. ער האָט געהאַט דאָס געפיהל, אז ער האָט עפעס פערלאָרען און ניט געוואוסט וואָס. ער האָט זיך אויפגעהויבען, ארויסגעקראָכען פון די געדיכטע בלעטער. דער היטעל־מאַכער איז שוין געשטאַנען פון דערווייטענס, געהאַלטען אַ ווארימע קאַפּאָטע און איהם איינגעהילט. דער צווייטער שמש האָט איהם אַ ווארימע שאַל ארום האלז ארומגעוויקעלט. זיי זיינען איהם נאָכגעגאַנגען אין שטעדטעל אריין, מיט מורא, מיט אימה.

אויפ'ן וועג איז זיי אנטקעגען געקומען פון שטעדטעל דער קליי־נער שוסטערל. ער האָט געהאַלטען אויפ'ן פּלייצע אַ זעקעל מיט כלים, געגאַנגען אין אַ דאָרף ארבייטען, געגאַנגען און געזונגען קאַפּיטלאַך תהלים מיט אַ שבת'דיגען נגון.

אז דער רבי האָט דאָס דערהערט, האָט ער זיך אבגעשטעלט, אב־געוואַרט ביז דער שוסטערל איז אַנגעקומען. נור דער שוסטערל האָט דעם רבי'ן ווי גאָר ניט בעמערקט, איז פארבייגעגאַנגען מיט'ן זעקעל אויף די פּלייצעס מיט אַ פרעהליכען תהלים־נגון.

לאַנג האָט זיך דער רבי צוגעהערט צום שוסטערל'ס נגון, און זיך עפּעס דערמאָנט...

ווידער איז זיך די גאַנצע וועלט חסידים צונויפגעפאָהרען אויף שבת חול המועד. דער רבי איז געוואָרען אַ בעל־שמחה, ער מאַכט אַ ברית. די מקורבים נגידים האָבען געבראַכט מתנות צו דער יולדת און צו דעם בכור. ר' חיים'לען דעם גאַסטיניגער האָט מען געבראַכט מוהל צו זיין. פיש איז געשיקט געוואָרען פון דער גאַנצער וועלט. אַ סעודה איז אַנגעגרייט געוואָרען ווי צו אַ חתונה, און שבת נאָכ'ן ברית — טאַקע שבת חול המועד סוכות, האָט זיך דאָס שטעדטעל געבראָכען פון חסידים. די געסלאַך האָבען זיך געשוואַרצט פון די זיידענע און אטלאַסנע קאַפּאָטעס.

פרייטאָג נאָך מיטאָג — אַ זומערדיגער נאָך מיטאָג נאָך, כאָטש ווינטיג. חסידים האָבען זיך אין מקוה געפּאָרעט. נאַסע פאות און ווייסע קעלנער פון העמדער, שוואַרצע אטלאַסנע קאַפּאָטעס, ווייסע זאָקען — אַלע איילען זיך צום רבי'ן. דאָס שטיבעל איז שוין פול אַ שטיק פאַר ליכט בענשען. דער גאַנצער בית־המדרש ברעכט זיך, דער הויף אָנגעפּראָפּט. אין רבי'ס גאָרטען, אונטער די עפּעל־בוימער, זיצען גרופען יונגע חסידים און זינגען שיר השירים. אנדערע —

גלאט אזוי אַ פרומען נגון. אינגלאך רייסען די איבערגעבליבענע עפּעל פון די בוימער און טהיילען אויף אַ ברכה. אין הויף און פון הויף גע־העז אריין און קומען ארוים מקורבים, סאמע קארפּען קעפּ, אידען מיט ברייטע פּלייצעס, לייכטענדע פּנים'ער און שווארץ בעוואקסענע בערד. די זיידענע קאפּאָטעס אריבערגעהאנגען איבער די אקסלען און די הויכע, פוטערנע שטריימלאך פעררוקט אין אַ זייט. יעדען פון זיי קען מען. רופט מען אָן אַ נאָמען — קוקט מען זיך אום: דאָס איז ר' בעריל זאמאשטער, אליין אַ האלבער רבי. און דער, דער גרויסער רב, דער עלוי פון פּלאָצק. און אַן אנדערער, דער גרויסער ווארשאווער נגיד, וואָס איז געקומען מיט זיין בריטשקע און דריי פערד געשפּאַנט נאָ־שפּיטץ. אנדערע זיינען גאָר אָרימע, אין אָבגעריסענע קאפּאָטעס, אויסגעפליקטע שטריימלאך. נור מען האָט מעהר דרך־ארץ פאר זיי ווי פאר די נגידים. זיי אלע קומען אריין אין הויף, ווילען אריין צום רבי'ן פאר קדוש השבת. נור קיינעם לאָזט דער רבי ניט צו צו זיך. ר' איציקעל קומט ארויס, נעהמט ארום די מקורבים און סוד'עט זיך עפּעס. באלד ווערען עס געוואָהר די יונגע חסידים און אַ ברומען און סוד'ען געהט איבער פון איין אויער צום אנדערען: דער רבי לאָזט קיינעם ניט צו צו זיך, ער איז זיך מכין.

באלד ווערט מען געוואהר נאָך אַ וואונדערליכע זאך: דער רבי וועט אליין מקדש זיין דעם שבת — און אויף דער פרייער וועלט. ער וויל די חסידים ארויספיהרען פון די ענגע ד' אמות, און דאָרט, פאר דער וועלט — פאר הימעל און ערד, מקדש זיין דעם שבת. די פרומקייט און די צניעות שטארקט זיך ביי יעדען. אַ ציטערדיגע, ערהויבענדע פרייד געהט אדורך אלע און אַן ערהויבענקייט פיהלט זיך נאָך איידער דער שבת קומט אָן.

הינטער'ן רבי'ס הויף זיינען די ברייטע פעלדער ביים ראנד פון וואלד, פאשען זיך דאָרט די שטאָדטישע בהמות, און ווען די זון געהט אוועק אין וואלד אריין, ווערט ניט בלויז דער הימעל איבער'ן פעלד בעלויכטען מיט אַ אויסטערליש ליכט, נור דאָס פעלד און אלץ וואָס אויפ'ן פעלד, ווערט בעלויכטען מיט אַ הערליך ליכט. און יעצט זיי־נען אויפ'ן פעלד פערשפּרייט גרופּלאך חסידים. דאָס שווארצע זיידענס שלאָגט צוריק פון זיך אַ ליכט פון פּעריל און עס הערט זיך אַ שטיל ברומען, ווי אַ געזאנג, וואָס אַ מאָל מעהר ווערט דאָס פעלד פול מיט

אידען, קופיען זיך איין און צולאָזען זיך. און אומעטום שלאָגט אָב דאס שווארץ זיידענע און אטלאסענע מיט פעריל־גלאַנץ. אין אן אנדער ווינקעל שטעהען די פרויען מיט זיידענע געהאפטענע טיכער ארומגע־הילט, פעריל און בריליאנטען שפריצען מיט שטראהלען, דער שטאר־בענדער זון אנטקעגען, ווי זיי וואָלטען איהר געוואָלט אוועקגעבען זייער ביסעל ליכט, זי זאָל ניט אויסגעהן... אידישע, ווייבערשע שטערן גלאנצען און אַ פרומקייט ווערט געמורמעלט. דאַן ווערט אלעס שטיל, מיט איינגעהאלטענעם אָטהעם — און ניט נאָר די חסידים, נור די גאנצע וועלט. מיט רוהיגע טריט קומט אַן דער רבי פון זיין הויף. ער געהט מיט שטאלץ און די אונטערגעהענדע זון בעגיסט איהם אין גאנצען מיט א געל ליכט. און ער געהט נאָך דער זון, און די חסידים נאָך איהם, מיט שטילע, קליינע טריט. אלעס איז שאַ, שטיל. מיט איינגעהאלטענעם אָטהעם, ווי מען וואָלט געווארט אויף אַ נס, אויף א קץ. און דער רבי געהט אלץ ווייטער, פאמעליך — נאָך דער זון נאָך, ביז ער קומט צום ראנד פון וואלד. עס ווערט טונקעל און שטיל, וואָס אמאָל טונקעלער און שטילער. פלוצלונג הערט זיך אַ פייפעל פייפען. קיינער הערט ניט ווען עס האָט אנגעהויבען צו פייפן מיט אַ לייכטען טאָן, און וואָס אמאָל שטאַרקט זיך דאָס פייפען. באלד וועהט אדורך אַ שטיקעל געמורמעל: דער רבי פייפט אויף א פייפעל — ער איז מקדש שבת מיט דער פייפעל. ער זאָגט קיין ווערטער ניט, ער וויל מיט'ן נגון — מיט'ן פייפען. דער וואלד איז שוין דאָ און דער וואלד פייפט מיט. די פויגלען פייפען מיט, און די בוימער שאָרכען מיט, און די גראָזען בעוועגען זיך און באלד דאכט זיך, אָט, אָט הויבט עס אָן ווידער צו זינגען, עס הויבט אָן ווידער צו פיהלען אין זיך דעם כח — עס ווערט בעלעבט. די בוימער הויבען זיך אָן צו וועקען פון אַ שווערען, לאנגען שלאָף — זיי דערפיהלען עפּעס, שאקלען זיך וואס אמאָל מעהר, שטארקער. די פויגלען שרייען שוין — און אפילו די גראָזען הויבען שוין אָן צו רעדען. אָט דערפיהלען זיי שוין דעם כח אין זיך — זיי פערשטעהען וואָס מען מיינט — און אָט וועט ער באלד מיט זיין פייפעל אויפוועקען דאָס געפיהל פון דער וועלט, און זי וועט פערשטעהן דעם כח מיט וואָס זי קומט און דעם חלק וואס זי האט אין בורא עולם, און אויפוועקען זיך פון חומר, אוז אָנבינדען זיך אין אייביגקייט, דער גרויסער יצירה. און אָט פיהלט

ער שוין אלעם און פערשטעהט דעם שבת — דעם כח הכל — דעם תכלית — פלוצלונג שרייט ווער אויס:

— עוכר ישראל, מחלל שבת בפרהסיה!

חסידים קוקען זיך ארום — א טונקעלער וואלד, שבת, שטערן שיינען, און דער רבי פייפט אויף א פייפעל. און דער קליינער שוס־טערל שטעהט געגען דעם רבי'ן און שרייט: „מחלל שבת'ניק — שטערן שיינען!"

אין בעזונדערע וועגען, איינציגוויין, איז דער עולם צוריקגע־גאנגען פון וואלד. א פערשעהמטער, געהיט זיך צו מאכען א פסיעה גסה. אז רבי'ן האט מען פערגעסען. ער איז ערגעץ וואו אין וואלד פערשוואונדען. א לאנגע צייט האט מען גאר ניט געדענקט וועגען איהם. געדאווענט בעזונדער, ביי זיך אויף די קווארטירען. שבת צו־נאכטס זיינען זיי זיך צופאהרען, ווי נאכ'ן עגל — און דער רבי איז אלץ ניט געווען.

נאך הבדלה האט די וייב און דער שוועהר געדונגען פוהרען און געשיקט אין וואלד אריין זוכען דעם רבי'ן — מען האט איהם ניט גע־פונען. צושיקט פוהרען איבער די וועגען און ערגעץ ניט געווען צו גע־פינען. אין א יאהר צייט ארום האט מען דערצעהלט, אז עס געהט איבער די וועגען א דארער חסיד, נע ונד. ער מיידט אויס שטעדט און מענשען, און האלט זיך אויף די פעלדער און וועלדער, ביים וואסער. עסט ווילדע גראזען און איז ווילד בעוואקסען. פויערים האבען איהם געזאלט האבען בעגעגענט אין די בעהעלטנישע פון די וועלדער — האבען זיי געמאכט א געיעג אויף איהם — אבער קיינער האט איהם ניט געקענט כאפען. טייל זאגען, אז דאס איז דער בחור הקדוש, וועל־כער האט אויף זיך גענומען די תשובה, איבער א גרויסער עברה.

דער ויידענער קאפטאן.

(א בילד)

(לכבוד מיין מוטער אין א ווייט לאנד).

אין איינע פון די קראמען אויפ'ן אלטען מארק האט חיה־רייצע געהאט איהר הערינג געוועלבעל. איך וויים ניט אויב ווער עס האט בעמערקט חיה־רייצען א גאנצע וואך אלס א לעבעדיג נפש, חיה־רייצע אין איהר פערפעטסטען קאפטען, וועלכער האט זיך געגלאנצט ווי א בלאנקענדיג שטיק לעדער פון נאפט פעטקייט; חנה־לאה מיט איהר פערזאלצענדיג פנים פון דעם הערינג־ראפע, וועלכעם האט זיך געלייגט איבער איהר ווי א פאנצער, האט אויסגעזעהן א גאנצע וואך ווי א שטיק שמאטע וואס וואלגערט זיך אין גאס ארום. מענשען האבען געזעהן ווי די אידענע קוילערט איבער דער גאס פעסלעך הערינג אין איהר געוועלבעל אריין און גאר ניט בעמערקט קיין אויסטערליש אין דעם. — מען איז געוואהנט געווען צו זעהן חיה־רייצען א פערהא־רעוועטע אזוי ווי מען איז געוואהנט געווען צו זעהן דאס בלינדע אויס־געמוטשעטע פערד פון וואסער־טרעגער — און קיינער האט זיך דערויף ניט אבגעשטעלט.

חיה־רייצע אליין האט נישט קיין צייט געהאט צו בעטראכטען איהר מזל, און וואלט זי זיך יא אמאל צייט גענומען דעריבער נאכצוקלערען, וואלט זי אין איהר לעבען אויך קיין אויסטערלישעס ניט געווען גע־זעהן, איבער וועלכען זי זאל זיך האבען איבער וואס צו קלאגען. „אבי, גאט צו דאנקען, מען לעבט און עס איז דא רבי געלד צו צאהלען". פון א וואך נאך דער חתונה אן, האט זי גענומען אויף זיך דעם יאך פון פרנסה, כדי דער מאן זאל קענען זיצען און לערנען, — און אזוי

טראגט זי שוין דעם שפאן, וואס מען האט אנגעטאן אויף איהרע יונגע מיידעלשע פלייצעס, אכט און צוואנציג יאהר. זי איז אלט גע־ווארען אין דעם שפאן. איהר מיידעלשעם פנים און איהרע פיינע מיידעלשע הענד זיינען איינציגוויים געווארען אויפגעגעסען פון הע־רינג און זאלץ, איהר יונגער לייב איז אנגעזאפט געווארען מיט נאפט, ביי וועלכען זי איז ארומגעגאנגען א גאנצען טאג, ביז זי איז פער־וואנדעלט געווארען אין א מענשליכע שמאטע. אבער דאך אזוי ווי דער פערהארעוועטער אייזעל ערפילט זיין מוטער־פליכט און זויגט זיינע קינדערא אונטער דעם שפאן, אזוי האט אויך חיה־רייצע עהרליך ערפיהלט איהרע פליכטען אלס א ווייב און אלס מוטער, — און האט צווישען נאפט און הערינג אכט קינדער אויף דער וועלט געבראכט. צווישען נאפט און הערינג האט זי איהרע קינדער געזויגען. גרויס־געוואקסען זיי און מלמדות־געלד בעצאהלט.

אין די מארק־טעג איז חיה־רייצע צוריסען געווארען פון די פויע־רים און פויערטעס וואס האבען אנגעפילט איהר געוועלבעל. מען האט חיה־רייצע'ן געריסען פון אלע זייטען, און דא האט זי פון הויף אריינגעקוילעט א טינטעל נאפט, און דא האט זי געשלעפט פון א קאן פערזאלצטע הערינג ארויס.

און אז די גוים האבען געזעהן ווי חיה־רייצע שלעפט די זעקלעך זאלץ אויף איהרע פלייצעס און קרעכצט שווער אב אונטער זייער לאסט און מאטערט זיך צו געהן פאראוים, אז די אויגען זעצען זיך איהר ארויס פון דעם פערשוויצטען פייכטען פנים, האבען זיי געלאכט און צוגעיאגט זי, ווי מען יאגט צו אן אלט פערד:

— העי, שקאפע, שלעפ שטארקער, שטארקער, וויא, וויא — האבען זיי געשמיצעלט מיט זייערע ליפען, ווי מען יאגט אונטער אן אלט פערד.

אז יצחק'ל און שרה'לע, וועלכע האבען אין די מארק־טעג די מאמען צוגעהאלפען אין געוועלבעל, זיינען צוגעלאפען פון די מאמען ארבנעהמען די זעקלעך זאלץ, האט זי זיי אוועקגעטריבען.

— לאזט אב, קינדערלעך, איהר וועט אייך, חלילה, דאס הערצעל אברייסען, איך וועל שוין שלעפען.

און טאמער איז שמואל־יוסף, דער מאן (וועלכער האט ניט גע־קענט איינזיצען אין בית־המדרש) געקומען אין געוועלבעל איהר צו

העלפען, געשטאנען מיט די ציטערענדיגע פיאות אין א ווינקעל און גע־נומען געלד פון די פויערטעס דורך א פאטשיילע, כדי זיין האנד זאל זיך ניט אנריהרען אן איהרע — און די גוים האבען געלאכט — האט זי ניט געקענט איבערטראגען ווי מען לאכט אויס א תלמיד חכם — האט זי איהם געיאגט פון געוועלבעל:

— געה שוין ארויס, געה שוין ארויס, כ'וועל מיר שוין אליין אן עצה געבען.

אויף דער נאכט, נאך א מארק טאג, אז חיה־דרייצע איז געזעסען אויפ'ן בעט און שטיל געקרעכצט, ניט געוואלט עסען, איז ער, דער מאן, צוגעקומען, און קוקענדיג אויף דער וואנד, האט ער געזאגט:

— וואס, עס טוט דיר וועה?

— עס איז גאר ניט. די הענד ציהען אביסעל; שרה'לע, גיב מיר דאס שמירעכץ, וועסט מיר די הענד אויסשמירען.

האט ער אויך געלאזט שטעהן דאס עסען און אויפגעעפענט די גמרא און האט אנגעהויבען צו לערנען.

האט עס איהר וועה געטאן. דאס הארץ נאגט איהם אודאי.

— שמואל־יוסף, פאר וואס געהסט דו דיך ניט וואשען, האט זי זיך אנגערופען.

האט ער געברומט אין די בארד אריין:

— כ'האב צייט ווארטען.

האט זי פערשטאנען וואס ער וויל, האט זי זיך געשטארקט, אויפ־געהויבען זיך פון בעט און איז צוגעגאנגען צום טיש. איז ער זיך געגאנגען וואשען צום עסען.

און נאכ'ן עסען, אז ער האט זיך אוועקגעזעצט לערנען, איז איהר זיין קול תורה געווען א בעצאהלונג פאר א גאנצען טאג פלאגעניש, און זי איז איינגעשלאפען א מיעדע, איינגעוויגט פון זיין תורה לער־נען...

נור דערפאר אז עס איז געקומען שבת, און חיה־דרייצע האט ארויס־גענומען דעם אלטען זיידענעם קאפטען פון קאסטען ארויס, אנגעטאן זיך אין איהם צו ליכט־בענטשען, האט זי זיך געפיהלט מיט אמאל א גאנץ אנדערע.

עס איז אוועק דאס וואכעדיגע, און עס איז פערשוואונדען די נאפט, זאלץ און הערינג, און — א גרויסע, הייליגע איידעלקייט פון

שבת קומט איבער איהר, און זי פיהלט זיך אזוי יונג און איידעל און צערטליך־טרויעריג, ווי דענסטמאל, ווען זי האט צום ערשטען מאל אנגעטאן דעם זיידענעם קאפטען, ווען מען האט זי אונטער דער חופה געפירט...

און ניט זי אליין פיהלט זיך אזוי, אין דעם זיידענעם קאפטען. נור אין מענשענס אויגען ווערט חיה־רייצע פערענדערט, ווען זיי זעהן זי אין זיידענעם קאפטען. שבת אין דער פריה צו ראש חודש בענ־שען, אז חיה־רייצע געהט איבער'ן געסעל אין שוהל אריין אין זיידענעם קאפטען, און איהר אינגעל טראגט איהר נאך דעם סדור אין א ווייס טיכעל איינגעבונדען, דערקענען זי נישט די בעלי־בתים, און מיינען עס איז גאר א גאנץ אנדערע חיה־רייצע פון א גאנצער וואך. דער זיי־דענער קאפטען בלישטשעט זיך אין די פרישע מארגענדיגע זון ווי שווארצע פעריל, און ווארפט אויף איהר א יום־טוב'דיגען אלט־אידי־שען גלאנץ. מען פערגעסט גאר אז חיה־רייצע איז די אידענע פון נאפט, פון הערינג און זאלץ, וואס וואלגערט זיך ארום א גאנצע וואך א פערפלעקטע, א אויסגעשמירטע, און בעדעקטע מיט הערינג שאפען. מען מיינט, אז חיה־רייצע טוט קיינמאל ניט קיין שווערע ארבייט, אז חנה־לאה געהט שטענדיג אנגעטאן אין זיידענס און זיצט ווי אן איי־דעלע א גאנץ טאג אין שטוב און מען האט דרך־ארץ פאר חנה־לאה'ן. מען דערמאנט זיך אן איהר יחוס, אז זי קומט ארוים פון א פיין הויז, אז זי איז א בת־נדיבים, איהר שווערע ארבייט א גאנצע וואך ווערט אויפגעהויבען ביי אלעמען אין די אויגען. זי ארבייט נור כדי דער מאן זאל קענען זיצען און לערנען, פאר די קינדער צו בעצאהלען שכר־למוד געלד, — און מען גריסט זי מיט רעספעקט:

— גוט שבת, חיה־רייצע.

— גוט־שבת, גוט־יאהר.

טאקע דאס קאפטענדעל, וועלכער האט געהאט דעם מאגנעטישען קראפט צו פערוואנדלען חיה־רייצע'ן פון א שפל־דיגע הערינג־אידענע אין א בת־נדיבים, איז שוין געווען אן אויסגעריבענעס, א צוריסענעס. דא און דארט האט זיך שוין געפליקט פון זיידענס איינצעלנע פעדים און נאכגעשלעפט זיך, און דער ברייטער האנד־געוועבטער פראנץ איז שוין געווען אויסגעגעסען אין פיעלע ערטער, אין אנדערע האט זיך נעגרינט דער פלאקסענער אונטערגרונד פון צוריבענעם זיידענס

ארויס, אבער דאך איז עס געווען זיידענס, און דאס זיידענס האט ארומגענומען חיה־רייצעס גלידער איינגעהילט זיי אין א שטילען, צניעות'דיגען שווארץ־פערדיגען גלאנץ. און עס האט געבלישט און געבלאסקט פון דערווייטענס ווי טהייערע שטיינער וואלט אין דעם זיידענס געווען איינגעזעצט. און אז חיה־רייצע איז געגאנגען מיט קליינע איינגעהאלטענע טריט איבער דעם מארק אין שוהל אריין, האט זי אויסגעזעהן אין דעם זיידענעם קאפטען ווי א שטאלצע איידעלע פרינצעסין, און ניט די קליידער גלאנצען אזוי אויף איהר, נור דער שטילער צניעות'דיגער איידעלער שימער וואס שטראהלט פון דעם זיידענעם קאפטען ארויס — קומט פון א טיעפערען מקור, ער קוועלט דער גלאנץ פון איהר איידעלע נשמה ארויס...

קיינמאל האבען די פויערים פון דארף ניט געזעהן חיה־רייצע'ן אין זיידענעם קאפטען. זיי האבען זי נור געזעהן אין די מארק־טעג, אין די פערפעטסט קליידער, צווישען נאפט און זאלץ הערינג. א פערהארעוועטע און א פעריאגטע, ווי זי שלעפט די זעקלעך זאלץ און קוילערט די טינטלעך נאפט.

נור איינמאל האבען זיי געזעהן חיה־רייצע'ן אין איהר אמת'ען געשטאלט — און פון דענסטמאל אן...

עס איז געווען א מארק־טאג אין פריהלינג. דער פערד־מארק אין דער אלטער שטאדט איז בעגלייט מיט פוהרען, פערד, פויערים און פויערטעס, היהנער פליהען איבער די קעפ, און עס שנייט מיט פעדערן. עס מישען זיך אוים די קולות. דאס געזונטע לאכען פון די פויערטעס, ווען די פויערים טשעפען זיך צו זיי, אין איינעם מיט קאטערינקעס שפיעלען פון דעם קאטארינארזש, וועלכער שלעפט זיך ארום די פוהרען. דאס דינגען זיך פון די אידען מיט די קוויטשען פון די קאטשקעס און היהנער, וועלכע זיי האלטען אין די הענד. עס קלינגט דער שטאדט־זייגער צוועלף. אין מיטען די פערשיעדענע קולות הערט זיך א ווייגען־פרעהליך אידיש פידעל שפיעלען, א קלאפען פון א פויק, א ווייגען פון א טשעלא, — פרעהליכעם צוגיסט זיך אין מיטען זונען־טאג אין דעם מארק־טאג. די מוזיק רופט צונויף

די פויערים און פויערטעס און קינדער און עופות פון אלע עקען מארק. מען דריקט זיך צונויף און עס ווערט א וועג — בעשיצט פון צוויי רייהען — און צווישען די רייהען קומט אן די אידישע חתונה. מען פיהרט די כלה צום פריה־שטיק, צו מארגענס נאך דער חתונה. יעקיל דעם חזן׳ס, דער אנפיהרער פון די כלי־זמרים, שפיעלט דאס פרעהליכעם מיט זיין פידעלע און דער פויק מיט דעם קאנטער־באס האלטען איהם אונטער. עס לאכען די פויערים פון די כלי־זמרים, און רוקען זיך אב מיט דרך־ארץ פאר דער כלה, וועלכע געהט צווישען צוויי יונגע ווייבלעך, אין איהר נייע „צומארגענס" קלייד, אראבגעלאזט דעם קאפ מיט בושה און שטילקייט. און נאך איהר געהט נאך די מאמע, חיה־רייצע. עס שטראהלט איהר זיידענער קאפטען מיט מעהר גלאנץ און פראכט. אין זאלץ און הערינג האט איהר גאט געהאלפען אויסצוגעבען איהר איינגסטע טאכטער אין פריידען. אין זאלץ און הערינג האט איהר גאט געהאלפען און זי האט גענומען אן איידעם א תלמיד־חכם. פיער יאהר קעסט האט זי איהם צוגעזאגט. זי װעט זיך נאך מעהר איינשפאנען אין דער ארבייט, מיט מעהר פליים וועט זי זיך נעהמען צום זאלץ און הערינג, און וועט שפייזען א נייעם תלמיד־חכם, וואס וועט זיצען און לערנען די הייליגע תורה. און עס שטראהלט דער אבגעבלאסקעטער זיידענער קאפטען אויף חיה־רייצע׳ן מיט נאך מעהר גלאנץ, מיט נאך א הייליגערען שטראהל. איבער איהר האלז הענגט די גאלדענע קייט, וואס די מאמע עליה־השלום האט איהר אנגעטאן, ווען זי איז א כלה געווארען. קיינמאל איז די גאלדענע קייט נישט אין דער היים. די גאלדענע קייט העלפט ארוים ווען מען בעדארף א קינד חתונה מאכען, רבי־געלד צו בעצאהלען, א אינגעל אין דער ישיבה צו שיקען. און היינט האט איהר בייניש דער מלוה אויסגעבארגט די גאלדענע קייט איבער דער חתונה פון איהר איינגסטער טאכטער, אז זי זאל פאר לייטען ניט פערשעמט ווערען, און זי שטראלט, די גאלדענע קייט, פון חיה־רייצע׳ס האלז אראב, ווי ניט דאס גאלד וואלט געוועזען געגלאנצט, נור די אלע מעשים־טובים, וואס איז דורך די גאלדענע קייט געטאן געווארען. און זי געהט, חיה־רייצע, מיט איינגעהאלטענע קליינע טריט, ווי יעדער טריט איהרער וואלט געוועזען א דאנק און א לויב צו גאט וואס ער האט איהר געהאלפען און געבראכט צו דעם, און זי האלט שטאלץ איהר קליינעם קאפ אין דער הויך, זי הערט

ניט דאס גראבע געלעכטער פון די פויערים, זי הערט ניט דאס וויצ־לען זיך, דאס טשעפען זיך און שרייען פון דעם מארק. ווער זיינען זיי געגען איהר? זי איז אלע מבטל מיט איהר בליק. אין נאפט און הערינג האט איהר גאט געהאלפען און זי גיט אוים איהר אינגסטע טאכטער, און נעהמט אן איידעם א תלמיד־חכם. ווער קען זיך גליי־כען צו איהר?

עס שטעהן די פויערים פערוואונדערט און דערקענען זי ניט. איז דאס די אידענע, וואס זיי זיינען געוואהנט צו זעהען א פערפלעקטע און א אויסגעשמירטע מיט נאפט, און שטענדיג פערהארעוועטע, וואס שלעפט די זעקלעך זאלץ, און שלעפט די הערינג פון טין ארוים? איז דאס די אידענע, וואס זיי שרייען אויף איהר און יאגען זי ווי מען יאגט אן אלטע שקאפע?

— זעה, דאס איז דאך חיה־רייצע, די נאפט אידענע.

— טי, העי... זשידאווקא! — האט א בעקאנטער פויער אנגע־הויבען זי צו רופען.

חיה־רייצע האט איהם נישט געענטפערט און ניט געזעהן. אן איידעלער שטאלץ און א טיעפער דאנק איז געלעגען אויסגעגאסען אויף איהר איינגעצויגען פנים — איהרע טריט זיינען געווען שטילע און דער זיידענער קאפטען האט געגלאנצט אויף איהר.

די פויערים האבען זיך אבגערוקט מיט שרעק פאר׳ן זיידענס. זייערע גראבע זאקעדיגע קאפטאנעס האבען קנעכטיש געדריקט זייערע רוקענס צו דער ערד פאר די הערליכקייט פון אלטען זיידענס...

— זי איז א פאני, זעה, — האט איינער געזאגט צום צווייטען.

און פון דענסטמאל אן, אז א פויער קומט אריין צו חיה־רייצע׳ן אין נאפט געוועלב, וואגט ער ניט מעהר חיה־רייצע׳ן אנצוזאגען, און צו שאפען זיך מיט איהר. — איהם דאכט זיך אז דער זיידענער קאפ־טען גלאנצט ארוים פון אונטער דעם פערפעטשטען נאפט־קאפטען און אז חיה־רייצע שלעפט א זעקעל זאלץ קומט צו א פויער און נעהמט דאס זאלץ־זעקעל פון איהרע הענד און זאגט:

— לאזט, פאני, איך וועל אייך העלפען.

מיין טאַטענ׳ס פעלץ.

אין דער נאַכט, ווען איך האָב זיך אויפגעכאַפּט און דערזעהן דעם טאַטענ׳ס שאַפּען־פעלץ ליגט אויפ׳ן באַנק אָדער הענגט אויף דער וואַנד, האָט זיך מיר אויסגעדאַכט, אַז עפּעס אַ לעבעדיגע זאַך שטעהט פאַר מיר און שרעקט מיך... איך האָב אָנגעהויבען מורא צו קריגען דערפאַר און פלעג זיך באַדעקען מיט די קאָלדרע איבער׳ן קאָפּ, און פריהער זיך נישט בערוהיגט, ביז איך האָב זיך דערמאָנט, מיט גוט איינרעדעניש, עס איז דאָך עפּעס דעם טאַטענ׳ס פעלץ — אָבער דעם קאָפּ אַרויסצושטעקען פון די קאָלדרע האָב איך דאָך מורא געהאַט, און ניט געוואָלט קוקען דאַרויף.

וואָרים ווירקליך עס האָט זיך אויסגעדוכט, אַז דער פעלץ האָט אַ חיות, נישט נור דענסטמאָל, ווען מיין טאַטע האָט איהם געטראָגען, נור אויסגעטונערהייט הענגענדיג אויפ׳ן נאָגעל אויף דער וואַנד — האָט זיך אויסגעוויזען, אַז דער פעלץ לעבט. עס איז געווען ווי דעם טאַטענ׳ס שאָטען, וואָלט זיך געווען אָבגעריסען און הענגט באַזונדער אויף דער וואַנד... מען האָט אָן דעם פעלץ געקענט בעמערקען אַלע העויות וואָס דער טאַטע מאַכט, יעדע באַוועגונג זיינע האָט איבערגעלאָזט אַ אייביגען קנייטש אין דעם פעלץ, און דער פעלץ האָט דערנאָך נאָכגעמאַכט דעם טאַטענ׳ס באַוועגונגען — — — איך האָב געקענט זעהן אין דעם פעלץ ווען דער טאַטע איז פרעהליך און ווען ער איז טרויעריג — זיינע יאָגעניש נאָך פרנסה, זיינע צרות און זאָרגען און זיינע פריידען פונקט אַזוי, ווי דער פעלץ וואָלט געווען אַ פאָרם, אַ לעבעדיגע פאָרם פון מיין פאָטער.

טיילמאָל האָט זיך מיר אויסגעדאַכט, אַז דער פעלץ ווערט עלטער

און גרויער — און וואַקסט מיט צוזאַמען מיט מיין פּאָטער אין די יאָהרען... איך האָב געדענקט דעם פּעלץ ווען ער איז נאָך געווען נאָך אַ יונגער, אַ שוואַרצער און אַ לעבעדיגער. דאָס איז געווען ווען איך בין נאָך געווען גאָר אַ קליין קינד, און מיין פּאָטער האָט נאָך געהאַט אַ שוואַרצע באָרד און איז געווען אַ הויכער און אַ שטאַרקער. געדענק איך דעם פּעלץ אַ יונגען. אַ שבת צו נאַכט איז עס געווען. ביי אונז איז געווען אַ מלוה־מלכה, מען האָט זיך געגרייט אויף געסט, חנוכה־צייט געדענק איך, און דער קיך האָט זיך געפּרעגעלט שמאַלץ, און איך בין אויף געווען און ניט געוואָלט שלאָפען געהן, און געשפּיעלט זיך מיט אַ דריידעל — דער טאַטע איז ניט געווען אין דער היים, ערגעץ וואו געווען, ביים רב אויף אַ אסיפה, דערנאָך איז דער טאַטע געקומען מיט נאָך אידען אהיים, אַ פרעהליכער, אַ הויכער, מיט אַ שוואַרצע באָרד, און האָט געגרויכערט אַ ציגאַר. ער איז געווען אָנגעטון אין פּעלץ, און דער פּעלץ איז אויך געווען אַ הויכער, אַ גלייכער און אַ שוואַרצער — דער קאַלנער האָט געבלישטשעט — און די האָר זיינען געשטאַנען ביי איהם אַזוי שטייף, און אַזוי שטאַרק, ווי ביי אַ שטאַרקע חיה — איך האָב מורא געהאַט פאַר די האָר, אַז זיי זאָלען זיך ניט וואַרפען... און בייסען... און מיין טאַטע האָט געלאַכט, און דער פּעלץ האָט מיטגעלאַכט... און אַז מיין פּאָטער האָט אויסגעטון דעם פּעלץ, און איהם איבערגעגעבען דער מאַמע, האָט איהם די מאַמע גענומען אויף איהרע הענד און געקוקט אויס'ן פּעלץ מיט ליעבע, און געגלעט מיט איהר ווייכע האַנד די האָר פון קאַלנער — און אַוועקגע־האַנגען איהם אין שאַפע. דעמאָלטסמאָל איז עס געווען גאָר אַ גאַנץ אַנדערער פּעלץ...

דערנאָך, געדענק איך, ווען דער פּעלץ האָט אָנגעהויבען עלטער צו ווערען — עס איז געווען אַ גרויער מאָרגען, אין דרויסען האָט נאָך געמוזט זיין פינסטער, אַ מילכדיגער שיין האָט אַריינגעלויכט דורך די אייז־בעבלימעלטע פענסטערלעך, איך בין געלעגען מיט דער מאַמע אין בעט, און דער טאַטע איז געזעסען ביי דער שיין פון לאָמפּ און האָט עפּעס געלערנט צי געדאַווענט — דערנאָך, אַז עס איז גרוי גע־וואָרען — און מעחר טאָג, און די בלימלעך אויף די שויבען האָבען זיך אָנגעהויבען צו פאַרגיסען מיט אַ מאַטען אייז־קאָליר, האָט זיך דער טאַטע אויפגעהויבען פון טיש, אויסגעלאָשען דעם לאָמפּ, אין

שטוב איז געווען שאַטענדיג — און דער טאַטע האָט זיך אָנגעטאָן דעם פּעלץ און עפּעס געקרעכצט — און די מאַמע האָט אויך גע־קרעכצט — שווער קומט אָן דאָס שטיקעל ברויט.

האָב איך געקוקט אויפ'ן פּעלץ, האָט זיך מיר געדאַכט, אַז דער פּעלץ איז צוקנייטשט געוואָרען און אַלטליך — און די האָר פון קאַל־נער בלישטשען שוין ניט מעהר, און שטעהן שוין ניט שטייף און האַרט. נור ליגען צוזאַמענגעקוועטשט — און זיינען שוין אביסעל גרויליך — און טרויעריג —

נור דאָס איז אַלץ געווען אין די וואָכעדיגע טעג. איז אָבער גע־קומען שבת, מעהרסטען פרייטאָג אין אָבענד — האָט דער פּעלץ צו־ריק בעקומען זיין יונגקייט און זיין שטאַרקייט. פרייטאָג אין אָבענד, ווען די שבת ליכט האָבען שוין געברענט אויפ'ן טיש, די חלות און דער וויין אין דעם רויטען, געשליפענעם קעלעשיקעל — אין אויבען איז וואַרים געווען, און די פּאָדלאָגע איז געווען אויסגעשיט מיט געלען זאַמד, פלעגט דער טאַטע אהיים קומען פון דאַווענען אין פּעלץ — האָט דער פּעלץ צוריק ווידערגעקריגען זיין יוגענד, די האָר פון קאַל־נער זיינען ווידער שטייף און שטאַרק געוואָרען, און זיי האָבען זיך געבלישטשעט אין די שבת־ליכט, און געוואָרפען זיך מיט חיות, און ער איז אײנגאַנצען ווידער געוואָרען אויסגעגלייכט און הויך, און ניי...

נור דאָס האָט נור אָנגעהאַלטען דעם שבת'דיגען טאָג, שבת אין אָבענד, צו מעריב, ווען די מאַמע האָט געזאָגט „גאָט פון אברהם", אין שטוב איז טונקעל געווען, און דער טאַטע איז געקומען פון מעריב, און געזאָגט „גוט וואָך", האָט מען אָנגעצונדען אַ ליכט, איך קוק אויפ'ן פּעלץ, דער פּעלץ איז שוין ווידער צוריק וואָכענדיג, — גרוי און טרויע־ריג — — —

און אַז איך האָב איהם געזעהען הענגען אויף דער וואַנד אַ טרויע־ריגען און אַזוי איינזאַמען, איינגעקנייטשט ארום לינקען אָרים — ווי דער טאַטע פלעגט עס טאָן יעדעס מאָל, ווען ער איז פערזאָרגט גע־ווען. — און איינגעבויגען דעם רוקען, ווי איינגעהויקערט, און די פּאָ־לעס איינגעצויגען, און אַרום דעם פראַנט איינגעקאַרטשעט און פער־קנייטשט און געפאַלדעוועט, ווי מיין טאַטענ'ס בויך, האָט מיר אַ רחמנות ארומגענומען אויפ'ן פּעלץ... ער האָט זיך מיר געדאַכט, אַז צו־

ליעב מיר איז ער אזוי איינגעקארטשעט און אלט געווארען, אז ער הענגט אויף דער וואנד און זארגט, און זארגט, איבער מיר זארגט ער דאס. ווי דאס שטיקעל ברויט צו שאפען. און צוליעב מיר דאגה׳ט ער און האט צרות, וואס איך וויל ניט לערנען און וויל נישט קיין ערלי־כער איך זיין, און „וואס וועט דער סוף זיין". צוליעב מיר לויפט ער א גאנצען טאג איבער די גאסען ארום, פעדערט זיך אין די מארגענס, ווען עס איז נאך גרוי אין דרויסען, און שטעהט אין שנעע און ווינד און אויף די קעלט,ווארט אב אויף די וועגען, די גוים, וואס ברענגען תבואה פון דארף אין שטאדט אריין, און אלע ווינדען פון די פראס־טיגע טעג, און אלע שנעען און זאווארוכעס — ליגען אין זיינע קניי־טשען איינגעהילט, פלעג איך צוגעהן צום פעלץ און איהם גלעטען... עס האט זיך מיר געדאכט, אז מיין טאטענ׳ס ליעבע העויות האט ער, מיין טאטענ׳ס קנייטשען — וואס זיינען מיר אזוי ליעב און טייער, און אזוי מיין... און אז קיינער האט ניט געזעהען, האב איך גענומען דעם ארבעל, לעב ליעבען ארבעל פון פעלף, וואס איז געווען אזוי איינ־געקנייטשט און איינגעקארטשעט — און איז שטענדיג געהאנגען ארונ־טערגעבויגען נאך הינטען אויפ׳ן רוקען — ווי מיין טאטע פלעגט האל־טען תמיד זיין לינקע האנד — ווען ער איז פערזארגט — פלעג איך נעהמען דעם ליעבען ארבעל פון פעלץ און קושען איהם אין דער שטיל...

אפט מאל פלעגט דער פעלץ אלס דעק דינען אין די ווינטערדיגע נעכט. אפילו אין זיינע בעסטע יאהרען, אין זיין בעסטע גלאריע און זיין באריהמטקייט פלעגט איהם דער טאטע נעהמען, ווען אין דרויסען האט די פראסט געבריהט און די ווייסע שנעע־בלימלעך האבען גע־בליהט איבער אונזערע פענסטערלעך מיט די נאכט צו, פלעגט דער טאטע נעהמען דעם פעלץ און ארויפלעגען אויף דער מאמע׳ס בעט, וואו די מאמע פלעגט שלאפען מיט די יונגערע קינדער. נור דאס איז גע־ווען, ווען די מאמע איז געשלאפען און האט ניט געזעהען, וואס דער טאטע טוט. און צו־מארגענס, אז זי האט אויסגעפונען, וואס דער טאטע האט געטאן מיט׳ן פעלץ, פלעגט זי זיך בייזערען, וואס דער טא־

טע שאַנעוועט ניט דעם פּעלץ און ברענגט איהם אַראָפּ צו אַזאַ נידריגען שטאַנד, ווי צו דיענען אַלס אַ נאַכט־דעק אויף די פים. אַבער דער טאַטע פלעגט מיט אַ כיון ניט געהן אין בית המדרש אַריין, נור זיצען אין די גראַהע מאָרגענס ביי דעם שיין פון לאָמפּ און לערנען משניות אין דער היים, כדי ער זאָל ניט פון דער מאַמע און פון די יונגע קינדערלעך דעם פּעלץ אַראָפּנעהמען... אַז איך האָב געפונען דעם פּעלץ אויף דעם בעט (איך בין שטענדיג אַלס קינד געשלאָפען מיט דער מאַמען), איז מיר באַלד וואַרים געוואָרען, האָט שוין דער פראָסט אין דרויסען געקענט זיין ווי שטאַרק און ווי מורא'דיג — איך בין געוועזען זיכער אין דעם טאַטענס פּעלץ, און איך האָב מיט גרוים דרך ארץ אָנגעהויבען צו גלעטען זיינע האָר, ווי איך וואָלט געגלעט דעם טאַטענ'ס באָרד... און די מאַמע האָט איהם מיט ליעבע צוגענומען צו זיך — און באַהאַלטען זיך אונטער איהם, ווי זי וואָלט זיך געוואָלט שיצען אונטער איהם, — און דער פּעלץ האָט מיט זיין גאַנצע ברייט און לענג געלעגט זיך איבער אונז, אונטער זיינע וואַרימע האָר. אַרונטערגענומען די מאַמע מיט אַלע קליינע קינדערלעך און געוואַרימט אונז, ווי אונטער אַ בויך, איז האָט שוין דער פראָסט געמעגט זיין ווי גרוים ער איז געוועזען — זיינען מיר וואַרים געוועזען. עס איז געוועזען ווי ער וואָלט געוועזען געזאָגט צו אונז: האָט ניט קיין מורא קינדערלעך פאַר דעם פראָסט, איך בין דאָ...

אַזוי זיינען מיר געלעגען אונטער איהם ביז עס איז טאָג געוואָרען דער טאַטע האָט פייער אין דער קיך געמאַכט, אין שטיבעל איז וואַרים געוואָרען, און די בלומען איבער די פענסטער זיינען אויך צוגאַנגען...

נאָר וואָס עלטער ער איז געוואָרען — איז דער פּעלץ ווינציגער פּעלץ געוואָרען און אַלץ מעהר דעק געוואָרען. יאָ, עס איז געוועזען אַ רחמנות צו זעהן, ווי דער אַלטער בכבוד'ער בגד, וואָס איז געוועזען דער וויכטיגסטער און אָנגעזעהנסטער חפץ אין דער שטוב פערליערט זיין בעריהמטקייט, און וואַלגערט זיך אַרום צווישען אַלטע קאַפּאָטעס און דעקעס און קישענס און אַנדערע אָבגעלעבטע זאַכען... ביינאַכט אויפ'ן נעלענער און בייטאָג שעהמט זיך מיט איהם. שוין טוט איהם מעהר ניט דער טאַטע אָן, און געהט ניט מיט איהם אין בית־המדרש אַריינגעהן, אַדער אין גאַס אַרוים האַנדלען. ער ווערט געבער איינגע־

פאקט צווישען דעם בעטגעוואנד אין דער שלאף־באנק, און ליגט דארט בעהאלטען א גאנצען טאג. עס איז געווען די מאמע אליין, וואס האט איהם אזוי פערשעהמט. שוין לענגס האט מען זיך געגען איהם גע־בונטעוועט, די מאמע אליין האט אויסגעוויזען זיין אוננוצליכקייט, אויפגעדעקט זיינע אויסגעקראכענע פלעצער, און זיינע צוריסענע שטע־לען — און פערראטען זיין אלטקייט, און פערשעהמט איהם פאר'ן טאטענ'ס אויגען: „עס איז דאך א חרפה אין אזא מלבוש פאר מענ־שען זיך צו ווייזען" האט די מאמע ניט איינמאל געזאגט דעם טאטען אינ'ם פעלץ'ס געגענווארט, און דער פעלץ האט פערשעהמט געשווי־גען, ווי אן אלטער געטרייער הונד, נור עס האט זיך געדאכט, אז ער קרעכצט אין דער שטיל צווישען זיינע האר: — ניט גוט אויף דער עלטער צו קומען.

ביז אין איין שעהנעם טאג, האט דער שניידער געבראכט דעם טאטען אן אנדער בגד — (די מאמע האט געהאט דערויף פון יאהרען לאנג געלד אפגעשפארט פון איהר חיונה — און דעם טאטען אן איי־בערראשונג געמאכט) — און דער פעלץ איז געגאנגען אין שלאף־באנק אריין, זיין לאנגען שלאף צו שלאפען — אזוי לאנג ווי ער וועט לעבען...

מיט שווייגען און ווירדע האט ער זיין גורל איבערגעטראגען. און ווי אן אלטער געטרייער הונד — וואס וויל זיך אויף דער עלטער זיין ביין כשר און עהרליך פערדיענען — האט ער ביינאכט די קליינע קינדערלעך געווארימט, וויפיעל זיינע אלטע אויסגעקראכענע האר האבען נאר געקענט...

נאר נאך איינמאל איז דער פעלץ צוריק צו תחית־המתים אויפ־געשטאנען, און וויעדער צוריק יונג געווארען.

דאס איז געווען ווען איך בין געגאנגען בר־מצוה ווערען צו מיינע דרייצעהנטען יאהר.

לאנגע נעכט איז די מאמע אבגעזעסען און געטראכט וועגען א בכבוד'ען מלבוש פאר מיר לכבוד מיין בר־מצוה, וואס איז אויסגע־פאלען צו חנוכה־צייט, געטראכט און געטראכט, גע'חשבונ'ט — און ניט געקענט דער'חשבונ'ען, ביז זי איז געגאנגען דעם שלאף־באנק בעטען, האט זי דעם פעלץ ארויסגעצויגען. ווי זי האט דעם פעלץ

ארויסגעצויגענע און אויפ'ן בעט אויסגעשפּרייט, זיינען איהרע אויגען ליכטיגער געוואָרען, און זי האָט זיך צום טאַטען אַזוי אַנגערופען:

— מיינסטו ניט, אַז עס וואָלט נאָך געקענט זיין אַ מלבוש פאַר שלמה'לען ?...

דער פעליץ האָט זיך אויסגעצויגען איבער'ן בעט, בעהאַלטען זיינע אויסגעקראַכענע לעכער, און געלאָזט פינקלען זיינע שוואַרצע האָר און זיינע גראָהע ווייסע פלעקען, זיינע האָר פון זיין קאָלנער זיינען שטעג־בעדיג געוואָרען. און דער טאַטע האָט איהם ערנסט בעטראַכט, און מיטגעשאָקעלט:

— אפשר יאָ!

צו־מאָרגענס האָט די מאַמע מיך גענומען אין איין האַנד, דעם פעליץ אין דער אַנדערער האַנד און איז אַוועק צו מרדכי'שי שניידער.

מרדכי'שי שניידער איז געווען אַ קליינער איד, מיט אַ קליין שוואַרץ בעוואַקסען בערדעל, אין וועלכען עס האָבען שטענדיג ארומגע־בלאָנדזשעט פעדערען, מיט אַ פאָר ברילען, וועלכע ער האָט געטראָגען ניט צום זעהן, נור איין גאָט ווייסט פאַר וואָס, געטראָגען האָט ער זיי שטענדיג אויף דער שפּיץ נאָז, און ווען ער האָט געוואָלט עפּעס זעהען האָט ער זיי אַרויפגערוקט איבער'ן שטערען. דאָס מאָל האָט ער אויך די ברילען פאַררוקט ווייט איבער'ן שטערען, און אויסגעלעגט דעם פעליץ איבער'ן טיש, און גוט בעטראַכט איהם, ווי אַ פּראָפעסאָר אַ חולה מסוכן געטאַפּט זיינע זייטען, אויסגעהערט זיינע בריסטען, און געקנייטשט זיין בויך, און יעדעס מאָל פערצויגען מיט פערצווייפלונג מיט דער נאָז, אַזוי ווי ער וואָלט איהם דאָס לעבען אַבגעזאָגט. און דער פעליץ איז געלעגען אויסגעשפּרייט פאַר איהם — און ווי ער וואָלט זיך געוועזען געבעטען ביי איהם — לאָז מיך לעבען. און דורך דער גאַנ־צער צייט, ווען מרדכי'שי האָט אונטערגעזוכט דעם פעליץ האָט מיין האַרץ געקלאַפּט, און מיינע אויגעלעך האָבען געגלאַנצט פאַר שרעק. און מיין מאַמע'ס האַרץ האָט געקלאַפּט פאַר שרעק און איהרע אויגען האָבען געקוקט מיט געבעט אויף מרדכי'שין. דער שניידער האָט זיך לאַנג געקראַצט אין די האָר פון קאָפּ און אַרויסגעשלעפּט אַ פּאָר פע־דערען פון דער באָרד, ווי אַ פּאָר בלעטלעך פון אַ וואַלד, און געקוקט אויף דער מאַמען, אויף מיר און אויפ'ן פעליץ — און געהערט אונזער געבעט, און איז איינגעגאַנגען.

— מיר וועלען זעהען, וואס מיר קענען מאכען מיט איהם — האט ער אונז א שווערען שטיין פון הארץ אראבגענומען — און דער פעלץ האט אנגעהויבען זיך צו ווארפען פאר חיות...

— אנו, קום אהער יונגאטש — זאגט ער צו מיר, און מרדכי'שי האט גענומען א מאס, און אויסגעמאסטען אלע מיינע ביינדעלער, און געהויבען מיר א האנד אין דער הויך און געקיצעלט מיך אונטער די ארימס און איך האב עס ניט אויסגעהאלטען פאר לאכען — ווארום עס האט מיך געקיצעלט.

אכט טעג בין איך אבגעזעסען ביי מרדכי'שין, צום אנבייסען, צום מיטאג און אבענד, ווען איך בין נור פון חדר אהיים געקומען — און געזעהן ווי דער פעלץ ווערט פערוואנדעלט, שטארבט אב, און ווערט צוריק געבוירען אויפ'ס נייע.

אויף שבת־חנוכה האב איך איהם בענייט, איך האב געזאגט אין איהם מיין בעל־מצוה דרשה אין דער שוהל, און דער פעלץ האט אנגע־הייבען צו לעבען אויפ'ס ניי — א ניי לעבען...

ערדישע נשמות

עס איז געווען א טאָג, און איך בין נאָך דענסטמאָל א יונג קינד געווען. ריין געוואַשען זיינען מיינע הענד געווען, אונשולדיג מיין נשמה, מיין הארץ האָט נאָך פון שלעכטס ניט געוואוסט, מיין טאַטען האָב איך נישט געקענט, מיין מאַמע איז אוועק אין א פרעמדעס לאַנד, און עס האָט מיך אנגענומען א פערלאַנג, צו קענען גאָט מיין בעשעפער. איך בין אוועק אין פעלד, האָב ביים טייך זיך געזעצט און געוואַרט ביז נאַכט.

און דער טאָג איז אוועק און עס איז נאַכט געוואָרען. און פון הימעל איז ארויסגעפאַלען א וואָלקען און האָט צוגעדעקט די עקען פון דער ערד. און א טויב־רויך האָט פון וואַסער זיך אויפגעהויבען און האָט זיך איבער די פעלדער געלעגט, דאַן האָב איך מיינע אויגען צו דער אונענדליכקייט געווענדעט, און מיין הארץ האָט א תפלה געבעטען אזוי:

„גאָט פון דער וועלט, טאַטע פון אַלעם לעבעדיגען און טויטען, בעשעפער פון אַלעם וואָס איז דאָ און נישט דאָ, וואָס אַלעס איז אין דיר און דו אין אַלעם, לאָז מיך דיין געזיכט זעהן! איך בין פערלאָזט, איך האָב קיינעם נישט, נור דיך, מיין בעשעפער, פון דיר בין איך געקומען, צו דיר געה איך צוריק. מיין שיפעל איז מיר אָבגעשוואומען אין טיעפען ים, און איך בין איבערגעבליעבען אליין אויפ׳ן ברעג און האָב נישט מעהר, ווי דיין הימעל, וואָס דעקט מיך צו, און דיין ערד, וואָס האַלט מיך אויף. און איך בין נאָך יונג און דאַרף א פאָטער, וואָס זאָל מיך ביי דער האַנד פיהרען, און דאַרף א מאַמען, וואָס זאָל מיר די טרעהרען פון באַקווישען.“

II

דאָס אַלעס האָב איך אין מיין האַרץ געזאָגט, אָבער מיינע ליפּען האָבען געשוויגען, און מיך האָט איינגעהילט אין זיך דער סוד פון דער נאַכט, און זיכער האָב איך מיין קאָפּ אויף די ערד אַנידערגעלעגט, און עס איז מיר געווען, ווי איך וואָלט אויף דער מאַמעס ברוסט איינגעשלאָפען.

איך ליעג נאָך אין טרוים און איך דערהער פּלוצלונג אַ שטים און איהר קלאַנג איז ווי דאָס געזאַנג פון אַ האַרפע, וואָס ווערט געוואַשען אין די וועלען פון די טייכען, און וואָס איז אויסגעוועבט מיט דעם ריח פון די סאַמעט־רויזען, און קומט צו ציהען פון טיעפען וואַלד.

— מיין רחמנות אויף דיר, מיין רחמנות אויף דיר, מיין קינד! —

און עס איז מיר געווען, ווי אַ מאַמע וואָלט מיר די האָר געגלעט און ווי אַ שוועסטער וואָלט מיר אַ ליעד פון דערהיים געזונגען.

און עס איז געווען, אַז איך האָב מיינע אויגען אויפגעעפענט, האָב איך געזעהן, אַ פרויענצימער איז פאַר מיר שטעהן געבליעבען, און זי איז נאַקעט און באָרוועס.

איהרע ברוסטען זיינען פול און בעהאַלטען אין די זאַנגען פון פעלד, און איהר קאָפּ איז בעפוצט מיט די פרוכטען פון דער ערד, און איהר שאַנד איז צוגעדעקט מיט די בלעטער פון פייגען־בוים.

אין איהרע הענד האַלט זי די ווינדען פון דער וועלט, און איהרע פיס זיינען ווי איינגעפלאַנצט אין דער ערד, און איהר געשטאַלט איז געגליכען צו אַ בוים פון דער ערד, און אַז זי האָט אַ ריהר געטהאָן מיט איהרע הענד, זיינען זיי געגליכען געווען ווי די ליליען אין וואַסער, און אַז דער ווינד האָט אין איהרע האָר געבלאָזען, זיינען זיי געגליכען געווען צו די בלעטערדיגע צווייגען פון דעם וויערזשבע־בוים.

און זי איז בלינד און קומט פערהילט אין שאָטען פון דער נאַכט.

און עס איז געווען, אַז זי האָט זיך דערנעהנטערט צו מיר, האָב איך מיין פּנים פערבאָרגען אין די אויבערפלעך פון דער ערד און האָב געפרעגט: „ווער ביזט דו?“

זי האָט מיר אָבגעענטפערט: „איך בין דער גאָט, נאָך וועלכען דו האָסט געריפען, איך בין די מוטער פון שעפּפונג, דאָס פרוכטבאַרע, וואָס שאַפט פון דער אונענדליכקייט צו דער אונענדליכקייט, קיינער האָט מיר ביי מיין אַרויסגאַנג קיין געזעץ נישט געגעבען, קיינער האָט מיר צו מיין ענדיגען קיין גרענעץ געשטעלט, קיינער ווייסט נישט, ווען

איך בין געוואָרען, קיינער ווייסט נישט, ווען עס וועט ווערען אַ סוף צו מיין ווערען. איך בין דאָס שאַפען פון אַלעם לעבענדיגען, און מיין נאָמען איז „דאָס זיין“. דיין תפלה האָב איך געהערט, און בין געקומען צו דיר, ווייל דו האָסט מיך גערופען!“

און עס איז געווען, אין מיין רעדען מיט איהר, האָט אַ בלאָז געטהאָן אויף מיר אַ ווינד, וואָס אַ פריהלינגס־געשמאַק איז אין זיינע וועלען אויפבעהאַלטען, און אַ פייכטקייט איז אין איהם און אַ צערטליכ־קייט, און עס האָט זיך אַראָבגעלאָזען אויף מיר אַ וואָלקען פון טוי, ווי דער טוי אויף פעלדער, וועלכער שטייגט פון וואַסער אַרוים, איידער די זון געהט אויף, און ער האָט געשמעקט, ווי דער פריהמאָרגען אין וואַלד אין פריהלינגס־צייט, ווי דאָס וואַסער, וואָס קומט צו גיסען פון שטיינערנע קוואַלען, ווי דער קוש פון אַ כלה אין דער נאַכט פון איהר חתונה, און עס איז מיר, ווי אַ ניי בלוט וואָלט אין מיינע אָדערן גערונען, און אַ קרעפטיגקייט האָט ערפילט דעם מאַרך פון מיינע ביינער, און אַ ליכט איז געפאַלען אויף מיינע אויגען. איך האָב אויפגעעפענט מיינע אויגען און האָב געזעהן, די ערד איז ברייט און לאַנג ווי די אויסשפּרייטונג פון הימעל, און די וואָרצלען פון אַלץ וואָס וואַקסט זיינען אין איהרע טיעפענישען איינגעפלאַנצט, און יעדעס בלומעלע און יעדעס גרעזעלע טהוט דאָס מיילכעל עפענען, די חיונה אין זיך איינצוציהען, און יעדעס גרעזעלע, און יעדעס שפּראָצענדע און וואַקסענדע נאָגט זיין זאַפט פון דער ערד. און עס זיינען געקומען צו פליהען די פויגעל פון לאַנד און האָבען זיך בעהעפט מיט די בלומען פון דער ערד. און איינס האָט געלעבט פון צווייטען. און זי האָט געזאָגט צו מיר אַזוי:

— צו אַנדערע געטער האָט איהר זיך געטהאָן קעהרען, און גאָט אייער בעשעפער האָט איהר נישט ערקענט.

ווארום וואָס איז דען דער מענש, אַז נישט איינס פון מיינע שעפּפונגען, וואָס ציהט זיך חיונה פון דער ערד און קומט פון איהר און געהט צוריק צו איהר, נאָך דער צייט פון זיינע יאָהרען.

איז ער דען נישט דער ברודער פון בוים? — און ווי דאָס גראָז אין פעלד איז ער דען נישט געגליכען, וואָס האָט זיינע וואָרצלען אין די ערד אַריינגעפלאַנצט, וואָס קומט פון איהר און געהט צו איהר?

און איהר האָט זיך געטהאָן צו די הימלען ווענדען. צו די שטערן

האט איהר די אויגען דערהויבען, צו דעם וואס איז אין דער הויך פון אייך און איז פרעמד פון אייך. דיינע אויגען האט גערייצט דער הימעלס־שיין, און דיין הארץ האט געצויגען דאס וואס איז ווייט פון דיר.

אזוי טהוט גאט זאגען: דעם הימעל, דעם הימעל — צו גאט, און די ערד, די ערד האב איך צו די מענשען געגעבען.

און איהר האט געטהאן ריכטען מיין ערד מיט א פרעמד געריכט,
און איהר האט געטהאן פיהרען מיין וועלט מיט א פרעמדען אמת.

ווארום נישט דעם הימעלס גערעכטיגקייט איז די גערעכטיגקייט פון דער ערד, און נישט דער אמת פון די הימלען איז דער אמת פון די קינדער פון דער ערד.

און איהר האט זיך געטהאן ווענדען צו א פרעמדען גאט, צום גאט פון הימעל, גאט, וואס האט אייך נישט געקענט און אייער תפלה נישט געהערט.

און עס איז געווען, אז איהר האט רעגען געדארפט, האט ער אייך ווינד געשיקט. דעם גוטען האט ער שלעכטס געטהאן און דעם שלעכטען האט ער גוטס געטהאן. ווארום נישט דאס גוטס פון הימעל איז די גוטסקייט פון דער ערד און ניט דאס שלעכטע פון הימעל איז דאס שלעכטע פון דער ערד. איהר האט נביאות געזאגט אין דעם נאמען פון די געטער פון הימעל, און אייער נביאות איז נישט מקוים געווארען, ווארום פרעמד זיינען זיי געווען דעם גאט פון דער ערד און צו דעם מענשען פון דער ערד.

זיי האבען נביאות געזאגט אין די נעמען פון די געטער פון הימעל.
דיך זאלב איך פאר א נביא צום גאט פון דער ערד!

און אז איך האב דערהערט איהרע רייד, האב איך מיך געווענדעט צו איהר און האב צו איהר געזאגט אזוי:

איך בין נאך יונג און קיינער קען מיך נישט, און קיינער האט פון מיין נאמען נישט געהערט. און עס וועט זיין, אז איך וועל צו די ברידער פון מיין לאנד קומען און זאגען צו זיי אין דעם נאמען פון א גאט, וואס זיי האבען פון איהם ביז איצט נישט געהערט, וועלען זיי זאגען: „נור ליגענד, ליגענד זאגט דער יונג!"

„אז עס איז טאקע אמת, אז גאט האט זיך צו איהם בעוויזען, זאל

ער אונז זיין צייכען ווייזען, כדי מיר זאָלען זעהען און גלויבען, אזוי ווי אין די נביאים פון די געטער."

און עס האָט זיך דערהערט איהר שטים, און זי האָט געקלונגען ווי מיט'ן וואסער געשוואומען און האָט געשמעקט, ווי מיט'ן בלומען־ריח געבלאָזען.

— נישט דער גאָט פון די הימלען איז דיין גאָט פון דער ערד, און נישט ווי די נביאים פון די הימלישע געטער איז דער נביא פון דעם גאָט פון דער ערד.

נישט דער צייכען פון אונגעוועהנליכעס איז דער צייכען פון גאָט, דיין גאָט, — דער צייכען פון דיין גאָט איז דאָס געוועהנליכע.

נישט די מאַנדלען, וואָס וואקסען אויף דעם שטעקען אין מענשענס האנד, איז דער צייכען פון דיין גאָט, נאָר די מאַנדלען וואָס וואקסען אויפ'ן צווייג, וואָס דער וואָרצעל פון זיין בוים איז אין דער ערד איינגעפלאַנצט.

נישט ווען די זון געהט אונטער אין מיטען טאָג איז דער צייכען פון דיין גאָט, נור דאָס, וואָס די זון געהט אונטער יעדען פאַרנאַכט און שיינט אויף יעדען פריהמאָרגען, איז דער צייכען פון דיין גאָט. דאָס וואָס אין זומער שיינט די זון, און ווינטער גיסט דער רעגען, איז דער צייכען פון דיין גאָט.

וואָרום אַלעס, וואָס גאָט האָט' בעשאַפען, האָט ער צום גוטען בעשאַפען: מיין צייכען איז „דאָס זיין" !

און עס איז געווען, אז גאָט מיין בעשעפער האָט געענדיגט צו רעדען, און אַ טוי איז אויפגעגאַנגען פון די פעלדער פון לאַנד און האָט אָנגעטרונקען אַלעס בליהענדע און וואקסענדע, איז גאָט מיין גאָט פערהילט געוואָרען אין דעם טוי־וואָלקען, וואָס האָט גערוהט אין די עקען פון לאַנד.

און די זון איז אַרויסגעגאַנגען צו בעלויכטען די וועלט, און די ערד האָט זיך ערוואַכט צו איהר אַרבייט.

די יאַטישע טאָכטער

אַ זומערדיגער פרייטאג נאָכמיטאג. היימליך איז אין געסיל, מען שפירט שוין דעם שבת, וואָס קומט אָן פון פלאָצקער טראַקט.

ר׳ משה גאָמבינערס ווייב, די ערשטע בעל־הבית׳טע אין געסיל, האָט שוין שבת געמאַכט. אָנגעטהאָן אין אַ ווייסער שערץ, און אין דער שבת׳דיגער הויב פון שפּיצען, זיצט זי אויף דער באַנק פאַר איהר הויז. נעבען איהר זיצען צוויי מיידלעך, איהרע טעכטערלעך, אָבגעוואַשענע, אויפגעקעמטע, די זיידען־שוואַרצע צעפּלעך פערשלייפט מיט ווייסע שלייפלעך. אָנגעטהאָן אין קרעטאָנענע קליידעלעך, ווייסע שערצלעך. זיי זיצען ביי דער מאַמען און קוקען רוהיג אין געסיל. געגענאיבער זיצט פאַר דער טהיר אויף דער באַנק ר׳ יוסף ראָזענ־קראַנץ׳ס ווייב, די צווייטע בעל־הבית׳טע אין געסיל, מיט איהרע טעכטערלעך — אויך שוין שבת געמאַכט. אין געסיל, צווישען די צוויי בענק, שטעהען די מענער, ר׳ משה און ר׳ יוסף, צוויי אַלטע בעלי־בתים, שותפים, אָקסען־הענדלער גרויסע. זייערע מלבושים זיינען פערשטויבט פון וועג, די ווייסע בערד — איבער די ברוסטען, זיי שמועסען און פערפולען די וואָך מיט געשעפטס־זאַכען. דורכ׳ן געסיל לויפט דורך מיט געאַייל מרדכי שוסטער, מיט אַ פּאָר שטיוועל אין אַ רויט שנופּ־טיכעל אונטער דעם אָרעם, — דאָס טראָגט ער אָב אַ בעל־בית אויף שבת. פערהאָרעוועטע ווייבער, מיט פערמאַטערטע פּנים׳ער און בעשמוצטע שערצען שטופּען זיך מיט איילעניש פאַר חנה־שרה׳לעס געוועלביל, כאַפּען ליכט, אַ פּעקיל טהיי, אַ פונט צוקער און לויפען אין די שטובען. פאַרביילויפענדיג פאַר די שבת׳דיגע בעל־הבית׳טעס, וואָס זיצען פאַר די טהירען, פערשעמען זיי זיך: נאָך ניט שבת געמאַכט!...

וואו דאָס געסיל ענדיגט זיך, הויבט זיך אָן דער וועג, וואָס פערבלאָנדזעט זיך ווייט אין די וועלט אַריין: דער טראַקט קיין פּלאָצק. צוקומענדיג צום שטעדטיל, געהט דער וועג באַרג אויף; אָט ווייזט זיך אַ וואָלקען־שטויב, איינציגווייז הויבען אָן קריכען שעפּסען אַרויס פון דעם וואָלקען, די געקרייזעלטע וואָל זייערע איז פערשטויבט. זיי געהען און קוקען זיך תם׳וואַטע אין גאַס אַרום, דרעהענדיג מיט די

אַבגעגאָלטע קעפּלעך. זיי בעגלייט אַ חברה קינדער: יונגעלעך קליינע, פּנים'ליך פון פרייטאג. מיט „סטאַניק" יאַגאָדעס פערשמירטע, די העמדעלעך ווייזען זיך אין די הויזען־שפּאַלטען ארויס, די ציצית שאָקלען זיך נאָך און פּאַטשען. מיט גדולה לויפען זיי נאָך די שפּסעלעך. די סטאדע קומט אָן פאר ר' יוסף ראָזענקראַנץ'ס הויז. די שותפים געהען צו, כאַפּען אַ שעפּס מיט'ן שטעקען און טאַפּען איהם. זיי רעדען צווישען זיך אביסעל. באלד לאָזט מען די סטאדע איינציג־ווייז אין טהויער אריין און ר' משה מיט'ן גראָבען שטעקען אין דער האַנד, צעהלט די שעפּסען, וואָס שפּאַרען זיך דורך דער קוים־געעפענטער פורטקע אין הויף אריין.

באלד קומט אָן צו לויפען ערגעץ־וואו אַ יודיל, אַ מאָגערס, אַ קליינס. ער גיט אַ קלאַפּ מיט אַ האַמער אין טהיר און ענטלויפט, אוז ווערט פערשוואונדען ווי אַ שאָטען... דער טעמפּיגער הילך פון האָלצערנעם האַמער לאָזט זיך הערען אין געסיל, עס ווערט שטיל, די געוועלבעלעך פערמאַכען זיך, אין די פענסטער ווייזען זיך ליכטלעך.

דער הימעל — אַ פעלד אַ ברייטס, מיט ליכטיג־פערשטויבטע ביימען, און די זון לאָזט זיך אראָב צום פלאַצקער טראַקט צו... אין געסיל בעווייזט זיך שוין אָן אָבגעוואַשענער יוד אין אַ שבת'דיגער קאַפּאָטע. צוויי אָבגעוואַשענע, שבת'דיגע יונגעלעך, די סדורים־לעך אין די הענד, געהען איהם נאָך אין שוהל אריין צו קבלת שבת.

ווייטער ווייזט זיך פון פלאָצקער טראַקט אַ גרויסער שטויב, וואָס קומט אָן מיט איילעניש, ווי ער וואָלט עפּיס אָנזאָגען דער גאַס.

באלד הערט זיך אַ האַקען פון רעדער, אַ רעש מיט עזות. דער שטויב צוגעהט זיך אויף אַלע פיער זייטען, און עס בעווייזט זיך אַ וואָגען אין דריי פערד אין דער ברייט געשפּאַנט. ער קומט אָן אין געסיל מיט רעש. נאָך איהם לאָזט זיך אַ צווייטער וואָגען, אין צוויי פערד געשפּאַנט, און אַ דריטער. מען קנאַלט מיט די בייטשען. די קנאַלען שלאָגען אין דער גאַס אָב, ווי אַ סיגנאַל, אַז מען איז אָנגעקומען אויף שבת. די וועגען שטעלען זיך אָב פאר אַ לאַנג אָבגעווייסטען צוים, פאר ר' יוסף'ס הויז. פון ערשטען וואָגען שפּרינגט אראָב פריהער פאר אַלע מאַטיס, אַ הויכער, ברייט־ביינעגער יונג, אָנגעטהאָן איז אַ ברייטען ווייסען זומער־מאַנטעל, אין גאַנצען פערשטויבט. ער נעהמט אָי די פערד פאר דער צוים, און פיהרט זיי מיט דעם וואָגען אין דעם

טהויער, וואָס האָט זיך, צוליעב זיי, ברייט אויפגעעפענט. די אנדערע צוויי וועגען פאָהרען נאָך און עס ווערט שטיל.

נישט לאנג איז, זייט מאטים איז געווען א שמייסער ביי פוקסען, וואָס פלעגט פיהרען פון דער קוטנער באהן־סטאציע נאפט און זאלץ, ווי אויך צושטעלען רוסישע עמיגראנטען צו דער גרענעץ. אלע האָבען געוואוסט, אז מאטים האָט שטעהן ביי ר' משה גאָמבינער א פּאָר שעהנע הונדערט גולדען, וואָס ער האָט זיך איינציגווייז אנגעזאמעלט. מאטים האָט געזאמעלט געלד, און איז אלץ ווייטער געווען שמייסער; געח'בר'ט זיך מיט חברים. אמאָל אָבער, ווען ער איז מיט זיין בעל־הבית אויפ'ן ליטווישען מארק געווען, האָט ער דערזעהן א פּאָר „חיות" ביי א פויער. זיי זיינען איהם געפעלען. און מאטים טראכט נישט קיין סך, לויפט צו ר' משה'ן, כאפּט א הונדערטער און קויפט די פערד. ער ברענגט די „חיות" קיין קוטנע, קויפט א וואָגען און ווערט א בעל־הבית פאר זיך.

צוערשט קומט עס אָן שווערליך. חברה פוהרמאנעס ווילען איהם נישט אין די קאָמפּאניע אריינגעהמען. מען סטראשעט איהם, אז זיי וועלען איהם די פערד פער'סם'ען. מאטים לאָזט זיך נישט, נעהמט אָן אליין בעשטעלונגען, — ארבעט און בעהאלט די פּאָר גולדען.

עס געהט אוועק א יאָהר. מאטים איז שוין א סוחר פאר זיך, כאפּט א 25־ער פון דער האנד ביים ערשטען בעל־הבית. מאטים'ן געטרויעט מען. א „יונג, וואָס וויל א גראָשען פערדיענען", רעדט מען וועגען איהם. דאָס געשעפט געהט, די „ליטוואקעס" שיטען זיך ווי מאָן. מאטים האָט שוין נאָך א וואָגען, ער נעהמט צו א „גוטען ברודער", שלמה „מלאך", פאר א שמייסער. צו מאטים'ן וויל מען גערן געהן. חברה האָט איהם ליעב — א „גוטער ברודער".

עסען עסט מען צוזאמען ביי נאָטע גאָרקעבער. גאָלדעלע איז א וואויל ווייבעל... אלע לעבען צוזאמען, ווי געטרייע שותפים פיהרט מען זיך. מאטים טהוט נישט די האנד אין קאלטען וואסער אריין אָהן חברה. און טאָמער טהוט ער עפּיס א פעהלער, אז ער פאָהרט אליין אויפ'ן מארק און שאפט זיך איין „א עקשנ'דיגען קאָזאק" אָדער א „בלינדען לייב" וואָס איז שוין „לא קם", — בייזערט מען זיך אויף מאָטים'ן:

— קוקט נאָר אָן דעם „סוחר“! אַ גאַנצער בעל־בית געוואָרען! פאָהרט זיך אויף מערק און שאַפט זיך „העלדען“, — בייזערט זיך איבער איהם שלמה מלאך, אַ הויכער דאַרער יונג, וואָס טראָגט דעם נאָמען נאָך פון קינדהייט אָן, ווייל ער פלעגט אויף פליעגען זאָגען: מלאכים.

— די שוואַרצע יאָהר האָבען געקענט וויסען! „פעווענזעלטער מלאך“, וואָס עס ליגט איהם אונטער דער קאַפּאָטע, — פערענטפערט זיך מאַטיס אויף זיין לשון.

און מאַטיס „מאַכט איינציגווייז די פּאָר גולדען“; ער בעהאַלט דאָס נישט פאַר זיינע חברים, מען ווייס דאָס. אַ יונג געהט צו, גיט איהם אַ טאַפּ פאַר דער גראָבער טאַש: „רויטע קאַרפּען־קעפּ“, האַ?... ביי ר' משה'ן האָט ער שטעהען די פּאָר גולדען אָהן אַ וועקסעלע, אָהן אַ קוויטעל. ער ווייסט נישט קיין חכמות, עס איז דאָך עפּיס ר' משה גאָמבינער, וואָס האַנדעלט מיט די דייטשען אין די טויזענדער...

אין שטאָדט רעדט מען פון איהם: ער „פערמאָגט“... און חשוב'ע בעלי־בתים, „די אויפגעבלאָזענע טיטען“, ווי מ'פלעגט זיי רופען, קומען שוין צו איהם „כאַפּען 25־ערס אויס דער האַנד“ אַ וועקסעלע צו צאָהלען — מאַטיס באָרגט; ער ווייזט, אַז ער האָט אויך די „קלינ־גערס“, נאָר ער בלאָזט נישט פון זיך.

שבת נאָך מיטאָג. מאַטיס זיצט מיט דער חברה אויף דער באַנק פאַר ר' משה גאָמבינער'ס טהיר און ציעפּיט די אויסגעצוואָגענע „טשאָלענטער“, די דיענסט־מיידען, וואָס געהען פערביי. די „אויפ־געבלאָזענע טיטען“ דרעהען זיך אין דער גאַס. אָנגעטהאָן אין די שבת'דיגע פיינע שניט־רעק, מיט די ווייסע בעל־בתישע קרעגענדלעך, פערלעגט די הענד, — געהען זיי פּאַמעליך איבער דער גאַס, קומען אָן פאַר דער „באַנק“, און גיבען אַ פּאַמעליכען שאָקעל מיט'ן קאָפּ צו מאַטיס'ן (מען דאַרף אַמאָל דעם הונד). מאַטיס שאָקעלט צוריק ערנסט און דרעהט דעם קאָפּ אין אַ זייט אַוועק, גיט אַ ממזר'שען ווינק מיט די אויגען און זאָגט מיט אַן ערנסטען טאָן — זעהר אַ גראָב וואָרט.

די פערד אין די שטעלער געבראַכט, אָבראָק אין די קאַרעטעס איינגעשיט, און פרישׁ שטרוי אויסגעשפּרייט, — האָט מען זיך צום וואַסער, וואָס געהט נאָך דעם שטאַל, אָראָבגעלאָזט. צוריקקומענדיג

פון וואַסער, האָט מען זיך אין בית־המדרש אַריין געאײַלט; אין די וואָכענדיגע מלבושים, ווי מען געהט און שטעהט, און פון בית־המדרש — צו נאָטע גאָרקעבער — „דאָס האַרץ אונטערלעהנען זיך“.

און אַ פרייטאַג־צו־נאַכט איז דענסטמאָל געווען — גאָט און לייט ליעב. אַ זומערדיגע נאַכט. עס איז נאָך ליכטיג, די זון בענקט נאָך צוריקצוקומען, די שטערען, טיעף אין הימעל, הענגען נאָר אַראָבצו־פאַלען, שבת'דיגע ליכטלעך שיינען פון די פענסטער, זמירות־געזאַנג הערט זיך אין געסיל, עס קנאַקט... פאַר טהירען און טויערן זיצען בעלי־בתים, בעלי־בית'טעס. אין געסיל, אַראָב צו דער „בריק“, שפּאַציערען „יונגע קינדער“: מיידלעך, בחורים, דאָרט ווייט אין די נאַכט... אַ ווינטעל בלאָזט לייכט, ליעב אויף די הערצער...

אין געסיל אין אַ זייט שפּאַציערען מאַטיס מיט ר' יוחנן שדכן. ר' יוחנן שדכן, אַן עלטערער מענש, אַ חסיד, אַ בעוואוסטער איינגעהער אין אַלע „בכבוד'ע הייזער“, געהט פּאַמעליך, רעדט שטיל, מיט נחת, ווי קוועלענדיג פון זיך זעלבסט; און מאַטיס, שטיל, מיט אַן אַראָבגעלאָזטען קאָפּ, ווי אַ קינד, וועט מען זאָגט איהם מוסר, געהט איהם נאָך און בעמיהט זיך, נישט צו מאַכען קיין פלינקע טריט.

— עס איז נישט אַזוי, מאַטיס! נישט אַזוי פיהרט זיך די וועלט. אַ מענש האָט שען פרנסה, גאָט צו דאַנקען... האָט זיינע פאַר הונדערט רובעל... אַן אַנדער אויף דיין אָרט, פערשטעהסט דו, — וואָס טויג דיר די חברה? ווער זיינען זיי? שמייסער־יונגען! דיין גלייכען? ביזט דאָך שוין, זאָל מען זיך נישט גענאַרען, אַ מענש אין די יאָהרען. דאָס גאַנצע לעבען אָבלעבען אין שטאַל? וואָס פאַר אַ ווערטה האָט מען אין לייטענס אויגען?

— לייטען? איך שפּיי אויף זיי, וועמען דאַרף איך דען? זיי קומען צו מיר באָרגען געלד... איהר ווייסט...

טאַקי איבער דעם. מען איז נישט אַ ליאַדע ווער פון דער גאַס אַראָב... איינענע פאַר הונדערט רובעל... אַ יונג ווי דו, שען פרנסה, אַן אָרענטליכער מענש, — וועמען האָסט דו שלעכטס געטהון? און ווי קומסט דו אין שטאַל, אָדער מיט דער חברה פאַר'ן שטאַל? אַזאַ יונגער מענש ווי דו, ווייס איך? סטאַרעט זיך, ווייס איך וואָס, אַריינ־צוקומען אין אַן אָרענטליך הויז, צו חבר'ן זיך מיט אָרענטליכע מענשען.

— איך האָב זיי אין דער ערד! וועמענס דאַרף איך דען, פרעג איך אייך, זאָגט מיר, וועמענס?

— זעהסט דו, — דערנידערט ר' יוחנן זיין טאָן, — נישט אזוי פיהרט זיך די וועלט. א מענש ווי דו, קודם־ כל, פערשטעהסט דו מיך, איך מיין דיר, חלילה, נישט מוסר צו זאָגען. איך בין נישט דיין טאטע, נישט דיין גואל. נאָר גלאַט. מענשליך זאָג איך עס דיר, וואָס וועט דער סוף זיין פון דיר? א יונגער מענש ווי דו, האָט זיך זיין פרנסה, שענע פאָר הונדערט רובעל, נעכטיגט אין שטאָל! כל הימים אין שטאָל קען מען נישט זיין, א מענש מוז קלערען אויף א תכלית, אמאָל א קלעהר צו טהון, אז מען דאַרף דאָך אמאָל א שידוך צו טהון... וואָס? נישט צייט? מאַטיס האָט שטיל געשוויגען.

— זעהסט דו, א יונגער מענש ווי דו, — איז ר' יוחנן ברייטער ארוים, — האָט זיך זיין פרנסה, זיינע פאָר הונדערט רובעל, קומט ארוים פון א גאַנץ שענע משפחה, אזא יאָהר אויף מיר, איך האָב דאָך גוט דיין טאַטען, עליו־השלום, געקענט. ר' זעליג. א אָרענטליכער מענש, איז זיך געגאַנגען זיין וועג. געפּאָהרען, געטראָפען א אָרימען, אויפ'ן וואָגען איהם אויפגענומען, ווי ווייט געקענט — א אורח אויף שבת אהיים גענומען, ווייס איך? איך בין דאָך א מענש, וואָס קומט אריין אין פערשידענע הייזער, קען א וועלט מיט מענשען, פאַר וואָס דען נישט? טאָמער מאַכט זיך אמאָל א גלייכער שדוך, וואָס? נישט אזא מענש ווי א אנדערער? מיט א בעל־בתיש קינד... אז מען פיהרט זיך אָרענטליך...

— איך האָב דען וועם גע'גנב'עט, גע'הרג'עט וואָס?

— נישט דאָס מיין איך, פערשטעהסט דו מיך, ביזט דאָך נישט קיין קינד! א מענש ווי דו, דאַרף זיך פיהרען אָרענטליך, חבר'ן זיך מיט אָרענטליכע מענשען, נישט מיט קיין שמייסער־יונגען! ווער זיינען זיי? לאָבעצעס, מיט די גאַנצע וועלט צו טהון...

— איהר מיינט טאָקי, איך חבר מיך מיט זיי? גאָר נישט, ווייס איך, גלאַט אזוי...

— אָט האָב איך היינט ביים דאַווענען ערשט מיט ר' יעקב גאָלדמאַן גערעדט וועגען דיר: ר' יעקב זאָגט אויך דאָס אייגענע: א אָרענטליכער יונג, האָט זיך שען פרנסה, ער וויל ארבייטען, זיינע פאָר גולדען — — —

מאַטים האָט שטיל געשוויגען.

— ווייס איך וואָס עס קען זיך מאַכען? פאַר וואָס דען נישט? עס קען אַלץ מעגליך זיין. ר' יעקב זוכט נישט קיין וואויל־לערנער, קיין בעל־יחוס, ער זוכט זיך אַ איידעם... פאַר זיין רחל'ע, אַ בעל פּרנסה, און פאַר וואָס דען נישט? איך בין דאָרט אַ בן־בית! אַ גאַנצער דאָרטיגער.

אַ וואַרעמקייט האָט מאַטיס'עס ברוסט ערפילט. און מיט שטילע טריט, מיט דרך־ארץ איז ער ר' יוחנן נאָכגעגאַנגען.

און אַהיים־קומענדיג אויף דער נאַכט האָט ער זיך רוהיג ביים פענסטער אַנידערגעזעצט און געקוקט אין הימעל אַריין.

ר' יוחנן'ס שמועס איז געווען דער ערשטער סוד, וואָס ער האָט פון זיינע חברים פערבאָרגען.

אונטער דעם געסיל ציהט זיך דאָס פעלד. אַ גאַנצע וואָך פּאַשען זיך דאָרט די שטאָדט־בהמות. שבת פיהרען די בעלי־עגלות די פערד אויפ'ן פעלד. עס ליעגט זיך אַ בעל־גאוה אויסגעצויגען אויפ'ן בויך. נעבען איהם זיצט דאָס ווייב און די קינדערליך, און דאָס פערד פּאַשעט זיך פון דערווייטען, אַנגעבונדען מיט אַ לאַנגען שטריק צום שטיק האָלץ, וואָס איז אַריינגעהאַקט אין דער ערד. די שטאָדט־יונגען שפּיעלען „פּאַלענט": מען קלאַפּט מיט'ן „פּאַלען" אין דעם „באַלען", און מען לויפט ביז צו די „מעטע". קלענערע יונגען שפּיעלען אין זעלנער. אויף אַ בערגיל זיצען אַ קופּע ווייבער, און איינע לעזט פון די „צאינה־וראינה". איהר וויינענדיג קול שלאָגט זיך אָב אין וואַסער פון דערווייטען.

ביים וואַסער ליעגען מאַטיס'עס חברים. זיי האַלטען די פערד פאַר די שטריק, און שמועסען פון „טשאַלענטער". אביסעל ווייטער, נעבען דעם מילעכיל, ליעגט מאַטיס איינער אַליין, און פּאַשעט זיך זיין „בולאַן". ער ליעגט און קוקט אין וואַסער אַריין, וואו די וועלען לויפען. פון דערווייטען הערט זיך, ווי דאָס וואַסער שאַרכט אויף דעם „ראָד" פון מילעכיל. פון דאָרט זעהט זיך די בריק. עס שפּאַצירען בעל־בתישע טעכטער און בחורים... מאַטיס ליגט און האָרכט זיך איין צו דעם וואַסער־ גערויש. דאָס וואַסער־מילעכיל פּאַטשט מיט די רעדער, ראַש, ראַש. דאָס וואַסער, שטראָמענדיג מיט אַ געבייזער,

רינט פון דער הויך אין טאָהל אַראָב, פאַלט אויף די רעדער, די רעדער פּאַטשען מיט עזות צוריק... און מאַטים ליגט און קוקט ווייט, דאָרט צו דער בריק אַריבער.

אָט שפּאַצירט זי, רחל׳ה, ר׳ יעקב גאָלדמאַן׳ס טאָכטער, מיט די חבר׳טאָרענס. זיי גיהען רוהיג, געלאַסען. און איהר לאַנג קלייד שלעפּט זיך איהר נאָך. אָט האָבען זיי זיך אָבגעשטעלט און קוקען אין וואַסער אַריין. ער זעהט איהר געזיכט, זי איז אַזוי שען און רוהיג, אַזוי עדעל. א בעל־בתיש קינד. איהר פּנים מיט איהר לאַנג קלייד שפּיגלען זיך אודאי אָב אין וואַסער, און אָט האָט זי זיך אומגעדרעהט, און געהט ווייטער, און ווערט פערשוואונדען.

מאַטים זיצט און קוקט אין וואַסער אַריין.

זי וועט זיין כלה. יום־טוב וועט מען איהם פערבעטען צום מחותן צו גאַסט. ער וועט איהר א פּאָר גאָלדענע אויערריננלעך געבען. זי וועט נעמען און דאַנקען, שאָקלענדיג מיט׳ן קאָפּ... ער וועט מיט׳ן מחותן אין שוהל געהן דאַוונען, דער מחותן וועט איהם מכבד זיין מיט מפטיר, ער וועט מיט׳ן מחותן פון שוהל, איבער די גאַנצע גאַס געהן. מען וועט זיי נאָכקוקען... ר׳ יעקב גאָלדמאַן מיט׳ן חתן געהען...

און ער קוקט אין וואַסער אַריין, דאָס ראָד פּאַטשט די וועלען, דאָס וואַסער רוישט.

באַלד פערשעמט ער זיך פאַר זיך זעלבסט. ער הויבט זיך אויף, נעמט אָן דאָס פערד ביים שטריק און פיהרט עס אַהיים. פאַרבייר־ געהענדיג פאַר די יונגען, זאָגט ער: קומט חברה! מען נעמט די פערד פאַר די שטריק און מען געהט. מאַטים מיט זיין בולאַן פאָראויס, חברה נאָך איהם. אין געסיל איז שטיל. פון אַן אָפען פענסטער הערט זיך „תורה“: א יוד זיצט ערגיץ־וואו און לערנט, און דאָס קול, דאָס ליעד פון שבת, שפּאַצירט מיט רוהיגקייט איבער׳ן געסיל. מאַטים האַלט דעם שטריק און פערשעמט זיך פאַר זיך אַליין: א יוד זיצט און לערנט און ער פיהרט א פערד אין גאַס.

מען האָט שוין די פערד אין די שטעלער געבראַכט, און מען קומט צוריק. און מען זעצט זיך פאַר ר׳ משה גאָמבינער׳ס טהיר. אין געסיל ווערט היימליכער. מיידלעך שפּאַצירען. פון די אָפענע פענסטער הערען זיך קולות. יודען זיינען מעביר די סדרה. א גאַנצע חברה בעלי־עגלות זעצט זיך פאַר ר׳ משה׳ס טהיר, די באַנק איז עפּעס „מסוגל“ צו דעם...

„קאַמיזע" (אַ געשטופּעלטער, אָבגעברענטער יונג, וואָס וואַלגערט זיך אין די שטאַלען אָרום) שטעהט פאַר'ןביימעל. חברה ציהען איהם דעם הוט איבער די אויגען און לאַכען. אַט שפּאַצירט אַ מיידיל איבער דער גאַס; חברה שיקען צו „קאַמיזען". ער נעהמט זי אונטערן אָרעם. דאָס מיידעל רייסט זיך פון איהם, זי ווערט רויט, פערשעמט, און חברה־לייט לאַכען, זאָגען גלייך־ווערטלעך.

עס הערט זיך ר' משה גאַמבינער'ס קול (ער איז מעביר די סדרה), און זיין זוהן, דעם בחור'ס, גמרא ניגון. די קולות קלינגען אָב אין געסיל, און חברה־לייט אויף דער באַנק זיצען און לאַכען.

רחל'ה מיט די חברטאָרענס געהען צוריק פון דער בריק; פּאַמעליך, מיט דרך־ארץ געהען זיי איבער דער גאַס. רחל'ה — אין מיטען. זי איז די העכסטע פון אַלע. געהט אָנגעטהון אין אַ לאַנג קאַרטאָנען קלייד, אונטען צוויי בלאָנדע לאַנגע צעפּ, מיט בלאָהע זיידענע בענדער פערקניפּט. זי געהט זיך רוהיג און פערציילט עפּעס רוהיג די חבר־טאָרענס. די חברה ווינקען צו „קאַמיזען", ער זאָל צוגעהן. „קאַמיזע" קוקט פון דערווייטען, איבערלעגט זיך און קען ניט מעיז־פּנים זיין... דאָך, שטעהענדיג פון דערווייטען, „בילט" ער עפּעס אַהין צו די מיידלעך. די מיידלעך — ניט זיי מיינט מען, — געהען זיך רוהיג, מיט דרך־ארץ. רחל'ה שאָקעלט לייכט מיט איהר שענעם קאָפּ צו ר' משה'ס פענסטער. גוט שבת! באַלד נעמט זי צוריק דעם קאָפּ און פערציילט עפּעס ווייטער, גלייכגילטיג, פּאַמעליך און רוהיג.

— קוקט אָן דעם „יאַטיש" (די בעל־בתישע טאָכטער) — זאָגט אַ יונג פון דער חברה.

זי הערט נישט, געהט זיך ווייטער רוהיג, מיט דרך־ארץ.

— אַ האַלערע אין איהרע ביינער! מיט וואָס פאַר אַ גאוה דאָס געהט, ווי זי וואָלט ראָטהשילד'ס טאָכטער זיין! אויך מיר אַ מענש — יעקב גאָלדמאַן'ס טאָכטער.

— „דער אויסגעבלאָזענער טיט" — ענטפערט אַ צווייטער: ער וועט דאָך באַלד צו דיר קומען אַ 25־גער באָרגען. — ווענדט ער זיך צו מאַטיס'ן, וואָס איז געזעסען אין אַ זייט און גאָר נישט גערעדט.

מאַטיס ערהעבט זיך, לאָזט די חברה זיצען, און געהט אַהיים, טהוט זיך איבער דאָס נייע פּסח'דיגע פּאָר, און געהט צוריק אין גאַס אַריין.

אַז ער איז דורך געגאַנגען פאַר דער „באַנק“, האָט ער געוואָרפען אַ שעמעדיגען בליק אויף די חברה, וואָס האָבען איהם, אַנגעטהון אין די וואָכעדיגע מלבושים, נידריג און וואָכעדיג אויסגעזעהן.

— „לא קם“ — גיט שלמה מלאך אַ ווינק צו איהם מיט אַן אויג.

— די פיש פאַנגען זיך! — זאָגט אַ צווייטער יונג פון דער חברה.

מאַטיס בייגט דעם קאָפּ אַראָב, קוקט אויף זיין קאָסטיום, וואָס האָט יעצט געפונען חן אין זיינע אויגען, און שאָקעלט פערשעמט מיט'ן קאָפּ.

איבער־געקומען די באַנק, איז ער שוין פּאַמעליך, מיט דרך־ארץ איבער די גאַס געגאַנגען, און צו יעדען אָרענטליכען בעל־בית, וואָס ער האָט אין פענסטער געזעהן, אריין־געשאָקעלט „גוט שבת“.

באַלד איז ער צו צו ר' יעקב גאָלדמאַן'ס הויז. פאַר די טהיר, אויף שטוהלען, זיינען געזעסען: ר' יעקב'ס ווייב, אין אַ זיידענעם טוך ארום־געהילט, און האַלב צומאַכענדיג די אויגען, פון „דערהייך“ אין דער גאַס אַראָב געקוקט. נעבען איהר — רחל'ה מיט איהרע חבר'טאָרענס. און אין פענסטער זיינען געשטאַנען: ר' יעקב גאָלדמאַן אין קאַפּעל, און ר' יוחנן שדכן, און האָבען עפּיס שטיל גערעדט.

מיט האַרץ־קלאַפּען האָט מאַטיס שטיל אַ שאָקעל געטהון מיט'ן קאָפּ: גוט שבת! און געשראָקען זיך, צי ער האָט נישט עפּעס קאַליע געמאַכט....

— גוט שבת, גוט יאָהר! — האָט איהם ר' יוחנן מיט זיין הויך תקיפ'דיג קול אָבגעענטפערט.

געוועזען איז עס אין אַ שענעם שבת נאָך מיטאָג. אין דער גרויסער שטוב ביי ר' יעקב גאָלדמאַן איז אויפגערוימט יום־טוב'דיג. די גאַרדינען זיינען מיט בלאָהע בענדער פערצוויגען, אַזוי, אַז דער שפּיעגעל, פון צווישען די צוויי פענסטער, איז כמעט האַלב פערשטעלט. די ווענד זיינען בעהאַנגען מיט וואָלוטשקענע בילדער, אויף קאַנווע אויסגענעהט — רחל'ס ארבייט. פון שויבען־שענקעל פינקלען צוויי זילבערנע לייכ־טער ארויס. זילבערנע לעפעל, גאָפּעל און מעסער, פּאָרצעלייענע טעלער, גלעזערנע קלאָשען... און דאָס אַלץ וואַרפט אַן אַריסטאָקראַטישען גלאַנץ איבער דער שטוב. אויבען־אָן — ביי דעם וויים געדעקטען טיש, זיצט ר' יעקב אין שלאָפראָק און קאַפּעל, די ברילען אויף דער

נאָז און די עטליכע ווייסע האָר פון באָרד ציטערען אריסטאָקראַטיש אויף דער ברוסט, איבער דעם ווייסען, בעל־בתישען קראַגען מיט דעם שוואַרצען שניפּסעל. ארום טיש — ר׳ יעקב׳ס זוהן מיט די איידימס. אַלע אין פיינע, גלאַנצענדיגע שניט־רעק, ווייסע בעל־בתישע קראַגען, קליינע, שוואַרץ־סאַמעטענע היטלעך, אויף די זיידענע וועסטען גלענצען די גילדענע קייטען. פון דער צווייטער זייט טיש זיצען ר׳ יעקב׳ס ווייב מיט די טעכטער און שנירען, אין זיידענע קליידער. פון די ווייסע העלזער גלאַנצט דאָס צירונג אראָב. די אויגען קוקען מיט דרך־ארץ אויף דעם טאַטען און שווער. און מען וואַרט מיט רעספּעקט אויף דעם וואָרט, וואָס וועט פון זיינע ליפּען ארויס. יעדעס וואָרט, וואָס אַ קינד זאָגט, איז „אָבגעוואויגען און אָבגעמאָסטען“, יעדע בעוועגונג — לייכט און עדעל, ווי „אויסשטודירט“. אין מיטען די זיהן איז מאָטיס געזעסען, אָנגעטהון אין אַ נייען לאַנגען ראָק. און זיין רויט אָבגעברענט געזיכט, וואָס מען האָט ערקענט, אז עס איז געוועזען געוואַשען; זיינע גראָבע רויטע הענד, וואָס זיינען משונה מאָדנע אויף זיין ברוסט געוועזען פערוואָרפען — האָבען נישט געשטימט, ניט מיט דעם שענעם ראָק, וואָס ער האָט געטראָגען און נישט מיט דעם אַלעם, וואָס איז געוועזען ארום טיש... ער איז געזעסען שטיל. ער האָט מורא געהאַט אפילו עפּיס צו טראַכטען, צו בעוועגען מיט אַ אבר, און האָט מיט גרויס דרך־ארץ אויף איין פּונקט געקוקט. זיינע פינקעלדיגע אויגען, וואָס האָבען מורא געהאַט זיך צו ריהרען, און פון איין זייט, זיין אימה אויסגעזאָגט, האָבען אויך צו וויסען געגעבען, אַז ער איז אימשטאַנד, יעצט דעם קלענסטען פון דאַנען מיט דרך־ארץ צו פאָלגען אַלץ, וואָס ער וועט איהם הייסען טהון. רחל׳ה איז געזעסען קעגען־איבער, אָנגעטהון אין אַ ניי גרין קלייד. איהר קאָפּ האָט זי געהאַלטען אראָב געלאָזט צו דער ברוסט, האַלב טרויעריג און האַלב שטאָלץ...

אַלע ארום זיינען שטיל געזעסען.

די „בעיאָהרטע פרוי“, וואָס איז די גאַנצע צייט ביים טיש נעבען מאַן געזעסען און האָט איהם אין מויל געקוקט, האָט זיך פון איהר אָרט ערהויבען, און האָט דערלאַנגט, פון דער שאַנק ארויס, אַ געשליפענע קאַרפינקע מיט רויטען ווישניאַק. ערשט דאַן האָט זיך אויך רחל׳ה פון איהר אָרט אויפגעהויבען. דאָס נייע קלייד האָט איהר זאַך געשאָרכט, און זי האָט צום טיש דיניטשקע, עדעלע גלעזעלעך

דערלאַנגט. זי האָט די גלעזלעך אויסגעשטעלט, איינגעגאָסען. ערעל, פּאַמעליך. קיינער האָט נישט געטרונקען, אַלע האָבען געוואַרט אויף'ן אַלטען. דער אַלטער האָט זיך פון אָרט ערהויבען, דעם עלטסטען זוהן דערלאַנגט די האַנד, זאָגענדיג „לחיים" ! דערנאָך האָט ער דערלאַנגט מאַטיס'ן די האַנד. מאַטיס האָט זיך אויסגעגלייכט. דער אַלטער האָט איהם פעסט די האַנד געדריקט, און דערנאָך מיט'ן קאָפּ צו די פרויען געשאָקעלט. און די העלפט פון גלעזיל אויסגעטרונקען.

די קינדער האָבען אויך אָנגעקלאַפּט די גלעזעלעך.

מאַטיס איז זעהר רויט געוועז און האָט זיך געלאָזט שטאַרק בעטען. רחל'ה האָט צו איהם געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ און געזאָגט צו איהם, נעהנטער צורוקענדיג דאָס גלעזיל: טרינקט ! מיט אַ טאָן, ווי איינער זאָגט : „מען וועט איהם שוין אויסלערנען". מאַטיס האָט שוואַך מיט זיין דיקער האַנד דאָס גלעזיל צו די ליפּען גענומען. אַ שוויים האָט זיך אויף זיין שטערען בעוויזען, און קוקענדיג אַ מינוט ווי פערשעמט אין אַ זייט, האָט ער מאָדנע דין די ליפּען פערקרימט און זיין שטערען האָט זיך געקנייטשט.

רחל'ה איז געזעסען די גאַנצע צייט און האָט מיט אַ האַלב טרויעריגע מינע אויף איהר גלעזיל ווישניאַק, וואָס איז פאַר איהר געשטאַנען, געקוקט און האָט קוים מיט איהרע דינע, ווייכע ליפּען זי בעריהרט.

— וואָס הערט מען עפּיס נייעס ? — האָט דער אַלטער דעם עלטסטען זוהן געפרעגט.

און שטיל און יום־טוב'דיג האָבען אַלע אויסגעהאָרכט, ווי דער עלטערער זוהן, מאַטעלע, האָט מיט דרך־ארץ פערצעהלט די „פּאָליטיק" פון דער „הצפירה". און ר' יעקב גאָלדמאַן איז געזעסען אין קאַפּעל און, צומאַכענדיג איין אויג, מיט קאָפּ אויסגעהאָרכט, וואָס דער זוהן פערצעהלט. און געדאַכט האָט זיך אַז עס איז גענוג, אַז דער אַלטער זאָל דאָס צווייטע אויג צומאַכען, און דאָס ערשטע זאָל זיך אויפעפענען, די גאַנצע „פּאָליטיק" מיט די פּיס אין דער הויך איבער קעהרען.

און אַ חתונה איז געוועזן, ווער מיר גוטס גינט. דאָס געסיל האָט געלעבט, קינד און קייט האָט זיך געפרייט ; ר' משה גאַמבינער

איז געווען דער „עומד“ פון חתן׳ס צד, און דער חתן אליין איז עפּעס עדלער, פיינער געוואָרען.

— א וואונדער עפּעס, האָבען די ווייבער גערעדט.

— אז מען קומט אריין אין אזא משפחה!

— נו, רחל׳ה וועט איהם שוין פאר א ליים מאכען.

און איינגענומען האָט איהם רחל׳ה מיט גוטען. פון דער הויך. האלב ברוגז׳דיג, האלב מיט א גוט געלעכטעריל. אז מאַטיס האָט מיט וועם גערעדט און זי איז דערביי געווען, האָט ער איהר אין די אויגען נעקוקט, ווי פרעגענדיג, צו זאָגט ער נישט עפּעס גראָבס.

און טהיילמאָל, אז מאַטיס האָט זיך ארויסגעכאַפּט מיט עפּעס א נישט־פּאסעדיג וואָרט, האָט זי איהם אין דער צווייטער שטוב אריינגערופען און, אננעמענדיג איהם ביים קנאָפּ פון פּאלטא, אזוי געזאָגט:

— זעהסט, מאַטיס, עס פּאסט נישט! ביי לייטען אין „געזעלשאפט“ דאַרף מען זיך מעהר „אנשטענדיג“ צו האלטען. מען דאַרף בעטראַכטען יעדעס וואָרט, וואָס מען וויל זאָגען. וואָרום, זעהסט דו, מאַטיס, עס איז דאָך ניט שען צו זאָגען עפּעס נישט פּאסענדיגעס אין געזעלשאַפט. פערשטעהסט דאָך אליין...

די הויך „דייטשע“ ווערטער: „געזעלשאַפט“, „אנשטענדיג“, וואָס האָבען זיך זעהר עדעל פון רחל׳הס מויל ארויסגעגליטשט, האָבען אויף איהם א ליעבען שרעק געוואָרפען, און ווי א קליין קינד האָט ער זיין פעהלער דערקענט.

שען איז געווען צו זעהן שבת נאָך׳ן דאווענען, ווען ר׳ יעקב גאָלדמאַן מיט מאַטיס׳ן געהען פון שוהל אהיים: ר׳ יעקב׳ס א אייניקעל טראָגט זיי די טליתים נאָך. פון פענסטער קוקט ר׳ ישכר וויינשטיין ארויס. דער שווער מיט׳ן איידים שאָקלען אין פענסטער אריין: גוט שבת.

— וואָס דען? אונזערע קינדער ווערען לייט? מישטיינס געזאָגט!

— קרעכצט איין יודענע צו דער צווייטער, שטעהענדיג פאר דער טהיר און נאָכקוקענדיג דעם שווער מיט׳ן איידים.

— דאָס הארץ קוועלט פאר נחת, אוי, אוי! נעהאָ, זיין מאַמע, האָט געדאַרפט פון קבר אויפשטעהן און זעהן איהר מאַטיס׳ן.

— אָרימע לייט, נעבעך, שטאַרבען אָב, און זיינען אפילו ניט זוכה

צו זעהן אַ שטיקעל נחת ביי אַ קינד.

און מאַטים איז שוין געוואָרען אין די „משפחה" אריינגענומען, ביים טיש זיצט ער שוין ניט מיט הארץ־קלאפּען, ווארפט אפילו אמאָל אויך אַ וואָרט אין שמועס אריין.

— אונזער מאַטים וועט זיך אויסארבייטען! נישט אַזוי שלעכט, ווי געמיינט, — זאָגט ר' יעקב צום עלטערען זוהן מאָטעלע.

— ער האָט אָפּטמאָל גאַנץ גוטע איינפאַלען — העלפט דער זוהן דעם פאָטער צו.

שבת. ער זיצט ביים שווער גלייך מיט אַלע און שמועסט. רחל'ה דרעהט זיך אין זיידענעם שלאָפראָק ארום, די גאָלדענע קייט מיט דער „קאַליע" אויפ'ן האלז: דאָס בלייכע עדעלע פּנים לייכט פון אונ־טער דעם האָריגען שייטעל ארויס, און אויף די דיניטשקע ליפּען ליגט אויסגעגאָסען אַ ליעבער, זיסער שמייכעל.

פאַר דער טהיר, אויף דער באַנק, זיצען חברה, אמאָליגע מאַטים'עס חברים און וואויווען ארום, און רעדען „עזות'קייטען". און יעדעס מאָל, ווען עמיצענס גראָב קול לאָזט זיך הערען אין שטוב, ווערט מאַטים רויט, און דאָס הארץ קלאַפּט אין איהם: ער האָט מורא, עס זאָל זיך אַ יונג נישט ארויסכאַפּען מיט זעהר אַ גראָב וואָרט...

ער ווייסט נישט ווי און ווען דאָס איז געוואָרען, נור די אמאָליגע חברים האָבען איהם אויפגעהערט צו זאָגען „דו".

— זאָל מאַטים אַזוי גוט זיין, געבען אויף אַ האַלבע קערץ האָבער — זאָגט צו איהם שלמה מלאך, שטעהענדיג אין קיך ביי דער טהיר.

רחל'ה קומט פון דער צווייטער שטוב ארויס און בעוועגט לייכט מיט'ן קאָפּ. שלמה מלאך וויל איהר גוט מאָרגען זאָגען, נאָר ער שרעקט זיך...

— ווען הייסט מאַטים... דער בעל הב.... איינשפּאַנען?

רחל'ה ענטפערט איהם פון דער ווייטען, ווי איהר וואָלט נישט געפּאַסט צו שטעהן נעבען איהם:

— דער בעל־בית וועט שוין שפּעטער צו וויסען געבען.

מאַטים קוקט אויף איהר. ווי לייכט די ווערטער שוועבען איהר פון מויל, און געהט איהר נאָך אין דער צווייטער שטוב אריין.

שלמה מלאך געהט צו די חברים אין שטאַל אריין.

די פערד שטעהען, בעהאַלטענדיג די קעפּ אין דער פינסטער.... אונטער יעדען איז פריש שטרוי אויסגעשפּרייט, אַ וואַרעמער פערד־גערוך טראָגט זיך פון זייערע צוהיצטע קערפּער אַרוים, אויף גרויסע הויפען שטרוי ליגען חברה אויסגעצויגען און שמועסען.

— די יאַטישע טאָכטער האָט דאָך צו מיר גערעדט! — זאָגט שלמה מלאך צו די חברים אַנקומענדיג.

— אַ רוח איהר אין די זייטען! איך וואָלט איהר אין פּרצוף געשפּיגען, ווען זי וואָלט זיך צו מיר מיט אַ וואָרט אָנגערופען.

— איך לאָקער נאָך אויף איהר! וועל איך איהר אַמאָל געבען אין טאַטען אַריין, וועט איהר ליכטיג אין די אויגען ווערען.

— שווייגט, אָט רידערט זי מיט אַ אבר. זי געהט. די „יאַטישע“.

פון הויף קומט רחל'ה אָן. זי געהט זיך פּאַמעליך, אַזוי ווי זי וואָלט מורא האָבען, איהר פוס אויף די האַרטע שטיינער צו שטעלען, דאָס ליכטע טיכעל ציטערט איבער איהרע אַקסעל. אַ ווינטעל בלאָזט און פערוואָרפט איהר איינינגע טראָלבען פון טיכעל איבער'ן פּנים. זי בעוועגט לייכט מיט דער האַנד און מאַכט זיך גלייך די האָר פון קאָפּ.

זי קומט אָן פאַר'ן שטאַל.

אָהנע צו וויסען, האָבען זיך חברה אויפגעהאַפּט, גלייך געשטעלט און „גוט מאָרגען“ געזאָגט.

זי האָט לייכט מיט דעם קאָפּ אָבגעענטפערט.

— מיינע ליעבע, ווער פון אייך פאָהרט מיט מיט'ן הערר נאָך ליענטשיץ אויפ'ן מארק?

— איך, בעל־בית'טע! — האָט שלמה מלאך אָבגעענטפערט, זיך גלייך מאַכענדיג דעם הוט אויפ'ן קאָפּ.

— מיין פריינד, וועסט אַזוי גוט זיין, מיר פון מאַרק אַ גוטע אינדיטשקע מיטברענגען. וועסט דערמאָנען דעם הערר, וועט ער דיר געלד געבען...

— גוט, בעל־בית'טע! — האָט ער אָבגעענטפערט.

און ווען זי האָט זיך אומגעדרעהט אַוועק צו געהן, האָט זי לייכט איהר קאָפּ צוריק געוואָרפען און געזאָגט:

— אַ פעטע זאָלסט דו אויסקלויבען. הערסט, שלמה?

— יאַ, בעל־בית'טע.

— ווי דאָס רעדט! וואָס פאַר אַ פּיסקעל דאָס האָט! — זאָגט

שלמה מלאך צו דער חברה, ווען זי איז שוין אוועקגעגאַנגען — אזוי לייכט שיטען זיך איהר די ווערטער, אזוי ממזר'יש, — א רוח איהר אין איהר טאַטען!

און עפּיס אָהנע צו וויסען אַליין, האָט ער זיך געסטאַרעט די בעסטע פּאָר פערד פון שטאַל אויסצוקלויבען און פלינק די פוהר איינצור־שפּאַנען. און מיט א קנאַל פון דער בייטש איז ער פאָר דער טהיר אפּויר געפאָהרען.

נאָך דעם שמועס מיט דער בעל־הבית'טע האָט ער זיך געפיהלט עפּיס מעהר היימיש, און איז אין דער קיך אריינגעקומען, אָהן א תירוץ צו האָבען, וואָס ער האָט ביז יעצט נישט געקענט טהון...

דערזעהן אָבער רחל'הן אין דער קיך, איז ער פּלוצלונג שטעהן געבליבען. „וואָס טהו איך דאָ?" האָט ער זיך געפרעגט. און שטעהענדיג פון דער ווייטען ביי דער טהיר, האָט ער געשטאַמעלט: דער בעל־בית וועט באַלד ארויסקומען?

זי האָט איהם נישט געענטפערט. און שלמה מלאך איז באַלד ארויס פון קיך.

פון דער חתונה אָן האָט מאַטים נישט געוואָלט פאָהרען מיט שלמה מלאך „סאַם נאַ סאַם". נישט געשעמט זיך, יאָ געשעמט זיך, עס איז דאָך נאַרישקייטען, נאָר גלאַט אַזוי... ער איז דאָך א גוטער ברודער פון לאַנג, אין איינעם ביי פוקס'ן שמייסער געווען, „געשעפט־ליך" געהאַט, און יעצט — — — איבער דעם איז מאַטים די גאַנצע צייט אויבען־אָן געזעסען, און שטיל געשוויגען. שלמה מלאך אויפ'ן קאַרשעל האָט אויך שטיל געשוויגען.

ווען זיי זיינען ארויסגעפאָהרען איז שען געווען. נור אין מיטען וועג האָבען זיך איבער'ן הימעל קליינע אָבגעריסענע וואָלקענדלעך פערקליבען. באַלד האָבען זיי זיך בעהעפט, איין שטיק געוואָרען, און עס האָט אָנגעהויבען לייכט צו טריפען.

שלמה מלאך איז געזעסען מיט'ן פּנים צו די פערד און האָט זיך דאָס זייניגע געטהון: אָנגעטריבען.

דער רעגען האָט געקאַפּעט, נישט גערדיכטער נישט שיטערער, נאָר עפּעס אזוי שוין מיט איין מאָס, אָהן א כונה, גלאַט אזוי: עס רעגענט.

די פערד טראַפּטשען און טראַפּטשען, די רעדער שניידען אין די שטיינדלעך, און דער רעגען קאַפּעט אויפ'ן פנים, און שלמה מלאך מאַכט זיך גאָר נישט דערפון, קיין וואָרט רופט ער זיך נישט אָן.

מאַטים וויל אָנהויבען רעדען, נור שלמה מלאך זיצט פערדרעהט, אויפ'ן רוקען אַ זאַק, עס פאַלט אַ טראָפּען און דער זאַק זאַפּט אין זיך די טראָפּען איין, גלייכגילטיג: נישט זיין געשעפט...

און דער רעגען קאַפּעט, דער הימעל איז שוין אין גאַנצען פערוואָלקענט. די חמאָרע האָט זיך געלעגט איבער'ן וואַלד, עס איז טונקעל, טרויעריג...

מאַטים וויל אָנהויבען רעדען — — —

נור שלמה מלאך'ס רוקען איז שטום, דער זאַק זאַפּט איין די טראָפּען און שווייגט.

זיי פאָהרען פערביי אַ קרעטשמע.

— ווילסט כאַפּען אַ לאַמפּערקע? (אַ טרונק בראַנפּען).

— פאַר וואָס נישט?

זיי קריכען אַראָב פון וואָגען, אין קרעטשמע אריין. מען כאַפּט אַ טרונק בראַנפּען און מען זעצט זיך צוריק אויפ'ן וואָגען ארויף...

— שלמה.

— וואָס?

— גאָר נישט, פאָהר אין דער זייט, אויף די שטיינער...

דער מאַרק איז אָנגעשטעלט מיט וועגען און פערד. מענשען לויפען, אַ געדערדריי און גערודער, עס קלאַפּט...

מאַטים איז אַראָב פון וואָגען און איז געגאַנגען צום פערד־מאַרק.

פאַר נאַכט קומט ער צוריק, און אַ יונג פיהרט איהם צוויי פערד.

— זעה די „חיות", וואָס איך האָב מיר געשאַפט, — זאָגט מאַטים צו שלמה'ן.

שלמה מלאך בעטראַכט די פערד. קוקט זיי אין די צי־הן און שווייגט.

— נו, וואָס זאָגסט דו, שלמה?

— ווייס איך?

— טרעף, ווי פיעל זיי קאָסטען.

— זאָל איך אַזוי וויסען...

מאַטים, איינגעוויקלענדיג זיך אין מאַנטעל, געהט אריין אין דער „רעסטאָראַציע“.

די בעל־בית׳טע האָט געבעטען אַ אינדיטשקע פון מאַרק. — דערמאָנט שלמה מאַטים׳ן, ווען דער לעצטער אין פון דער „רעסטאַראַציע“ אַרויס, גרייט צו פאָהרען.

געוועזען איז עס אַ שבת נאָכמיטאָג.

אויפ׳ן בעט אין „שלאָף־צימער“ ליגט מאַטים אויסגעצויגען און קוקט אויף דעם ווייב׳ס קאַפּעלוש מיט דער „קייט“, וואָס ליגען אויף דעם צווייטען אויפגעבעטען בעט. דאָס ווייב איז אין שוהל געוועזען — קלערט ער פויל און רייבט די אויגען. די שבתים נאָך מיטאָג זיינען עפּעס מיט מעהר גלאַנץ, שבת׳דיגער, עס לאַכט מיט חן דורכ׳ן פענסטער און שטראַהלט זיך אָב אויף דעם שויבען־שענקעל, וואָס שטעהט צווישען די צווי בעטען. די זילבערנע לייכטער גלאַנצען... פון דער צווייטער שטוב הערט זיך זיין שוואָגער מאָטעל׳ס נגידיש קול, וואָס קלינגט איבער דער שטוב ווי אַ גלעקעל. „דער שוואָגער איז געקומען צו גאַסט, מען דאַרף זיך אויפהויבען“ — פיהלט מאַטים אַ חוב אויף זיך. פון דער באַנק, וואָס איז פאַר דער טהיר, הערט זיך אַ חבר׳ס קול. יוסעלע טויבענכאַפּער פערצעהלט מיט געלעכטער, ווי פיעל „קוילען“ (קניידלעך) אהרן פורמאַן עסט אין פסח אויף.

מאַטים, ליגענדיג אויפ׳ן בעט, האָרכט זיך איין, וואָס חברה פערצעהלט און לאַכט מיט.

— נעם זי, נעם! — שרייט אַ יונג, אשר ביק׳ס קול.

— אָט אַזוי, האַלט...

— חאַ, חאַ, פּעסט האַלט, לאָז נישט אָב!

— פיהר זי אונטער דער חופּה, הייסט זי מוחל זיין!

— חאַ, חאַ...

מאַטים קריכט אַראָב פון בעט, ער געהט צו צום פענסטער און קוקט אַרויס. „קאַמיזע“ האַלט אַ אויסגעפּוצטען טשאַלענט אונטערן אָרים און לאָזט זי נישט אָב. דאָס מיידעל רייסט זיך פון איהם מיט אַלע כחות, ער האַלט זי אָבער פעסט, און חברה לאַכט.

מאַטים קוקט און לאַכט מיט. געפיהלט האָט ער זיך אויסגעשלאָ־

פען, פריש, א ביסעל אויפגערוימט, נישט וויסענדיג אליין פאר וואס, און איז אין דער צווייטער שטוב אריין.

אויפ'ן געדעקטען טיש זיינען צוויי פאמעראנצען אין א קלאש געלעגען, רחל'ה האט גערעדט מיט'ן ברודער, וואס זיצט מיט'ן רוקען צו מאטים'ן און בעמערקט איהם נישט.

— וואס מאכסט דו עפּיס, מאטי? — געהט מאטים צו און קלאפּט איהם וואוילעריש אויף די פּלייצע.

דער שוואגער דרעהט זיך אום און קוקט אויף מאטים'ן האלב פערוואונדערט, האלב מיט כעס.

באלד איז רחל'ה אין דער צווייטער שטוב אריין און ווינקט צו מאטים'ן מיט'ן פינגער.

מאטים איז נאכגעגאנגען.

— זעהסט, מאטים — זאגט זי צו איהם, אננעהמענדיג איהם פאר דעם קנאפּ פון פּאלטא — עס איז נישט שען צו קלאפּען איבער די פּלייצעס. דאס פּאסט פאר זיי, נישט פאר דיר.

זיי זיינען צוריק אין שטוב אריין.

דער שוואגער האלב ברוגז'דיג און א ביסעל „פון דער הייך", טרינקט פון כוס און רעדט מיט רחל'הן, נישט קוקענדיג אויף מאטים'ן.

מאטים איז פון שטוב ארויס.

די זון שיינט היימליך, אויפגערוימט איז אין געסיל, אויף דער באנק זיצט חברה, מען לעבט, מען ציהט איינער דעם צווייטען דעם הוט איבער די אויערען, דיענסט־מיידלעך אין שבת'דיגע קליידלעך דרעהען זיך איבער דער גאס, און חברה — וועמען מען קען מעיז פּנים זיין — שיקט מען צו „קאמיזע'ן", און וועמען נישט — לאזט מען פערביי מיט געלעכטער פון דער ווייטען.

מאטים איז צוגעגאנגען און האט זיך געזעצט אויף דער באנק.

— א רוח דיר אין דיין טרפה פּרצוף! — האט שלמה מלאך געזאגט צו א צווייטען יונג, נישט בעמערקענדיג מאטים'ן.

באלד האט א יונג שלמה מלאך געגעבען א שטופּ, און געוויזען איהם מיט'ן פינגער. שלמה האט זיך אומגעדרעהט, און איז, דערזע־ענדיג מאטים'ן, פערשעמט געווארען.

— גוט שבת! — האט ער געזאגט, א ביסעל אויפהויבענדיג זיך

פון אָרט און אַ ביסעל ווייטער זיצענדיג, און האָט זיך גלייך געמאַכט דעם הוט אויפ'ן קאָפּ.

— גוט שבת!

חברה בלייבט זיצען שטיל.

מיידלעך האָבען זיך געדרעהט אַהין און צוריק און קיינער האָט קיין וואָרט גערעדט. „קאַמיזע" האָט זיך בעהאַלטען אין אַ ווינקעלע ביי דער וואַנד. די זון שיינט, עס לעבט אַלץ. נור חברה — טויט שטום זיינען זיי! שלמה מלאך בייגט דעם קאָפּ אַראָב אויף דער האַנד און קלערט עפּעס.

— נו מלאך, וואָס שווייגסט דו? — גיט מאַטים איהם פּלוצלינג אַ פּאַטש מיט דער האַנד איבער דער קניע.

— אָה, בעל־בית! — זאָגט דער יונג, און רוקט זיך אָב, רייבט זיך מיט דער האַנד איבער דער קניע און פערקרימט דאָס פּנים מיט אַ מאָדנע מין געלעכטער.

חברה האָט געשוויגען, און אַ שטילקייט האָט אַלץ אַרום געשטיקט.... מען האָט דרך־ארץ.

מאַטים האָט זיך אויפגעהויבען און צוריק אין טהיר אריין.

— „קאַמיזע", די טעקסע געהט! — הערט ער הינטער זיך שלמה מלאך'ס קול.

דאס קוילער געסיל

צווישען גרויס־פוילען און מאזעוויעץ ציהט זיך א דריי־עקעדיג שטיק לאנד. פון איין זייט גרעניצט עס זיך מיט די זאמדיגע ווייקסעל־בערג, וואס ציהען זיך הארט ביי דער זילבערנער ווייקסעל־סטענגע ארום פלאצק און ולאצלאוויק; צו דער צווייטער זייט, ביי ליענשיץ צו, האט עס איין שכנות די פראווינץ קאיאווע, וואס איז פול מיט מורא׳דיגע סודות, און לינקס פון דארט האט עס דאס רייכע אין פארבען און טענער „קשענסטווא״ לאוויטש. דאס שטיק לאנד, אין וועלכען עס געהען אריין די שטעדט: קוטנא, זשאכלין, גאסטענין, גאמבין און נאך איינינע קליינע שטעדטלעך, איז פראסט און איינארטיג, ווי דער פויער, וואס וואוינט אין איהם. ארים אין וואסער, ארים אין וועלדער, ציהט זיך דארט אויס דער האריזאנט גאנץ ברייט און וויית, דאס אויג האט אויף גארנישט בעזונדערס אבצושטעלען זיך: לאנגע, איינארטיגע פעלדער, בעוואקסען מעהרסטענטייל מיט׳ן ארימען ברויט, בלאנדזען זיך אויף מיילען אוועק. טיילמאל שניידט דורך די אונ־ענדליכע, גלייכע, בעזייהטע פעלדער א ווייסע סטענגע פון א פוהר־וועג, בעזעצט שיטער מיט וויינענדיגע ווערבעס, וואס פיהרט פון איין שטעדטיל אין דאס צווייטע אריין. נישט דאס לאנד האט אין זיך די סודות פון איהר שכנה קאיאווע, וואס מען דערצעהלט פון איהר פערשיעדענע לעגענדען, אז טויטע נשמות שפאצירען איבער איהרע שווארצע וועגלעך, וועלכע בלאנדזען זיך אין די פעלדער ארום, און זיי פערנארען מענשען אין זומפען אריין; נישט עס האט אין זיך די רייכ־קייט פון פארבען און טענער פון איהר שכנה דער „פרינצעסין פון לאוויטש״, וועלכע האט אויף איהר ערד ארויסגעגעבען דעם גרעסטען פוילישען מוזיקער און בעשעפער פון דער פוילישער פאלקס־מאזורקע— שאפען׳ן. נור פראסט און איינארטיג איז דאס פעלד, און פשוט

איז דער פויער, וואָס ארבייט אויף דעם פעלד, ווי דער קארטאָפעל, וועלכען עס גיט פון זיך ארויס. נישט עס פוצט זיך דאָ דער פויער אין די ווייסע חאַלאַטען און אין די קאָלירטע הייזען, און בעפוצט ניט זיין קאַפעליוש מיט בענדער און קאָרעלען, ווי דער פויער פון לאָוויטש; און נישט ער פערנעהמט זיך מיט כשוף־מאַכעריי, ווי דער פויער פון די „הויכע טאַפּאַלען" וואָס איז אין „קאָיאַווע". דער פויער פון דעם פעלד איז ווי א שטיק ערד, וואָס גאָט האָט אין איהם א נשמה אריינגעבלאָזען, ווי א געהענדיגע ליפע, וואָס וואקסט פאר זיין הויז... ער האַלט זיך ביי זיין פייפעל פון וועלכער ער שפיעלט ביז אין דער האַלבער נאכט לאנגע נגונים אָהן א מאָטיוו, וועלכע הויבען זיך נישט אָן און לאָזען זיך נישט אויס, ווי זיינע לאנגע, ווייטע, גרין־בעוואַק־סענע פעלדער... א מענש איז עס אָהן אויבערשפּיצלעך. — „אָט אזוי האָט מיך גאָט בעשאַפען". איז ער גוט, קאָן ער אוועקגעבען דאָס העמד פון לייב! דערבייזערט מען איהם אָבער — וועט ער מיט'ן לעבען בעצאָהלען, אבי נור פון יענעם נקמה צו נעהמען. ער האָט ליעב פון דער נאַטור זיין פיה, וואָס עס וואוינט מיט איהם, און וועט עס קיינמאָל נישט שחט'ען פאר זיין אייגען געברויך. נור מעהר פון אלץ האָט ער ליעב זיין פערד, שאָנעוועט עס, און וועט עס קיינמאָל נישט בענוצען צו א וואָכענדיגע ארבייט, צום אַקער וועט ער בעסער די קיה מיט'ן ווייב איינשפּאַנען, נור נישט זיין פערד. דאָס פערד האַלט ער צום וואָגען אויף זונטאָג, צו פאָהרען אין קירך אריין, אָדער אין א נאָהענטע דאָרף צו א חבר, צו קאָנען ווייזען זיך מיט זיין פערד פאר אנדערע חברים.

דער יוד, וואָס איז געבאָרען געוואָרען אויף דער דאָרטיגער ערד, האָט אין זיך מעהר פעלד־געשמאַק און עפּעל־געשמאַק, ווי בית־המדרש און מקוה... דאָס לאַנד איז רייך אין פּאַשע, האָדעוועט דאָרט דער פויער דאָס פיה, דעם אָקס מיט'ן שעפּס. יודען קויפען עס אויף און פיהרען דאָס פיה קיין לאָדז, אָדער איבער דער גרעניץ, וואָס איז פון דאָרט נישט ווייט. עס געפינט זיך דאָרט צווישען די יודען די בע־ריהמטע פישער פון די לאַנסקער סטאַווען, וואָס בעזאָרגען מיט פיש לאָדז און די ארומיגע געגענד אין קאַלישער און אין פּלאָצקער גובערניע. וואו עס געהט נאָך קיין באַהן נישט, געפינען זיך די גרויסע פוהר־מאָנעס, וועלכע שטעלען צו די ליטוואַקעס צו דער גרעניץ. דער

פויער האָדעוועט דאָס פערד און שאַנעוועט עס, געפינען זיך דאָרט די גרויסע אידישע פערד־הענדלער, וואָס שטעלען צו סחורה פאַר׳ן „דייטש“, וועלכער קומט אַראָב פון טהוירען און בערלין. די אָרימע יודען דינגען ביים פויער איבער׳ן זומער דעם פרוכט־גאָרטען אָב. ווינטער וואַשען זיי פאַר איהם די פעלצלעך אין שטאָדט־סטאַוו, און פיהרען עס אויף די יריד׳ן קיין לאָוויטש, אָדער קיין גאָמבין. דער יוד איז די גאַנצע וואָך אין דאָרף, וואוינט מיט׳ן פויער און לעבט מיט איהם צוזאַמען, אויף שבת קומט ער אין שטאָדט אריין, צו דער חברה „דריי פייע׳ן“ (פישער, פליישער, פוהרמאַנעס) דאַוונען. דאָרט טיילט מען זיך כבודים, און מען דערצעהלט מעשיות פון אַ גאַנצער וואָך. שבת נאָכ׳ן עסען געהט מען אויפ׳ן פעלד, וואו מען פיטערט די פערד און וואו יונגען שפּיעלען אין „פאַלענט און באַלעם“. און פאַר־נאַכט זעצט מען זיך אויף די ביינק פאַר די הייזער, און מען קוקט אויף די דיענסט־מיידלעך, וואָס געהען שפּאַציערען, און מען דערצעהלט זיך ווייטער מעשיות.

אין איינעם פון די אויבען־דערמאָהנטע שטעדטלעך איז געווען אַ געסיל, וועלכעס מען האָט גערופען דאָס „קוילער געסיל“. קויל איז אַ שטעדט׳ל דערנעבען, און דאָס געסיל ליעגט אויפ׳ן טראַקט, וואָס קומט אָן פון זשאַכלין און פיהרט דורך קראָשענוויץ קיין קויל. די חברה „דריי פיי׳ען“ האָבען זיך געפונען אין קוילער געסיל. דאָס קוי־לער געסיל איז נישט געווען אין גלות. דאָרט האָט מען יודען נישט געשלאָגען; האָט זיך עפּעס געמאַכט אַ נאָך סוכות, ווען רעקרוטען זיי־נען דורכגעגאַנגען דורכ׳ן שטעדט׳ל און האָבען אָנגעהויבען אָנצוגעבען, האָבען זיך געפונען חברה־לייט, — די דישלען האָט מען פון די וועגען ארויסגענומען, פרענטען אייזען האָט מען פון די לאָדענס אָבגעריסען, בוימער, וואָס וואַקסען פאַר די טהירען, האָט מען פון דער ערד ארויס־געריסען, און מיט דעם אין גאַס אריין, וויזען: „ווער איך בין!“

דאָס בית־המדרש־געסיל, וואו דער רב וואוינט מיט די שוחטים און אַלע מלמדים, און וואו עס איז די מקוה מיט׳ן שחט־הויז פאַר עופות, האָט זיך זעהר געשעמט מיט׳ן קוילער געסיל: „גראָבע מענ־שען, קצבים, פישער־יונגען!“ און חאָטש דאָס בית־המדרש־געסיל האָט אינגאַנצען נור געלעבט פון דעם „כבוד־יום־טוב־געלד“, וואָס דאָס

קוילער געסיל פלעגט דאָרט אהין אריינשיקען, און חאַטש וואָס עס זאָל זיך נישט מאַכען אין שוהל־געסיל — דער שפּעטער רייצט דעם הונד אָן, אָדער א שכור'ער גוי שלאָגט, — פלעגען יודען, ווי גרויס, ווי קליין קומען צו לויפען אין קוילער געסיל אריין: „געוואלד א גוי שלאָגט!“ דאָך אין הארצען האָבען זיי עס אינגאַנצען מבטל געווען: גאַרנישט מעשה יוד, האָבען זיי זיך געזאָגט, און אז משיח וועט קומען, וועלען זיי דאָך מוזען אָנקומען צו אונז... די „פיינע מענשען“ פון דער ברייטער גאַס, א ר' ברכיה ליכוויארש, למשל, האָט גאַרנישט „געהאַלטען“ פון זיי: „ווילדע ברואים, זאָגען אלעמען „דו“, נור מען דאַרף אמאָל די שקצים מחמת שלום וועגען, ווען די רעקרוטען געהען דורך, אז זיי זאָלען נישט די שויבען אויסהאַקען.“

אמת איז, אז אויך דאָס קוילער געסיל האָט זיך ניט שטארק גע'חבר'ט מיט די מיוחסים פון די אַנדערע געסלעך. זיי פלעגען זיי רופען: „אויסגעווייקטע יודען“. נור אז עס האָט זיך געמאַכט, ווען מען האָט געדארפט עפּיס צום הימעל, ווי א קוויטעל שרייבען פאַר א קראַנק קינד צום רבי'ן, אָדער א קאַפּיטעל תהלים זאָגען (צו דעם קיין גרויסע בריות זיינען זיי שוין נישט), האָבען זיי געמוזט אָנקומען צום בית־המדרש־געסיל. פלעגט קומען ראש חודש אלול, דענסטמאָל איז דאָס קוילער געסיל גאַר געוואָרען ווי א כושל פאַר'ן בית־המדרש געסיל. מען האָט דרך־ארץ געהאַט פאַר'ן קלענסטען יוד פון בית־המדרש־געסיל: „פון משה רבינו'ס גוואַרדיע“, האָבען זיי איהם גערופען: און ערב־יום־כפור איז פאַר דער טהיר פון דער שוהל געלעגען אויסגעצויגען א הויכער געזונדער יוד, א בעל עגלה, אָדער א פישער, און דאָס בית־המדרש־געסיל האָט פאַר גאָט און הימעל מיט א פאַסיק מלקות געטיילט דעם קוילער געסיל...

אין קוילער געסיל איז געשטאַנען געבויט א הויז: פון האָלץ, פון איין שטאָק מיט לאַנגע ביינק פאַר דער טהיר, וואָס מען האָט עס גערופען „אויף דער באַנק“, וואָרום דאָרט זיינען חברה זיך צוזאַמענגעקומען, און פאַר דער טהיר זיך געזעצט. אין דעם הויז האָט געוואוינט ר' ישראל זשאַבלינער.

ר' ישראל איז געווען דער עלטסטער און מכובד'סטער פון אלע איינוואָוינער אין קוילער געסיל. ער איז געווען א יוד א זקן — א

זיעבציג־יעהריגער, דאָך איז ער געגאַנגען נאָך אָהן אַ שטעקיל און האָט נאָך קיין ברילען נישט געטראָגען, — אַ רעשטעל פון פאַרצייטיגע יאָהרען, ווען אַ קווערטיל אָקוויט האָט אַ פינפער געקאָסט. אַז ר' ישראל פלעגט זיך אַ צוויי שעה ארומיאָגען נאָך אַנ'אָקס, וועלכער האָט זיך פון שטריק אָבגעריסען, און פלעגט איהם צום סוף ביי די הערנער אָנכאַפּען, אַזוי אַז דער אָקס האָט זיין שווערען אָקען געבויגען פאַר איהם, פלעגט ער קרעכצען מיט אַ געלעכטעריל: „ע, נישטאָ די פאַרצייטיגע כחות“! ער איז געוועזן אַ גרויסער פּיה־הענדלער, וועלכער האָנדעלט מיט'ן „דייטש“ אין די טויזענדער אריין, און קויפט־אויף דאָס גאַנצע פּיה אין דער ארומיגער געגענד. ווי אַ מענשען, וואָס האָט פון זיך געלאָזט אַ גראָשען פערדיענען, האָבען איהם אַלע, ווי יו־דען, ווי גוים, שטאַרק כבוד אָבגעגעבען. ביי איהם האָבען זיי געהאַט דאָס געלד שטעהן, ביי איהם האָבען זיי געלד געבאָרגט, ווען עס איז אויסגעקומען, און צו איהם זיינען זיי געקומען שואל עצה זיין און אויסגלייכען זיך, און דאָס, וואָס ר' ישראל האָט געזאָגט, איז, ברודער, געווען געזאָגט. ר' ישראל האָט געקאָנט טיילען פּעטש דעם גרעסטען, שטאַרקסטען „וואוילען יונג“ (אַז עס איז אויסגעקומען). — ר' ישראל'ן וועט מען נישט אָנטקעגען רעדען. האָט עס אַ יוד געוואָגט, האָט ער געקאָנט גע'הרג'עט ווערען אויפ'ן אָרט פון קוילער געסיל. ביי ר' ישראל'ן אין הויז האַלטען זיך אויך אַלע יונגען און שקצים פון קוילער געסיל — טרייבען די אָקסען קיין לאָדז, אָדער צו דער גרעניץ. אין די שטאַלען, וואו עס זיינען געשטאַנען די פערד, אָקסען און שעפּסען, האָבען חברה גענעכטיגט. עסען איז ביי ר' ישראל'ן פריי און אָפען געווען פאַר אַלעמען. תמיד איז דאָס ברויט מיט פּוטער אויפ'ן טיש גע־שטאַנען, — אריינגעקומען, אָבגעשניטען אַ „המוציא“ און געגאַנגען זיך זיין וועג. דאָס הויז האָט זיך געבאָדען אין שפע: קיה, אָקסען, פערד, ציגען, שעפּסען, גענז און יונגען מיט שקצים. ביי ר' ישראל'ן איז אַלץ געשטאַנען אָפען. דאָ, וועט מען, ברודער, נישט גנב'ענען: גע'הרג'עט אויפ'ן אָרט וואָלט מען געוואָרען. האָט מען וועמען געטהון אין שטאָדט אַנ'עולה, איז מען זיך געקומען קלאָגען פאַר ר' ישראל'ן, און ר' ישראל איז ארויסגעגאַנגען און געטיילט פּעטש. אַמאָל האָט דער יוד, דער חסיד וואָס האַלט די פּראָפּינאַציע ביים פריץ פון שטאָדט, געמאַכט אַ רעוויזיע ביי אַ יודענע אַנ'אַלמנה אין אַ פריי־טאָג פאַרנאַכט.

מ׳האָט געפונען ביי איהר אַקוויט, און געלאָזט אריינזעצען זי אין קאָזע, איז מען געקומען צולויפען צו ר׳ ישראל׳ן. ר׳ ישראל נעהמט דעם שטעקען אין דער האַנד און געהט אין גאַס אריין, טרעפען זיך מיט׳ן יוד דעם חסיד:

— לאָז ארויס די אלמנה פון דער וואך, — זאָג איך דיר!

— ר׳ ישראל, זאָגט אליין, זי נעהמט מיר אוועק מיין פרנסה.

מעהר האָט ר׳ ישראל נישט גערעדט. אהיים געקומען פון גאַס, און צוויי יונגען זיינען שוין אריין צום „פראָפינאַטאָר" אין שיינק מיט די שטעקענס אין די הענד, האָבען געגעבען א נעהם צוויי טונען מיט שפירט, ארויסגעדרעהט די קראַנען און ארויסגעשטעלט זיי פאר דער טהיר: שעפט ווער עס וויל! האָבען יודען געהאַט א שבת מיט בראַנ־פען, אז מען האָט זיך אין גאַסען ארומגעוואלגערט שכור, און איהם, דעם „פראָפינאַטאָר", האָט מען נאָך די אויגען אונטערגעהאַקט און צוגע־זאָגט איהם: אויף דער צווייטער וואך צו פערבעסערען — און געה שריי חי וקים!

קומט אריין א יונג אין שטוב ביי ר׳ ישראל׳ן און שטעלט זיך אני־דער ביי דער גרויסער שאַנק.

— וואָס ווילסט דו, שניידער־קאָפּ? געהט צו צו איהם ר׳ ישראל און קלאַפּט איהם איבער׳ן פּנים: שלאָגסט די מאַמען, זאָגט מען מיר, דו וואוילער יונג איינער. — ווער האָט דיר ביז איצט צו פרעסען גע־געבען? און אז אנ׳אנדער זאָגט איהר א וואָרט, נעהמסט דו צו איהם א מעסער ארויס!

— ר׳ ישראל, עס איז מיין מאַמע, איך מעג, דאָס איז מ י י ן מאַמע, אָבער א פרעמדען — א מכה. די ב ע ב ע כ ע ס וועל איך איהם ארויסנעהמען, — נישט רעכט, ר׳ ישראל?

— און וואָס ווילסטו, צירעלע?

— דער „דרעה־קאָפּ", דער חסיד — וואָס האָט דעם נאַפּט־סקלאַד, וויל מיר געבען א רויטען קארפּען־קאָפּ, אז איך זאָל ביי־נאַכט אריבער איבער׳ן פּליוט צו זיין קאָנקורענט, יאָסקעס איידעם, און זאָל איהם א חתונה אָבשפּיעלען מיט די פעסער נאַפּט.

— וועל איך דיר דעם קאָפּ צושפּאַלטען, דעם רויטען קארפּען־זאָפּ נעהם, און טראָשע איהם א ביין אונטער.

— וויל ער דאָך דעם קארפּען־קאָפּ פריהער נישט געבען.

— זאָג איהם, אז ער זאָל איהם ביי מיר איינלעגען, און דו געה אהין צו יאָסקעס איידעם, אז ער זאָל צו־מאָרגענס מאַכען אַ גוואַלד, אז מען האָט איהם די פעסער אויפגעעפענט. איך וועל דיר דעם „רויטען" ארויסגעבען, און, דערנאָך, אז דער דרעה־קאָפּ וועט דיר עפּיס פּאָרוואַר־פען — האַק איהם נאָך די צייהן אויס.

אהיים געקומען אַ יוד ווי ר' ישראל פרייטאג פאַרנאַכט פון וועג, האָט ער זיך געגעבען אַ זעץ אנידער פאַר דער טהיר אויף דער באַנק מיט אַ פולער קעשענע קליינגעלד, און גאָט געבעטען אין הארצען: „טאַטע, שיק מיר צו יודען, וואָס דאַרפען אויף שבת", און איז נישט אריין אין שטוב, ביז ער האָט נישט די קעשענע קליינגעלד אויסגע־טיילט אָרימע לייט. אָבגעוואַשען זיך, אָנגעטהון די שבת'דיגע קאַ־פּאָטע, און געגאַנגען אין דער חברה „דריי פּיי'ען" צו קבלת־שבת. אורחים וואָס זיינען געגאַנגען אויף דער מדינה, זיינען דוקא אין דער שטעדטיל אָבגעטרעטען איבער ר' ישראל'ס שבת. דער טעם פון ר' ישראל'ס קוגעל ליעגט זיי אַ גאַנץ יאָהר אין מויל. די חברה איז תמיד פול געווען מיט אורחים. ר' ישראל האָט זיך געגעבען אַ שטעל אני־דער ביי דער טהיר מיט די אורחים וואַרטען, וויפיעל עס וועט איבער־בלייבען — קיין שום יודען ליעבען נישט אַזוי אורחים אהיים צו נעה־מען אויף שבת, ווי קצבים און פישער — און וויפיעל עס זיינען איי־בערגעבליעבען, האָט ר' ישראל מיט זיך מיטגענומען. נישט איין מאָל איז אויסגעקומען, אז דער שמש פון דער חברה „דריי פּיי'ען" האָט אויסגערופען: „דריי גילדען אַנ'אורח", ווי מען פערקויפט די עליות אין דער שוהל. אַזוי פיעל בעלנים זיינען געווען אין דער חברה „דריי פּיי'ען" אויף אורחים. צו־מאָרגענס אין דער־פריה נאָכ'ן דאַווענען האָט זיך דער רבי פון דער חברה אַנידערגעשטעלט און געלערנט מדרש פאַר דער חברה. ר' ישראל'ן האָבען זיך געוויזען טרעהרען אין די אויגען. דערנאָך האָט ער אהיים געבעטען דעם עולם צו זיך אויף „קדוש". און בשעת „לחיים", האָט ר' ישראל געקלאַפּט מיט דער פויסט אין טיש:

— טרינקט, יודען, אונזער טאַטע יעקב! אונזער רבי משה!

די שטוב האָט געציטערט פון די זעץ מיט די פויסטען אין טיש אריין...

ר' ישראל האָט געקאָנט מעביר זיין די סדרה, און אין רש"י גע־ווען היימיש דאָרט. וואו ער „טשעפּעט" נישט תרגום־ווערטער. רש"י'ן

האָט ר' ישראל ליעב געהאַט ווי דאָס לעבען, איהם האָט זיך געדוכט, אַז דער רש"י איז עפּיס אַ נאָהנטער קרוב, וואָס קעהר זיך אָן מיט אַלע יודען אין משפּחה. און נאָך אַ יודען האָט ר' ישראל ליעב געהאַט: דאָס איז געווען דוד המלך. זיינע קאַפּיטלעך תהלים צוגעהען זיך דאָך אין די אברים פאַר זיסקייט, — און גלאַט אַ יוד דוד המלך. דיר דאַכט זיך, אַז דו געהסט אַרויס אויף דער גאַס, און דו טרעפסט דוד המלך'ן, גיבסט איהם אָב שלום עליכם:

— שלום־עליכם אַ יוד, דוד המלך!

— ווי געהט עס?

און מען הויבט אָן צו שמועסען פון מאַרק...

אַז ביי ר' ישראל'ן איז אויפגעוואַקסען געוואָרען אַ טאָכטער, איז ער אַרונטערגעגאַנגען צום רב:

— רבי, קלייבט מיר אויס אַנ'איידעם פאַר מיין קינד פון אייערע בחורים.

גענומען דעם איידעם, אַוועקגעזעצט אין זיין הויז אויף כל ימיו: נאַ דיר דיין עסען, דיין טרינקען, דיין שבת־בגד און דיין טאַשען־געלד, און דו לערן מיר אין דער הייליגער תורה.

פאַר די איידעמס מיט די גרויסע גמרות פלעגט דער יוד אַזוי דרך־ארץ האָבען, אַז אויף די נעגעל איז ער פאַר זיי געגאַנגען. פון דעם טייערסטען און בעסטען האָט ער פאַר זיי בעהאַלטען. אַז ער פלעגט הערען, ווי דער קול־התורה קלינגט אָב אין זיין שטוב, האָט זיך דער אַלטער יוד ווי אַ קינד צעוויינט פאַר שמחה.

זיהנדלעך האָט ער געהאַט ר' ישראל — ריעזען. „זשאַבלינסקי'ס גוואַרדיע" האָט מען זיי גערופען. זיי זענען שוין קיין „לערען־קינדער" נישט געווען. זיי אַלע איז איבערגעגאַנגען ר' ישראל'ס בן־זקונים'ל נאָטעלע. נאָטע איז געווען אַ בחור, וואָס האָט געגעבען אַ געה אַרויס אין דער פריה מיט באָרעק'ן זיין הונד, מיט באַשקען זיין שעפּס, און מיט'ן פייפער. אַ טויב איז איהם געשטאַנען אויפ'ן אַקסעל. די גאַס האָט געציטערט פאַר איהם. מיט'ן שטרויענעם היטעלע אויף דער שפּיץ „גרשיבע" און מיט דער בלייענער בייטש אין דער האַנד, האָט ער זיך געגעבען אַ שטעל אַנידער פאַר דער טהיר, און אָנגעהויבען צו פייפען אויף זיינע טויבען, וועלכע האָבען זיך אין אַ ראָד געהויבען

איבער זיין קאָפּ. די יוזעפע האָט איהם דעם בולאַן (זיין פערד) פון שטאַל ארויסגעפירט; איז ער נישט געווען ריין אויסגעפּוצט, אָדער אז די האָהר פאַר דער „גרישבע" זיינען נישט געווען פארקעמט מיט די טראַלטלעך, האָט ער איהר געגעבען אַ „פּייף" מיט דער בייטש איבער'ן לייב, אז דאָס יונגע געזונדע בלוט האָט געגעבען אַ שפּריץ פון דער פולער רויטער האַנד.

די יוזעפע איז געווען אַ דיענסט ביי ר' ישראל'ן, אַ שיקסע, וואָס מען האָט זי געבראַכט פון דאָרף און איז פערבליבען ביי ר' ישראל'ן אין הויז שוין לעולם ועד. געזונד—אייזען: זי פּאַסט אריין אין דער משפּחה. אין הויז איז זי אַ גאַנצער „בן־בית", מישט זיך אריין אין געשפּרעך, גיט עצות און בייזערט זיך, אז עס געפעלט איהר עפּיס נישט. נאָטע קאַטעוועט זי, טיילמאָל מורא'דיג, זי וועט זיך קיין ברוגז נישט מאַכען, גיט זיך אַ וואָרף אריבער די לאָקען איבער די אויערען און גיט זיך אַ שטעל אנידער:

— דו קאַטעווע, אז עס ווילט זיך דיר!

און אין אַ האַלבע שעה ארום, אז זי האָט איהם אויפ'ן פערד דער־זעהן, האָט זי זיך געגעבען אַ שטעל ארויס פאַר דער טיהר, פערלעגט די הענד הינטער די באַקעס, און די אויגען האָבען ארויסגעשמייכעלט פון הינטער די רויטע, בלאָהע פלעקען, וואָס ער האָט איהר אויפ'ן פּנים אנגעמאַכט: ווי דאָס רייט זיך אויפ־פערד!

אז ער איז צוריקגעקומען, האָט ער זי גערופען מיט'ן פינגער. זי האָט זיך צוערשט ניט הערען געמאַכט. דערנאָך איז זי ברוגז'ליך צוגעגאַנגען און פויל גענומען די לייצעס אין די הענד אריין.

ער האָט צו איהר אַ וואונק געגעבען, און איז ארויף אויפ'ן בוי־דעם צום טויבען־שלאַק.

זי האָט פלינק דאָס פערד אין שטאַל געפיהרט. אויפ'ן שוועל פון שטאַל טרעפט זי די סטרושקע, וועלכע פרעגט זי:

— ווער האָט עס דיר געמאַכט אזעלכע שענע פלעקען אויפ'ן פּנים?

— דעם, וואָס האָט זיך געגלוסט, און דיר אַ מכה! — דערביי האָט זי איהר געוויזען אַ פייג, און איז פלינק ארויף צום טויבען־שלאַק נאָך נאָטע'ן.

נאָטע האָט געהאַט אַ טויבענשלאַק. דער בוידעם, אויף וועל־

כען עס ליעגט דער האָבער פאר די פערד, האָט שוין געהאַט אַ טראַ־דיציע פון אַ טויבענשלאַק, אַז וואו מען זאָל נישט די טויבען אוועקפיה־רען און אָבלאָזען זיי — קומען זיי צוריק צופליהען און שטעלען זיך דאָרט אויפ'ן דאַך. אויף דער צווייטער זייט שטאָדט האָט געוואוינט אַ גוישער בעקער, האָט ער אויך געהאַט אַ טויבען־שלאַק. נאָטע מיט'ן בעקער האָבען געפיהרט אַ בעשטענדיגע מלחמה. נאָטע האָט ארויס־געלאָזט זיינע טויבען, דער בעקער — זיינע. פלעגט טרעפען, אַז איין פּאַרטיע האָט פון דער צווייטער אַ טויב אוועקגענומען. עס איז גע־קומען אַ „זי" פון דער צווייטער פּאַרטיע און האָט אָנגעהויבען קאָמפּ־לימענטען צו מאַכען, און אנרעדען דעם „ער", אַז ער זאָל מיט איהר מיטפליהען אין איהר טויבען־שלאַק.

צו דעם האָט געדיענט די „חברה". נאָטע האָט געהאַט זיין חברה יונגען און שקצים, וואָס האָבען געגעכטיגט ביי איהם. דער בעקער האָט געהאַט זיין קאָמפּאַניע בעקער־שקצים. האָט איין פּאַרטיע גע־בראַכט אַ טויב פון דער צווייטער, איז געוואָרען שמחה, אַזוי ווי מען וואָלט די וועלט איינגענומען, און די צווייטע פּאַרטיע איז ארומגעגאַנ־גען מיט די קעפּ אראָבגעלאָזט, קלערענדיג ווי נקמה צו נעמען. דורכ־דעם פלעגען ארויסקומען געשלעגען צווישען נאָטע'ס און דעם בעקער'ס קאָמפּאַניעס, אַז גאָט דער איינציגער זאָל אָבהיטען.

2.

עס איז געוועזען אַ זומערדיגער פרייטאָג נאָך מיטאָג. ר' ישראל איז ערשט פון וועג אהיים געקומען. קאמיזע דער פערד־יונג האָט גע־פיהרט די פערד צום פּלומפּ אָנטרינקען. די יוזעפע נעהמט די זאַכען פון וואָגען אראָב. צווישען זיי שלעפּט זי אראָב פון דער פוהר אַ גאַנז, אַ אינדיטשקע, אָדער אַ זעקעל מיט פיש, וואָס ר' ישראל האָט געקויפט אויפ'ן וועג, אהיים צו ברענגען אויף שבת. פּלוצלונג גיט אַ יונג אַ שפּרונג אריין אין הויף, לעגט אריין צוויי פינגער צווישען די ליפּען און אַ פייף האָט אַ ציטער געטהון אין אויער: פּיס־ס.

— וואָס איז, ממזר? האָט נאָטע געפרעגט, ארויסקומענדיג אויפען הויף מיט דער באַשקע.

— דער בעקער האָט די טויבען זיינע ארויסגעלאָזט, די גאָלומביצע שטעהט אויפ'ן דאַך ביים ראָטהויז.

מיט צוויי שפרונגען איז נאָטע ארויף אויפ'ן בוידעם, אויפגע־עפענט דעם טויבען־שלאַק און ארויסגעלאָזט די טויבען.

מיט דער בייטש, און ארומגערינגעלט פון חברה־יונגען איז נאָטע אין גאַס ארויס. געגענאיבער אויף דער צווייטער זייט מאַרק איז גע־שטאַנען דער בעקער מיט זיין חברה מיט שטעקענס אין די הענד און איבער'ן מאַרק טיעף אין די וואָלקענס, האָבען זיך טויבען געבאָדען מיט זייערע ליכטע, פאַרבעדיגע פליגלען אין צוויי בעזונדערע סטאַדעס. איין סטאַדע איז טיילמאָל אריינגעפלויגען אין דער צווייטער. זיי האָ־בען זיך אויף א מינוט צוזאַמענגעמישט, באַלד האָבען זיי זיך פונאַנ־דערגעשפּרייט, אמאָל אראָבקומענדיג נעהנטער אין מאַרק אריין און אמאָל נעהמענדיג זיך טיעף אין דער־הויך. מאַכענדיג איינינגע הקפות איבער'ן מאַרק, האָבען זיך די טויבען אויף די דעכער צושטעלט. הויך אויף א דאַך איז געשטאַנען א טויב בעזונדער ווי אַנ'ארויסגע־שטויסענע פון דער מחנה. באַלד איז צו איהר צוגעפלויגען א טויב פון נאָטעס סטאַדע און האָט זיך אָנגעהויבען מיט איהר ווי צו סוד'ן. אין נאָטעס פּאַרטיע האָט מען אָבגעוואַרט מיט הארץ־קלאַפּונג די מי־נוט, אַז די טויבען זאָלען זיך פערשטעהן און צוזאַמען אריינפליהען אין נאָטעס פאַרטיע אריין.

דאָ איז צוגעגאַנגען א שייגעץ פון דעם בעקער'ס קאָמפּאַניע און האָט א שטיין געוואָרפען אויפ'ן דאַך ארויף, און די טויבען זיינען זיך צופלויגען.

מעהר האָט מען שוין נישט געדאַרפט.

א יונג איז צו פון נאָטעס קאָמפּאַניע און האָט דעם שייגעץ מיט'ן שטעקען איבער די פיס געגעבען. דער שייגעץ האָט זיך אויף דר'ערד אנידערגעלעגט און אָנגעהויבען צו שרייען. עס זיינען צו דעם בעקער'ס קאָמפּאַניע מיט די שטעקענס, און עס האָט זיך געמאַכט א מלחמה, אַז גאָט זאָל אָבהיטען. מען האָט מעהר נישט געזעהען נור שטעקענס איבער די קעפּ פליהען; דאָ איז א שייגעץ, דאָ איז א יונג געלעגען אויף דער ערד, מיט א צובלוטיגט פּנים. עס איז געקומען צו־לויפען פון שחט־הויז דער בלינדער ליב מיט א דישעל אין דער האַנד און האָט געפאַכט איבער די קעפּ. נאָטע האָט געחאַפּט דעם בעקער פאַר די קלאַפּעס, מיט איין האַנד פאַר די קלאַפּעס צוגעהאַלטען, אַז ער זאָל נישט קאָנען אַנטלויפען, און מיט דער צווייטער האַנד אין

פּנים געטיילט מיט דער הוילער פויסט הינטער די באַקעס, אין דער לעבער אַריין. — יעדער זעץ האָט אָבגעקלונגען אונטער דער האַנד, ביז דער בעקער האָט זיך אויף דער ערד אַנידערגעלעגט. און איבער די קעפּ זיינען אַלץ געפלויגען די קופּעס טויבען, איין קופּע איז אין דער צווייטער אַריין, ווי זיי וואָלטען געוואוסט, אַז איבער זיי הרג'עט מען זיך, האָבען זיי מיט די פליגלען צוגעקלאַפּט, איבער די קעפּ פליהענ־דיג, און דאָ האָבען זיי זיך אין טיעפען הימעל אַריינגעלאָזט...

פאַרטיג געמאַכט דעם בעקער, אַז ער האָט זיך שוין פון אָרט נישט געקאָנט ריהרען, זיינען די יונגען זיך צוגאַנגען, זעהן וואָס עס וועט ווייטער זיין.

גאָט האָט געהאָלפען, און די טויבען האָבען זיך איינאַנדער פער־שטאַנען, און די „זי" האָט אַריינגענאַרט דעם „ער" אין נאָטעס טוי־בען־שלאָק.

ביי נאָטען אין דער קאָמפּאַניע איז געוועזען אַזאַ שמחה, אַז עס געהט שוין נישט ווייטער. דערפאַר ביים בעקער האָט מען געקלערט נקמה צו נעהמען.

דעם פרייטאַג־צו־נאַכט האָט זיך דער בעקער אַרויפגע'גנב'עט אין שפּייכלער אַרויף צו ר' ישראל'ן, וואו נאָטעס טויבען־שלאַק איז, האָט צוגעחאַפּט זיך צו די טויבען און אָנגעהויבען צו שטיקען איינע נאָך דער צווייטער.

דאָס איז אָבער געוועזען אַ צו־גרויסע א י נ ש ט ע ל ו נ ג. די טוי־בען, דערפיהלענדיג אַ פרעמדע האַנד צווישען זיך, האָבען אָנגעהויבען צו קלאַפּען מיט די פליגלען און צו פליהען פון איין עק טויבען־שלאַק צום צווייטען, און צו מ ר אָ ק ע ן מיט די מיילער. די יוזעפע, וואָס שלאָפט אין שטוב הינטער דעם טויבען־שלאַק, איז פלינק אַריין, אָנ־געחאַפּט נאָטען ביי די האָהר:

— פאַנישאַ, עס איז ווער ביים טויבען־שלאָק.

נאָטע האָט געחאַפּט אַ שטיק אייזען, וואָס ליגט ביי איהם תמיד ביים בעט, און איז אַרויף דערמיט אין שפּייכלער אַריין.

אַריינלויפענדיג אין שפּייכלער, האָט ער באַלד בעקומען אַ „פּלעס" מיט עפּעס איבער'ן קאָפּ, אַז פונקען זיינען איהם פון די אויגען גע־גאַנגען, ער האָט אָבער אויף דעם ניט נעקוקט, דערטאַפּט דעם בחור, האָט נאָטע איהם קודם כל דעם מויל פערשטאָפּט, אַז ער זאָל

נישט קאָנען שרייען, און אַזוי גע׳הרג׳עט איבער׳ן קאָפּ, אונטער׳ן האַרצען, אַז ער האָט שוין אַליין דערפּיהלט, אַז עס איז גענוג. דאַן האָט נאָטע איהם אָנגענומען פאַר׳ן קאָפּ, אַראָבגעשלעפּט איהם פון שפּייבלער און פאַר זיין טהיר איהם אַוועקגעטראָגען...

אין אַ פּאָר טעג אַרום האָט מען נאָטען גענומען און אַריינגעזעצט אין וואַך. נור אַזוי פלינק נעהמט מען שוין אַזאַ יונג? דעם סטאַרשי־סטראַזשניק, וועלכער איז געקומען נאָך איהם, האָט די יוזעפע ארייננאַרט אין שטאַל (זי האָט איהם עפּעס צו זאָגען...) מיט דער יוזעפע איז דער סטאַרשי־סטראַזשניק זעהר גערן געגאַנגען. אין דעם פינסטערן שטאַל האָבען אָבער איהם אָבגעוואַרט חברה־לייט, און אַזוי מיט איהם בלק געלערנט, אַז ער האָט שוין דאָס צווייטע מאָל ניט געקאָנט קומען נאָך נאָטען. די שטאָדט האָט אָנגעהויבען מורא צו קריגען. מען האָט געזאָגט פערשיעדענע זאַכען... נאָטע דרעהט זיך אין גאַס אַרום מיט דער בלייערנער בייטש אין דער האַנד און מיט דער באַשקע, וואָס לויפט איהם נאָך. עס זיינען אָבער איהם בעפאַלען דריי וועכטער מיט די צוויי סטראַזשניקעס, וואָס זיינען אין דער שטאַדט און האָבען איהם אָבגעפיהרט אין וואַך.

דערווייל איז דער בעקער געשטאָרבען פון די קלעפּ, וואָס ער האָט אונטער׳ן האַרצען בעקומען. די שטאָדט האָט וואָס אַמאָל מעהר אָנגעהויבען לעבען אין אימה. פערשיעדענע מעשיות האָט מען דערצעהלט, אַז דאָ נעהמען זיך פּויערים צוזאַמען, דאָרט נעהמט מען זיך צוזאַמען. יחיאל דאָרפסגעהער האָט אין בית־מדרש דערצעהלט, אַז אַ פּויערטע אויפ׳ן דאָרף האָט איהם געהייסען אין אַ שפּיגעלע אַריינקוקען, האָט ער דאָרט דערזעהן דעם רב׳ס קאָפּ, האָט איהם די פּויערטע געזאָגט, אַז זי האָט אַ כשוף אָנגעמאַכט. מען האָט אָנגעהויבען צו דערצעהלען מעשיות פון עלילת דם. פון די אַרומיגע דערפער האָט מען געהערט, אַז מען איז ביי־נאַכט די מילכיגערס בעפאַלען, און אַלץ זיי אַוועקגערויבט. די שטאָדט איז זיך צוזאַמענגעקומען ביים רב; מען האָט גוזר תענית געווען. די נגידים זיינען זיך צופאָהרען. אין שוהל־געסיל האָט עס אויסגעזעהן, ווי דער טויט וואָלט מיט שוואַרצע פליגלען איבער׳ן געסיל דורכגעשפּאַצירט... אין בית־מדרש האָט אַ גאַנצען טאָג ליכט געברענט און יודען האָבען תהלים געזאָגט. מו־

טערס זיינען ארויסגעפאלען אויף זייערע חדרים־קינדער אין מיטען שע־נעם טאָג און גענומען זיי קושען און וויינען איבער זייער יונג־לעבען... תנאים, חתונות האָט מען אָבגעלעגט אויף „דערנאָך", אז עס וועט „אריבערגעהן בשלום". יודען שומרים האָבען זיך ביי־נאכט אין די גאסען ארומגעדרעהט מיט גראָבע שטעקענס היטען; תהלים־זאָגער זיינען אויף־געוועז גאנצע נעכט אין בית־מדרש און האָבען תהלים גע־זאָגט.

נאָטע האָט ארויסגעקוקט פון די קליינע שטאָכעטען, וואָס זיי־נען אין דעם וואך־פענסטער׳ל, וועלכעס געהט אין מארק ארויס. יעדען פריה־מאָרגען האָט איהם די יוזעפע דעם בולאן פאר דעם וואך־פענס־טער׳ל דורכגעפיהרט, און געוויזען איהם, אז ער איז ריין אויסגעפוצט. באשקע מיט׳ן הונד באָרעק זענען א גאנצען טאָג פאר׳ן פענסטער׳ל געלעגען און זייער בעל־הבית האָט צו זיי דורך די שטאָכעטען גערעדט. און „קאָמפאניע" האָט איהם געמוזט יעדען טאָג די טויבען פאר די שטאָכעטען דורכטרייבען, און ער האָט דורכ׳ן וואך־פענסטער׳ל קאָ־מאנדירט, וואָס מען דארף טהון.

אין דער שטאָדט האָט מען זיך וואָס אמאָל מעהר געשראָקען. מענשען זיינען ארומגעגאנגען ווי די שאָטענס. די שטאָדט־גוים, וואָס לעבען א גאנץ יאָהר מיט יודען צוזאמען, האָבען אָנגעהויבען אויף יו־דען אנ׳אימה ארויפצואווארפען. דער וואסער־טרעגער, וואָס טראָגט א גאנץ יאָהר וואסער אין יודישע הייזער, האָט געזאָלט זאָגען צו א יודען, אז עס וועט קומען דער מארק „יאָהאנע" וועט ער זיך נעהמען צו מאָשקאָווסקי׳ס הויז. דער ליכטצינדער פון דער שוהל וועט ווערען דאָזאָר איבער יודען, און דער בית הקברות־גוי וועט נאטשאלניק ווערען, און יודען וועלען איהם מוזען מס צאָהלען... יודען האָבען די מעשיות אויסגעהערט און זיינען אויסגעגאנגען פאר שרעק. מיידלעך האָט מען פון דער־היים ארויסגעשיקט. מען האָט אויסגעזוכט פערבאָרגענע מוהמעס און פעטערס אין דער־פרעמד, און דאָרט אהין די קינדער ארויסגעשיקט. און די שוהל־גאָס האָט זיך צוגעגרייט: גאָט, מיר זיינען הינטער דיין האנד, טהו מיט אונז אזוי ווי דו פערשטעהסט!...

דאָס קוילער געסיל איז רוהיג געוועזן, עס האָט זיך פון קיין שום זאך נישט וויסען געמאכט. האָבען זיי געטראָפען א יודען פון שוהל־געסיל מיט א „תשעה באָב׳דיגער" נאָז, האָבען זיי איהם געפרעגט;

זאָג נור, העכט איינער, האָסט דיר שוין אָנגעגרייט דעם מעבר יבוק אין דער־היים?

געזאָגט האָט מען, אז דער יום־הדין וועט זיין אין טאָג פון יאָ־האנע־יריד.

יאָהאנע איז איינער פון די גרעסטע ירידין אין שטעדטיל. נאָכ'ן שניט קומען פויערים דאָס ערשטע מאָהל אין שטאָדט אריין. די שייערם זיינען פול מיט תבואה; דאָס פעלד — פול מיט קאַרטאָפּעל און קרויט. דאַן קומט דער פויער אין שטאָדט אויפ'ן יריד מיט'ן ווייב און קינדער קויפען זיי מתנות. ער פערקויפט די פיה, וואָס האָבען זיך שוין אויסגעהאָדעוועט, און קויפט „יונגוואַרג" איין צום פיטערן אויף די אָבגעשניטענע פעלדער. מען טרעפט זיך אויפ'ן יריד מיט „קומעס", מען פרעגט זיך אוים אויף דעם היינט־יאָהריגען שניט און מען געהט צוזאממען מאכען א שנעפּסיל.

און אויף דעם טאָג, וואָס יודען פלעגען יעדעס יאָהר וואַרטען מיט אזוי פיעל האָפנונג אויף פרנסה, האָבען זיי דאָס יאהר געוואַרט מיט טויט־האַרץ־שרעקען און געוואונשען זיך, אז ער זאָל ווי צום גיכסטען אריבער.

אז עס איז אָנגעקומען דער טאָג, האָבען יודען זיך געאיילט גאַנץ פריה אין בית־מדרש אריין און געשטעלט זיך דאַוונען. דער רב איז געשטאַנען פאַר'ן עמוד, ווי צו נעילה און אין שוהל איז געוואָרען אזא געוויין, ווי צו ונתנה תוקף. נאָכ'ן דאַוונען איז דער רב ארויף צום אָרון, אויפגעעפענט דאָס ארון און בצבור אָבגעזאָגט ודוי. ער א פּסוק, די עדה — א פסוק. פאַר'ן אהיים געהן האָט זיך איינער מיט'ן צווייטען געזעגענט און געוואונשען זיך, אז מען זאָל זיך מאָרגען זעהן ווייטער...

דערווייל האָבען זיך פויערשע פוהרען געהערט פאָהרען איבער דער שטאָדט־בריק. פוהרען זיינען אויפ'ן מאַרק אָנגעקומען, יעדער פוהר־געז רויש האָט אין יודישע הערצער מיט טויט אָבגעקלאַפּט. עס האָט זיך אויסגעוויזען, אז דאָס פאָהרען פון די פוהרען איז היינט גאָר אַנדערש. דאָס געהן פון די פויערים און פויערטעס איז היינט גאָר אַנדערש...

דער טאָג איז דערווייל געגאַנגען אַט ווי גאָרנישט. די פויערים

האָבען דאָס זייעריגע פערקויפט, געדונגען זיך, צום סוף נאָכגעגעבען און האָבען געקויפט דאָס, וואָס זיי האָבען געדארפט.

אין אָנהויב זיינען די יודישע געוועלבער געווען פערמאכט, א פויער האָט הערינג געזוכט צו קויפען, האָט א הערינג־יודענע דאָס הערינג־געוועלביל אויף דערוויל אויפגעעפענט און דעם פויער די הערינג פערקויפט. דערנאָך איז א צווייטער פויער געקומען, און א דריטער... אז דער קרעמער פון אנטקעגען האָט געזעהן, אז יענער האַלט אָפען, האָט ער אויך אויפגעעפענט זיין געוועלב. אזוי האָבען זיך איינציג־ווייז די געוועלבער אויפגעעפענט... דער טאָג האָט אָנגעהויבען דורכצו־געהן ווי אין די פריהעריגע מערק. יודען זיינען ביי זיך שטארקער געוואָרען און מעהר מוט געקראָגען מיט די פויערים צו דינגען זיך... פלוצים איז א יונג אָנגעקומען צולויפען פון פערד־מארק: געוואלד, מען הרג'עט יודען!...

אין איין מינוט זיינען די געוועלבלעך געוואָרען פערמאכט. די לאָדענס איבער די פענסטער פערהאקט און די טהירען פון די הייזער צוגעמאכט. ווייבער, יודען, האָבען געהאפט, וואָס זיי האָבען אונטער די הענד געטראָפען: א קינד, א לאָמפ, א טיש, א דעק און זיינען גע־לאָפען ווי פון א שרפה, נור באַלד זיך אָבגעשטעלט, נישט ווארטענדיג וואוהין.... הינטער די בעטען ארונטערגעקראָכען... געלעגען א מינוט... ניין.... ארויסגעקראָכען, אָבגערוקט די שאנק, און ארונטער הינטער דער שאנק.... ארויס.... ארויף אויפ'ן בוידעם. ווער עס איז אריינגעקראָכען אין קעלער, ווער עס האָט זיך אויף דעם אייווען ארויפגעהאפט. קינ־דער האָבען געוויינט, מאמעס האָבען זיי די מיילער מיט די קישענס פערשטעלט, אז מען זאָל נישט הערען זייער געוויין אין דרויסען.... פון דרויסען האָט זיך ווער דאָס דערשלאָגען, ער איז אָנגעקומען צולוי־פען, און געהאקט אין דער טהיר און געבעטען זיך, אז מען זאָל איהם אריינלאָזען. פרעמדע מענשען האָבען זיך אין פרעמדע שטיבער גע־פונען. ווער עס איז ביי דער טהיר געשטאנען, דער האָט זיך אריינ־געכאפט. פרעמדע טאטעס האָבען געקרעכצט: וואו זיינען זייערע קינדער איצט? און האָבען פרעמדע קינדער צו זייערע הערצער גע־דריקט....

אין קוילער געסיל האָט מען אויך דערהערט: מען הרג'עט. איז ארויס פון די יאטקעס הערשעלע קאָזאק און האָט געכאפט א זאק,

ארײַנגעװאָרפֿען אין איהם דרײַ צעהן־פּונטיגע געװיכטען, צוגעבונדען און ארױפֿגעװאָרפֿען אויף די אקסעל. קומט, ברידער! נאָך איהם האָט זיך געגעבען א לאָז דאָס קוילער געסיל — די קצבים מיט די העק און די קלינגען. די פֿוהרמאַנעס האָבען די דישלען פֿון די װעגען ארויסגעריסען. די פֿישערס האָבען געכאַפּט די קאָסאַקעס, מיט װעל־כע זײ שלעפּען די קאַסטענס פֿיש פֿון װאַסער ארוים. די פֿערד־הענד־לער אויף די פֿערד מיט די שטאָהלענע בײַטשען זײַנען ארויס אויפ׳ן פֿערד־מאַרק.

דער גרויסער ברײַטער פּלאַץ, פֿון װעלכען עס שײדען זיך צװײ װעגען אָב, איז פֿול געװוען מיט פֿוהרען, פֿוהרען און פֿוהרען, װעלכע האָבען געטיקט און פֿערלאָרען זיך אין פֿערד, אָקסען, מענשען און חזירים. דאָס אַלץ האָט זיך פֿערשיעדענפֿארביג געמאָלט און פֿערשיע־דענע געשרײען געלאָזט פֿון זיך הערען. שכור׳ע פּויערים מיט שטעקענס אין די הענד האָבען געיאָגט אנטלאָפֿענע יודען אין לאַנגע קאַפּאָטעס, װעלכע זײַנען געשפּרונגען װי די פֿער׳סמ׳טע איבער װעגען, פֿערד און מענשען. דאָ האָט זיך געהערט א שרעקליך געשרײ פֿון א מענשען, שפּרינגענדיג אריבער איבער א פֿוהר און רופֿענדיג װילד נאָך רעטונג, אויסגעמישט מיט א װילד־אויפֿגערײצטען שכור׳יש געלעכטער. פֿערד האָבען זיך צובריקעװעט און הינטער זײערע פֿיס זײַנען געלעגען מענ־שען, האָבען געקװיטשעט חזירים. איבער די קעפּ זײַנען שטעקענס גע־פֿלױגען, שטײנערנע טעפּ, היטלען. דערשראָקענע גענז און היהנער זײַ־נען בײַ די פֿוהרען געפֿלױגען פֿערשיעדען קװיטשענדיג, זײערע פֿעדע־רען האָבען זיך פֿון זײערע צ ו פּ ל א ש ע ט ע פֿליגלען אויסגעריסען און געפֿלױגען אין דער לופֿט. אומעטום האָבען זיך געזעהען װי עס לױפֿען יודען מיט שװאַרצע קאַפּאָטעס אויף אַלע פֿיער זײַטען מיט שרעקליכע געװאַלדען...

דאָ האָט זיך אין דער מהומה געגעבען א לאָז ארײַן דאָס קוילער געסיל, װי א שטראָם גליהענדיג שטאָהל אין טיפֿען קאַלטען ים ארײַן. מען האַלט זיך שוין בײַ די קעפּ. שטיקער שטאָהל, אײַזען קנעטען זיך אין מענשענ׳ס לײַבער ארײַן, בלוט רינט איבער די אויגען, קאַפּאָטעס, פֿוהרען און רעדער... מען זעהט נישט װאָס, װען. אַלץ האָט זיך אויסגעמישט. פֿערד אויף מענשען, מענשען אויף פֿערד. א פּויערטע שלעפּט, בעגאָסען מיט בלוט איהר צו׳הרג׳עטען מאַן, און ער שלאָגט

איהר אין בויך אריין און רייסט זיך פון איהרע הענד ארויס. קליינע קינדער שלעפען מאַמעס ביי די פאָלעס. די טאַטעס טרייבען פון זיך די קינדער און מיט פערביסענע ליפען און מיט בלוט־אַרויסגעזעצטע אויגען דריקען זיי זיך אין דער מהומה אריין. און אין דער מהומה דאָ איז נישט געווען קיין מלחמה, איינער דעם צווייטען גובר צו זיין. אַלע האָבען זיך אויסגעמישט. אַ האַלערא איז אריינגעפאַלען אין זיי. איינער האָט דעם צווייטען די פויסט אין פיסק אריינגעשטעקט און ביי דער צונג געריסען, די גרגרת ביי'ם גאָרגעל אָנגענומען און די נשמה איהם ארויסגעריסען.... צוויי האָבען זיך אָנגענומען און האָבען זיך צוגעקוועטשט צו אַ וואָגען און איינער האָט אין דעם צווייטענס ברוסט, בויך מיט די פויסטען זיך איינגעקנעטען, מיט די צייהן זיך אריינגע־ביסען.... דאָ האָט נישט געוואָלט איינער דעם צווייטען גובר זיין. די איינגעשלאָפענע חיה האָט זיך אין די מענשען ערוועקט. אַלע צוזאַ־מען אויסגעמישט האָבען זיך פאַר'ן הימעל און גאָט און איינער דעם צווייטען לעבעדיגערהייד געגעסען...

3.

נאָטע האָט דעם גאַנצען טאָג פון וואַך־פענסטער'ל ארויסגעקוקט. איהם האָט נישט חרטה געטהון אויף די חתונה, וואָס ער האָט דאָ אָנ־געמאַכט, — ער איז נישט פון די מענשען, וואָס האָבען חרטה. ער האָט אָבגעוואַרט די מינוט, ווען עס זאָל זיך אָנהויבען. ער האָט זיך קיין פּלאַן נישט געמאַכט ווי אַרום ער זאָל זיך ארויסקריגען, נישט גע־קלערט פון דעם — ער איז נישט פון די מענשען וואָס מאַכען זיך פּלאַ־נען. אַז עס קומט—צו־פלאַמט עס זיך, צוברעכט און געהט ארויס ווי אַ דונער!

אין דעם האָט ער דערזעהן, ווי מען הויבט אָן צו לויפען איבער'ן מאַרק פון פערד־פּלאַץ. אַ יונג לויפט מיט אַ צובלוטיגטען קאָפּ, ווייי־טער לויפען אַרום איבער'ן מאַרק און נעהמען די קינדער. די געוועל־בער פערהאַקען זיך. ער האָט דערפיהלט, אַז עס מאַכט זיך עפּעס. אַ שטראָם בלוט איז איהם אַרונטער ביים הארצען און אָנגעפילט איהם די הענד מיט די פיס. ער האָט פערביסען די ליפען, די אויגען האָבען זיך איהם געגעבען אַ זעץ אַרויס מיט בלוט. ער האָט זיך געגעבען אַ וואָרף אויף דער טיהר. די טיהר — חאַטש פון אַ קליין־שטעדיגער

וואָך, — דאָך גענוג שטאַרק פאַר אַ מענשליכע האַנד. האָט ער גע־געבע אַ חאַפּ פאַר די שטאַכעטען פון פענסטער — חאָטש זיי בויגען זיך הינטער זיינע הענד, דאָך גענוג פעסט זענען זיי איינגעמויערט אין דער וואַנד. האָט ער געגעבען אַ נעהם פאַר'ן טאַפּטשאַן און אַ זעץ אין אייוועז, האָבען זיך אין איין מינוט ברעט מיט ציגעל צוזאַמענגעמישט. ווי אַ דונער, וואָס מען וואָלט אין שטוב איינגעשלאָסען, האָט ער זיך געגעבען אַ וואָרף אויף די ווענד. צום סוף די הענד אין די צייהן זיך געביסען, דעם קאָפּ אין די קניה איינגעבויגען און אָנגעהויבען צו ברו־מען, אז די ברומען האָבען זיך הינטער'ן באַלקען געטראָגען און אין די שטאַכעטען אָנגעקלאַפּט, ארויסגעהענדיג דורכ'ן פענסטער.

אזוי איז ער געלעגען אַ לענגערע צייט, ביז עס האָט איהם אַ קול פון הינטער'ן פענסטער גערופען:

— פּאַנישאָ, פּאַנישאָ!

ער האָט דורכ'ן פענסטער ארויסגעקוקט, און דערזעהען די יוזעפּע מיט צולאָזענע האָהר.

— בייאַן איצאַ — האָט זי איהם אריינגעשריען, און איהם דורכ'ן פענסטער אַנ'אייזען ארייַנדערלאַנגט.

ער האָט זיך געגעבען אַ וואָרף צו דער טהיר, אַ פּאַק אריין דאָס אייזען צווישען די קלאַמקעס, מיט'ן האַרץ זיך אָנגעלעהנט און מיט דער גאַנצער נשמה געגעבען אַ שטופּ אָב: איינס, צוויי, דריי — און די טהיר האָט געגעבען מיט רעש אַ בראָך אויף. דעם סטראַזשניק, וואָס האָט איהם געפּרובט אין הויז צו פּערכאַפּען, האָט ער געגעבען אַ „פּלעם" אין פּיסק אריין מיט דער פויסט, אז ער האָט זיך באַלד אי־בערגעקוילערט און אין בלוט געבאָדען זיך. נאָכדעם האָט זיך אהיים געלאָזט צום פאָטער.

די פּויערים פון פערד־מאַרק האָבען זיך געגעבען אַ לאָז צו ר' ישראל'ן:

— דאַ זשאַבלינסקעגאָ, צאָ סין זאַביל חלאָפּאַ *), האָבען גע־שריען די פּויערים און מיט די רודלעס און שפּאַדלעס אין די הענד זיך געלאָזט צו ר' ישראל'ן אין הויז אריין.

---

*) צו זשאַבלינסקי'ן וואָס דער זוהן האָט אַ פּויער גע'הרג'עט.

אַריין אין הויף און געשטעלט זיך פאַר'ן הויז מיט די שפּאַדלעס אין די הענד, איז אין געסיל געוואָרען אַ געשריי: ביי ר' ישראל'ן זיינען זיי! האָט דאָס קוילער־געסיל געגעבען אַ גער ארויס גרויס און קליין. דער בלינדער לייב (אַ יונג וואָס האָט געקענט אייזען ברעכען) האָט דערטאַפּט פון שטאַהל ארויס אַ ווידלע מיט דריי שטאַרכעס און ארויס. דאָס קוילער געסיל האָט געגעבען אַ רינגעל ארום דעם הויף...

— סטייטש! — האָט ר' ישראל געגעבען אַ געשריי, און אַליין ארויסשטעלענדיג זיך, איינער אַליין צווישען די פּויערים, מיט'ן אייזערנעם שטעקיל אין דער האַנד, מיט וועלכען ער פלעגט זיך אַמאָל' בענוצען אויפ'ן לאַדזער וועג פון די לאַדזער גנבים, האָט ער געגעבען אַ זאָג צו די פּויערים:

— ווּעמען זענט איהר געקומען שלאָגען? מיך? וואָס איך האָב פאַר אייך מיין גאַנץ לעבען געאַרבייט, פון אייך, הינד, דאָס פּיה אָבגעקויפט, מיט געלד בעצאָהלט און פאַר אייך ערגעץ־וואו עס קיין אויסלאַנד געפיהרט! פערשוואַרצט געוואָרען פון אייערע וועגען, זומער אָבגעברענט פון דער היץ, ווינטער פאַר קעלט און אייך אין די קעשענעם מיט די הונדערטער אָנגעשטאָפּט. — קומט אהער, הינד! אָט בין איך דאָ, ווייזט מיר ווער עס וועט זיך פּרובען מיך אָנריהרען?!

די פּויערים האָבען שטיל־געשוויגען. איינער פון דער חברה האָט זיך אָבגערופען:

— צו אייך, זשאַבלינסקי, האָבען מיר גאָרנישט. — מיר האָבען נור צו דעם זוהן אייערען, וואָס האָט דעם פּויער גע'הרג'עט.

— אָט בין איך, האָט נאָטע געגעבען אַ געשריי אויס אויפּפּראַלענדיג דעם טויער פון הויף און אַ לויף אַריין. געהאַפּט דעם ערשטען־בעסטען שייגעץ ביי די באַקעס, אויפגעהויבען איהם אין דער־הויך און אַ זעץ אַנידער אויף דער ערד, אז עס האָט זיך דערהערט אַ קנאַק פון די פּיס, וואָס האָבען געבראָכען הינטער איהם... די פּויערים האָבען זיך געגעבען אַ וואָרף אויף איהם ווי אַ וויכער... נאָטע אָבער האָט געכאַפּט אַ צווייטען שייגעץ ביים קאָפּ, אויפגעהויבען איהם אין דער־הויך און מיט איהם גע'הרג'עט איבער די קעפּ... האָט זיך געגעבען אַ לאָז ארויס דאָס קוילער געסיל מיט די ווידלעס, און אַריין צווישען די פּויערים, אין דעם האָט זיך געהערט ר' ישראל'ס קול, רופענדיג צום קוילער געסיל:

— שטעהט, זאָג איך אייך: ער האָט אַ מענשען גע'הרג'עט, זאָל ער זיך אַליין „בראַניעו".

און נאָכדעם האָט זיך אַליין „געבראַניעט". מיט'ן שייגעץ אין דער האנד, האָט ער מיט זיינע צוויי מעכטיגע ריעזיגע אָרעמס איבער די קעפּ געהאַקט. קעפּ האָבען זיך הינטער איהם געלעגט ווי זאנגען הינ־טער אַ קאָסע. אַט האָט איהם שוין אַ פּויער געגעבען מיט אַ שפּאַרעל איבער'ן מח, און אַ שטראָם רויט בלוט גיסט זיך איהם פון קאָפּ און רינט איבער'ן פּנים. דעם פּויער, מיט וועלכען ער שלאָגט, לאָזט ער פון די הענד ניט ארויס. אריין וואָס אַמאָל טיעפער — האַפּט ער פון אַ שייגעץ דעם שפּאַדעל ארויס, און וואָליעט, ווי עס וואָלט אריין אַ נישט־גוטע קראַפט אין איהם, און בלאָזט איהם די העלדישע אָרעמס אָן מיט בלוט, אז די אָדערן פּלאַצען פון די הויט ארויס... האָט איהם שוין אַ צווייטער פּויער הינטען־ארום מיט אַנ'אייזען אין זייט געגעב־בען — ער גיט זיך אַ בויג איין, און אויף איין מינוט בלייבט ער שטעהן, — אָבער באַלד לאָזט ער זיך ווייטער. מען האַפּט איהם שוין פון הינ־טען ביי די הענד אָן — ער קאָפּיעט נאָך מיט די פיס, בייסט מיט'ן מויל — אַט בויגט ער זיך שוין איין און האַפּט זיך פאַר'ן זייט...

— אָך, ווי יאָקאַ פּשאַ קרעוו 1) — האָט זיך די יוזעפע ווי פון הינ־טער דער ערד בעוויזען מיט אַ רידעל אין דער האנד: ווי פּאַנישאַ זייבילי 2), און האָט מיט'ן רידעל געגעבען איבער'ן קאָפּ דעם פּויער וואָס האָט נאָכדעם פּאַר אַ האנד אָנגעהאַפּט, און דעם צווייטען אָנגע־מאָסטען מיט'ן רידעל: יאַ וואָם דאַם 3), און זי האָט אָבגעשטופּט מיט'ן רידעל אין דער האנד די פּויערים פון נאָכדעם, וועלכער האָט זיך שוין געבויגען צו דער ערד, האַלטענדיג זיך מיט איין האנד פאַר'ן זייט, און אין דער צווייטער — דעם שפּאַדעל און שעדיגט איבער די קעפּ די וואָס האָבען זיך געוואָלט צו איהם אונטערהאַפּען, ביז די יוזעפע האָט איהם אָבגעפיהרט אין הויז אריין און איהם אויפ'ן בעט אנידער־געלעגט.

די פּויערים האָבען זיך געוואָלט ווייטער ריהרען, נור דערזעהענ־

---

1) אָך, איהר הינדיש בלוט.
2) איהר האָט דעם יונגען הערר גע'הרג'עט.
3) איך וועל אייך געבען.

דיג דאָס קוילער געסיל מיט די כלים אין די הענד, האָבען זיי אָבגע־טראָטען, ווער מיט א צובלוטיגטען קאָפּ, ווער מיט א צוהאַקטער האַנד, איבערלאָזענדיג א פולען הויף מיט בלוט און א זיעבען־אַכט פון זייערע ברידער קרעכצענדיג אין די ווינקעלעך פון הויף. איינער האָט צום צווייטען געזאָגט:

— טא יאָכא ווצאַלע ניע זשידעם !... (די יאָכא איז גאָרנישט קיין יודענע.)

דורכגעקומען דעם מאַרק־טאָג בשלום, איז דאָס „בית־המדרש־גע־סיל" ארויסגעקראָכען פון הינטער די אייוועגס, פון הינטער די שאַפעס, בוידעמס און לעכער, וואו זיי זיינען געווען בעהאַלטען. געקומען אויף מאָרגען אין בית־המדרש אריין, האָט איינער דעם צווייטען שלום עליכם אָבגעגעבען, און הויך געזונגען „הודו ה'".נאָכ'ן דאַווענען האָט מען נאָך לעקעך און בראַנפען געשיקט, — און ביי דער „אנשי שלמנו" איז גע־וואָרען בעשטימט, אויף דער נאַכט צוזאַמענצוקומען און צו מאַכען א שטיקעל „משתה'לע". כתריאל און עוזר'ל, ר' ישראל'ס איידעמס, האָבען צוגעזאָגט, ארויסצוקריגען פון שוועד דעם „זוהנדיל'ס" (נאָכט־לעם) טויבען. און אזוי ווי דאָס זוהנדיל איז טויט־חרב, וועט ער אודאי נישט קענען מתרעם זיין. — און עס איז אודאי כדאי, אז יודען זאָלען עסען אויף דער משתה די טויבען, איבער וועלכע די גאַנצע עדה יודען איז געווען אין סכנה, און אונטערברייגגען דעם ענין טויבען, כדי עס זאָל שוין מעהר נישט זיין קיין „פרחי יונה" ביי יודען, וואָס איבער זיי קומען אַלע גזרות אויף יודען.

אזוי איז געווען. די צוויי יונגע לייט זיינען אהיים געקומען פון דאַווענען, האָבען זיי איבערגערעדט מיט'ן שוועד. זיי זיינען ארויף אויפ'ן בוידעם און צוגענומען אלע טויבען, און געשיקט זיי צום שוחט שחט'ען.

נאָטע איז געלעגען אויפ'ן בעט טויט־בלאַס. דער קאָפּ, וועלכער איז געווען פערוויקעלט אין איין גרויסען באַנד, איז געלעגען הינטער א פענכער מיט אייז, די ליפען נאָך פערביסען, און האָט שווער אָבגע־עטעמט מיט'ן האַרץ. נעבען איהם איז געזעסען די יוזעפע און האָט איהם דערלאַנגט דאָס, וואָס ער האָט געוואָלט. ער האָט דערהערט אויפ'ן בוידעם ריהרען זיך. ער האָט דערפיהלט, אז די טויבען קלאַפּען

מיט די פליגלען — עס האָט איהם געהויבען פון בעט, ער האָט זיך אָבער נישט געקאָנט ריהרען. ער האָט אראָפּגעקאָפּיעט פון זיך די קאָלדרע און געלעגען, און אויסגעהאָרכט.

די טויבען קלאַפּען מיט די פליגלען. ער האָט געקוקט אויף די יוזעפע און געוויזען מיט׳ן פינגער אויפ׳ן באַלקען.

די יוזעפע איז ארויף אויפ׳ן בוידעם און האָט איהם אראָבגע־בראַכט אין אָרעם אַ פּאָר יונגע, קליינע, ערשט קוים־קוים מיט עטוואָס פעדערן בעוואַקסענע טייבעלעך, וואָס מען האָט ערשט פון זיי די מור־טערם אראָבגענומען, און געשיקט זיי שחט׳ען.

די טייבעלעך זיינען נאָך געווען יונגינקע. די קוים־בעפעדערטע פליגעלעך האָבען געקלאַפּט און עפּיס געזוכט... די דינינקע העלזע־לעך, איבער וועלכע אַ דין, ווארים הייטעל איז געווען אריבערגעצויגען איבער אַנ׳איידעל ביינדעל, וואָס האָט זיך געבראָכען אין די פינגער, האָבען זיך איינגעקאָרטשעט, די קעפּלעך האָבען זיי פערבאָרגען אין די פליגעלעך, און מיט די פליגעלעך געזוכט...

ער האָט זיי איז דער האַנד גענומען, די ליפּען פערביסען און מיט אַ פּוס דעם שטוהל, וואָס איז געשטאַנען ביי׳ם בעט, פון זיך אָבגע־שטויסען; די טייבעלעך האָבען צערטליך געציטערט אין זיין האַנד, און אזוי רחמנות׳דיג עפּיס געזוכט.... ער האָט זיי אונטער׳ן העמד ארונטערגענומען און אויף זיין ברוסט זיי צוגעטוליעט און געוואַ־רימט זיי....

די טייבעלעך האָבען רחמנות׳דיג אויף זיין ברוסט געציטערט, און עפּיס געזוכט, געבעטען זיך, קלאַפּענדיג מיט די פליגעלעך....

ער איז בלאַסער געוואָרען אויפ׳ן פּנים. די אויגען האָבען זיך איהם פערגלייסט און טיעף בעהאַלטען זיך איהם הינטער׳ן שטערן, די נאָז האָט זיך איהם אויסגעצויגען, בלייכער געוואָרען און דינער, און די ליפּען — ווי זיי וואָלטען פערקרעמפּעלט געוואָרען איינע אויף די צווייטע....

אין שטוב איז שטילער געוואָרען. אַ לייכטער ווינד האָט אויף די שויבען געציטערט. אַלע האָבען זיך ארויסגערוקט פון דער שטוב און איבערגעלאָזט דאָס הויז אליין פאַר דעם דונער וואָס וועט ארויס־ברעכען און אַלץ צולעגען און פערטיליגען...

ער איז געלעגען און האָט געפיהלט ווי די יונגע, שוואַכע טייבעלעך

ציטערען אויף זיין ברוסט... די אויגען האָבען זיך איהם ארויסגעזעצט פון פנים ווי די פויסטען און פערגאָסען געוואָרען אינגאַנצען מיט בלוט. און ער האָט שטיל־געשוויגען.

ער האָט זיך אויפגעזעצט אויפ׳ן בעט און ארומגעקוקט זיך. דער־זעהן פאר זיך ווייצלעך, האָט ער זיי צוקייט מיט׳ן מויל אויף מעהל, דעם טייבעל׳ס פיסקעל אין זיין מויל אריינגעשטעקט און מיט דער צונג עס צו עסען געגעבען. דאָס דינע טייבעל׳ס העלזיל האָט צווישען זיינע פינגער רחמנות׳דיג געמיאנטשעט און מיט די פליגעלעך געבע־טען זיך...

— גאָט! האָט ער געגעבען א געשריי אויס — געחאפט דאָס טיי־בעל, א דרעה אראָב דאָס קעפיל (דאָס טייביל האָט איין קוויטש גע־טהון און א דינער שפּראָץ בלוט האָט איהם אין פנים געשפּריצט) און אוועקגעוואָרפען. דאָס צווייטע טייבעל א דרעה אראָב דאָס קעפיל, אוועקגעוואָרפען. דאָס דריטע טייבעל... נאָכדעם איז ער אראָב פון בעט, געחאפּט דאָס שפּיגעל, א זעץ אראָב אויף דער ערד. ער איז צו צו דער שראנק, איין „וואַלע“ צושפּאָלטען און געוואָרפען אויף דער ערד. צום בעט — מיט די צייהן געגעבען א ריס־אויף דאָס בעטגעוואַנד, און די פעדערן זיינען ארויס. א זענק — און איינגעוואָרפען דעם טיש... גע־חאפּט א שטוהל און א האַק אָן אייוועץ — דער אייוועץ האָט זיך געגע־בען א לאָז אראָב אויף דער ערד; צוריסען דאָס העמד אויף זיך, און די הענד זיך געביסען... צום סוף האָט ער געגעבען א פאַל אנידער אויף דער ערד, צווישען די חרב׳דיגע זאכען איינגענורעט דאָס פנים אין די פּאָדלאָגע און איז איינגעשלאָפען און געשלאָפען לאַנג... לאַנג...

קיינער האָט נישט געוואַגט אין דער שטוב אריינצוגעהן און צו װעקען דעם איינגעשלאָפענעם דונער...

דער יונג מיט'ן קינד

אז ברוך קאַלאַק האָט זיך אויפגעחאַפּט אין דער פריה, האָט ער דערהערט דאָס קינד וויינען נעבען איהם. פערשלאָפענערהייד, נאָך מיט פערמאַכטע אויגען, האָט ער אייניגע מאָל גערופען: „גאָלדע, דער ממזר וויינט!"

גאָלדע האָט זיך נישט אָבגערופען. אז ער האָט זיך גוט אָנגע־הויבען ארומצוקוקען, האָט ער ערשט בעמערקט, אז גאָלדע איז נישטאָ.

צוערשט האָט עס איהם אַ ביסעל געוואונדערט, געטראַכט: זי איז אודאי צום וואַסער געגאַנגען זיך וואַשען. ער האָט אויסגעזוכט אַ שטיקעל לייווענט און דעם קינד אין מויל געשטעקט, אז עס זאָל אויפהערען צו וויינען.

ער האָט זיך דערוועיל אָנגעטהון. טראַכטענדיג — וויפיעל מען וועט קענען פּאַקען פאַר די זילבערנע לייכטער, וואָס זיי האָבען ביי נאַכט פון זשאַכלינער'ס שאַנק געצויגען. ער איז אַרויף מיט איין פוס אויפ'ן בוידעם, בעטראַכט די חפצים — זיי זיינען נישטאָ! ער שאַרט אַהין, שאַרט אַהער — נישטאָ. ער איז אַראָב פלינק פון בוידעם, אַראָבגעריסען דאָס לייַלעך פון וואַנד — איהרע זאַכען זיינען נישטאָ! דעמאָלט איז איהם קלאָר געוואָרען אין מח: זי איז אַנטלאָפען פון איהם.

— מיט וועמען?

מיט שלמה שלאָסער אָדער מיט חיים'ל גוב?

— אַנטלאָפען, געה ברעך הענד און פיס! אויף טויזענד כפּרות... צו אַלדע שווארצע יאָהר!... האָט ער מיט אַ געמאַכטען שמייכעל געזאָגט און אויף די ווענד געשפּיגען. אַ געשעפט האָסט דו?... הע... הע... הע...

ער האָט געוואָרפען אַ בליק אויפ'ן קינד.

— אָבער מיט'ן ממזר וואָס מאַכט מען, מיט'ן ביינקאַרט?

ער האָט א מינוט געקלערט, ריידענדיג צו זיך:

— וואָלט איך געוואוסט וואו זי איז, וואַרף איך דאָס קינד הינטער די טהיר ארונטער. נא, האסט דו דאָס דייניגע!...

א שלעכטער געדאַנק איז איהם איצט אין קאָפּ אריינגעפאַלען. די נאָז איז איהם בלייך געוואָרען, ער האָט די אויבערסטע ליפּ פעסט מיט די צייהן פערביסען, און די הענד האָבען אָנגעהויבען ביי איהם צו טרייסלען... ער איז צו צום קינד, עס איז געלעגען, אראָב־וואָרפענדיג מיט איין פיסעל די ברודיגע שמאטע פון זיך, און די הענדטלעך האָט עס אין מיילכעל אריינגעפּאַקט. מיט די אויגעלעך האָט עס ערגעץ וואו אהין געשמייכעלט, און די פאַלדען ביים מיילעכיל האָבען איהם אָן אימיצען דערמאָנט, אָן א גאַנץ אַלטען און א בעקאַנטען מענשען, וואָס ער האָט איהם אמאָל געזעהן, און ער געדענקט נישט — ווען און וואו...

ער האָט זיך פון דעם קינד אוועקגעדרעהט, געוואָרפען דעם הוט אויפ'ן קאָפּ און איז ארויס אין גאַס אריין, צושליסענדיג די טהיר נאָך זיך.

ער איז אָבגעגאַנגען איינינע טריט, האָט עס ביי איהם אין הארצען נישט געקאָנט רוהען. אין די אויערען האָט ער געהערט דעם קינד'ס געוויין, און געזעהן האָט ער, ווי עס וואַרפט מיט די פיסעלעך און עס רופט עפּעס.... ער האָט ווייטער נישט געקאָנט געהן, אויסגעשפּיגען.

— אַך, וואָלט איך זי געפּאַקט, אָט אזוי, וואָלט איך זי ביים גאָרגעל אָנגענומען און געשטיקט, גוט געשטיקט, ביז זי וואָלט די צונג ארויסגעשטעקט, די צונג.... די צונג!....

ער איז אריין אין א געוועלבעל, געקויפט א זעמעל און איז צוריק אויפ'ן בוידעם ארויף.

דאָס קינד איז געלעגען, ווי פריהער. אראָבגעוואָרפען פון זיך די שמאטע, מיט דעם נאָך פון פריהער לויכטענדען שמייכעלע אויף די ליפּען, וואָס האָט איהם אָן דער מוטער דערמאָנט...

— א, אויסגעראָט זאָלסט דו ווערען!... עס וועט איהם גאָר נישט זיין דעם ביינקאַרט איהרען!...

ער איז נאָכאמאָל פון דער שטוב ארויס. אָבער ער האָט נישט ווייט געקאָנט געהן, ער האָט אַלץ כסדר געהערט דעם קינד'ס געוויין הינטער זיך. פיעל מאָל האָט ער זיך געזאָגט: „עס וועט איהם גאָר נישט זיין,

דעםביינקארט איהרען!" — אָבער ער האָט נישט קיין פּוס געקאָנט שטעלען ווייטער, ביים האַרץ האָט עס איהם גענאָגט... גענאָגט... ער האָט צונויפגעקוועטשט די הענד אין אַ קולאַק און איז נאָכאַמאָל אין שטוב אריין.

איצט האָט שוין דאָס קינד הויך געוויינט מיט אַ לאַנגען קינדישען געוויין: מאַמ־מ־מ־מאַ, מאַמ־מ־מ־מאַ!

— די מאַמע רופט עס נאָך! געה, זוך דיר דיין מאַמען, די אויסגעלאַסענע!... אַ חאָלערע זאָל זי דאָרט פּאַקען, וואו זי איז! זוך זי דיר...

ער האָט דאָס קינד אויף די הענד גענומען.

דאָס קינד האָט זיך ווארים צו איהם צוגעטוליעט, מיט'ן מיילעכבעל עפּעס ביי איהם געזוכט... דאָס פּנים, די הענד איהם געזויגט און אַזוי זיך ווארים געטוליעט צו איהם...

— אַ חאָלערע זאָל זי דאָרט פּאַקען, וואו זי איז!... האָט ער געשאָלטען, און דאָס קינד געגלעט מיט דער האַנד איבער'ן בעקעל, איבער'ן לייבעל:

— שווייג, שלמה'לע, שווייג... שווייג... איך בעט דיך. שווייג... איך בעט דיך!

נור דאָס קינד האָט געזוכט מיט'ן מיילעכבעל, געוואָרפען מיט די הענדטעלעך און געמאַכט מיט'ן קעפּעל, ווי עס וואָלט עפּעס רעדען געוואָלט... ער האָט עס ווארימער צו זיך צוגעטוליעט, אויפגעזוכט אַ ביסעל קאַלטע מילך אויפ'ן אויוועז, אריינגעבראָקט די זעמעל און האָט דעם קינד מיט אַ לעפעלע צו עסען געגעבען. דאָס קינד האָט געגעסען פון זיין האַנד, און ער האָט שטיל גערעדט צו איהם:

— עס געזונדטערהייד, איך בעט דיך... דיין מאַמע, אויסגעראָט זאָל זי ווערען, אַנטלאָפען — איבערגעלאָזט דיך. אַ הונד לאָזט ניט איבער די הינטעלעך, איז זי ערגער פאַר אַ הונד. אַ קאַץ לאָזט ניט איבער איהרע קעצעלעך, איז זי ערגער פאַר אַ קאַץ... שווייג... איך וועל דיך נישט איבערלאָזען... זאָל איך שוין אַזוי לעבען!...

אַז דאָס קינד האָט זיך איינגעשטילט, האָט ער עס אין אַ טוך אייַנגעוויקעלט און איז דערמיט אין גאַס געגאַנגען.

געקומען אין מארק אריין צו קראדניק'ס „שטעל", ווערט א גערודער! „קאלאק" געהט מיט א קינד! קראדניק רופט צו איהם פון דער „שטעל":

— וואו האסט דו דאס „יאט'ל" געפאקט?

די קראדניקאווע הויבט זיך אויף מיט א גרויסער גדולה, לויפט צו צו איהם מיט אויפגעעפענטע הענד, ווישט זיך איבער איינינגע מאל דאס פנים מיט'ן פארטוך פאר גרוים פרייד, לאכט און קלאפט דעם קינד אין געזעסעל אריין:

— קאלאק, עס איז דיינס!... זאלסט מיר לעבען, זעה, ס'אר אנ'אויגעלעך ער האט, איך וואלט געשוואוירען, אז עס איז פון דער — פון דער מארינע מיט דער גראבער נאז: פונקט איהר נאז, זאלסט מיר אזוי לעבען! א קינד א קרוין, גיב עס נור, גיב עס נור אהער!

און זי נעמט פון איהם דאס קינד, ווארפט עס מיט'ן האנד: אזוי, דו פופיק איינער, א פשישאק!...

דער אלטער קראדניק מיט דער איינער האנד, דער „רבי" פון די גנבים, דערהויבט זיך זעהר פאמעליך פון זיין שטעל, געהט צו, בעטראכט דאס קינד און קלאפט דערנאך קאלאק'ן אין פלייצע:

— נישקשה, נישקשה פון א „יאט'ל". וועט געשיקט דורך א ליפטשיק קריכען? ווער איז די מוטער?

— זאל איהר דארט א פייער אין איהרע אויגען זיך אנצינדען, וואו זי איז — אנטלאפען ביי נאכט, די לייכטער מיטגענומען!...

— און דאס קינד האט זי איבערגעלאזט?

— איבערגעלאזט.

— איז נישט גוט... איז נישט גוט! קראצט זיך דער אלטער קראד־ניק אין קאפ. דער יונגער קראדניק קומט צו, און מאכט צו קאלאק'ן אזוי:

— נישקשה, ווערסט איצט מעגען די „פרנסה" אוועקלעגען. א ניאנקע ווערען: א שטיקעל דיר אבגעטהון, וואס?

— זאל דיר דיין קאפ פאר מיר נישט דארען! גאט איז א פאטער, און קאלאק איז קאלאק!

גענומען דאס קינד אויף דער האנד, האט ער זיך געלאזט איבער דער שטאדט.

איהם האָט זיך געדאַכט, אַז מענשען קוקען איהם נאָך, טייטען מיט די פינגער און לאַכען איהם אויס.

ער האָט זיך פאַר אַ געוועלב אָבגעשטעלט און אַריינגעשאָלטען:

— וואָס לאַכט איהר! אַ מענש האָט אַ קינד. איהר מעגט האָבען קינדער, די חאָלערע זאָל אייך פּאַקען, און איך נישט?!

ער איז אויסען שטאָדט אַרויס, אַנגעקומען צום וואַלד און זיך ביים סטאַוו געזעצט.

אַרום אין דער געגענד איז קיינעם ניט געווען צו זעהן; נור די צווייגען פון די בוימער האָבען טרויעריג גערוישט, אַראָבוואַרפענדיג פון זיך די געלע בלעטלעך. און פון גאַנץ ווייט האָט זיך אַ וואַסער צווישען די שטיינער געגאָסען. ער האָט דאָס קינד ביי זיך אַנידערגעלעגט און מיט אַ ביטערקייט געקוקט אויף איהם. דאָס קינד האָט איהם שווייגענד אַנגעקוקט, דאָס הענדטעל אין מיילעכעל געזויגען און פון עפּעס געקלערט, — ווי עס וואָלט זיך אָן זיין וועלט דערמאָנט, אָן דער וועלט, פון וועלכער עס איז געקומען צו געהן.

קאָלאַק האָט נישט געוואוסט, וואָס אָנצוהויבען מאַכען מיט'ן קינד. ער האָט אין איין מינוט געקלערט, ווי אַזוי פון דעם קינד פּטור צו ווערען... נור באַלד האָט איהם אַרומגענומען אַזאַ רחמנות אויף זיין אייגען קינד, אויף זיין אייגען בלוט און פלייש... ער האָט דאָס קינד אין אָרעם גענומען, פעסט צו זיך צוגעדריקט און געקוקט דערויף, אַזוי אומעטיג, מיט אַזאַ ליעבע, אַז דאָס קינד האָט דערפיהלט זיין וואַריי־מען בליק און עס האָט צו איהם אָקעגען געשמייכעלט.

— ווער ביסט דו? שלמה'לע, ווער ביסט דו? — וואו איז דיין מאַמע? די מאַמע, ווילסט צו דער מאַמע? יאָ, דו ווילסט?

דאָס קינד האָט צו איהם אָקעגען מיט די פיסעלעך געטאַנצט און געשמייכעלט אַזוי ליעבליך, אַזוי גוט.

ער האָט אין דעם קינד'ס געזיכט זיין פּנים דערקענט, איהם איז וואַרים אין די גליעדער געוואָרען, און ער האָט אָנגעהויבען צו שמייכלען, ער — האָט זיך נעפּרעהט, אַז עס איז נאָך ווער דאָ, וואָס זעהט אויס ווי ער.

— קליינער קאָלאָק, מאַכט ער צום קינד: — יאָ, דו ביסט אַ קליינער קאָלאַק, און דו וועסט זיין אַ יד, קריכען דורכ'ן ליפּטשיק אויף

בוידעמס, שלעסער אַבדרעהען און קאַלב-לעדער גנב'ענען! און דו וועסט האָבען קינדער, און די מאַמע וועט פון זיי אַנטלויפען — יאָ, און וועסט מיט דיינע קינדער איבער די הייזער געהן? — יאָ, ווער ביסט דו, דו קליינער קאַלאַק? ווער ביסט דו? אַ קאַלאַק, איך קאַלאַק, — דו — איך, יאָ? מיין... מיין!...

ער האָט דאָס קינד אַריינגענומען צו זיך הינטער די וועסט און געוואָרימט זיין ברודיג לייב מיט'ן קינד'ס ווייך לייבעל. דאָס קינד האָט דאָס קעפעל איינגעבויגען און ביי איהם עפּעס געזוכט, געלעקט זיינע פינגער, געזויגט.

— ניין, איך האָב נישט קיין ברוסט, נאָט האָט מיר נישט געגעבען פון דיינטוועגען צו קאָרמען. וואָלט איך געהאַט פּאָר דיינט־וועגען בריסט, וואָלט איך זיי קיינעם נישט פערקויפט... קיינעם נישט אַוועקגעגעבען... איך וואָלט נישט אַנטלאָפען פון דיר...

ער האָט דאָס קינד אַוועקגעלעגט ביים ברעג פון סטאַוו, זיך געשטעלט הינטער אַ בוים און געקוקט אויף'ן קינד וואָס וועט עס טהון.

דאָס קינד איז ווי פריהער געלעגען און געזויגט די הענדטעלעך אין מיילעכעל, געגראַבען מיט די פיסלעך און געוויינט שטיל ווי שפּיע־לענדיג זיך: מאַמ־מ־מאַ, מאַמ־מ־מאַ.

ער האָט זיך אַבגערוקט אַ בוים ווייטער, ווי אַוועק־גנב'ענענדיג זיך פון זיך אַליין... און זיינע אויערען האָבען נאָך קוים פערנומען דעם קינד'ס געוויין... אַזוי האָט ער זיך אַבגע'גנב'עט פון קינד פון בוים צו בוים, ביז ער האָט עס שוין מעהר ניט געזעהן און נישט געהערט, דאַן האָט ער אָנגעהויבען פלינק צו אַנטלויפען.

ער איז געלאָפען איבער פעלדער, ווייט אַוועק, און אין די אויערען האָט איהם געקלונגען דאָס קינד'ס געוויין: מאַמ־מאַ, מאַמ־מאַ! און איהם האָט זיך אָבגעדאַכט אַלץ, ווי דאָס קינד קייקעלט זיך אין סטאַוו אַריין... ביים האַרץ האָט עס איהם גענאָגט... גענאָגט... און דער ראַנד פון קאָפּ האָט ביי איהם אָנגעהויבען וועה צו טהון... די הענד האָבען איהם געציטערט — און ער איז ווייט, ווייט אַנטלאָפען.

פּלוצים האָט ער זיך אין מיטען לויפען אָבגעשטעלט. אַרומ־געקוקט זיך און אָנגעהויבען זיך פלינק צוריקקעהרען צום קינד, ביים ברעג סטאַוו...

דאָס קינד האָט ער געפונען וויינענדיג הויך: מאַמ־מאַ, פּאַ־פּאַ, מאַמ־מאַ, פּאַ־פּאַ !...

ער האָט עס אויף די הענד גענומען און איז געגאַנגען דערמיט צו די נאָהנטע הייזלעך, וואָס זיינען הינטער דעם וואַלד; געגאַנגען פון טהיר צו טהיר און געבעטעלט מיט אַ געבראָכענעם שטים:

— גיט פאַר אַ קינד, אַ יתום, אַ לעפעל מילך... גיט פאַר אַ קינד, אַ יתום, אַ לעפעל מילך !...

עס האָט זיך ניט געלוינט

(אַ בילד)

דער פאַרנאַכט האָט זיך לייכט, ווי מיט צערטליכע טריט איבער־געצויגען איבער דעם ווייטען ווייכסעל ברעג. דאָס וואַסער האָט זיך רוהיג, ווי צום איינשלאָפען, געוויעגט אין זיין ברייטען ראַנד, און ווייט אין דער וועלט אַריין אַ שטומע בערלינקע פערפיהרט... ביים עק הימעל, דאָרט ווייט וואו עס האָט זיך שוין געריסעוועט די אייזערנע בריק הענגענדיג אין דער לופטען, האָט זיך דער הימעל אין איין רויט פייער געפלאַמט. דער ברענענדיגער הימעל האָט ארויסגעקוקט פון צווישען די געמויערטע זיילען, אויף וועלכע עס ליגט די אייזערנע בריק, און אין דעם רויטען הימעל האָט זיך געריסעוועט הויכע שפּיצען פון קירכען, קירכען און קירכען. עס האָט זיך גערדאַכט אַז די גרויסע נשמה פון דער גרויסער שטאָדט וואַרשע ברענט זיך און בראָט זיך דאָרט אין גיהנום איבער איהרע פיעלע זינד, וואָס ווערט אין איהר אָבגעטהון דורך דעם לאַנגען הייסען זומער טאָג...

אויף דעם וואַסער, פון קאַזמער צו, איז געשוואומען אַ בערלינקע מיט אויבס אין דער גרויסער שטאָדט אַריין. באַשע, אהרן „כל־ מיר׳ס" אויבס־הענדלער׳ס טאָכטער האָט זי געפיהרט. אַ געזונדע, רויטע מויד, וואָס נור אין דער פּראָווינץ אַליין, אין די סעדער קען נאָך אַזעלכעס אויפוואַקסען, און אהרן אַליין האָט מיט דעם שיפלער נאָך געשטופּט. עס איז שוין געוועזן סכות־צייט. אהרן סאַדאָווניק האָט דאָס אויבס פון די בוימער אָראָבגענומען, און געפיהרט עס נאָך וואַרשע מיט דער בערלינקע. דער ווינד האָט אהרן׳ן דאָס לאַנגע שוואַרצע באָרד צובלאָ־זען, די שפּאָלטען פון זיין קאַפּאָטע פערשפּרייט, עס האָבען זיך אַרויס־געוויזען די ציצית, דער ווינד האָט דאָס טיכעל פון באַשע׳ס קאָפּ אַראָבגעריסען, צעלאָזט איהר די שוואַרצע געדיכטע צעפּ, וועלכע האָבען איהר געפּאַטשט אין די רויטע, געזונדע באַקען, און אַזוי צופּאַה־

רענדיג צום שילעץ צו, האָט זיך געדאַכט, אַז אהרן מיט זיין בערלינקע שפּאַלטען און שיידען דעם הימעל פון וואַסער אָב, — וואָס אַ לייכט ציטערנדיג נעפּעלע האָט קוים צוזאַמענגעוועבט דאָרט אין עק וועלט דעם הימעל מיט וואַסער, און עס האָט זיך געדאַכט, אַז עס זיינען צוויי הימלען...

אָנקומענדיג צום שילעץ צו, צווישען די פיעל אַנדערע קליינע שיפלעך, וועלכע זיינען אָנגעבונדען ביים ברעג, האָט באַשע בעמערקט פון דערווייטענס „פשאַריק'ען", אַ אָבגעריסענעם ווייכסעל יונג, וועל־כער היט נור אָב די בערלינקעס מיט אויבס, אַז ער זאָל קענען עפּעס בעקומען.

באַשע האָט זיך אָבגערופען צום פאָטער:

— זעה, פשאַריק וואַרט אונז שוין אָב.

— דער דראָנג איז דאָ, האָט אהרן געזאָגט, קוקענדיג אויפ'ן דראָנג, וואָס איז ביי איהם געלעגען.

זיי זיינען אָנגעקומען צום ברעג, אהרן האָט אַראָבגעלאָזט דאָס אייזען אין וואַסער אריין, ארויסגעקראָכען, אָנגעבונדען די שטריק ביי דעם נאָהענטסטען בוים. פשאַריק איז צוגעקומען, נעהמט אָן די שטריק און געהט העלפען.

— איך דאַרף דיך נישט, נור מאַך דיר נישט קיין פּוסעל — האָט איהם אהרן אָבגעשטופּט.

— זעהט נור, וואָס האָט איהר מורא, איך וועל אייך אַ שטיקעל אָבבייסען ?

— מען וועט זיך קענען אָהר דיר אויך בעגעהן, — האָט איהם באַשע פון דער בערלינקע אַראָבגעוואָרפען.

— הע, אַ רוח איהר אין די אויגען — האָט פשאַריק צו איהר אַ שעלמישען ווינק אהין געוואָרפען.

— דו פשאַריק געך, געהסט דו אוועק — האָט באַשע געחאַפּט דאָס דרענגעל.

עס איז דערווייל צוגעקומען דער סטראַזשניק וואָס שטעהט דאָרט. גאַנץ שעהן זיך געוויטעוועט מיט אהרן'ען, אהרן האָט זיך דאָס היטעל אַראָבגענומען. פשאַריק פון דער ווייטען האָט אויך מיט'ן הוט געגריסט.

— אַ גוטער יונג, האָט דער סטראַזשניק געקלאַפּט פשאַריק'ען אויפ'ן רוקען, און מיט די צווייטע האַנד איהם דעם הוט איבער די

אויערען געצויגען, — אָבער זעה, גוטער ברודער, אז דו זאָלסט מיר נישט צווישען מיינע פינגערלעך ארייננפאַלען.

— צייט געוועזן, צייט געווען — האָט אהרן מסכים געווען.

— ניטשעוואָ — האָט פּשאַריק זיך פון סטראַזשניק׳ם האנד ארויסגעדרעהט.

אז מען האָט שוין די בערלינקע ביין ברעג פערפעסטיגט, איז באַשע געגאַנגען אין נאָהנטען געוועלבעל אריין, איינקויפען די נויטיגע זאכען.

עס איז שוין געווען האלב טונקעל. די נאַכט האָט געשוועבט אין די לופטען, און צווישען די קופּעס שטיינער וואָס ליגען פאַר׳ן ברעג, צוריק געהענדיג מיט די זאכען פון געוועלבעל צו דער בערלינקע — האָט זי פּשאַריק׳ען בעגעגענט. זי האָט געוואָלט פלינק פערבייליויפען, פּשאַריק האָט אָבער איהר דעם וועג פערהאַלטען, און זי ביי די האנד אָנגענומען, שעלמיש איהר געקוקט אין די אויגען.

די מויד האָט זיך געוואָלט פון איהם ארויסרייסען, ער האָט זי אָבער צו פעסט געהאַלטען, און זי האָט מורא געהאַט, אז דער צוקער מיט דעם טהעע זאָלען זיך איהר נישט אויסשיטען, האָט זי זיך שטום געוועהרט; ער האָט זי אָבער פעסטער ארומגענומען און צו זיך געדריקט.

די פּראָווינציאַלע מויד, וואָס קיין אויג האָט זי קיינמאָל ניט ביי זיי אין שטעדטעל אָנגעריהרט, — איז רויט געוואָרען. עס האָט אין איהר עפּעס אָנגעהויבען צו קאָכען... און ניט וויסענדיג אליין האָט זי דעם יונג מיט אזא קראַפט פון זיך געגעבען א שטויס אָב, אז דער יונג האָט זיך איבערגעקויקעלט, און פלינק צו דער בערלינקע צו.

עס איז געווען נאַכט, נור ניט די נאַכט האָט געהאנגען איבער׳ן וואַסער, — די נאַכט אין וואַסער, דאָס וואַסער אין די נאַכט, פערזונקען אין די אָרעמ׳ס זיינען זיי ביידע ערגעץ־וואו געווען פערוואָרפען. זעלטען וואו האָט אין די נאַכט א אויסגעהענדיג שטערענדעל געבלאַנדזשעט, און דאָס וואַסער איז אזוי שטיל געווען, אז דאָס פּליסקערן פון א וואַל גאַנץ טיעף, האָט זיך געדאַכט, ווי א שטילע לאַנגע מעשה פערצעהלט פון א שטילער נשמה. טיעף אין דער נאַכט האָבען זיך דאָ און דאָרט געטוקט ליכטלעך, און עס האָט זיך געדאַכט, ווי אונענדליכע,

שוואַרצע חיות זיינען מיט זייערע לאַפּעס אין וואַסער איינגעזונקען, און דאָס שטערענדעל, דאָס אויג, שיינט זיך אין זייער שטערן.

פּשאַריק איז אין דער שטיל צוגעקראָכען, אויף אַלע פיער, צו דער בערלינקע. און ליגענדיג מיט'ן קערפּער אויפ'ן ברעט, וואָס ליגט פון ברעג צו דער בערלינקע, האָט ער זיין האַנד אין די בערלינקע אריינ־געשטעקט צו גנב'ענען אויבם —

ער איז געלעגען אויפ'ן ברעט, און מיט דער האַנד אין דער שטיל געטאַפּט אין דער בערלינקע. פּלוצלונג, איז ער שטיל רוהיג געבליבען. דאָס הארץ האָט אין איהם הויך אויפגעהערט צו קלאַפּען ווי ביז יעצט, נור אין דער שטיל זיך בעוועגען. זיין האַנד האָט זיך אריינגעקנעטען אין עפּעס רונדיגעס, ווייכעס און וואַרימעס. דער יונג איז געלעגען. ער האָט מורא געהאַט צו קלעהרען, אז מען זאָל זיינע גדאַנקען ניט הערען, מיט'ן הארץ מורא געהאַט צו פיהלען, און די האַנד אזוי ווי זי האָט זיך אריינגעקנעטען פון אויר מיט אַמאָל, אזוי האָט זי זיך אין וואַרימעס געהאַלטען. דאָך, נאָכ'ן ערשטען בעראַשונג — האָט דער יונג געפּרואווט די האַנד ווייטער צו שיקען... עס האָט זיך געלאָזט — דאָס ווייכע, האָט ער געפיהלט, ווי עס ערוואַרימט זיך, עס זידט הינ־טער זיין האַנד. און איין געפיהל האָט איהם אַנגענומען: ער האָט אין זיין האַנד עפּעס לעבעדיגעס מיט א רצון... און דעם יונג האָט עס געצויגען... ער האָט זיך אין דער מחשבה געמאַכט פערגעסען פאַר זיך אַליין וואו ער איז, וואָס עס איז, נור ער האָט זיך געגליטשט נעהנטער, נעהנטער... און ער האָט דערפיהלט וואַרימעס און ווייכעס...

ער איז געבליבען ליגען איינגעזונקען, ווי מען מען וואָלט איהם אַרויף געוואָרפען, ער האָט דערפיהלט א וואַרימען אָטהעם, וואָס האָט איהם אַרומגענומען ווי הינטער א וואַרימער דעק... און ער איז געבליבען ליגען אָהנע זיך צו בעוועגען, נור געגאָרעט מיט זיין פּנים אין א ווייכען, וואַרימען האַלז, וואָס האָט זיין פּנים אין זיך אזוי ווייך אריינגע־נומען ווי אין א וואַרימען פוך.

דאָס „וואַרימע", דאָס „ווייכע" האָט זיך הינטער איהם געלאָזט ליגען אזוי שטיל, אזוי אָהנע זיך צו בעוועגען, ווי עס וואָלט נאָר קיין לעבענדיגעס ניט געווען. נור דער הייסער אָטהעם, וואָס האָט זיך גע־טראָגען פון די נאָז־לעכער האָט אויף זיין נאַקעטען הארץ געקלאַפּט, אין הארץ זיך אריינגעצויגען און געוואַרעמט...

דער יונג איז געלעגען שטיל, געשוויגען אין האַרץ און אין קאָפּ.

און די נאַכט איז געווען אין וואַסער און דאָס וואַסער אין דער נאַכט. און ביידע אין די אָרימס פּערזונקען זיינען ערגעץ־וואו געווען פערוואָרפען, און שטיל איז געווען אַרום און אַרום, ווי די וועלט וואָלט דעם אָטהעם אויפגעהאַלטען, וואַרטענדיג מיט שרעק אויף עפּעס...

נור צייטען־ווייס האָט די לאָדקע אין וואַסער זיך בעוועגט, און דאָס וואַסער האָט אין דער שטיל און אין דער פינסטער דעם ברעג געקושט, געגלעט און געקיצעלט...

אין דער וועלט איז עפּעס געשעהען. פערנעפּעלט נאָך אין טונק־לען שלייער, און דאָך ווייסט מען ניט ווי אזוי — אין דעם נעפּעל היי־בען זיך שוין אָן אָבצושיידען דער הימעל פון וואַסער, עפּעס זעהר א גרויעס, ווי וואַסער פון א גרויען ים האָבען זיך אַריין פערבלאָנדזשעט אין פינסטערן נאַכט ים אַריין, און האָבען פערגרויעט די וועלט. אַרום און אַרום איז אַלעס געווען פערהאַנגען נאָך אין דעם גרויען נעפּעל, און די בערלינקעס, די הייזלעך אַרום ביים וואַסער, וואָס זייערע סילוועט־קעס האָבען זיך געריסעוועט פון נעפּעל, האָבען דעם איינדרוק געמאַכט פון א „ניכטערן", וואָס איז ערשט אויפגעשטאַנען פון שלאָף, און נאָך פאַר „מה טובו"... נור וואָס א מאָל מעהר, זיינען די בערלינקעס בולט'ער אַרויסגעקומען פון נעפּעל. די אייזערנע בריק האָט זיך פון דערווייטען געוויזען, און צווישען די זיילען אויף וועלכע זי ליגט, האָ־בען סילוועטקעס פון דעכער, דעכער און דעכער, געריסעוועט זיך אויף א גרויען גרונד....

פּשאָריק איז געשטאַנען ביי'ם ברעג פון דער ווייכסעל, געקוקט אָהנע צו וויסען אַליין, ווייט אין האָריזאָנט, און האָט דאָס מויל ברייט אויפגעעפענט, די הענד משונה פערבראָכען, און ברייט גענעגעצט — עס האָט זיך ניט געלוינט.

די גרויע וועלט אַרום און אַרום האָט פּשאָריק'ן נאָכגענעגעצט: עס האָט זיך ניט געלוינט.

אין דעם גרויען טאָג שיין — צווישען אַנדערע בערלינקעס, איז אויך ענטפּלעקט געוואָרען אהרן כל־מירס פון קאַזמערס בערלינקע.

דער גרויער טאָג־שיין האָט בעגרויט באַשען, וועלכע איז געלעגען אויף איהר שעניק, אראָבגעוואָרפען פון זיך דעם פּאָטער׳ס פּעלץ, עס האָט זיך געוויזען די נאַקעטע פיס ארויסשטארענדיג פון די רויטע האלקע און די געדיכט שווארצע צעפּ זיינען געווען צוזאַמענגעדריקט אויף איהרע רויטע אָבגעלעגענע באַקען...

אַ „דינה“

אין דער שטאָדט האָט זיך געפונען א יונגער מענש, וועלכען מען האָט גערופען גדליה קלאַרנעט. דער גדליה קלאַרנעט איז געווען א גרויסער בקי אין אַלע העכסט־אינטערעסאנטע ראָמאַנען, וואָס געפינען זיך נאָר אין דער זשאַרגאָנישער ליטעראטור. דעריבער טאַקע האָט ער זיך געמאַכט נאָך דער חתונה א „שטיבעל“, ד. ה., ער האָט אויסגעבאָרגט ביכער צום לעזען. דאָס איז נאָך ניט געווען זיין עיקר פרנסה. פון די ראָמאַנען האָט ער זיך אויסגעלערנט שעהנע ליעבעס־בריעף שרייבען; זיינען געקומען צו איהם פערליעבטע מיידלעך און פערליעבטע בחורים, ליעבעס־בריעף לאָזען שרייבען. א פּראָסטער ליעבעס־בריעף האָט געקאָסט צוואַנציג גראָשען, נאָר גאָר א העכסט טראַגישער ליעבעס־בריעף, למשל, אז דער פערליעבטער זאָגט אָב ודוי פאר זיין „אַנגעל“ איידער ער געהט זיך הענגען, וואַרפען זיך אין וואַסער אריין, האָט געקאָסט א גילדען. ווייטער האָט זיך געפונען ביי איהם א פאָנאָגראַף, וואָס האָט געהאַט צוועלף רעהרען, און פאר א צווייער האָט מען געקריגען צוויי רעהרען און מען האָט געהערט דאָס ליעד: „וואָס וועט זיין אז משיח וועט קומען“. אויסער דעם האָט גדליה קלאַרנעט געלערענט בחורים „נאָטען“ אויף פיעדעל שפּיעלען.

דער גדליה קלאַרנעט האָט געהאַט א טבע, אויף אַלעס, וואָס האָט זיך פערלאָפען אין שטאָדט, צו פערפאסען א ליעד אויף צו זינגען: האָט א חתן די כלה אוועקגעוואָרפען; האָט מען די מקוה פער'חתמעט און די ווייבער זיינען געקראָכען איבער'ן דאַך — איז שוין געוואָרען פערפאסט א ליעד. יעדעס ליעד האָט זיך אזוי אָנגעהויבען:

„הערט אוים מענשען פון דער גאַנצער וועלט
וואָס האָט זיך נעטהון פערלויפען...“

ביי איהם זיינען זיך צוזאַמענגעקומען אלע סאַמאַשען־מאַכערס און שניידער־געזעלען, וואָס האָבען גענומען ביכער צום לעזען, — פלעגען זיי זיך דאָס ליעד אויסלערנען, און דאָס ליעד פלעגט שוין באַלד אין

שטאָדט פערשפרייט ווערען: קינדער האָט מען דערמיט איינגעשלע־פערט, דאָס קלאָפּערייע פון נעה־מאַשינען האָט עס פערשטימט. און נישט איינמאָל האָט זיך געטראָפען, אז מען האָט גדליה׳ן טאַקע די ביי־נער אונטערגעהאַקט פאַר אַזעלכע ליעדער, נאָר עס האָט גאָרנישט גע־האָלפען, ער האָט שוין געהאַט אַזאַ טבע...

איז אָראַבגעקומען פון לאָדז צופאָהרען אין שטעדטעל אַריין ליי־בעל היטעל־מאַכער, אַן אַכטצעהן־יעהריגער בחור פון גדליה קלאָרנעט׳ס חברה. ער האָט מיטגעבראַכט פון לאָדז אַ היטעל מיט אַ קליינער דענגע; אַ פּאָר געקנייטשטע שטיוועלעך לויט די נייעסטע מאָדע, וועל־כע האָבען געטהון אויף סקריפּען, און אַ נייעס ליעד, וועלכעס הייסט „אויף דער בריק״. אין דעם ליעדעל ווערט „פויערגעזונגען״, ווי אַ מיי־דעל געזעגענט זיך אָב „מיט איהר ניי־געבוירען קינד״, „וועלכעס איז געקומען איבער אונשולדיגע זינד״ און די יונגע מוטער לאָזט עס איבער איינם אַליין ביי דער בריק. דאָס ליעד האָט אַ גרויסען רושם אָנגע־מאַכט אין דער שטאָדט: מיידלעך האָבען פיעל טרעהרען דעריבער פערגאָסען, און בחורים האָבען זיך אַ גרויסען מוסר אָראַבגענומען...

„און די זון איז שוין אונטערגעגאַנגען אין אַ רויט געשטאַלט״ „און דער הימעל האָט זיך געהילט אין אַ פינסטער קלייד״. „דאָס שטעדטעל איז זיך שוין געגאַנגען שלאָפען לעגען״ און פאַר גדליה קלאָר־נעט׳ס טהיר זיינען געזעסען חברה קאַמאַשען־מאַכערס מיט נייטאָרינס, גדליה קלאָרנעט׳ס ביכער־לייענערס, און איבער דעם שלאָפענדיגען שטעדטעל האָט געקלונגען אַזאַ ליעד:

„געהט דער גראַף אין וואַלד אַליין,
„טרעפט ער אַ מיידעל ביים בוים שטעהן.
„— מיידעל׳לע, מיידעלשי,
„וואָס טהוסט דו אין וואַלד אַריין?
„איך בין געגאַנגען אין וואַלד אַריין,
„און ווייס ניט וואו אַהיים צו געהן...״

צווישען דער חברה איז אויך געווען לייבעל היטעל־מאַכער. ער האָט זיי פערצעהלט פון לאָדזער יודישען טהעאַטער, אז ער איז דאָרט אַ גאַנצער מאַכער; ער קען זיך מיט די אַרטיסטקעס און מיט די אַר־טיסטען. און ווי מען הויבט נאָר אָן שפּיעלען, איז ער שוין הינטער די סצענע... און אַזוי ווי מען האָט געשמועסט פון יודישען טהעאַטער,

האַט א יונג פאַרגעשלאָגען, אז מען זאָל אליין מאכען אין שטעדטעל א „טרופע“ און מען זאָל אָבשפּיעלען דאָס שטיק „בר כוכבא“. דעם עולם איז דער פּראָיעקט זעהר געפעלען, און עס איז געוואָרען בע־שטימט, אז מען זאָל מאכען „קוויטלעך“; יעדעס „קוויטעל“ זאָל קאָס־טען פינף קאָפּעקען, און יעדער יונג, און יעדע מויד, וואָס וויל אריינ־טרעטען אין די „טרופּע“, מוז קויפען יעדע וואָך א „קוויטעל“ פאר פינף קאָפּעקען און דאָס געלד וועט געהן אויף די טרופּע.

יעדען שבת נאָכ'ן עסען זיינען זיך חברה צוזאמענגעקומען אין שטאָדט'ס וואלד אריין, די קאפּעל־מייסטער זיינען טאקע געווען לייבעל היטעל־מאכער מיט גדליה קלאַרנעט, וועלכע האָבען אויסגעלערענט דעם עולם די „שטיקלעך“, וואָס דער „חאָר“ דאַרף זינגען. לייבעל אַליין האָט געזאָלט זיין „בר־כוכבא“. גדליה'ן, ווייל ער פינטעלט מיט די אויגען און שאָקעלט צו מיט דער גאָמבע, האָט מען צוגעמאכט א געל בערדעל און ער איז געוואָרען „פאפוס“. דעם העכסטען און שטאַרקס־טען יונג האָט מען אויסגעזוכט פון דער חברה און געמאכט פאר'ן „צעזאר“.

געפעהלט האָט נאָך א „דינה“. האָט לייבעל פאַרגעשלאָגען שבת אין וואלד, אז יעדער יונג זאָל זיך מתחייב זיין עפּעס צו געבען אויף א „דינה“ און מען זאָל אויסשרייבען א „דינה“ פון לאָדז...

צו מאָרגענס איז גדליה קלאַרנעט מיט לייבעל היטעל־מאכער ארומ־געגאַנגען אין אלע ווערקשטעלען און האָבען צוזאמענגענומען אויף א „דינה“. און אז עס האָבען זיך צוזאמענגענומען א פּאָר גילדען, האָט לייבעל מיט לייזער שפּידיטער מיטגעשיקט א בריוועל מיט א פּאָר גיל־דען קיין לאָדז, און פרייטאג אויף שבת איז אראָבגעקומען אין שטעד־טעל אריין א „דינה“.

האָט זיך מיט אמאָל געוויזען אין שטעדטעל „א מיידעל מיט א קורץ קליידעל“, וועלכע האָט געטראָגען א פּאָר ראָזע שטרימף, וואָס זיינען געווען ווי ארויפגעגאָסען אויף איהרע דינע, נאָר זעהר געשיקטע פיסלעך, אויף די פיסלעך א פּאָר רויטע פאַנטאָפעלעך מיט הויכע קלאָטצען; און געטראָגען האָט זי א רונדיגעס שטרויענעם מענישעס קאפּעלושעל אויף איהרע קורץ געשווירענע האָר. דערצו נאָך אזעלכע בראָשקעלעך, מיט בראָנזועלעטלעך... און א גאַנצע חברה מיידלעך מיט

יונגלעך זיינען איהר נאָכגעלאָפען און געטייט אויף איהר מיט די פינ־גער: אַ דינה! אַ דינה!

איינגעשטאַנען איז „די דינה" ביי גדליה קלאַרנעט אין צווייטען שטיבעל. חברה פון דער טרופּע זיינען געקומען צו איהר מיט אַ „וויזיט", און מיטגעבראַכט מיט זיך פאַר „די דינה" פּרעזענטען: ווער אַ שטיקעל שמעקעדיגע זייף, „אַ פלעשעל פּראָפּאָמע", אָדער פּיער לויט „לאַנדאַרין־צוקערלעך". „די דינה" איז זיך געזעסען אויף אַ קאַ־נאַפּעלע און זי האָט ארויסגעוויזען די ראָזע „שטרימף" פון קורצען קליידעל.... ביי איהר איז געשטאַנען אַ רונדעס טהיי־טישעל און אויף רעם טישעל איז געלעגען אַ „העכסט אינטערעסאַנטער ראָמאַן". אין האַנד האָט זי געהאַלטען דאָס קלאַפּערעל און צוגעקלאַפּט זינגענדיג דאָס ליעד פון „די דינה" אין „בר־כוכבא":

„אַזוי לאַנג ווי די זאַנג איז יונגער,
„איז דער קאָרען מאָגער, גרינגער;
„אַזוי לאַנג ווי די זאַנג איז יונגער,
„לאָזט מען זי צורוה...."

איז אריינגעקומען אַ יונג, האָט ער זיך געגעבען אַ פערנייג און ער האָט זיך אַזוי פאָרגעשטעלט:

— האַבע די עהרע מיך פאָרצושטעלען נאָטע שאַבשאָוועטץ.

— זעהר מיר אנגענעהם — האָט זי געזאָגט און האָט די הענד צו איהם אויסגעשטעקט.

דער יונג איז רויט געוואָרען און האָט זיין פּרעזענט אַנידערגעלעגט אויפ'ן טהיי־טישעל, זיך אַנידערגעזעצט און אָנגעהויבען „שפּרעכען" וועגען דרייפוסען...

און אין שטעדטעל האָט זיך אָנגעהויבען אַ גערודער, זאָל גאָט אָבהיטען. פון אַלע שופלאָדען האָט מען געלד גע'גנב'עט צו קויפען פּרעזענטען פאַר „די דינה"; חתנים האָבען כלות אוועקגעוואָרפען און געקומען מיט „וויזיטען" צו „די דינה", קינדער האָבען פון די מאַמעס פאַרטיכער געלד ארויסגע'גנב'עט און געקליבען אויף בילעטען. און די גאַנצע שטאָדט יונגען, אַזוי גרויס ווי קליין, האָבען זיך אַלע איינגע־ליעבט אין „די דינה", אוועקגעוואָרפען די ארבייט און גדליה קלאַר־נעט'ס שטוב בעלעגט, און געזונגען ליעדער...

די שטאָדט איז געוואָרען אונרוהיג, ביז עס האָבען זיך געפונען

צוויי בעלי־בתים און האָבען איינגערוימט א סוד אין אויער דעם שטאָדט־סטראַזשניק, אַז עס איז געקומען צו פאָהרען „א דינה", יונגען נעהמען געלד צוזאמען, און שבת וועלען זיי אין וואלד עפּעס א יונג פּאר א קעניג מאכען...

דערוויילע האָבען זיך די חברה פאַרגעברייט צו מאכען דעם קינפטיגען שבת די גענעראל־פּראָבע אין „פעלנאָ פאָרם". באַלד נאָכ'ן מיטאָג איז מען זיך צוזאמענגעקומען. אויף א בערגעל אין וואלד איז געווען די סצענע. ארום האָט זיך אויסגעשטעלט דער „חאָר" און האָט געגעבען א זאָג אָב א שטיקעל מיט'ן „קנאַק"; דערנאָך איז א געה ארוים דער הויכער יונג מיט דער קאַסקע אויפ'ן קאָפּ און א רויטען לאמפּאַס איבער די קאַפּאָטע. די יונגען האָבען איהם געגעבען א זעץ אנידער אויף דעם טהראָן, וועלכער איז געמאכט געוואָרען פאר'ן „קעניג צעזאר". פאר דעם קעניג האָט זיך געגעבען א שטעל אנידער „בר־כוכבא" מיט א גרויסען שווערד אין דער האנד. אין א צווייטען ווינקעל איז דערוויילע געשטאנען גדליה קלאַרנעט מיט א גאַל אָבגעפּאַרבט פּנים און האָט חנ'דלעך געמאכט צו „דער דינה", וועלכע איז געווען אנגעטהון אין א קורץ קליידעל מיט א קרוין אויפ'ן קאָפּ...

עס האָט זיך אנגעהויבען דאָס ריכטיגע שפּיעל. בר־כוכבא האָט געגעבען א טרעט ארויס פאר'ן קעניג און געגעבען א מאַך אזוי:

„איך בין בר־כוכבא, דער יודישער העלד,
פאר מיר טהוט ציטערן די גאנצע וועלט."

דאָ איז אנגעקומען צו לויפען דער סטראַזשניק אין וואלד אריין. לייבעל היטעל־מאכער, אונזער בר־כוכבא, האָט אוועקגעוואָרפען די שווערד און געמאכט פּליטה, נאָך איהם די חברה מיט'ן קעניג, מיט די מיניסטאָרען און מיט דעם גאנצען קלאָפּער־געצייג. זיי האָבען נאָך זיך איבערגעלאָזט „די דינה". דער סטראַזשניק האָט זי געחאַפּט מיט דער שווערד אין דער האנד, און האָט זי געפיהרט אין וואך אריין.

„דינה" איז געזעסען אין וואך, און יונגען האָבען זיך פאר'ן פענסטעריל געדרעהט און אהין אריינגעוואָרפען צוקערלעך מיט שאָקאָלאַדקעס, און זי האָט פון וואך־פענסטעריל ארויסגעזונגען „דאָס ליעד פון די געפאנגענע"....

דערנאָך אַז מען האָט די „דינה" מיט'ן עטאַפּ אָבגעשיקט קיין לאָדז, האָט גדליה קלאַרנעט פערפאסט א ליעד אויף דעם, וועלכעס האָט גע־

הייסען דאָס ליעד פון „די דינה“, און עס האָט זיך אָנגעהויבען ווי אַלע אַנדערע ליעדער:

„הערט אוים איהר מענשען פון דער וועלט
וואָס האָט זיך געטהון פערלויפען...“

מיט דעם ליעד האָט מען קינדער איינגעשלעפערט אין יענע קאַנטען אַ צייט מיט יאָהרען, ביז עס האָט זיך ניט געמאכט די סבה פון דער „דערטרונקענער כלה“, פון וועלכער גדליה קלאַרנעט האָט פערפאַסט אַ הערליך ליעד, וואָס האָט געהייסען „דאָס ליעד פון דעם געשטאָרבענעם אנגעל“.

אַ פּשוט'ע מעשה

פייגעלע האָט ליעב ווי אַלע יונגע מיידלעך זיך צו סטרויען און צו פּוטצען.

אין דער וואָכען האָט זי קיין צייט ניט צו אַזוינע נאַרישקייטען, אַרבייט איז דאָ אָהן עין־הרע און נייהען מוז מען. דירה־געלד קאָסט טייער און די צייט איז שלעכט. דער טאַטע פערדיענט וועניג און צו די דריי הונדערט רובעל נדן פעהלט נאָך גאָר אַ סך, דערצו נעהמט די מאַמע פון נדן צו ביסלעך אויף שבת, ווען עס פעהלט איהר אויס.

— חתנים זיינען דאָ ווי די הינד, אָבער יעדער הונד וויל אַ פעטען ביין, — פּיקט אַ געדאַנק אין איהר קאָפּ.

קלערען פיעל האָט זי פיינט. אַ יונג מיידעל, און שעהן. אמת, מען טאָר זיך נישט איינרעדען, אָבער דאָך, ווען זי שטעהט ביים שפּיגעל, זעהט זי פאַר זיך איהר ליכטיג פּנים מיט איהרע ראָזע באַקען, און ווי די שוואַרצע האָר לאָזען זיך אַראָב. נאָר באַלד פערגעסט זי זיך אין דעם, ווי גלייך זי וואָלט מורא האָבען, אַז זי זאָל זיך קיין עין־הרע נישט געבען.

שבת איז שוין גאָר איין אַנדער זאַך, דענסטמאָל איז דאָ צייט צו דעם, און דאָס פּוטצען, דאָס סטרויען — נעהמט קיין ענדע נישט. די מאַמע שרייט: פייגעלע, שוין גענוג זיך געפּוצט, ביזט אַזוי אויך שעהן. נאָר וואָס ווייסען אַלטע ווייבער? פאַר זיי איז אַזוי אויך גוט. אָהן אַ קאַפּעלוש און אָהן אַ זשאַקעט איז אויך רעכט.

אָבער אַ יונג מיידעל ווייסט וואָס דאָס בעדייט, דאָרטען אויף דער באַנק זיצט ער — אליעזר מיט נאָך אַ חברה קאָלעגעס און וואַרפען אויגען. ער מיינט אַז מען ווייסט נים, קוקט מיט זיינע גנבה'שע אויגען, שטופּט דעם צווייטען קאָלעגע: „זעהסט, פייער און פלאַם“, און זי, פייגעלע, מאַכט זיך ווי נאָר נישט, זי נעהט אַדורך, גלייך, קאַלט־בליטיג, נישט ווי זי וואָלט מען געמיינט, פון הינטען קוק, קוק נאָך, און נעהם דיר דאָס לעבען, חנגג דיך אויף....

אָבער אמאָל ווי גרויס איז דיר דאָס פּערדרוס, דאָס עגמת־נפש, זוען דו געהסט אדורך, און ער בעמערקט דיך נישט נאָר קוקט אויף יענע, אויף מלכה'ן, וואָס געהט אַנגעטהון דעם נייעם זשאַקעט מיט דעם קאַפּעלוש, און עס פּאַסט איהר ווי א הונד א שלייער, און ער קוקט דאָך אויף איהר, און דו דרעהסט זיך נאָך א מאָל, און נאָך א מאָל, מאַכסט דיך נישט וויסענדיג (עס פּאַסט דאָך נישט), נאָר פון הינטער־ווייל־עכס וואַרף אויגען און דו זעהסט, ווי ער קוקט נור אויף מלכה'ן און זיין גאַנץ פּנים לייכט פאַר פרייד, ער שטופּט זיין קאָלעגע, ווי זאָגענדיג: „דו זעהסט?“ האָב דענסטמאָל אַן אייזערן האַרץ, א שטאַ־לענע גאַל, אַז זי זאָל דיר נישט פּלאַצען פאַר קרענקונג.

טאַקע, דערנאָך, אַז ער בעמערקט זי, נו מוז זיך שוין מלכה אָב־טראָגען אין א זייט. אָט דערהויבט ער זיך שוין אויף פון באַנק, שלעפּט מיט דעם קאָלעגע און געהען נאָך, נאָך, ווי א שוואַרצער שאָטען. איין מאָל דורך, קוקט, גוט שבת! שאָקעל איהם צוריק מיט דעם קאָפּ שטאָלץ. עס הייסט גאָר נישט... עס איז מיר אָלעם איינס, וועל איך נאָר אריינגעהן אין אַן אנדערע אַלעיע, אָט איז ער אויך דאָ, ער געהט נאָך. ער געהט נאָך ווי א בייזער שילדער.

און דענסטמאָל איז אַזוי גוט, אַזוי פיין. דו מאַך זיך גאָר נישט קוקען, גאָר איהם נישט בעמערקען, נאָר געה דיר שטייף, פעסט, דעם קאָפּ אין דער הויך, און ער קוקט און געהט נאָך, כאָטש אין עק וועלט, אין פּוסטע מדבריות געהט ער דיר נאָך, כאַ, כאַ, אַזוי גוט, אַזוי פיין.

נאָר איינמאָל, אין א שבת פאַרנאַכט, אין גאָרטען, אַזוי געהענדיג מיט איהרס א חבר'טע, און ער געהט פון הינטען נאָך, איז זי זיך פער־קראָכען אין א פינסטערע אַלעיע, זיך אַנידערגעזעצט אויף א באַנק, וואָס שטעהט הינטער א פולען געדיכטען צווייגענבוים.

ער קומט אָן און זעצט זיך אויך אַנידער, אויף דעם צווייטען עק באַנק.

פאַרנאַכט, די הויכע פולע צווייגענבוימער פערשאָטענען, פער־פינסטערען און דונקעל ווערט, מען ווערט פערשטעלט, בעהאַלטען פון מענשענס אויגען.

א ווינטעל בלאָזט, גרינג און ליעבליך, עס ווערט אביסעל קיהל.

און דאָ איז אַזוי גוט, די הערצער קלאַפּען אין דער שטיל.

ווער וועט פריהער אָנהייבען?

ער גיט א הים, עס הייסט איך בין דא, זי גאר נישט, איך ווייס נישט ווער דו ביזט, און וואס דו ווילסט? וואס געהט עס מיך אן.

זיי שווייגעןביידע, און דאס ווינטעל וואס בלאזט דערצעהלט פון אלעס וואס ביי זייביידע אין די הערצער טהוט זיך.

— איך בעט אייך, איהר ווייסט נישט ווי שפעט עס איז?

— ניין, איך ווייס נישט, ענטפערט זי איהם שטייף: עס הייסט, איך ווייס גאנץ גוט וואס דו מיינסט; נאר אייל דיך נישט אזוי, עס וועט דיר נישט אזוי גיך אנקומען.

און איהר חבר'טע, וואס זיצט ביי איהר שטופט זי: דו הערסט?

זי פערדריסט אביסעל אויף די חבר'טע, זי כאטש, קלערט ביי זיך, אז ער מיינט זי? און באלד וויל זי זיך אויפהייבען פון דער באנק, אבער זי זיצט ווי איינגעקלעבט.

— א שעהנע נאכט, וואס ניין?

— יא, א שעהנע נאכט.

אט אזוי פערלענגערט זיך דאס געשפרעך, ער א פראגע, זי א אנטוואָרט, מען רעדט פון פערשיעדענע זאכען, צום ערשט מיט שרעק, מיט הארץ־קלאפעניש, דערנאך רוקט מען זיך נעהנטער איינער צום צווייטען און מען ווערט גאר היימישער.

זי געהט אהיים, ער פיהרט זי אב. מען דערלאנגט זיך די הענד, און מען זאגט זיך: אויף ווידערזעהען.

און א צווייט מאל, און א דריט מאל, טרעפט מען זיך צוזאמען, יונגע הערצער ציהען איינס צום צווייטען ווי מאגנעט. אין אנהויב, פערשטעהט זיך דורך א צופאל, דורך א טרעפעניש האט מען זיך פונקט געזעהן, געטראפען אין געזעלשאפט פון נאך צוויי פון איהרע חבר'טעס און זיין קאלעגע, און צו ביסלעכווייז, פיהלט מען עפעס, אז מען דארף זיך אליין זעהען, הינטער צוויי אויגען... און מען שמועסט זיך טאקע אב, אין דער שטיל זיך אליין צו בעגעגנען.

און ביידע האבען זיך געטראפען.

פערגאנגען זיינען זיי זיך ארויס א הינטער דער שטאדט, צווישען הימעל און פעלד, מען געהט און מען רעדט, אבער פונקט ווי זיי וואלטען וויסען, אז דאס געשפרעך איז נור געמאכט, שווייגען זיי ליעבער.

פאר נאכט, די לעצטע שטראהלען פון דער זון בעגאלדענען און

בעלייכטען די קעפלעך פון די זאנגען, וואס ציהען זיך פוןביידע זייטען וועג.

א ווינדטעל בלאזט, בייגט איין די קעפלעך פון די הויכע זאנגען, און זיי שושקען זיך בסוד, און זיי געהען אויפ'ן לאנגען וועג ווייט אוועק.

עס הויבט אן נאכט צו ווערען.

און וואס אמאל ווערט מעהר פינסטערער, טרויעריגער און ליעבער.

— שוין לאנג האב איך מיך געוואלט דערקענען מיר דיר, פייגעלע.

— איך ווייס עס, דו ביזט מיר נאכגעגאנגען ווי א שאטען.

זיי שווייגען.

— וואס קלערסט דו פייגעלע?

— וואס קלערסט דו אליעזר?

און פלוצלונג לאזט מען זיך גאר אריין אין א טיעפען געשפרעך פון פערשיעדענע זאכען, מען שמועסט פון דעם, און יענעם, וואס נאר די וועלט האט אן עק.

און טונקלער ווערט וואס אמאל מעהר, וואס אמאל מעהר.

זיי האבען זיך נעהנטער צוזאמענגערוקט.

אט, נעהמט ער זי ביי דער האנד, זי גיט א ציטער, און וואס אמאל מעהר גנב'עט זיך זיין האנד אין איהר האנד.

פלוצלונג, ווי פון הימעל אראבגעפלויגען, בויגט ער צו זיינע ליפען צו איהר באק און גיט איהר א קוש.

א פויגעל איז פערביינעפלויגען...

זי גיט א לייכטען ציטער, נעהמט ארויס איהר האנד פון זיינע און ווערט אביסעל ברוגז'דיג.

ער ווייסט, אז עס איז נור אזוי געמאכט.

אבער באלד ווערט ווייטער גוט, אזוי ווי זי וואלט געהאט פון אלעם פערגעסען.

און אזוי פערברענגט מען א פאר שעה, יעדען טאג גנב'עט מען זיך ארויס הינטער דער שטאדט...

און אליעזר הויבט אן אריינצוגעהן צו איהרע עלטערן אין הויז. דאס ערשטע מאל מיט איין אויסרייד, ער האט ארבייט פאר פייגעלען, און דערנאך קומט מען, ווי דער שטייגער איז, געוואהר ווערען ווען די ארבייט וועט פערטיג זיין, און פייגעלע מאכט זיך ווי זי וואלט איהם

גאָר נישט געקענט ביז אהער, נישט געוואוסט ווער ער איז, און בעט איהם זיצען מיט דרך־ארץ.

אזוי לאַנג, אזוי ברייט, אליעזר קומט שוין תמיד אריין, פראַנק און פריי צו פייגעלע'ס עלטערן, שוין נישט מיט קיין אויסרייד.

פייגעלע'ס עלטערן האָבען דערקענט אין איהם, אַז ער איז איין אָרענטליכער יונגער מאַן, א בעל מלאכה, און פערדיענט שען געלד, זיי ווייסען גאַנץ גוט צו וואָס א יונגער מאַן קומט צו א יונג מיידעל... מאַכען זיי זיך ניט ווּיסענדיג, טראַכטענדיג זיך: לאָזען זיך די קינדער בעסער דערקענען וועט מען דערנאָך שמועסען.

ביי נאַכט, א קליין שטיבעל, שאָטען בעוועגען זיך אויף די ווענד. א נייער טיש, אויף וועלכען עס ברענט א גרויסער בליטץ־לאָמפּ, דערביי זיצט פייגעלע און נייהט, ביי איהר זיצט אליעזר און לעזט שמר'ס א ראָמאַן.

די טאַטע מאַמע אָנגעהאָרעוועט פון א גאַנצען טאָג ארבייט, — שלאָפען אויף זייערע געלעגערס דאָרט אונטער די פאָרהאַנג, וואָס פערשטעלט א האַלבע שטוב.

און זיי זיצעןביידע — נאָר טיילמאָל מאַכט ער זיך א געלעכטער, נעמט זי אָן פאַר דער האַנד, אויסרופענדיג מיט א שמייכעלע: פייגעלע!

— וואָס ווילסט דו נאַרעלע?

— גאָר נישט, גאָר נישט.

און זי נייהט ווייטער. טראַכט ביי זיך: ביזט אין די לאַפּקע, געפּאַקט דיך, נאָר מיין נישט, אַז דו נעמסט איינע פון דער גאַס אראָב, ווי זי שטעהט און געהט, נאָך אַכטציג רובעל פּעהלט אין גאַנצען צו די דריי הונדערט רובעל אין באַנק...

און זי ווייזט איהם איהר אויסשטייער, די העמדער, און דאָס בעטגעוואַנד — וואָס זי האָט שוין די האַלבע ליגען פערטיג אין קאַסטען.

און נעהנטער זיינען זיי געוואָרען איינער צום צווייטען, וואָס אמאָל, וואָס אמאָל מעהר, אזוי, אַז אַלע האָבען זיי שוין בעטראַכט פאַר חתן כלה, וואָס מען וועט א לאַדע טאָג תנאים שרייבען...

פייגעל'ס מוטער קלייבט נחת. אזא שמחה, אזא גליק, האָט איהר טאָכטער געטראָפען, אזא יונגער מאַן, אזא גאָלדענער יונגער מאַן!

ר' יעקב, איהר פאָטער, איז שוין א יוד אין די יאָהרען, א אויס־געהאָרעוועטער דאָרפסגעהער, געהט קוים מיט די זעק אלטווארג וואָס איז שטענדיג אויף זיינע פּלייצעס.

א שטיקעל שמחה, א שטיקעל נחת דערלעבט אין זיין לעבען, געלויבט צו גאָט.

אלע פרעהען זיך, צו מייסטען פייגעלע. די באקען זיינען פרישער און רויטער געוואָרען, די אויגען טונקלער און פייערדיגער.

און אָט זיצט זי ביי דער מאשין און נייהט; און אין דער גאנצער שטוב הילכט איהר קול:

„און וואָס איך האָב געוואָלט האָב איך אויסגעפיהרט.
„זאָל איך אזוי לעבען.
„איך האָב געוואָלט א שעהנעם חתן,
„האָט מיר גאָט געגעבען."

און פייגעלע זיצט און נייהט און זינגט.

אויף דער נאכט קומט אליעזר.

— נו, וואָס מאכסט דו?

— וואָס זאָל מען מאכען?

— וואַרט, וועל איך דיר עפּעס ווייזען.

— וואָס אזוינס?

און זי דערהויבט זיך פון איהר אָרט, געהט צו צום קאסטען, וואָס שטעהט ביים ווינקעלע פון אויוועז, נעהמט עפּעס ארויס און בעהאַלט עס הינטער דעם פארטוך.

— וואָס האָסט דו דאָרט? זאָגט ער מיט א געלעכטעריל.

— וואָס איילסט דו דיך אזוי, זאָגט זי און זעצט זיך אנידער נעבען איהם, נעמט ארויס פון הינטער דעם פארטוך א בילד אויס־גענייט מיט וואָליטשקע „אדם און חוה", און ווייזט איהם דאָס, זאָגענדיג:

— נו, זעהסט, דאָס האָט מיר א מיידעל, א חבר'טע געמאכט פאַר מיר, פאַר אונז...

— אין אונזער שטיבעל וועל איך דאָס אויפהענגען אויף דער וואנד, פאַר די בעטען.

— פאַר מיין בעט, צו פאַר דיינס?

— וואַרט נור, אליעזר — וועסט זעהען וועל איך דיר אויס־

פוטצען א שטיבעל א גן־עדן זאָג איך דיר, א פשוט'עס, נאָר אַלץ וועט מוזען שפּיגלען, א מחיה וועט זיין דרינען אריינצוגעהן.

— און אַלע נאכט נאָך דער ארבייט, וועלען מיר ביידע זיצען, איינער נעבען אנדערן, אָט ווי איצט — און ער נעמט זי ארום.

— און דו וועסט מיר פון אַלעם דערצעהלען — דערצעהלען פון אַלעם, זאָגט זי, ארויפלעגענדיג איהר האנד אויף זיין אקסעל, און מיט די צווייטע איהם אָננעהמענדיג פאר'ן גאָמבע, און קוקט איהם טיעף אין פנים אריין.

און זיי איז אזוי גוט, אזוי פריילֿיך אויפ'ן הארצען.

און אַלץ ארום אין שטוב איז עפּעס איבערגעצויגען מיט א גוטס־קייט, עפּעס א ווייכע ליעבליכע זאַך ליגט אויסגעגאָסען אויף אַלעם אין חדר'ל — אויף די וואנד, אויף דעם טישעל, אזוי ווי אַלעם וואָלט איהר צוגעווינקען, גערעדט איהר צום הארצען ליעבע טרייע ווערטער...

און ביידע שווייגען שטיל — און פערטיעפען זיך ביידע אין זייערע געדאנקען.

— זעהסט, זאָגט זי צו איהם, ארויסנעהמענדיג פון דעם קאסטען דאָס ביכעל פון פּאָסט. — צוויי הונדערט און פערציג רובעל שוין, עס וועט נאָך זיין ביז דריי הונדערט רובעל. זאָלסט דערנאָך נישט האָבען אויסצורעדען: „גענומען דיך בחנם, אזוי ווי דו ביזט געשטאנען און געגאנגען."

— גאָה, ביזט א שלעכטע, איך בין מיט דיר ברוגז, פיינעלע, בייזערט ער זיך.

— פאר וואָס? ווייל איך זאָג דיר דעם אמת אין די אויגען, זאָגט זי, קוקענדיג איהם אין פנים אריין, מיט א געלעכטעריל.

און ער בייגט אוועק דעם קאָפּ, מאכט זיך ברוגז.

— גאָה שוין נארעלע, דו האָסט עגמת־נפש, איך האָב דאָך מיר נור געמאכט אויף א געלעכטער, דו פערשטעהסט נישט?

אזוי רעדען זיי ביז עס ווייזט זיך דאָס אַלטע געזיכט פון דער פאָרהאנג ארויס, עס איז צייט שלאָפען געהן, און די יונגע פּאָר געזעגענען זיך.

*

ר' יעקב, פיינעלעס פאטער, ווערט קראנק.

אין אָנהויב ווינטער איז עס געוועזען, דער ווינטער האלט מלחמה

מיט'ן זומער: דער שיקט א שניי, דער צווייטער — א זון. צוגעהט דער שניי, עם ווערט א בלאָטע, און צו מייסטען גיסען רעגען ווי מיט צעבערם.

אין אזעלכע וועטערם איז דער אלטער קראנק. ער ווערט שלאָפער אויף די פים, און ער לעגט זיך אין בעט אריין.

אויף קיין ברויט איז נישט דאָ, אויף קיין קוילען אודאי נישט, בּאָרגט דערווייל פייגעלע.

און דער אלטער ליגט אין בעט און הוסט, דאָם אלטע בלייכע צוזאמענגעצויגענע פנים ווערט רויטלעך, די ציין בעווייזען זיך צווישען די צוויי צוזאמענגעצויגענע ליפען און די בלאָהע אָדערן שטאַרען זיך ארוים פון די שלעפען.

מען שיקט נאָך דעם רופא. ער פערשרייבט א מעדיצין.

די מאַמע וויל דאָם לעצטע קישען פערזעצען, לאָזט פייגעלע נישט. נעהמט זי אָב פון שבירות — קלעקט דאָם נישט — פערזעצט זי איהר זשאקעט. פון נדן וועט זי דאָך חלילה ניט ריהרען.

און ער, אליעזר, קומט אריין יעדע נאכט.

ביי דעם בעקאנטען טישעל, ביי דער שיין פון דער בעקאנטער בליטש־לאָמפּ זיצען זיי ביידע.

— וואָם ביזט דו אזוי טרויעריג, פייגעלע?

— און וואָם האָב איך פרעהליך צו זיין, דער טאַטע איז נעבעך אזוי קראנק.

— גאָט וועט העלפען, פייגעלע, ער וועט געזונד ווערען.

— שוין נישט קיין פיער וואָכען קיין פרוטה אין פּאָסט אריינ־געגעבען.

— וואָם טויג דיר געלד?

— וואָם הייסט וואָם טויג מיר געלד? פרעגט זי דערשראָקען, אזוי ווי זי וואָלט פאר עפּעם געציטערט — בחנם וועסט דו מיך נעהמען?

—ווי הייסט בחנם. דו ביזט ביי מיר אלעם געלד ווערטה, מיין גאנץ לעבען. וואָם טויג מיר געלד? אָט דו זעהסט די פינף פינגער, זיי קענען אלעם פערדיענען. צוויי הונדערט רובעל האָב איך ליגען אין פּאָסט, אנגזאמעלט מיר פון מיין אַרבייט. וואָם דאַרף איך מעהר?

זי שווייגט א ביסעל און לאזט אראב די אויגען — און די מאמע דיינע? זאגט זי שטיל.

איך בעט דיך, דו האסט עפעס חתונה מיט מיין מאמען, צו מיט מיר האסטו דו חתונה, און וואס געהט עס דיך אן מיין מאמע?

זי שווייגט.

— איך זאג דיר נאך אמאל, איך נעהם דיך אזוי ווי דו שטעהסט און געהסט — אט אזוי — און דו נעהמסט מיך אויך אזוי — ווילסט דו?

זי נעהמט דעם עק פארטוך צו די אויגען און וויינט אין דער שטיל.

שטיל איז ארום, דער לאמפ פערשפרייט זיין העלע ליכטיגקייט אין דעם שטיבעל — און זייער שאטען פערשפרייט זיך אויף די וועגד.

פון הינטער די פארהאנג ווערט געהערט דאס שווערע שלאפען פון די אלטע לייט.

און איהר קאפ איז אנגעשפארט אויף זיינע אקסלען און איהרע געדיכטע שווארצע האר פערשטעלען זיין געזיכט.

זי וויינט אין דער שטיל: ווי גוט ביזט דו אליעזר!

און זי עפענט איהר גאנץ הארץ פאר איהם, און דערצעהלט איהם פון אלעם ווי עס געהט זיי היינט, ווי שלעכט עס איז זיי היינט. אלץ האבען זיי שוין פערזעצט — און אויף צו מארגענס איז קיין גראשען נישט דא.

ער נעהמט זי ליעבליך ארום, און מיט דעם עק פון איהר פארטוך ווישט ער איהר די טרעהרען אב פון די באקען — זאגענדיג.

— וויין נישט, פייגעלע, וויין נישט, עס וועט אלץ גוט ווערען.

— און איך זאג דיר, אז דו זאלסט מארגען געהן אין פאסט אבנעהמען עפעס געלד און געבען אויף אלעס, ביז גאט וועט העלפען, דער טאטע וועט געזונד ווערען און קענען פערדיענען. דענסטמאל...

— דענסטמאל, חזר'ט זי איבער אין דער שטיל.

— דענסטמאל וועט שוין גוט זיין, גיט ער איהר א ווינק מיט די אויגען.

— אזוי ווי דו שטעהסט און געהסט — שעפטשען זיינע ליפען אין דער שטיל.

און זי קוקט אויף איהם — א שמייכעל לויפט איבער איהר פנים.

און איהר איז אזוי גוט...

צו מארגענס איז פייגעלע דאס ערשטע מאל אריין אין פאסט מיט'ן ביכעל, אבגענומען א פאר רובעל און אהיים געטראגען דער מוטער.

די מוטער האט שטארק אבגעזיפצט, געמאכט א זויערע מינע — פערקנייטשט דאס פנים און אראבגעצויגען דאס קאפ טיכעל ביז איבער די אויערן.

דער אלטער ר' יעקב וואס ליעגט אין בעט, האט זיך מיט דעם פנים אומגעקערט צום וואנד.

דער אלטער יוד ווייסט וואס פאר א געלד דאס איז! זיין איינציג קינדס אויסגעהארעוועטע פאר רובעל. אנדערע טאטעס געבען קינדער און ער נעמט...

און ביי איהם זעהט עס אויס ווי ער בע'גזל'ט זיי, די יונגע מענשען. איהם קומט שוין ניט צו לעבען און פאר'ן טויט בערויבט ער זיי...

און קלערענדיג דאס, פערגלייזען זיך זיינע אויגען, די בלאהע אדערן פון די שלייפען קריכען מעהר ארויס און דאס בלאסע פנים ווערט אנגעלאפען מיט בלוט.

און דאס פנים איינגעגראבען צו דער וואנד ליעגט ער און קלערט אזעלכע געדאנקען.

ער וויים, אז ער איז דער גאנצער שולדיגער פון די קינדערס ליידען... און ער בעט אויפ'ן טויט...

און זי, פייגעלע, וואלט געוואלט עפעס מיט אמאל בעגליקט ווערען, א סך געלד צו האבען, רייך צו ווערען, צו זיין די גרעסטע גביר'טע.

און אט, למשל, ווען זי האט כאטש איצט טויזענד רובעל און ער קומט אריין: נא, נא דיר דאס גאנצע אוועק, זעה פייגעלע איז געטריי— נא דיר, און זאג נישט, בחנם נעהמסט דו מיך, אהן נדן, ווי איך שטעה און געה...

ביים טאטענס בעט זיצען זיי ביידע, זי מיט איהר אליעזר.

און דאָס האַרץ ווערט איהר פול מיט נחת — עפּעס פיהלט זי ביי זיך אַ פערגעניגען, וואָס זי האָט עס נאָך קיינמאָל נישט געפיהלט — און אַ פולע טרעהר בעווייזט זיך איהר אויף די באַקען.

זי זיצט און וויינט, פערשטעלט זיך דאָס פנים מיט'ן פאַרטוך.

און ער נעמט זי ליעבליך אָן ביים האַנד — זאָגענדיג אַלץ מיט זיין ליעב זים קול: פייגעלע, הער שוין אויף, פייגעלע, איך בעט דיך.

און דער טאַטע ליעגט אויסגעדרעהט מיט'ן פנים צום וואַנד און דאָס בעוועגען פון זיין האַרץ הערט זיך אין דער שטיל.

און זיי זיצען, זי פיהלט צו איהם אַ געטריישאַפט, זי פיהלט, אַז זי קען זיך אויף איהם פערלאָזען.

זי זיצט און שלינגט זיינע ווערטער — זי פיהלט ווי ער קייקעלט איהר אַראָב אַלע שווערע שטיינער פון האַרצען.

דער טאַטע האָט זיך אומגעדרעהט, געוואָרפען אַ בליק אויף זיי. אויפ'ן טאַטענס בלאַסע פנים איז עפּעס אויסגעגאָסען אַזאַ ליעבער שמייכעל, ווי עס וואָלט זאָגען: האָט נישט קיין מורא, קינדערלעך, איך בין מסכים דערויף, מסכים מיט מיין גאַנץ האַרץ.

און פייגעלע פיהלט זיך אַזוי גוט. אַזוי גוט...

*

דער טאַטע איז נאָך קראַנק, און פייגעלע נעמט אָב איין רובעל נאָכ'ן אַנדערען, איין פינף־רובעלדיגען נאָכ'ן צווייטען.

דער אַלטער ר' יעקב ליגט אין בעט און קלערט, קוקט אויף די קינדער און שווייגט.

דאָס פנים זיינס ווערט בלאַסער, איינגעקנייטשטער, שוואַכער און שוואַכער. ער פיהלט ווי די כחות געהען איהם אויס.

פייגעלע נעמט אָב פון דער פּאָסט דאָס געלד, די מאַרקעס אין ביכעל ווערען וויניציגער, פייגעלע ווייסט, אַז עס וועט שוין באַלד נישט זיין.

דער אַלטער ר' יעקב ווינשט זיך אין דער שטיל: ער וואָלט שוין נישט אַזוי פיעל געברויכט... ער וואָלט שוין נישט קיינעם געשטערט...

און ער שפּייט, דער אַלטער ר' יעקב, טראָפּען בלוט, טראָפּען בלוט. עס שעפּט זיך אויס — און די מאַרקעס — קלעבען זיך פון ביכעל אָב... אַ טראָפּען בלוט פון מויל — אַ מאַרקע פון ביכעל.

דער אַלטער ר׳ יעקב האָט דעם לעצטען טראָפּען בלוט פון זיך אַרויסגעגעבען, און פייגעלע — דעם לעצטען רובעל פון פּאָסט...

אין יענעם טאָג איז דער אַלטער געשטאָרבען... און אין דעם זעלבען טאָג איז אויף דעם ביכעל אין פּאָסט קיין גראָשען ניט גע־בליעבען... פייגעלע האָט אין איין טאָג פרעלאָרען איהר טאַטען מיט איהר נדן...

*

פייגעלע זיצט ווידער ביי איהר בליטץ־לאָמפּ און נייהט און נייהט ביז שפּעט אין דער נאַכט, און פון יעדען שטאָך מיט דער נאָדעל קומט עפּעס צו אין איהר ניי ביכעל אין פּאָסט.

דער נדן מוז איצט זיין גרעסער ווי פריהער, ווייל צוזאַמען מיט דעם ביכעל, וואו עס קומען צו מעהר מארקעס, קומט אויך אַלע מאָל צו גרויע האָר אויף איהר שווארצען קאָפּ...

מיין שעהנסטע ליעבע

אמאָל זיינען מיר געזעסען דריי פריינד און מיר האָבען גערעדט וועגען אונזערע פערגאַנגענע טעג. אזוי אַלט זיינען מיר נאָך ניט געווען; מיר אַלע דריי צוזאַמען האָבען נאָך ניט אויסגעלעבט א זאַטען אַלטער פון א הונדערט־יעהריגען זקן. איז אייגענטליך זאָלען מיר ריידען פון אונזערע קינפטיגע טעג, נור אונזער חבר יאָשע „ביוסטשיק" האָט שרעקליך ליעב געהאַט צו ריידען פון זיינע פערגאַנגענע טעג, און יעדער עפּיזאָד פון זיין פערגאַנגענעם לעבען האָט ער בעטראַכט פאַר א היס־טאָרישע וויכטיגקייט, וואָס וועט גרויסע נוצען ברענגען זיין קינפטיגען ביאָגראַפיע־שרייבער צו ערקלעהרען זיין פּערזענליכקייט און זיין טהעטיגקייט.

וואָרים יאָשע „ביוסטשיק" איז געווען א סקולפּטאָר, און ביי איהם טאַקע, אין זיין ארבייטס־צימער, זיינען מיר דאָס געווען פערזאַמעלט: איך און אונזער פריינד גרינבערג (איך א שרייבער, גרינבערג א מאַהלער — נור פון אונז שפּעטער, דערוויי̇ל וועלען מיר ריידען פון „ביוס־טשיק"). „ביוסטשיק" האָט מען איהם גערופען דערפאַר, וואָס ער האָט שרעקליך ליעב געהאַט איידעלע פרויען־ביוסטען. אין די פרוי האָט ער נור געזעהן איהר ליניע, און זי האָט איהם נור געדיענט אויף אזוי פיעל, וויפיעל ער האָט געקענט דורך איהר אויסזינגען זיין פּאָעזיע און מאָדע־לירען איהר פיגור. ווען ער פלעגט א שעהנע פרוי דערזעהן אויף דער גאַס, איז ער איהר שוין לאַנג נאָכגעגאַנגען און בעטראַכט איהר פיגור, די ליניען פון ביוסט און מיט די הענד פלעגט ער איהר מאָדעליזירען שוין אין דער לופט, אויסקנעטען און גלעטען, ווי ער וואָלט פון דער לופט איהר פיגור אויסגעבילדעט. מענשען פלעגען איהם אָננעהמען פאַר א משוגע'נעם, און ניט איין מאָל פלעגט טאַקע „ביוסטשיק" קריגען גוט אויסגעפּאַטשט פון דער פרוי'ס מאַן אָדער פון איהר'ס א גוטען פריינד פאַר אזעלכע שטיק. נאָר דאָס קעהר ניט צו דער מעשה.

ביוסטשיק אָבער פלעגט זיך אַליין האַלטען פאַר א האַרץ־בעזיעגער, פאַר וועלכען די פרויען געהען אויס. אַליין א קליינער, מיט א קורץ איינגעקנייטשט נעזעל, א האָריג בעוואַקסען פּנים, און קליינע שוואַרצע אויגעלעך, וואָס האָבען זיך געוואָרפען אין זיין האָריג געזיכט — האָט דער „שעהנער פאַרשוין" . מיד געזעדט נור וועגען פרויען, וואָס ער, דער „גזלן", האָט זייער האַרץ צובראָכען, געקוילעט אין מיטען שטאָדט אין שעהנעם העלען טאָג, און ווי א גבור שטעהן געלאָזט און ווייטער געגאַנגען נייע הערצער בעזיעגען. דאָס האָט ער אונז אויך טאַקע יעצט אויף דעם געשפּרעך אַרויפגעבראַכט צו ריידען וועגען אונזערע ליעבעס. וואָרים הונגעריג זיינען מיר אַלע דריי געווען און קיין געלד איז ניט געווען (כאָטש מיר ביידע, „ביוסטשיק" און איך האָבען חושד געווען גרינבערג'ן, אז ער טראָגט זיין געלד־זעקעלע אויפ'ן האַרצען אָנגעבונ־דען ; א כיטרער יונג געווען !), האָט אונז „ביוסטשיק" פון זיינע ליעבעס דערצעהלט. און דערביי געוויזען די קעפּלעך פון די פרויען, פון די ווייבלעך, וועלכע ער האָט מאָדעלירט — און וואָס ער האָט זייערע הערצער בעצוואונגען. געזעסען זיינען מיר און האָבען אויסגעהאָרכט לאַנגווייליג, נור „ביוסטשיק" האָט עס דערצעהלט מיט דער מינע פון א גענעראַל, וואָס דערצעהלט זיינע טהאַטען אויף דעם מלחמה־פעלד, און דערביי די געקרומטע פוס גלייך אויסגעצויגען, די וואָנצעס זיך גלייך געמאַכט, און געקוקט ווי איינער זאָגט : בעהאַלט עס גוט אין אייער זכרון, עס וועט אייך צוניץ קומען. און זיין נאַרישע ראָלע האָט אונז געוויילט.

נור צום סוף איז ער אונז שוין לאַנגווייליג געוואָרען, און מיר האָבען זיך טאַקע געוואָלט נעהמען צו גרינבערג'ן, אז ער זאָל אויפקנעפּ־לען זיין וועסט און ווייזען דאָס געלד־זעקעלע. וואָרים גרינבערג איז א יונגער מאַן פון א קליין פּויליש שטעדטעל, וואָס האָט זיך אויפגעצויגען ביי קאַרגע, כיטרע עלטערען. ער האָט פון קליינערהייט אָן זעהר ליעב געהאַט דאָס לאַנדשאַפט און פלעגט אַלס אינגעלע זיך אַרויס'גנב'ענען הינטער זייער שטעדטעל און מאָלען דאָס לאַנדשאַפט. עס האָט איהם איינמאָל דער שרה פון זיין שטעדטעל בעמערקט און ער האָט איהם אויף זיין רעכענונג אין דער גרויס־שטאָדט אין דער אַקאַדעמיע געשיקט, וואו ער פלעגט בעקומען פון איהם 50 רובעל א מאָנאַט. און כאָטש דאָס איז שוין געווען פיער יאָהר אין די גרויסע שטאָדט, אין א

קינסטלערישע אומגעבונג, וואו מיר אלע: יונגע קינסטלער, די שילער פון דער אקאדעמיע, שרייבער און יונגע שוישפּיעלער, פלעגען זיך צוזאמענקומען אין איין קאפע־הויז, וואו מיר פלעגען אלע לעבען פון קרעדיט, איינער האט זיך געטהיילט מיט'ן צווייטען, איינער האט געבארגט פון צווייטען א העמד, א ראק, א פּאר שיך, — איז ער געווען דער איינציגער „פּראקטישער" מענש פון אונז. ער פלעגט קיינעם נישט בארגען, און פלעגט זיך פון קיינעם נישט בארגען; א ביטרער יונג, וואס האט אין דער שטיל אונטערגעהאנדעלט מיט זיין געלד... נור קוים פלעגט ער דערזעהן דורכ'ן פענסטער א פּאס ליכט פאלט אויפ'ן גראז, הינטער די בוימער פון גארטען, אדער א ליכטיגער וואלקען האט זיך אויפ'ן הימעל בעוויעזען, א טאן איז אויפ'ן וואסער, פלעגט ער אן אלעם פערגעסען, כאפּען דעם לייווענט און פּענזעל און ארויפגעכאפּט דעם וואלקען אויפ'ן לייווענט. אזוי פלעגט ביי איהם טיילמאל דער קינסטלער גובר זיין דעם ביטרען סוחר, וואס ער האט נאך פון זיין קליין שטעדטעל מיטגעבראכט.

דאס האט טאקע ער געבראכט צום געשפּרעך וועגען שעהנסטע ליעבע. ווארים „ביוסטשיק" זאגט אזוי צו איהם:

— גרינבערג, בארג א גילדען.

אבער גרינבערג איז פערטהאן אין די ליעבע־געשיכטעס, וואס „ביוסטשיק" האט דערצעהלט. „אינטערעסאנט", „אינטערעסאנט" — קלאפּט ער אלץ מיט די ליפּען. און כדי זיך פון שטוב ארויסצומאכען, פאלט ער אויף א פּלאן:

— האסט געהערט, „ביוסטשיק", זאל יעדער פון אונז דערצעהלען זיין שעהנסטע ליעבע, אבער דו הערסט, זיין שעהנסטע ליעבע, וואס ער האט געהאט אין זיין לעבען.

ער האט געוואוסט מיט וואס איהם צו נעהמען. קוים האט „ביוס־טשיק" געהערט די שעהנסטע ליעבע, האט ער פערגעסען אין הונגער, אין דעם זעקעל געלד אויף גרינבערג'ס הארץ, און האט שוין אנגעהוי־בען צו דערצעהלען.

און איינער האט דעם צווייטען איבערגעהאקט. יעדער האט גע־וואלט פריהער דערצעהלען, אויסכאפּען. „ביוסטשיק" דערצעהלט שוין פון די און פון יענע, און צווייפעלט וועלכע איז געווען שעהנער, און גרינבערג'ס אויגען גלענצען שוין, דערצעהלט פון זיין קליין שטעדטעל.

— נור זייערע זיינען ניט געווען אינטערעסאנט, ווירקליך ניט. מיינע, מיינע איז אינטערעסאנטער און שעהנער. דאָס האָב איך זיי געזאָגט אויך. און דאָס וויל איך אייך דאָ דערצעהלען.

אז עס איז געקומען מיין צייט צו דערצעהלען (נאָך מיה און מאטערניש), לאַכען זיי, מיינע חברים, איבערהויפּט „ביוסטשיק“.

— וואָס לאַכסטו?

— וועלכע שעהנסטע? — פרעגט „ביוסטשיק“ — זאָג מיר, זאָלסט מיר לעבען, וויפיעל שעהנסטע ליעבעס האָסטו דאָס שוין געפיהרט אין דיין לעבען?

וואָרים דאָס וואָס איך האָב דאָ אויסגערעדט אויף מיין פריינד „ביוסטשיק“, זאָגט מען דאָס זעלבע אויך אויף מיר. נור איך בין ווירקליך א ווייבער־זיעגער. איך רייד מיר ניט בלויז איין, ווי מיין פריינד „ביוסטשיק“, — נור מיט אַן אמת. פרעגט די גאַנצע וועלט אויף מיר, וועט זי אייך דערצעהלען. פאר מיין טריט חלש׳ן ווייבער. אז מען דער־זעהט מיך, זאָגט מען: „אָט דאָ געהט דער ווייבער־יעגער“.

— נו, דערצעהל, דערצעהל — זאָגען זיי ווייטער.

און ווי איך הויב אָן צו דערצעהלען, פּלאַצען זיי ווידער ארויס מיט א געלעכטער:

— אָבער וועלכע ליעבע, דו ליעבסט אַלע טאָג אַן אנדערע.

— ניין, אַלע טאָג נאָך איינע — לעג איך צו.

איבערהויפּט בין איך שוואך אויף דעם פּונקט ווייב.. איך פּער־שטעה ניט פאר וואָס מען קען ניט ליעב האָבען עטליכע פרויען מיט אמאָל. קען א מענש ניט ליעב האָבען אויף איין מאָל א ליליע און א טיבעראָזע, אָדער צוויי ליליען, הונדערט ליליען מיט אמאָל? אין מיין צימער הענגט דאָס געזיכט פון די הייליגע „אננא“ פון לעאָנארדאָ ד'־ווינטשי און פון דוש. קאַנדלאָ. ליעב איך דען ניט דיביידע פרויען־געזיכטער צוגלייך? ליעב איך דען ניט צוויי פריהלינגס־טעג איינעם נאָך דעם אנדערען מיט די זעלבע ליעבע?

און יעדען אין דער־ פריה קום איך צו לויפען צו מיין פריינד „ביוסטשיק“ און וועק איהם ביי די האָר אויף:

— „ביוסטשיק“, „ביוסטשיק“, איך בין פערליעבט, איך בין פערליעבט, איך שטארב. האָב איך נעכטען געזעהן א מיידעל אין טהעַ־

אַטער — איך זאָג דיר אַ „פיגור"! — מיין פריינד „ביוסטשיק" הויבט באַלד אָן צו מאַדעליזירען אין דער לופטען — „אַזוי, אַזוי".

און איך רייס איהם פון בעט ארויס. „קום אין גאַס, די זונן שיינט אין דרויסען, איך קען ניט אין שטוב איינזיצען. איך ליעב, איך ליעב, מיט אַ רעכטען אמת, צום ערשטען מאָל אין מיין לעבען".

און קוים קום איך אין גאַס ארויס און דערזעה אַן אנדער מיידעל אויף דער גאַס, אויך אַ שעהנע, מאַך איך אַזוי:

— און די ליעב איך אויך...

איך זעה אַז איך קען נישט דורכקומען, שריי איך אויס:

אַלע שעהנע מיידלעך פון דער גאַנצער וועלט ליעב איך.

דערפאַר לאַכען מיינע חברים, אַז איך הויב אָן צו דערצעהלען פון מיין „איינציגע" שעהנע ליעבע.

— אָבער די וואָס איך ליעב אַם שעהנסטען, אַם הייליגסטען, אַם ערהאַבענסטען, האָב איך נאָך קיינמאָל ניט געזעהן!

— נאָך ניט געזעהן — דאָס איז אינטערעסאַנט! — זאָגען מיינע חברים און ווערען שטיל און לאָזען מיך אויסדערצעהלען מיין שעהנסטע ליעבע.

און איך הויב אָן:

— אַזוי ווי איהר ווייסט, בין איך געבוירען ביי חסיד'ישע, נגיד'ישע עלטערען אין אַ קליין פויליש שטעדטעל. מיין פאָטער, וועלכער איז געווען אַ פרומער סוחר, האָט דוקא געוואָלט האָבען אַ זוהן אַ לער־נער, וועלכער זאָל ווערען אַ רב. און פון מיין מוטער דאַרף איך אייך ניט דערצעהלען, אַז דאָס איז געווען די איינציגע שטיקעל האָפענונג אין דעם טרויעריגען לעבען, וואָס די גוטע, פרומע אידענע האָט דורכגע־לעבט. די האָפענונגען, וועלכע מיין פאָטער האָט געלעגט אויף מיינע עלטערע ברידער איז צו גאַרנישט געוואָרען, ער האָט זיך אויף זיי פיעל געלד געלאָזט קאָסטען, די בעסטע מלמדים אין שטוב געהאַלטען. אָבער ער איז געווען פערנומען מיט זיינע געשעפטען אַ גאַנצע וואָך, און ער האָט קיין צייט ניט געהאַט אכטונג צו געבען אויף זייער ערציהונג. און מיין אָרעמע מוטער איז צו שוואַך געווען, אַז זי אַליין זאָל קענען אויף זיי ווירקען, אַז זיי זאָלען זיך לערנען. פון זיי איז געוואָרען סוחרים, קרעמער א. ד. ג. די איינציגע האָפענונג פון מיינע עלטערען צו דערלעבען אַ שטיקעל נחת אין זייערם אַ קינד בין איך געווען. רעליגיעז

געשטימט פון מיין פריהעסטע יוגענד, א קינד מיט מיסטישע נייגונגען — פלעג איך זיך אָבשיידען פון מיינע ברידער, פלעג דאווגען פרום און לאַנג, לערנען גאַנצע טעג, און געהן אין א פרומען וועג. מיין אָרעמע מוטער האָט זיך גליקליך געפיהלט און פלעגט קוקען אויף מיר מיט אַזעלכע געטרייע, צערטליכע מוטערליכע בליקען, אַז איך האָב געפיהלט די ווארימקייט פון איהר גליק.. און מיין פאָטער... אין דער וואָכען האָט ער קיין צייט ניט געהאַט. נור אַז ער פלעגט הערען, שבת נאָך'ן שלאָף, מיין גמרא לערנען, איז ער ווי אויף די שפּיץ נעגעל אַרומגעגאַנ־גען איבער'ן צימער, און פון נחת זיך די הענד געריבען. פון צייט צו צייט פלעגט ער צוקומען, איבערבויגען זיך איבער מיין גמרא, אריינ־קוקען און, זיך ניט קענענדיג איינהאַלטען, האָט ער מיר געגעבען א גלעט איבער'ן בעקעל. איך בין געוואָרען דאָס ליעבסטע קינד אין דער היים, די איינציגע האָפענונג פון מיינע עלטערען. מען פלעגט מיר מאַכען אויף יעדען יום־טום אַטלעסענע קאַפּאָטקעלעך. און עס איז ניט געווען איין רייזע, פון וועלכע דער טאַטע זאָל מיר ניט עפּעס מיט־ברענגען. און די מאַמע, זי איז משוגע געוואָרען פאַר גליק. פלעגט מיר געלד געבען, גאָלדענע זייגערלעך קויפען, און איז יעדעס מאָל צו מיין רבי'ן געקומען, ביי וועלכען איך האָב געלערענט און פלעגט זיך אוועק־זעצען און צוהערען זיך צו מיין לערנען. דאָס האָט אַזוי אָנגעהאַלטען ביז 15 יאָהר פון מיין לעבען. דערנאָך איז געשעהן א זאַך, וואָס איך ווייס נישט ווי אַזוי עס איז געוואָרען.. גענוג... איך האָב אָנגעהויבען צו קלעהרען און צו צווייפלען אין גאָט, אין מיין דאווענען.דאַכט זיך, איך האָב דאַן א פּאָר ביכלעך איבערגעלעזען. נור ניט אַזוי די ביכלעך האָבען מיר געמאַכט צווייפלען, ווי איך זיך אַליין. איך האָב דאַן פיעל געקלערט איבער די וועלט און די מענשען, איבער גאָט און זיין תכלית — „און וואָס איז דער סוף?" „און פאַר וואָס דאַרף מען אָבהיטען די מצוות?" וואָס אַרט עס איהם אַז דער מענש זינדיגט? און פערשיעדענעס, ווי ס'איז אייך אַלעמען גוט בעקאַנט די צייט פון אפיקורסות, וואָס יעדעס קינד מאַכט דורך, ווען עס קומט די צייט ווען עס הויבט אָן צו קלערען. נור מיר האָבען די אַלע זאַכען מעהר געפּייניגט ווי אַן אַנדערען; א שטימונגס־מענש — פלעגען די אַלע ספיקות ווירקען אויף מיין לוינע. און איך, א קינד פון 15 יאָהר, פלעג דאַן אַרומגעהן און קלעהרען איבער דעם תכלית פון דער וועלט. און די זונן האָט אין דרויסען געשיינט. און

איך האָב ליעב געהאַט די זונן. פלעג איך זיך פון בית־המדרש ארויס׳־גנב׳ענען מיט מיינע ביכלעך און געהן אין גאָרטען, וואו שרה־הנה׳לע — א אידענע פון שטאָדט — האָט פרוכטען פערקויפט און פלעג ליגען הינטער די בוימער, אין הימעל זיך איינקוקען — זעהן ווי די וואָלקענס ציהען זיך פערביי און נאָכקלעהרען איבער דעם תכלית פון לעבען.

היינט רייד איך איבער מיין דאַמאָלסדיגער ענדערונג קאַלט־בלוטיג. אָבער דאַן, אין מיינע קינדער־יאָהרען, האָב איך די זאַכען גענומען מיט דעם גאַנצען ערנסט פון די אינגעלשע יאָהרען. יעדעס מאָל ניט דאַווענען האָט מיך געקאָסט א גאַנצע וועלט, די וועלט פון מיין רעליגיאָן, אין וועלכער איך האָב געלעבט, מיין פרומקייט אין וועלכער עס איז מיר גוט געווען, היימיש זיך געפיהלט. איך האָב דערפאַר ניט געדאַווענט, ווייל איך בין געקומען צו מיין אייגענער איבערצייגונג, אז די אַלע פאָרמען זיינען אויסערליכע, ארויפגעוואָרפענע פון מענשען, אָבער ניט קיין געטליכע. דאָס איז מיר היינט לייכט צו זאָגען. אָבער דאַן.... איך האָב זיך געפיהלט ווי א מענש, וועלכער האָט זיין פאָטערלאַנד פערלאָרען, ווי ער וואָלט זיין אייגען הויז פערברענט און איז אוועק און בלאָנדזשעט — און טיילמאָל דאכט זיך מיר, אז ביז׳ן היינטיגען טאָג האָב איך נאָך ניט געפונען קיין אָרט, קיין רוה, קיין ווינקעל, וועלכער זאָל מיר פערטרעטען יענע היים פון רעליגיאָן, פרומ־קייט, וועלכע איך האָב פערלוירען; אויסער מיין ביסעל שרייבען...

נור צום ערגסטען האָט מיך געפייניגט דער געדאַנק פון מיינע על־טערען׳ס ענטטוישונג. זיי האָבען נאָך גאָר ניט געוואוסט, נאָך גאָר ניט געאהנט, כאָטש זיי האָבען געמערקט, אז איך געה ארום א פערדרעהטער, א פער׳חושב׳טער. נור וואהרשיינליך האָבען זיי דאָס אויסגעטייטשט אויף עפּעס אַנדערש... מיך האָט שרעקליך געפייניגט דער געדאַנק, אז איך נאַר זיי אָב, כאָטש איך האָב זיך פאַר זיי מיט גאָר נישט געהיט. מיין פאָטער איז געווען פערנומען א גאַנצע וואָך אין געשעפט, ארומ־געפאָהרען און געקומען פון שבת צו שבת; און דעם שבת האָב איך נאָך געפּראַוועט מיט אַלע איינצעלהייטען, ניט אויס פרומקייט, נור מעהר אויס שטימונג. דער שבת האָט מיך שטענדיג בערוהיגט מיט זיין יום־טוב׳דיגקייט און רוהיגקייט, און איך פלעג א גאַנצע וואָך ווארטען אויף שבת. פרייטאָג־צו־נאַכט האָב איך זיך אָנגעטהאָן די אַטלעסענע קאַ־פּאָטע און מיטגעגאַנגען מיט׳ן טאַטען דאַווענען, און איך בין אהיים

געקומען, און איך האָב געזעהן די אָנגעצונדענע ליכט אין די זילבערנע לייכטער אויפ'ן טיש. און מיין מוטער'ס פּנים שיינט ארויס פון די שבת'דיגע הויב. און געריהרט פון מיין טאַטענ'ס זינגען „שלום עליכם" — פלעג איך אויך אריינפאַלען אין א רעליגיעזע שטימונג און פלעג זינגען מיט א הויך קול „שיר השירים" מיט דער גאַנצער נשמה מיינער. דאָס האָט מיך בערוהיגט. און איך פלעג זיך פערגעסען אין מיינע אפּיקורס'ישע געדאַנקען. און דער טאַטע מיט דער מאַמע זיינען גליקליך געווען.

אָבער דאַן האָב איך שוין געהאַט אָבגעמאַכט ביי מיר צו אַנטלויפען פון דער היים און צו קומען אין די גרויסע שטאָדט אריין און זיך לערנען, פאַרצובערייטען זיך צום עקזאַמען און אַנצוקומען אין עפּעס א שוהלע אריין.

אָבער דאָס לערנען פון אנדערע זאַכען האָט מיך אויך ניט בערוהיגט. איך האָב געלערענט טרוקענע זאַכען, ווי גראַמאַטיק פון שפּראַכען; א ביסעל האָט מיך פעראינטערעסירט די פיזישע געאָגראַפיע, אַלגעברא. אָבער די אַלע עלעמענטאַרע וויסענשאַפטען זיינען ניט גענוג געווען צו זעטיגען מיין גייסטיגען הונגער — א הונגער פון א זעכצעהן־יעהריגען אידישען אינגעל, וועלכער האָט שוין דאַן נאָכגעקלעהרט איבער געוויסע פילאָזאָפישע געגענשטענדען, וועלכער האָט שוין דאַן געהאַט אין זיך א שטיק קבלה, דורכגעדרונגען מיט חסיד'ישע אידעען, די אגדתות פון תלמוד, און געהאַט געהערט פון א שפּינאָזא...

איז אזוי ווי געזאָגט בין איך דאַן געווען „אַן ארויסגעוואָרפענער" און האָב זיך געפיהלט ווי א מענש, וואָס האָט שוין פערלאָרען זיין וועלט. און דער עיקר האָט מיך געפּייניגט „דער תכלית"... „דער תכלית", ניט וואָכעדיגער תכלית פון לעבען, נור עפּעס א מין גייסטיגער „תכלית" פון יענע וועלט, וואָס וועט זיין דער סוף — דער סוף?

עס זיינען אוועקגעגאַנגען מיינע טעג אָהן פרייד. עס איז געקומען אין דער פריה און איך בין געלעגען אויפ'ן געלעגער, האָב איך זיך געטראַכט, צו וואָס זאָל איך זיך אויפהויבען? צו וואָס זאָל איך לעבען? עס איז געקומען דער פריהלינג, וועלכען איך האָב אזוי ליעב געהאַט, וואָס האָט זיך מיר שטענדיג געדאַכט, אז ער וואַשט אָב דעם גאַנצען ווינטער פון קאָפּ, האָב איך דאַן דאָס געפיהל געהאַט, איך בין נאָך ניט פאַרבערייט צו דעם פריהלינג. איך בין עפּעס נאָך ניט גרייט.

האָב איך געזעהן די שטאָדט־„שקצים׳לעך“ געהן מיט זייערע ביכער אין די שוהלען יעדען פריהמאָרגען, האָב איך זיי מקנא געווען, וואָס זיי האָבען אַ שוהל, אַ וועג, וועלכע די פּאַטערס האָבען פאַר זיי אויסגעאַרבייט. און איך פלעג דאַן אויפ׳ן פעלד ארויסגעהן, און דער פריהלינג איז ביי מיר דאַן ווי דער הערבסט געווען, און פלעג צוזאַמענגעהמען שטיקלעך האָלץ און אַ פייער מאַכען און אָנצינדען...

נור דאַן איז געשעהן אַ זאַך. —

אַמאָל, אין אַ שעהנעם נאָכ׳ן אָנבייסען, ווי איך זיץ אַזוי אין בית־המדרש און לערען מיט געשמאַק (עפּעס פלעגט זיך מיר דאַן ווען פון צייט צו צייט אַוועקזעצען ביי דער גמרא און לערנען, לערנען הויך, געשמאַק, מיט אַ נגון, און אָן אַלעם פערגעסען, און פּונקט אַ גליק, וואָס דאַן האָט מיר דער חשק אָנגעכאַפּט צו לערנען), קומט אין בית־המדרש אריין יענקעל דער שדכן פון שטעדטעל מיט עפּעס אַ אידּ מיט אַ ברייטע שוואַרצע באָרד און שוואַרצע אויגען, אַ שעהנער אויפ׳ן פּנים, אַ ברייט־ביינינער, אין אַ קאַשקעטעל איז ער געגאַנגען אָנגעטהאָן, און געהען צו צו מיר, און הייסען מיר זאָגען „אויפ׳ן אָרט“, פערהערען מיך פּשוט. איך בין רויט געוואָרען, פערדראָסיג אַ ביסעל. דער עולם אינגלעך האָט זיך אָנגעהויבען ארומקלייבען ארום מיר — נור דאָך האָב איך געזאָגט מיט קוראַזש. פרעגען זיי מיך עפּעס אַ קשיא, איך ענטפער אָב אַ תירוץ. דערנאָך גיט מיר דער איד אַ קניפּ אין בעקעל און געהט אַוועק מיט׳ן שדכן. איך קום אַהיים צו מיטאָג, ביי אונז איז דער טיש געדעקט יום־טוב׳דיג, מיט שבת׳דיגע זילבערנע גאָפּעל און לעפעל. די מאַמע געהט אָנגעטהאָן אין אַ נייע קלייד, אַ ווייסע שירץ און פּאָרעט זיך ביי דער קיך. פון די צווייטע שטוב הער איך אַ הויך געשפּרעך, מיין פּאַטער׳ס שטימע. די טהיר עפענט זיך, די זונן שיינט אריין דורך די פענסטער, מיין פּאַטער מיט׳ן פרעמדען איד — מיט די ברייטע באָרד — רויכערען ציגאַרען, ווי חול המועד. מען רופט מיך אריין אין צווייטען שטוב. דער איד קנייפּט מיך אין בעקעל, און פרעגט מיך עפּעס וועגען היימישע זאַכען, און יענקעל שדכן מאַכט צו מיר אַזוי:

— וועסט אָנשרייבען אַ דייטשען בריעף פאַר׳ן טאַטע׳ן.

דער טאַטע דיקטירט מיר אַ בריעף, איך שרייב. דערנאָך נעהמט מען דאָס פּאַפּיר, דער שוואַרצער איד בעטראַכט עס, שאָקעלט מיט׳ן קאָפּ און קנייפּט מיך אין בעקעל. די מאַמע רופט אונז אריין עסען. מען

גיט מיר אויך א גרויס חלק, ווי אן ערוואקסענעם. און יענקעל דער שדכן רעדט א סך, ווילט דעם עולם. די מאמע שטעלט אוועק אויפ'ן טיש פסח'דיגען ווישניק, און די זונן שיינט אריין דורכ'ן פענסטער.

נאָכ'ן עסען געה איך אריין אין די צווייטע שטוב, און די מאמע פאלט ארויף מיר אויפ'ן האלז:

— מיין קינד, מיין לעבען, מען רעדט דאָך דיר א שדוך, דאָס איז דאָך דער מחותן. א רייכער איד, ער האָט אן אייגענע מיהל, וועסט עסען קעסט כל ימיו — און די כלה, די כלה, מיין קינד... און קושט מיך, און האלזט מיך...

איך דארף אייך ניט דערצעהלען, אז צו מאָרגענס בין איך אין די גרויסע שטאָדט אוועק — „זיך לערנען".

נור פון דענסמאָל אָן זעה איך די „כלה", — אז איך בין אליין, אין א פאר־נאכט, און אז איך שטעל מיר פאָר עפּעס שעהנעס: ווי איך וואלט געלעבט, ווען איך וואָלט געליעבט, קען איך מיר קיין אנדער מיידעל ניט פאָרשטעלען נור דאָס מיידעל, מיין כלה, די טאָכטער פון דעם מילנער, וועלכע מען האָט מיר אמאָל א שדוך גערעדט.

איך זעה זי אין גאנצען. אָט שטעהט זי מיר פאר די אויגען. א טונקעל מיידעל מוז עס זיין, מיט א הויכען, הויכען שטערען. איך זעה זי טיילמאָל אין שווארצען, טיילמאָל אין ווייסען, נאָר אין שווארצען געפעלט זי מיר בעסער, אין א לאנגער שווארצער קלייד מיט א שפּאני־שער בראָש אויפ'ן האלז. איך זעה דעם קאָליר פון איהר הויט, — ער איז ברוינלעך, ווי איהר בלוט וואָלט ניט רויט געווען, נור טונקעל־שווארץ. און דער שווארצער טאָן פון איהר בלוט שלאָגט דורך דורך איהר רויטליכעם לייב. טיילמאָל דאכט זיך מיר, אז איהר גאנצער קערפער איז איינגעשלאָפען, דאָס מיידעל געהט און שלאָפט, זינגט און טאנצט און שלאָפט — אזוי געהט זי ארום און שלאָפט תמיד, און ווארט אויף איהר בעשערטען, אויף מיר — אז איך זאָל זי קומען אויפ־וועקען. יא, מיר דאכט זיך, איך האָב א גרויס אונרעכט געטהאָן, אז איך בין אנטלאָפען פון דער היים. — האָב ערגעץ־וואו איבערגעלאָזט א כלה, ווארטענדיג אויף מיר. און זי לעבט ניט איהר לעבען און ווארט אויף מיר, און זי עלטערט זיך ניט. איהר כלה־צייט איז שטעהן געבלי־בען, און זי ווארט ביז איך וועל קומען און קושען זי אויף די ליפּען. יא, און ליפּען האָט זי — דו האָסט דאָך געזעהן „ביוסטשיק", דעם שטילען

פערבענקטען צנועה'דיגען שמייכעלע, וואָס לייכט איבער די ליפּען פון די הייליגע „אננא“ פון לעאָנאַרדאָ ד'ווינטשי — אזא שמייכעל האָט זי. יא, אזוי ווארט זי, אז איך זאָל קומען און זי קושען — לייכט קושען זי אויף איהרע ליפּען, און אויפוועקען זי פון איהר שלאָף, און לעבען ווייטער מיט איהר — איהר לעבען.

פיעל מיידלעך האָב איך שוין געליעבט דורך די צייט. מיט אייניגע מענשען האָב איך מיין גליק צוזאמען גענאָסען, און זיי זיינען שעהן געווען. נור מיר דאכט זיך אלץ, אז איך טהו אן עולה, אז איך בעטריג דאָס וועמען, אז אין דער היים ווארט אויף מיר אן איינגעשלאָפענע בת־מלכה, א אידישע טאָכטער. עס איז פרייטאָג־צו־נאכט — די ליכט האָט זי שוין אָנגעצונדען און געבענשט איבער זיי — און אזוי פיעל לייכטער בלישצען אין שטוב. און די פּערל אויף איהר האלז, און איהרע שווארצע צוויי צעפּ פאַלען אראָב אויף איהר האלז, אויף איהר נאַקען, אויף איהר רוקען — און הענד האָט זי לייכטע, וואסערדיגע, און די נאכט איז אין דרויסען טונקעל, און איהר פּאָטער'ס ווינד־מיהלען יאָגען. און דער ווינד בלאָזט. און זי זיצט אליין און ווארט אויף מיר — די פערשלאָפענע בת־מלכה. זעה, די ליכט ברענען זיך קיינמאָל ניט אויס. דער שבת געהט קיינמאָל ניט אוועק פון שטוב, און זי זיצט אלץ ביים טיש און די הענד פערלעגט, און ווארט, אז איך זאָל אהיים קומען. און איך וואלגער זיך דאָ ארום איבער שטעדט, איבער דערפער — בעקען זיך יעדען טאָג מיט אנדערע מענשען, מיט אנדערע ערטער, אין איין מיידעל ליעב איך זיך איין, אין די צווייטע ליעב איך זיך אויס, און אָן איהר און אָן אונזער לעבען האָב איך זיך גאָר פערגעסען און געה ניט אהיים אויסלעבען מיין שטיל לעבען אין מיין שטילען ווינקעל.

נור טיילמאָל בין איך ביי איהר, אז איך בין אויף דער נאכט ביי מיר אין בעט, די אייניגע מינוט בעפאָר איך שלאָף איין נעהם איך דאָס וועמען ארום און בעקלאָג מיך דאָס פאר וועמען, און זי טרייסט מיך און דעקט מיך צו מיט איהרע האאר, און קוקט אויף מיר מיט איהר שמייכעלע, און אויגען האָט זי —

איך קען מיר קיינמאָל ניט פאָרשטעלען איהרע אויגען. וואָס איך האָב ניט געקלעהרט וועגען איהרע אויגען, האָב איך ניט א ריכטיגען בעגריעף. אמאָל האָב איך געזעהן אויף א מינכענער אויסשטעלונג א פראַנצויזישעס דאמען־פּאָרטרעט פון א יונגען פראַנצויזישען מאהלער,

איך האָב זיין נאָמען פערגעסען. א יונגע דאַמע אין שווארצען, מיט א שווארצען פליעגעל פון א געשאָסענעם פויגעל אויף איהר קאָפּ, שלאַנק און הויך, שטעהט ביי א פּיאַנאָ, און מיט איהרע לייכטע, לאַנגע, איידעלע הענד, וועלכע זיינען אין שווארצע זיידענע שפּיצען־האַנדשוה געהילט, ווארפט זי רויטע רויזען אויף די קלאַווישען פון דער פּיאַנאָ. מיר האָט זיך גערדאַכט, אז אזוי דארפען איהרע אויגען צו זיין. דאָס איז נור געוועזען אין דעם ערשטען אויגענבליק, אָבער דערנאָך בין איך ניט איינפערשטאַנדען געוועזען דערמיט, און איבערהויפּט איז מיר איהר גאַנצעס געשטאַלט נאָך פערנעבעלט, און איך קען מיר א ריכטיגען בעגריף נישט מאַכען, ווי זי קען אויסזעהן. נור איינמאָל האָב איך געזעהן אין פּעטערסבורג אין דער אָפּערא א יונג מיידעל מיט א הערר — דאָס יונג מיידעל האָט זיך מיר גערדאַכט, אז דאָס איז זי — און איך בין משוגע געוואָרען אין דעם ערשטען אויגענבליק, און בין נאָכגעגאַנגען זייערע טריט, ווען זיי האָבען די אָפּערא פערלאָזט. דער הערר האָט מיך אייניגע מאָל בעמערקט, ווי איך געה זיי נאָך און האָט געוואָרפען אויף מיר א חושד׳דיגען בליק, און האָט גענומען א וואָגען און איז אוועקגע־פאָהרען. איך נאָך זיי — זיי זיינען אריין אין „וויענאַ“ און פערפאַלען געוואָרען אין איינע פון די פיעלע קאַבינעטען...

יא, אז איך זעה א שעהן מיידעל אויף דער גאַס, מיין איך אין ערשטען אויגענבליק — דאָס איז זי. נור קוים זעה איך באַלד אַן אַנדערע — קלעהר איך וויטער — דאָס איז זי. אזוי צווייפעל איך און זוך, ווארים איך קען מיר זי גאָר ניט פאָרשטעלען ווי זי זעהט אויס, אין די היינטיגע סקולפּטור זעה איך עס ניט. זי מוז אין זיך עפּעס האָבען פון די קלאַסישע ליניע, וואָס איז אין די אַפּראָדיטישע אַנטיקע, אָבער ניט אַקאַדעמיש. ניין, ניין. דערביי מוז די ליניע לויז זיין, ווייך, עטוואָס פערשלאָפענעס, א תאוה א פערשלאָפענע מוז ליגען אין די ליניע, ווי מען געפינט עס אין די שפּאַנישע ווייבער־פיגורען, ווי אין די פּרימיטי־ווען. אזוי מיין איך —

נור דאָ קומט מיר מיין פריינד דער סקולפּטאָר צו הילף, און הויבט מיר אָן זי צו מאָדעליזירען אין דער לופטען. כאַפּט זיין מאָדעל־האָלץ און ווארפט א ליניע אין די לופט.

— אָט אזוי וואָלט איך מיר זי געמאַכט. די פיגור דארף זיין רונדיג, פול, נור הארט, הארט, מעהר בלוט ווי פלייש; נור אזוי זאָלסטו

יעדען טראָפּען בלוט פּיהלען. און שטאַרק, שטאַרק וואָלט איך די פיגור געמאַכט, שטאַרקע ליניען, מיט רונדיגע אַראָבגעפּאַלענע פּלייצעס. נור עפּעס אַזוי איינגעשלאָפען, יעדער אָדער בעזונדער וואָלט איך מיר אויס־מאָדעליזירט אַזוי און פון אויבען אַזוי פערשלאָפען... אַ טהוי בעדעקט... ווי אַ פּרימיטיוועס זאַך. ווי אַ יפתח'ס טאָכטער, און אַ שטאַרקע פולע ברוסט, נור אַ קליינע, רונדיגע, און האַרטע; קאַלט זאָל זי זיין... אָבער אַזוי קאַלט, אַז עס זאָל יאָגען אַ ווינד פון איהר, און קליין וואָלט איך זי מיר געוועזן געמאַכט, קליין און פול, ווי אַ קרבן, וואָס איז רייף געוואָרען פאַר גאָט אויפ'ן מזבח צו ברענגען... — מען זאָל פּיהלען די ביינער און יעדעס טראָפּען בלוט, וואָס ארבייט אין איהר — און וואָלט מיר זי אוועקגעזעצט — אין אַ זיידען דין העמדעל, און ארום וואָלט געוועזן עפּעס אַ לאַנדשאַפט. —

נור דאָ האָקט איהם שוין אַדורך דער מאַהלער. גרינבערג האָט אין אַלעם פערגעסען. דער יונג מיט די גלענצענדע שוואַרצע אויגען, מיט די לאַנגע הענד שטעהט שוין אויף אַ טיש, אַראָבגעוואָרפען אַ ליימענע פיגור, (און „ביוסטשיק" זעהט גאָר נישט) און מאַהלט דאָס בילד:

— ווינד־מיהלען האָט דער פאָטער, זאָגסטו — אָט זעהסטו איז אַ בערגעל, — געלער זאמד, פּאַר אַ רעגען, איין וואָלקען טונקעל, איין שטיק וואָלקען ליכטיג, פּאַלט אַ ליכט איבער'ן געלען זאמד — גאָלד... גאָלד... גאָלד... פון פאָרענט דריי ווינד־מיהלען, אַלטע, דער ווינד יאָגט און די לייטערס לייגען זיך אַלע אין איין זייט. ארום אַלטע טאָפּאָלען, ווערבען מיט לאַנגע, לאַנגע צווייגען, און אַלעס פאַלט אין איין זייט — און בעגאָסען מיט שאָטען און געלבעס ליכט, געלב, גאָלד... גאָלד... גאָלד... הערבסט... אַ וואַסער, אַ טונקעלער פלעק אויפ'ן געלבען. זי שטעהט ביים וואַסער, אַ קליינע יונגע מיידעלע, בעגאָסען אין ליכט, נאַקעט — אַ מעטאַלענער פלעק, געקומען פון וואַסער, קאַלט... קאַלט... האַלט דאָס העמד, וויל עס אַנטהאָן און דער ווינד בלאָזט, און די האָאַר צופּלושעט, און אַלעס אויף אַ געלבען, געלבען אונטערגרונד—הערבסט... רויטע בלעטער, געלע בלעטער... גאָלד... גאָלד... גאָלד — — — — —

נור דאָ האָט זיך שוין דערוועקט אין מיר דער שרייבער, און איך שריי זיי ביידען איבער, ניין, — ניין, — און איך הויב זיי אָן צו מאָהלען אַ בילד פון פרייטאָג אויף דער נאַכט, פון שבת אויף דער נאַכט — ווי איך זיץ און לערען, און בין אַ פרומער, חסיד'ישער יונגער

מאן, און ווי מיר ליעבען זיך, און האבען קינדער צוזאמען, און דאס געטריישאפט פון איהר. און דער מאהלער קומט מיר אנטקעגען און מאהלט מיר דאס אויס דעקאראטיוו, מיט'ן לאנדשאפט, מיט די ווינד־מיהלען, מיט די טאפאלען. און „ביוסטשיק" קנעט דאס אלעס אויס אין דער לופטען. ער האט מיר זאגאר שוין געוויזען ווי זי זעהט אויס, האט געכאפט א בליישטיפט און מאכט שוין די צייכנונג. ערשט גרינבערג רופט זיך אב:

— זאג נאר, האסטו זי קיינמאל ניט געזעהן, — ווי ווייט איז עס דען פון דיין שטעדטעל. און דיין שטעדטעל ליעגט דאך זעהר נאהענט פון דאנען.

— יא, עס איז ניט ווייט פון דאנען. עס איז מיט די באהן צוויי שטונדען צו פאהרען אין מיין שטעדטעל אריין, און א שטונדע מיט'ן פוהר פון אונזער שטעדטעל. איך האב שוין זאגאר איינינגע מאל דעם שדכן אויפגעזוכט. ער איז היינט אן אלטער איד א שכור. איך האב איהם איינינגע גילדען געגעבען, אז ער זאל מיר ווייזען דאס ארט, וואו די כלה, וועלכע ער האט מיר אמאל א שדוך גערעדט, וואוינט. איך ווייס יעצט דאס ארט גאנץ גענוי. און איך בין שוין אמאל אין א ווינטער אויף דער נאכט, ווען עס האט מיר אנגעכאפט א שטארק בענקעניש, אוועק אין דעם דארף, אבער אז איך בין אנגעקומען פאר'ן דארף, אז איך האב דערזעהן די ווינד־מיהלען, בין איך אנטלאפען. איך וויל ניט זעהן ווי עס זעהט דארט אויס.

— פאר וואס האסטו מורא, וועסט דיך ענטטוישען?

— ניין, איך וויל ניט זעהן מיין גליק.

— האסטו געהערט? ! לאזען מיר זיך אויפכאפען יעצט, אזוי ווי מיר שטעהען און געהען אין דארף פאהרען, זעהן דיין בעשערטע. דריי שטונדען פון דאנען אין גאנצען. יעצט איז 7 אוהר, די באהן געהט אב אום אכט. מיר וועלען אהין קומען אין מיטען נאכט, ווי פערבלאנדזשעטע ריטערס קומען ביי־נאכט אין פער'כשופ'טען שלאס פון זייערע געליעב־טע, וועלכע זיי האבען קיינמאל נאך ניט געזעהן. אך וועט דאס זיין ראמאנטיש! — פאנטאזירט „ביוסטשיק".

— א גליקליכע אידעע, קום, לאמיר פאהרען — שרייט אויס גרינ־בערג.

— און געלד? און געלד? — פרעגט „ביוסטשיק", און ווינקט צו

גרינבערג'ן און ווייזט איהם אויפ'ן זעקעלע, וואס ער טראגט אויפ'ן הארצען.

— האב איך א שווארץ יאהר! נאט אייך דאס זעקעלע — ווארפט עס אראב פון האלז. 20 רובעל דערינען, די צווייטע העלפט פון חודש. אבער באלד כאפט ער זיך צוריק, דער סוחר האט זיך ערוועקט אין איהם:

— נאר איהר זאלט עס מיר צוריקגעבען, אז ניט וועל איך ניט האבען אויף די צווייטע וואך אויף א מיטאג.

— צוריקגעבען, צוריקגעבען, ווי עס זארגט דאס אויף מיטאג צו פרעסען. — קום, קום, שלעפען זיי מיך.

— איך וועל ניט פאהרען, איך וויל ניט זעהן — האמפער איך מיך.

— אבער וועסט זעהן, ווי ראמאנטיש דאס וועט אויסזעהן — פאנטאזירט „ביוסטשיק". — מיר קומען ביי־נאכט אן, און מיר קלאפען אן אויף דעם אייזערנעם טהויער פון דעם שלאס פון דיין געליעבטע.

— פערשלאפענע בת־מלכה, עפען אונז! — רופט „ביוסטשיק" מיט א מורא'דיגען קול.

— ווער איז דארט? — ציהט גרינבערג מיט א ווייבליכע שטימע.

— דיין פערלאזענער בעשערטער איז צוריקגעקומען, נאכדעם ווי ער האט זיך ארומגעוואלגערט אין דער גאנצער וועלט, און קלאפט יעצט אן אויף דעם טהויער פון דיין שלאס — עפען איהם. ער וויל דיך פון שלאף אויפקושען.

— כא־כא־כא! וועט דאס זיין ראמאנטיש — קום, קום, גרינבערג, האב נישט קיין מורא, וועסט האבען וואס צו פרעסען, דו מעגסט אמאל הונגערען אויך. — און איך האמפער מיך נאך. און מיר אלע דריי לויפען ווי משוגעים צום באהן, קויפען ברויט מיט פרוכטען אויפ'ן וועג, און לויפען און שרייען: „צו די פערשלאפענע בת־מלכה", „צו די פערשלא־פענע בת־מלכה", — זי פון איהר פער'כשופ'טען שלאף אויפצואוועקען.

אין האלבער נאכט זיינען מיר אנגעקומען אין דארף אריין, וואו מיין בעשערטע האט געוואוינט.

און די רייזע איז טאקע געווען ראמאנטיש, ווי מיין חבר „ביוס־טשיק" האט געזאגט. די נאכט איז געווען שווארץ, די פעלדער האט מען

ניט געזעהן, נור מען האָט געפיהלט זייער פייכטקייט, און ליכט האָבען זיך פון דער וויטענס געפינקעלט. מיין הארץ האָט געקלאַפּט אין מיר, איך האָב מיך געשראָקען פאַר עפּעס, און האָב געהאַט דאָס געפיהל, ווי איך וואָלט אהיים געפאָהרען צו ערגעץ עפּעס א גאַנץ ווייטער היימאַטה. נור וואָס איך בין נעהנטער אָנגעקומען אין דאָרף אריין, אַלץ רוהיגער בין איך געוואָרען. מיין פאַנטאַזיע האָט מיר געמאָהלען די פּער־שיעדענסטע בילדער, און איך האָב געהאַט דאָס געפיהל, אַז איך קום אהיים און וועל טרעפען דאָרט מיין היים. איך האָב גאַנץ קלאָהר געזעהן א קליין, קליין שטיבעל. ווייסע פאָרהענגלעך הענגען פאַר׳ן פענסטער, און ריינע צוויי בעטען שטעהען מיט ווייסע לייליכער פערדעקט, און צווישען די בעטען שטעהט א קאַמאָד, איבער דעם קאַמאָד א געשטריקט טישטוך, און פערשיעדענע זאַכען שטעהען אָנגעשטעלט אויף איהר — אונזער דרשה־געשאַנק, און דאָרט ביי די קאַמאָד שטעהט זי. איך האָב זי יעצט בעשיינפערליך געזעהן, גאַנץ קלאָהר, א אידיש, אידיש ווייבעל. די האָאר פערקעמט גלאַט, מיט א שרונד, און אויגען קלאָהרע, שעהנע, און רעדט אין דער שטיל. זי לויפט מיר נישט אַנטקעגען, נור זי וואַרט אויף מיר. זי וואַרט אויף מיר אין דער שטיל, און ווערט גאָר ניט ער־שטוינט ביי מיין אריינקומען — נור פיהלט זיך טיעף גליקליך. און קוים, קוים וואָס מען דערקענט איהר גליק אין איהר. טיעף איז עס בעהאַלטען אין איהר. נור אין איהר שטימע הערט מען עס. זי רופט אין צווייטען שטוב אריין: „מאַמע, מאַמע, שלום איז געקומען!" און גרייט דעם טיש פאַר מיר. זי אַליין מיט איהרע לאַנגע ווייסע איידעלע הענד.

— אָט זיינען מיר פאַר דעם טהויער פון דיין פער׳כשופ׳טען שלאָס — רופט אויס „ביוסטשיק", וואָס איז ביז יעצט שטיל געווען.

מיט שרעק כאַפּ איך מיך אויף. איך זעה פאַר מיר די דריי ווינד־מיהלען וואָס שטעהען ווי שוואַרצע שומרים אויפ׳ן בערגעל און שניידען זיך שאַרף מיט זייערע סילועטען אין די טונקעלהייט פון דער נאַכט, א שטילער רויש הערט זיך פון פעלד, און פאַר אונז שימערען איינינגע ליכטלעך.

מיין הארץ קלאַפּט אין מיר שטאַרקער.

אָט זיינען די שוואַרצע שומרים פון דיין כלה׳ס פּאַלאַץ — לאַכט „ביוסטשיק".

— וואו צופיהרען?

— צום מילנער־איד.

— אָט שטעהען מיר דאָך שוין פאַר דעם טהויער — זאָגט דער גוי.

— איז טאַקע אויך דאָ די קרעטשמע פון דאָרף — לייגט ער צו.

פון צוגעמאַכטען לאָדען שימערט אַרויס אַ ליכט. אַ באַנק שטעהט פאַר דער טהיר, טעלער אָנגעשטעלט, איך זעץ מיך אויף דער באַנק.

— נו, קלאַפּ אָן צו דיין בת־מלכה, — רופט „ביוסטשיק" אויס און מאַכט גאָר מיט אַ ווייבערשע שטימע:

— קעניגין, פערשלאָפענע קעניגין, דיין ריטער שטעהט פאַר דיין טהיר.

נור דאָס, זעהט זיך אויס, האָט אפילו גרינבערג'ן פערדראָסען און ער רופט זיך אָב:

— שווייג, שווייג, זעה, ער ליידט דאָך!

נור דער פויער קלאַפּט שוין אין טהויער:

— העי, איד, עפען אויף! הערערען זיינען געקומען.

און באַלד שטאַרט אַ קאָפּ אַרויס דורכ'ן לאָדען, און עס הערט זיך אַ שטימע:

— ווער איז דאָרט?

ליכטיג ווערט. מיינע פיס ברעכען זיך אונטער מיר. מען פיהרט מיך ערגעץ־וואו אריין, איך האָב גאָר ניט געזעהן נור אַ ליימענע פּאָד־לאָגע. רויטע ציגעל ביי דער טהיר, אַ לאָך איז דאָרט ערגעץ־וואו געווען, און אַ פינסטערער טומאַן ארום. נור אַ קליין לעמפּעלע האָט געלויכטען אויפ'ן אויוען. יאַ, אַ קינד האָט געוויינט אין אַ צווייטע שטוב...

„ביוסטשיק" רעדט דאָס מיט וועמען — איך זעה נישט קיין מענש, נור אַ ווייסען פלעק פון כאַלאַט, עס מוז זיין אַ יונגער מאַן, וואָרים אַ שוואַרצע באָרד ווייזט זיך פון כאַלאַט אַרויס.

און באַלד דאַרויף ווייזט זיך אַ פרויען־קאָפּ פון אַ צווייטע שטוב אין אַ ווייסע הויב אָנגעטהאָן.

איך הער נור גרינבערג'ס קול:

— קען מען עפּעס קריגען צו עסען?

— אודאי. — פרעמדע, שרה'לע, שרה'לע — רופט ווער אין דעם צווייטען צימער.

יעצט ווייזט זיך שוין דאָס פרויענצימער אין גאַנצען, אַ ברוינע

יאקע ארויפגעוואָרפען און דער קאָפּ מיט א טוך פערדעקט, לויפט געשווינד פערביי פאַר אונז, געהט צו צו דער קיך, און האקט האָלץ.

דאָס קינד וויינט אין צווייטען צימער.

עס הערט זיך דער אידענע'ס קול פון הינטער דעם טוך, האָלץ האקענדיג:

— וואָס שטעהסטו ? דאָס קינד וויינט דאָך.

דער וויסער כאַלאט ווערט פערשוואונדען אין צווייטען צימער. מען הערט ווי ער שטילט דאָס קינד איין.

— לא־לא־לא, שווייג, שווייג.

— ווי הייסט דיין טאַטע ? — פרעגט מיך ווער.

אָהנע צו קלעהרען, וואַרף איך א וואָרט — יצחק זשאַכלינער.

און באַלד דערויף הער איך „ביוסטשיק'ס" פראַגע, ווי ער שטעלט די אידענע :

— ווי לאַנג זייט איהר שוין פערהייראַטהעט ?

— אכט יאָהר — ענטפערט אָב די פרוי'ס שטימע פון הינטער דעם טוך.

און פּלוצלונג ווי א דונער וואָלט אויסגעבראָכען :

— איהנען האָט מען אמאָל גערעדט א שידוך מיט יצחק זשאַכלינער'ס א זוהן פון פּיאַנטקע, ווען זי זיינען א כלה־מיידעל געוועזן — וואָס, ניין ?

— פון וואַנען ווייסען זי דאָס ? — ווייזט זיך די אידענע'ס פּנים ארויס פון הינטער דעם טוך, און איך האָב געזעהן א שמייכעל, ווי עס פערקרימט איהר אויבערשטע ליפּ, און ווייזט ארויס איהרע שווארצע צייהן...

„שווארצע צייהן" — דאָס האָב איך צו מייסטענס געזעהן פון איהר געזיכט, און דער שמייכעל וואָס פערקרימט איהר ליפּ.

איך בין ארויס פאַר דער טהיר, די נאכט איז שוואַרץ געוועזן און די ערד איז פייכט געוועזן, און איך בין ווייט, ווייט אין די נאכט אין פעלד געגאַנגען.

איך געדענק ניט מעהר וועגען וואָס איך האָב געקלעהרט, וועגען וואָס איך האָב געטראַכט — נור א שמייכעל אויף שווארצע צייהן, דאָס איינע איז מיר איבערגעבליבען אין מיין געדאַנק פון מיין שעהנסטע ליעבע.

א חוידעלע.

— וואס איז? — וואס ווילט איהר? — איהר האט דען חתונה מיט איהר? — איך, איך, איך! — האט דער יונג געשריען הויך און בייז.

— אבער זעה — האט נאך געפרואווט די מוטער טענה'ען.

— וואס ווילסטו פון איהם? — ער האט דאך רעכט, — האט דער עלטערער ברודער גדליה צו דער מוטער געזאגט. — אז ער וויל זיך דוקא א שווארץ יאהר אויסריכטען, וואס ווילסטו פון איהם?

דער יונג בעריל איז האסטיג פון שטוב ארויס און האט האסטיג צוגעהאקט די טהיר הינטער זיך.

— און וואס ועסטו טהאן, אז ער וועט זיך גאר אין גאנצען פון שטוב ארויסציהען, די פרנסה נישט אהיים ברענגען, — קענסט עפעס ריידען מיט איהם? — ער איז דאך דער גאנצער פרנסה געבער — האט די מוטער צום עלטערען ברודער געזאגט, נאך בעריל'ס ארויסגעהן.

דער יונג, וועלכער האט געהאט די שטוב פערלאזען, האט זיך נאך א קליינע ווילע ארומגעדרעהט אין געסיל, און געשלאגען זיך מיט דער דעה, וואו ער זאל געהן. ער איז געווען אויפגערעגט פון דעם געשפרעך מיט די עלטערען. ער האט איינינגע מינוטען אנגעטרעטען אויפ'ן וועג, נישט זעהענדיג, און האט אלץ גע'טענה'עט צו זיך: וואס ווילען זיי? וואס ווילען זיי?

אז עס איז א ביסעל טונקעלער געווארען, האט ער זיך אבגעקעהרט אין אן עק ליקעל, צווישען צוויי גאסען. ער האט זיך אבגעשטעלט פאר א גאניקעל, וואס איז דארט געווען אין א קליין הייזעל, געביסען די ליפען און געקלעהרט וועגען עפעס. באלד האט זיך פון פענסטערעל, וואס איז איבער'ן גאניקעל, געוויזען א מיידעלשע קעפיל, צוויי שווארצע קאקעטע אויגען האבען איהם צוגעוואונקען פון א בלייכע קליינע געזיכ־

טעל ארויס, און אַ דינער קול'כעל האָט צו איהם פון דער ווייטענס גע־רופען:

— וואָס שטעהסטו אין דרויסען, בעריל?

בעריל איז צוגעגאַנגען בייזלעך, נאָך אויפגערעגט, — כאַטש אויף זיינע גראָבע ליפּען פון זיין ברייטע רויטע געזיכט האָט זיך געוויזען אַ געלעכטעריל, און זיינע שוואַרצע גרויסע אויגען האָבען צוגעלויכטען צו איהר — ער האָט פאַר גדולה די צייהן געוויזען.

— דער טאַטע איז דאָ?

— ניין, ער איז געגאַנגען אין גאַס. קום אריין!

בעריל איז ארויף אויפ'ן גאַניקעל. זי איז איהם געקומען אנטקע־גען ביים טיהר פון גאַניקעל, איז געווען אין אַ לייכטע טיכעל איינגע־וויקעלט, ווארים עס איז געווען פריהלינג. און יעצט האָט מען געזע־העןדי אונגאַטירליכע רויטע ליפּען איהרע, וועלכע זיינען זעהר דין גע־ווען, — און אז זי האָט גערעדט, האָט זי געוויזען איהרע צייהן, וועלכע זיינען געווען וויים, אָבער נישט גאַנץ פול.

— עפּעס ביזטו מיר היינט צוטראָגען? — האָט זי געזאָגט מיט אַ שמייכעלע, און וועלכען זי האָט אויסגעשטעלט אַ פּאָר גרויסע אויגען מיט אַן ענערגישען בליק, און מען האָט אָנגעזעהן, אז אום אָנצושטעלען דעם ענערגישען בליק האָט דאָס דינע מיידעלע מיט די קליינע אונענט־וויקעלטע גליעדער און קינדערשען דינעם העלזעל אָנגעשטרענגט אַלע איהרע כוחות, און עס האָט איהר שוין נישט מעהר געסטייעט אויף דעם האַנד־דרוק, ווען זי האָט בעריל'ן אָנגענומען ביי זיין גרויסע קרעפטיגע האַנד, און דער האַנד־דרוק, וועלכער עס האָט געזאָלט אויסדריקען איהר טיעפע, שטאַרקע ליעבע צו איהם, איז ארויסגעקומען זעהר ווייך און שוואַך.

— אין דערהיים זיך צוקריעגט, — האָט דער יונג אָבגעענטפערט נאָך מיט דעם פריהעריגען געבייזער — און האָט זיך נעבען איהר אויפ'ן גאַניקעל אוועקגעזעצט.

אַ מינוט האָבען זיי ביידע געשוויגען, ווי זיי וואָלטען זיך פער־קוקט ערגעץ־וואו.

באַלד האָט זיך דאָס מיידעל אָנגערופען:

— איבער מיר?...

דערביי איז איהר בלייך פּנים'ל אָנגעבלאָזען געוואָרען, — און

נישט לויט איהר וואוקס ענטוויקעלטע ברוסט האט זיך הויך געהויבען. זי האט מיט איהרע האלב אויסגעבראכענע צייהנדלעך די דינע ליפ גע־ביסען.

— עס וועט זיי גאר נישט העלפען, לאזען זיי שרייען, לאזען זיי ריידען. ווען זיי וועלען נאך עפעס מיר זאגען, וועל איך מיך גאר אין גאנצען ארויסציהען פון זיי, גאר אין גאנצען, — האט דער יונג מיט א הויכע שטימע געזאגט.

— כ'לעבען, זיי וועלען נאך מיט דיר דעם יחוס איינריכטען — האט די מוטער פלוצלונג די טהיר פון גאניק געעפענט. זי האט געמוזט הינטער דער טהיר דעם יונג'ס ווערטער הערען. און רופענדיג צום מיי־דעל, האט זי אין שטרענגען טאן געזאגט:

— אריין, רחש'ע, אריין זאלסטו מיר געהן! מען קען זיך נאך מיט דיר דעם יחוס איינריכטען.

— וואס שרייט איהר? וואס שרייט איהר? — האט דער יונג צו דער מוטער געזאגט, — וואס איז?

— אודאי, האב איך מיך מיט מיין קינד ניט צו שעהמען, אז עס געפעהלט זיי ניט דער שידוך, דארף מען ניט. איך לאז זיי פון עסק ארויס! — האט די אידענע הויך געשריען.

— קומט אריין! קומט אריין! נישט אויף דער גאס! — האט דער יונג אויפגערעגט געזאגט.

זיי זיינען אריין אין שטוב; אין שטוב איז האלב טונקעל געווען. און אין די טונקעלהייט איז די אידענע ערשט ארויס אויפ'ן קול:

— דו זאלסט מיר לעבען, מיר האבען געשיקט נאך דיר? צו וואס? זיי מיינען דאך, אז מיר האלטען דיך צו, ארייננעכאפט פון די ראזענצווייגס א יונג און מען וויל איהם דוקא חתונה מאכען; מיין רחש'ע קען נאך ווארטען, נישט־קשה, זי האט נישט וואס.צו איילען זיך.

— אפשר שוין גענוג, — האט דער יונג געזאגט צו דער אידענע אין אזא טאן ,וועלכער האט געוויזען, אז ער איז ניט קיין פרעמדער אין דעם הויז.

— ווירקליך, בעריל, ווען דיינע עלטערן ווילען ניט, אפשר איז עס טאקע ניט. (און צו רחש'ען, וועלכע איז געזעסען און האט געוויינט, האט זי זיך געווענדעט) — וואס האסטו צו וויינען, נישט־קשה, דו האסט נישט וואס צו וויינען.

דער יונג האָט געקוקט אויפ׳ן מיידעל, זי האָט געהאַלטען דאָס פּנים׳ל פערשטעלט אין איהרע ביידע הענד, און איבער איהר גלאַטען קאָפּ האָאר, וועלכער איז געווען פערקעמט גלאַט מיט א שרונד, און פערנאַנדערגעפלאָכטענע צעפּ ארום דעם קאָפּ, האָט גערוהט א געוויסער מיידעלשער חן, וועלכער האָט דעם יונג גערירט, און איהר גאַנצע דינע פיגור, וועלכע האָט זיך יעצט אין די טונקעלהייט פון חדר ארויסגעוויזען זעהר קינדיש, איז איהם זעהר געפעלען און עס האָט איהם ארומגענומען זעהר א ווארים געפיהל איבער איהר — און דער יונג האָט מיט די פיס געטאָפּעט, די פינגער אין מויל געביסען, און גערופען מיט א ווייכע שטימע, וועלכע קומט מעהר פון רחמנות־געפיהל איידער פון ליעבע: רחש׳ע, הער אויף, הער אויף, געוואלד, הער אויף — האָט ער איהר געגעבען א טרייסעל מיט די הענד, ביי וועלכען דאָס מיידעל האָט זיך שיער אומגעדרעהט.

זי האָט איהרע הענד פון איהר פּנים׳ל אוועקגענומען און געקוקט יעצט אויף איהם מיט איהרע צוויי גרויסע אָפּגעפּענטע פייכטע אויגען מיט׳ן זעלבען אָנגעשטרענגטען שטארקען בליק וואָס פריהער, נור יעצט, מיט איהרע טרעהרען — האָט דער בליק ערוועקט מעהר מיטלייד, ווי די קאָקעטעריי, צוליעב וועלכע ער איז געווען אָנגעשטרענגט. דער בליק פון די פייכטע אויגען האָט דעם יונג נאָך מעהר גערייצט, און ער האָט אָנגעהויבען צו שרייען:

— איך וועל מיר א מעשה אָנטהאָן, איך וויל דאָך חתונה האָבען, איך וויל דאָך...

— וואָס איז? — וואָס איז געשעהן? — האָט זיך פּלוצלונג א שטימע געהערט, און א ליכטיגקייט האָט אריינגעדרונגען דורך די געעפענטע טהיר אין טונקעלען שטיבעל אריין — דערנאָך האָט א ליכט פון אן אָנגעצונדענע שוועבעלע דאָס שטיבעל בעלויכטען. בעריל האָט דערזעהען די צוויי אויסגעלאָשענע אויגען, וואָס זיצען אין דעם בלייכען געזיכט, ארומגעוואקסען מיט דעם שווארצען בערדיל, וואָס האָט אין דער אויגענבליקליכע ליכט־בעלויכטונג געמאַכט אן איינדרוק ווי א געזיכט פון א טויטען, בעריל האָט גאַנץ גוט געוואוסט, ווער דאָס איז, דאָס איז געווען איהר פאָטער.

קיינער האָט נישט אָבגעענטפערט אויף זיין פראגע.

דער פּאַטער האָט די לאָמפּ אָנגעצונדען, און איז געבליבען שטעהן מיט איהר אין דער האַנד.

— וואָס איז געשעהען? — פרעגט דער פּאַטער נאָך אַ מאָל.

— ווייסט נישט וואָס? די ראַזענצווייגס (די אידענע האָט אויף בעריל'ן געוויזען), רעדען זיך איין.

— און ווער האָט דען געשיקט נאָך זיי? — ווער דאַרף זיי דען דאָ? — האָט זיך דער פּאַטער אָנגעהויבען צו קאָכען, — נאָר קאָכען זיך לאַנג האָט ער ניט געקענט, עס האָט איהם באַלד געשטיקט דער הוסט, און זיין קול איז געוואָרען הויל, הייזעריג, און אונפערשטענדליך.

— שטיל דיך איין, שטיל דיך איין, — האָט די אידענע פון איהם די לאָמפּ גענומען און איהם אוועקגעזעצט. די מיידעל האָט אויפגע־הערט צו וויינען, איז געלאָפען, געבראַכט אַ גלאָז וואַסער, און דער יונג איז געשטאַנען דערביי, ווי מען האָט דעם פּאַטער דאָס גלאָז וואַסער אין מויל אריינגעגאָסען, און זיך די הענד געבראָכען, ביים קאָפּ זיך געריסען, און געשריען: „וואָס זאָל איך טהאָן?, וואָס זאָל איך טהאָן?".

אז לייזער שפּילטער האָט זיך בערוהיגט, האָט ער זיך גליך גע־שטעלט, געוואַרט אַ מינוט, אַזוי ווי ער וואָלט געוואַרט, ביז אַלע גליע־דער וועלען ביי איהם פערטיג זיין צום דיענסט, אָנגעצויגען די אָדערען אין דעם האַלז, און אויך ווי די טאָכטער געשטאַרקט זיך, אַ שטרענגען בליק פון דעם חרוב'דיגען פּנים מיט די אויסגעלאָשענע אויגען ארויס־צוקריגען, — האָט ער צום יונג מיט אַן ערנסטע שטימע געזאָגט, וועלכע איז געווען פערכריפּעט (און געהערט האָט זיך, אַז זי קומט נישט ארויס פון גאַנצען לונגען — און דאָס האָט נאָך מעהר ערנסטקייט זיין שטימע געגעבען): — ביז די תנאים וועט נישט זיין, וויל איך ניט, אַז דו זאָלסט זיך מיט רחש'ען זעהען, — זי איז אַ מיידעל, דו ביזט אַ יונגער־מאַן, — דו פערשטעהסט, אַז עס איז גלייכער.—רחש'ע, אריין אין שטוב אריין —האָט ער דער מיידעל געוויזען אויף דער טהיר פון די צווייטע שטוב.

— אַ גוטע נאַכט — האָט דער יונג געזאָגט, און גענומען זיך שטיל ארויסצוגעהן, וואָס דאָס האָט געוויזען נאָך מעהר זיין אויפגערעגטקייט.

— און דער שאָטען פון זיינע ברייטע פּלייצעס האָט זיך איבער די וואַנד פערצויגען, אוועקגענומען אַ האַלב שטיבעל, און אין זיך אריינגענומען דעם פּאַטער מיט די טאָכטער.

דעם זעלבען אבענד, ווען די מוטער האָט בעריל'ן צום טיש גע־גרייט, — האָט ער געכאַפּט דעם טעלער מיט די זופּ און געגעבען אַזאַ זעטץ אין דר'ערד, אַז די קאַרטאָפּעלס פון די זופּ האָבען זיך אויפ'ן באָלקען געזעצט.

ביי דעם יונג'ס עלטערן, ביי די ראַזענצווייגס, איז דער שדוך מיט לייזער שפּילטער'ס טעכטעריל נישט געווען בלויז אַ יחוס־פראַגע. טאַקע די ראַזענצווייגס, וועלכע האָבען זיך גערעכענט פאַר איינע פון די שעהנ־סטע משפּחות אין שטעדטעל, איז נישט אַנגעשטאַנען דער שדוך מיט לייזער'ן, אויף וועלכען עלטערע מענשען דערצעהלען, אַז אין זיינע יונגע יאָהרען איז ער נישט געווען קיין גרויסער צדיק... דייטש, שעהן געקליי־דעט, און צופּיעל מיט'ן שררה פון שטעדטעל קיין ווארשוי געפאָהרען, און אַ גאַנצער „פּייערלעשער" געווען, — איז ער נישט געווען אַ געאייג־נעטער מחותן פאַר ר' יצחק ראַזענצווייג, דער פרומער שטאַרקער בעל־הבית — וועלכען אַלע איינוואָהנער פון שטעדטעל פּלעגען זאָגען צום ערשט מיט כבוד „גוט מאָרגען", ווען זיי האָבען איהם בעגעגענט מיט טלית און תפילין אין בית המדרש געהן דאַווענען. נור דער אַלטער יצחק איז שוין טויט געווען. עס איז איבערגעבליבען די אַלמנה מיט זעקס זיהן, איינס גרעסער פון צווייטען, און קיין מלאכה האָט איינס נישט געהאַט געלערענט (פאַר ר' יצחק ראַזענצווייג האָט נישט געפּאַסט, אַז זיינע קינדער זאָלען בעלי־מלאכות ווערען) און דערנאָך, אַז דאָס, „גע־וועלב" אין גאַס, וועלכעס האָט אָנגעהויבען שלעכט צו געהן ביי ר' יצחק'ס לעבען — האָט נאָך זיין טויט גאָר שלעכטע געשעפטען געמאַכט, אַזוי אַז עס האָט נישט געקענט דערנעהרען דאָס הויז־געזינד, — איז דאָס גאַנצע הויז־געזינד צופאַלען. יעדער יונג האָט פאַר זיך געמוזט אָנהויבען צו זאָרגען און זיי זיינען זיך צופאָהרען אויף זיעבען ימים: דער נאָך אַמעריקאַ, דער נאָך לאָדז. דאָן האָט זיך בעריל אויסגעלער־נענט זיין אַ טאַפּעצירער. אַ שטוב האָבען זיי נאָך געהאַט, וואָס האָט געהערט צו זיי, האָט ער זיך אַ פּאָר מאַשינען איינגעשטעלט און איז געוואָרען אַ בעל־מלאכה פאַר זיך. דער יונג איז פעהיג געווען, אַ גע־שיקטע האַנד, האָט ער אָנגעהויבען אַליין צו מאַכען ארבייט פאַר זיך און פערדיענען זעהר שעהן, און נאָך דער מאַמע'ן צוגעהאָלפען. דורך דעם האָט מען פאַר איהם דרך ארץ אין שטוב געהאַט און מורא געהאַט זיך שטאַרק געגען איהם צו שטעלען.

עס האָט זיך געמאַכט, אַז ער האָט זיך בעקענט מיט דעם שפּיל־טער'ס מיידעל, אַמאָל, אַ שבת, אין אַ גאָרטען, און ער האָט זיך איינ־געליעבט אין איהר און אָנגעהויבען אַרויפצוגעהן צו זיי אין שטוב אַריין.

לייזער שפּילטער, וועלכער פלעגט זיין אַן אָפטער אַריינגעהער ביי זיי אין הויז, ווען דער אַלטער יצחק האָט נאָך געלעבט און דאָס הויז איז געווען אין אַ מדרגה — האָט דעם יונג גוט געקענט אַלס קינד, און טאַטע־מאַמע האָבען זעהר גערן געקוקט, וואָס עס וועט פון איהם ווערען. דער יונג איז געווען אַ פערדיענער און פון איינע פון די שעהנסטע משפּחות אין שטעדטעל... ביז זיין מוטער איז דערפון געוואָהר געוואָרען און האָט צוגערופען איהר עלטערען זוהן גדליה'ן, און זיי האָבען מיט דעם יונג געמאַכט אַ געוואַלד.

וואָרום, ווי געזאָגט, איז ניט געווען בלויז דער יחוס דאָ אין שפּיעל. די אידענע, וועלכע האָט נאָך איהר מאַן'ס טויט ניט געהאַט שוין איין חרפּה אויסצושטעהן, האָט זיך שוין געהאַט צו אַלעם צוגע־וועהנט. די עלטערע יונגען האָבען אויך געטהאָן שידוכים, אויף וועל־כע די אידענע האָט געזאָגט, אַז איהר מאַן קען אין קבר נישט איינ־רוהען, וויסענדיג ווער זיינע מחותנים זיינען. דאָך איז ר' יצחק גאַנץ רוהיג אין קבר איינגעלעגען און די יונגען האָבען געטהאָן וואָס זיי האָ־בען געוואָלט. זי וואָלט דאָ אויך שטיל געשוויגען, נור דאָ האָט זיך געהאַנדלעט אום דעם, וואָס דער יונג, וועלכער איז אַרויסגעקומען פון אַ שטאַרקע, געזונדע משפּחה, איז געווען הויך, ברייט און שטאַרק גע־בויט, — האָט געקענט זיין געליעבטע, וועלכע האָט איהם קוים דער־גרייכט צו דער ברוסט, בעהאַלטען אין איין אַרבעל זיינעם. ער האָט זיך גאָרנישט געאייגענט פאַר דעם שדוך מיט דער מיידעל, וואָס איז געווען, ווי איהר פאָטער'ס אַ קינד: דין, מיט ווייכע, דינע ביינדעלאַך. ווי איהרע, דאָס מיידעל'ס, פאָטער־מוטער האָבען זיך ניט געסטאַרעט זי אויסצופּאַשען און פעט צו מאַכען, איז זיי נור געלונגען אָנצוהענגען אויף איהרע דינע ביינדעלעך אַ סך פעטס, וועלכעס האָט ניט געשטימט מיט דער דינקייט פון איהר האַלז און פון איהר טאַליע, און ווי הויך איהר ברוסט איז נישט געווען ענטוויקעלט, און אַרום הינטען, דאַכט זיך, אַ שפּאַר ברייט מיידעל... דאָך האָט איהר גאַנצעס אויסזעהן גע־מאַכט דעם איינדרוק ווי אַ קליין אונענטוויקעלטעס קינד, וועלכעס

טראָגט א הויכע ברוסט און א ברייט קליידעל, נישט לויט איהרע יאָהרען....

דער יונג אָבער האָט דאָס נישט געזעהען. אויף איהם האָט אַן איינדרוק געמאַכט איהר פּנים'ל, וועלכעס איז געווען פון א בלייכער הויט, מיט א ניט־נאַטירליכע רויטע פאַרב, האָט געהאַט אין זיך פער־באָרגען א געוויסען מיידעלשען חן: א קורץ, דין נעזעל, וועלכעס זי האָט אויסגעשטרעקט פאַראויס מיט די אויגען, און א קליין מייל־כעל מיט דינע רויטע ליפּעלאך, וועלכע זי פּלעגט בייסען פון צייט צו צייט מיט די דינע, נישט פולע צייהנדלעך, אז זיי זאָלען רויט זיין. און דער עיקר די אויגען. אויגען האָט זי געהאַט ברוינע, אונטער שיטערע ברע־מען, וועלכע זי פּלעגט צופאַרבען, אז זיי זאָלען מעהר איינדרוק מאַכען, און איהר גאַנצע ענערגיע האָט זי אָנגעשטרענגט אויף דעם בליק, אז ער זאָל ארויסקומען שטאַרק, ענערגיש און איינדרוקספאָל, און אַן איינדרוק האָט זי דוקא געוואָלט מאַכען מיט דעם, וואָס זי האָט צום ווענינסטען געקענט, מיט איהר פיזישע שטאַרקייט. אז זי האָט מיט וועמען גע־רעדט, האָט זי זיך געגעבען א שטעל אוועק, אויפגעפּעפּנט ברייט די אויגען, הויך געאָטהעמט מיט דער ברוסט און איהר געזיכט האָט אָנגע־נומען אַן אוננאַטירליכען בעלעבען. מיט א דין קאָקעטיש שמייכעלע אויף די ליפּען איז זי געשטאַנען אזוי גראַציעז, האָט פון צייט צו צייט האַלב די אויגען פערגלאָנצט און קאָקעטירט מיט איהר הויכע ברוסט און דינע פיסלאך. נור לאַנג האָט איהר בליק ניט געקענט אָנהאַלטען. זי פּלעגט פון דער אָנגעשטרענגטקייט צו בעלעבען איהר געזיכט באַלד מיעד ווערען. די אויגעלאך זיינען שוין שלאָפען געגאַנגען, די ליפּעלאך בלאַס געוואָרען, און די גליעדערלאך זיינען פערלאָרען געגאַנגען אין די פּיעל פּעטס, וואָס זי האָט געהאַט אויף איהרע דינעביינדלעך, און עס האָט זיך באַלד ארויסגעוויזען די אָרימע ירושה וואָס זי האָט פון איהר פאָטער גע'ירש'ענט....

דעם יונג האָט זי שוין געקענט פון לאַנג. אלס קינדער האָבען זיי זיך געשפּיעלט צוזאַמען, שכנים געווען, עלטער געוואָרען, זיינען זיי פרעמד געווען. אז זיי זיינען ערוואַקסענע געוואָרען, האָבען זיי זיך בעגעגענט און פערליעבט זיך. אזוי ווי געזאָגט, האָט אויף דעם יונג גע־מאַכט אַן איינדרוק איהרע חנדעלאך. אז זי האָט גערעדט מיט איהם, האָט זי העכער געהויבען די ברוסט און דער יונג האָט דערפיהלט א גע־

שמאָק פון פאַרפיום.... און געקוקט אויף איהר ליעבליך מיט די אויגען, און גערעדט צו איהם האַלב פּויליש, עלעגאַנטיש, און האָט ביי יעדען זאַטץ אריינגעוואָרפען דעם וואָרט „וו׳שאַק“, און גערעדט מיט איהם וועגען דעם טאַנץ־מייסטער, וואָס האָט זיך אריינגעצויגען אין שטעדטעל:

— וו׳שאַק, פּאַן טאַנשי?

דאָס איז אַזוי ערעל געווען!

אויף דעם יונג האָבען די ווערטער אַ גרויסען איינדרוק געמאַכט. און כאָטש באַלד איז איבערגעגאַנגען דער געשפּרעך אויף אידיש, דאָך, דאָס וואָרט „פּאַן“, וועלכען זי האָט איהם געזאָגט אין דער פּוילישער שפּראַך, האָט איבערגעלאָזט אַן אונפערגעסליכען אנדענקען אויף איהם.

און אין די זומערדיגע פאַרנאַכטען, ווען ער איז מיט רחש׳ען אין שטאָדט־פּאַרק שפּאַצירען געגאַנגען, און איהר פון גערטנער אַ „ראָזשע“ (אַ רויז) געקויפט, און זי האָט עס געשמעקט, איז געשפּראָכען געוואָרען פון „ראָזשעס“ — דאָס איז געווען אַזוי ערעל, אַזוי פיין, אַזוי געבילדעט....

דער פאָטער, לייזער שפּילטער, האָט גאַנץ גוט געוואוסט וואָס ער טהוט, דאָס וואָס ער האָט פערבאָטען דעם יונג צו זעהן זיך מיט דער טאָכטער — דאָס האָט נאָך מעהר גערייצט זיין ליעבע. זי האָט זיך איהם פאָרגעשטעלט פיעל שעהנער ווי ביז איצט, און דער יונג איז שיער ניט אויסגעגאַנגען פאַר בענקעניש. אלע פאַרנאַכט האָט ער זיך געדרעהט פאַר׳ן גאַניקעל, הין און צוריק, און די ליפּען זיך געביסען פאַר אויפרעגונג. ער האָט זיך געשעהמט פאַר די פערבייגעהענדע. אלע האָבען איהם געקענט, און אַ האַלב גאַסעל האָט געוואוסט פון די „ליעבע“. פלעגט ער זיך בעהאַלטען אין אַ הויז געגענאיבער דעם גאַניקעל און אריבערקוקען. און רחש׳ע האָט „געפיהלט“, אַז ער שטעהט דאָרטען, האָט זי ארויסגעשטעקט איהר קעפּעל. דער יונג האָט דערזעהען איהרע אויגען און דעם בליק, און דאָס שטילע חן׳עוודיגע שמייכעלע, וועלכעס האָט געלויכטען איבער איהרע ליפּעלאַך, און די בלייכע, ראָזע קאָלירטע בעקעלאַך — און דאָס אַלעס האָט אָהין געלויכטען צו איהם, און אויף דעם אַלעס איז אַזאַ שעהן, ערעל חן׳דעל געלעגען, אַז איבער דעם יונג׳ס גליעדער האָט זיך צוגאָסען אַ וואַרימקייט, און אַ שמייכעל פון פרייד האָט זיינע גראָבע ליפּען פערקרימט און געוויזען

א קאַסטען צייהנער.... נאָר באַלד איז דאָס קעפּעל פערשוואונדען גע־
וואָרען, דאַן פלעגט פון פענסטערעל, וואָס איז איבער דעם גאַניקעל,
עפּעס ארויספאַלען. דער יונג פלעגט צולויפען עס אויפכאַפּען. דאָס
איז געווען אַ בריוועל, אין וועלכען עס האָט זיך געפונען אַ פּאָר פער־
טריקענטע בלעטער פון אַ „ראָזשע" (אַ רויז) און עס האָט זיך דאָרט
געהאַנדעלט וועגען דעם „מאַנד" און די „שטערען" און די אויביג „הימ־
לישע ליעבע" מיט די „ענגעלס", און דאָס איז אזוי איידעל געווען, אזוי
פיין, אזוי געבילדעט, אז דער יונג פלעגט שלאָפען דערמיט אַ גאַנצע
נאַכט, און עס בעדעקען מיט קושען פון זיינע ברייטע גראָבע ליפּען —
וועלכע האָבען זיך גאָרנישט צוגעפּאַסט צו אזעלכע זאַכען....

און עס האָט גאָרנישט געהאָלפען. אין אַ פּאָר וואָכען ארום
איז די תנאים געווען און נאָך שבת נחמו די חתונה....

ווען בעריל איז געבליבען איינער אליין מיט זיין יונג ווייבעל,
און ער האָט געזעהן ווי זי טהוט זיך אויס, איז זי איהם אַ ביסעל מאָדנע
געוואָרען, — איין קליידעל נאָכ'ן צווייטען איז געפאַלען פון איהר, און
זי איז געבליבען שטעהן אַ קינד פאַר איהם, עפּעס מיט מאָדנע דינע
פיסלעך, וועלכע האָבען זיך איהם געדאַכט, אז זיי ברעכען זיך אונטער
דעם דיק פעט קערפּערעל, — און ער האָט פאַר עפּעס מורא געקראָגען...
נור איהרע אויגעלעך האָבען געשמייכעלט, און די ליפּעלעך זיינען רויט
געווען — און דאָס ליכט איז געוואָרען פערלאָשען, און עס איז פינסטער
געווען.

נור פון דענסמאָל אָן האָט דער יונג עפּעס מורא. קוקענדיג אויף
דער ווייבעל ווי זי שטעהט ביי דער קיך, און בעוועגט זיך אַהין און
אַהער, האָט ער מורא, אז די דינע פיסלעך, וועלכע ער האָט אַמאָל
געזעהן, זאָלען זיך נישט ברעכען אונטער איהר. אז ער האָט זי אַ מאָל
געזעהן פלינק געהן איבער די טרעפּען — האָט ער זיך געוואונדערט ווי
די קליינע דינע פיסלעך קענען אזוי פיעל אויף זיך טראָגען, און ער
האָט מורא געהאַט.... און אז ער האָט געטראַכט דעריבער, האָט ער די
ליפּען געביסען.

און דאָס שטיבעל, וואָס זי האָט אויפגערוימט און צונויפגע־
שטעלט נאָך זייער חתונה — האָט אויך אָנגענומען אזאַ כאַראַקטער,

דער טיש און די ביינקלעך האָבן געהאַט דינע געטאָקטע פיסעלאַך, איידעל מעבעל, אַזוי אַז דער יונג האָט מורא געהאַט זיך אַרענטליך אוועקצוזעצן אויף אַ ביינקעל, אַז עס זאָל נישט קנאַקן אונטער איהם. אַלץ איז שטוב איז געווען ווי פאַר אַ קינד. און אַלעם אַזוי אויסגע־שטעלט, אַז דעם יונג האָט זיך געדאַכט, אַז עס וועט אַראָבפאַלען און צובראָכען ווערען. פאַר'ן שפּיגעל זיינען געשטאַנען פערשיעדענע קליינע פאַרצעלייענע טעלערלאַך, און פאַרצלייענע גאַלאַנטעריי, און יעדעס מאָל,ווען דער יונג איז צוגעגאַנגען צום שפּיגעלע, האָט ער עפּעס צובראָכען....

— אויף היהנער־פיסלעך שטעהט דאָ אַלעם — שרייט דער יונג.

דאָס ווייבעל פלעגט דאַן בלייך ווערען — איהרע אויגען האָבען זיך אָנגעצונדען, נור דאָס בלייך פּנים'על (וואָס איז צייט נאָך דער חתונה נאָך בלייכער און איינגעפאַלענער געוואָרען) האָט אויף דעם יונג געמאַכט אַן איינדרוק, אַז די אויגען האָבען זיך נישט אין וואָס צו האַלטען און פאַלען אַרויס פון די צוויי ביינער. און דעם יונג האָט אַ שרעק אָנגעכאַפּט, פלעגט ער די ליפּען פערבייסען און זיך אַליין פּאַטשען:

— איך בין אַ חזיר, אַ פּאַדלעץ, — איך וועל נישט מעהר.

זי, אָבגעשוואַכטערהייד, האָט זיך אויך געזעצט אויף אַ קאַנאַפּע, און האָט הויך אָבגעטעמט, און אויף דעם בלייכען שטערען זיינען אַנגסטען אַרויס.

דאָס האָט דעם יונג אַזוי אויפגערעגט, און דערביי האָט איהם אַזאַ טיעף רחמנות געפיהל אַרומגענומען איבער דער ווייבעל, אַז ער האָט זיך אויף דר'ערד געוואָרפען און געשלאָגען זיך מיט די הענד אין פּנים אַריין: —

— רחש'ע, רחש'ע, רחש'ע, איך בעט דיך, הער אויף, הער אויף, און ער האָט זי אָנגעכאַפּט ביי די האַנד, און זי איז שיער געפאַלען אַרי־בער איהם.

זי האָט אייגענטליך נישט געוואוסט, וואָס זי זאָל אויפהערען, זי האָט זיך שוין לעננסט כמעט בערוהיגט, און האָט שוין לענגסט געוואָלט אויפהערען, נור די אַנגסטען זיינען אַרויס אויף איהר שטערען אונווי־סענדיג און אונווילענדיג.

דאָס ווייבעל איז אַריינגעקומען אין די הויכע חדשים, — איהר

געשטאַלט האָט אָנגענומען אַן אומנאַטירליכען אויסזעהן; זי איז ברייטער געווען ווי העכער, — און דער יונג האָט זיך געוואונדערט, אַז זי לעבט נאָך — — — ער האָט זי נישט געלאָזט שטעהן, ער האָט זי נישט געלאָזט געהן און נישט בעוועגען זיך, און אַז ער האָט זי געזעהן אויפהויבען זיך פון דער קאַנאַפּע, וואו זי איז געלעגען גאַנצע טעג — האָט דער יונג געמאַכט אַזאַ געוואלד, אַזוי ווי עס וואָלט חלילה אַן אונגליק געשעהן:

— רחש'ע, לייג זיך, געדענק אַן גאָט, לייג זיך.

און רחש'ע האָט זיך צוריק אוועקגעלעגט, די מוטער האָט געוואַכט איבער איהר גאַנצענע טעג, צום רב געלאָפען, געלאָזען מתיר זיין, אַז מען זאָל איהר פלייש אויף פּוטער מעגען בראָטען, פון גוי'אישען וויין־הענדלער וויין געלאָזט ברענגען, וואו עס איז נור געווען אין אַ שטוב אין דעם געסעל אַ פריש ביסעלע יויך האָט מען רחש'ען געבראַכט. אַלע האָבען געוואַכט איבער איהר, דער פאָטער, די מוטער און דער מאַן, יעדער איינער איז יעדע ווייַלע מיט עפּעס אַנדערש געקומען און זיך געבעטען ביי רחש'ען: „נור פערזוך", „נעהם צו דיר", „אַ געזונד זאָל דיר זיין". ווער עס האָט נור אין געסל אַ ביסעל גוט איינגעמאַכטס געהאַט, ווער נור אַ ביסעל אַלטען וויין, האָט מען צוזאַמענגעשלעפּט צו רחש'ען, און דו ליעג רוהיג, ריהר דיך נישט, חלילה — „אַז דו זאָלסט געזונטער־הייט איבערקומען".

און רחש'ע איז טאַקע געלעגען אויף דער קאַנאַפּע — האָט זיך נישט בעוואויגען, — נור איז וואָס אַ מאָל ברייטער געוואָרען, אַז דער יונג האָט זיך געוואונדערט. גאָט, ווי קען זיך דאָס אַלעס אויף די דינע פיסלעך האַלטען?

און דאָס חנ'דעל אויפ'ן פּנים האָט דוקא נישט אַבגעלאָזט, די אויגעלעך האָבען נאָך פון צייט צו צייט אַנגעשטעלט יענעם בעקאַנטען אַנגעשטרענגטען בליק, — אַזאַ בליק פלעגט זי שענקען דעם יונג ווען ער פלעגט אריינקומען פון די ווערקשטעל אין זיין פאַרטוך אַנגעטהאָן, און צוגעהן צו איהר, און פרעגען זי מיט אַ ציטערנדע שטימע, ווי ער וואָלט מורא געהאַט, אַז זיין שטימע זאָל איהר נישט שאַדען:

— וואָס מאַכסטו, רחש'ע לעבען?

און זיינע אויגען האָבען געבלישטשעט און ער האָט געמאַכט צו איהר אַ שמייכעלע, ער האָט זיינע צייהן געוויזען כדי צו ערפרעהען,

— און זי האָט פון אונטער איהר פּנים'ל אויך געשיקט צו איהם אַ שמייכעלע, און דאָס „חנ'דעל" האָט זיך געוויזען אויף איהרע בלייכע ליפּעלעך.

דער יונג האָט איהר געגלעט מיט די האַנד איבער'ן רוקען. נאַ, נאַ — און געהייסען, אז זי זאָל שטיל זיין, ווי ער וואָלט מורא געהאַט, אז דער „בליק" און דאָס „חנ'דעל" זאָל פון איהר נישט צופיעל כח אוועקנעהמען.

און איין מאָל איז ער אריינגעקומען אין אַ פאַר־נאַכט פון זיין ווערקעשטעל אויף די שפּיץ נעגעל, — איז לייכט צו צו דער קאַנאַפּע און האָט געזעהן ווי זי שלאָפט און זי האָט הויך און שווער אָבגע־אָטהעמט. עס איז שוין געווען פאַרנאַכטליך, אין צימער איז טונקעל געווען, און איהר געזיכט איז אזוי בלייך געווען, און איהרע אויגעלעך האָבען זיך בעהאַלטען טיעף אונטער איהר שטערען. — און גרויסע טראָפּען שוויים זיינען גערונען אויפ'ן שטערען, — און די ליפּעלעך זיי־נען געווען עפּעס מאָדנע פערקרימט, — און די נאָז־לעכער זיינען ברייט געווען און הויך געאָטהעמט — גאָט מיינער, אַזאַ רחמנות האָט דעם יונג ארומגענומען איבער דער ווייבעל, דאָס פּנים'על, מיט די פער־קרימטע ליפּעלעך האָבען איהם אזוי גערירט, אז עס האָט איהם ביים הארץ אַ נאָג געגעבען, און ער האָט זיך דאַן בעטראַכט ווי אַ גזלן, וואָס קוקט אויף זיין גע'שחט'ן קרבן. און אז ער האָט געגעבען אַ קוק אויף איהר בדייטקייט — האָט ער אַ שרעקליכע גרימאַסע געמאַכט, און זיך גערופען „פּאַדלעץ"...

* * *

דאָס ווייבעל איז געגאַנגען צו קינד.

דער דאָקטאָר איז זיין ווייסען פארטוך מיט די ארויפגעקאַשערטע ארבעל איז ארוים פון צווייטען צימער, וואו די קינפּעטאָרין איז גע־לעגען. נאָך איהם איז נאָכגעלאָפען בעריל. דער יונג, בלייך, מיט אויפגעפּעפּענטע אויגען און מיט מאָדנע פערקרימטע ליפּען, ווי ער וואָלט געוואָלט וויינען, האָט דעם דאָקטאָר מיט אַ געבעט אין די אויגען אָנ־געקוקט.

— פּאַני דאָקטאָר, פּאַני — האָט ער אָנגעכאַפּט דעם דאָקטאָר ביים ארבעל.

דער דאָקטאָר, אַ יונגער־מאַן מיט אַ שפּיציג בערדעל, האָט די ברי־

לען פון די אויגען אראבגענומען, געפינקעלט מיט די אויגען און געזאגט זעהר ערנסט און נערוועז:

— עס איז אן אונמעגליכע זאך. דאס קינד איז צוויי מאל אזוי גרויס ווי זי — איך ווייס נישט ווי אזוי ער האט זיך ערהאלטען, עס מוז א לעבען קאסטען, א לעבען קאסטען — האט דער דאקטאר גע־שריען אויפגערעגט — ווי האט מען עס חתונה מיט אזא אונענטוווי־קעלטעס קינד? — האט דער דאקטאר זיך נעבייזערט קוקענדיג אויפ'ן יונג.

— אבער עס לעבט נאך, דאקטערשי? — האט דער יונג גע־שריען — עס לעבט נאך אינעוועניג?

— עס לעבט נאך! עס לעבט נאך! — האט דער דאקטאר גע־רעדט אויפגערעגט — אבער איך ווייס נישט ווי אזוי — אונמעגליך, סיידען עס וועט די מוטער'ס לעבען קאסטען.

— וואס איז? ווי? ווי? — האט לייזער שפילטער געהעשעט, ארויסקומענדיג פון דער קינפעטאָרינס צימער, א בלייכער ווי טויט, אז די נשמה האט איהם געפאכט פאר די נאז, און מיט איין האנד האט ער זיך פאר'ן הארצען געהאלטען, און האט שווער די לופט גע־כאפט — וואס איז, דאקטאר?

— אוי, שווער לעבען, עס לעבט נאך — האט דער יונג געזאגט אין אזא טאן, אזוי ווי לאכען און וויינען וואלטען זיך צונויפגעמישט, און האט געציטערט ווי א קליין קינד, און מיט די הענד געבעטען דעם דאקטאר פון דערוויטענס, און דאס פנים זיינס האט זיך אזוי פער־קרימט צום שמייכעל, און די טרערען האבען זיך איהם געוויזען אין די אויגען.

— אוי, דאקטאר, עס לעבט דאך נאך! — שווער, שווער, עס לעבט דאך אינעוועניג.

דער שפילטער איז געשטאנען ווי פריהער מיט די בלייכע שרע־קענדע פראגען אויף זיינע ליפען, און אנגעקוקט דעם דאקטאר מיט יענעם בליק, וועלכער האט דערמאהנט די טאכטער'ס, נור מיט שרעק.

— ווי מאכט מען דאס חתונה אזא קינד פאר אזא יונג? — ווייזט דער דאקטאר אויף דעם יונג — ווי מאכט מען דאס חתונה אזא אונ־ענטוויקעלטע קינד — זי האט ניט געטארט חתונה האבען — שרייט

דער דאָקטאָר אויפגערעגט — נישט געטאָרט: עס וועט איהר איהר לעבען קאָסטען.

— וואָס? — האָט דער בלייכער איד אַזש אויסגעשריען מיט אַזאַ געזונטען געשריי, ווי ער וואָלט אוים אַ פּאָר געזונטע ברוסטען ארויס־געקומען, און דאָס איז געווען אַזוי אונגאַטירליך פאר דעם בלייכען געזיכט פון דעם אידעל.

— ניין, ניין, ניין — האָט דער אידעל אויסגעשריען — ווי עס וואָלט זיך עפּעס געהאַנדלעט אום אַ שלעכט געשעפט, און די אויגען האָבען איהם מיט אַ מאָל אָנגעהויבען צו בלישטשען און די הענד צו ציטערען — ניין, ניין, ניין — האָט דאָס קליינע אידעל געשריען מיט אַן אונמענשליכע שטימע.

— וועט מען דאָס קינד מוזען צושניידען, צוצווייען; קיין אַנדער עצה איז ניטאָ, אַן אונמעגליכע זאַך = ווי האָט מען דאָס געלאָזט חתונה האָבען? — האָט דער דאָקטאָר געשריען הויך אויפגערעגט און בייז.

— אוי, געוואַלד, עס לעבט דאָך נאָך! — האָט דער יונג געברומט און טרעהרען זיינען איהם ארוים פון די אויגען, און ער האָט געכליפּעט ווי אַ קליין קינד — עס לעבט דאָך נאָך, און ער האָט זיך געהאַקט מיט'ן קאָפּ אַן וואַנד, און האָט די פינגער געביסען, און די האָהר זיך פון קאָפּ געריסען, און געוויינט ווי אַ אינגעל — עס לעבט דאָך נאָך, שווער, עס לעבט דאָך נאָך! — דאָקטאָרשי, דאָקטאָרשי!

— מיין איינציגע קינד, מיין איינציגע טאָכטער, מיין איינציגע קינד! — האָט דער איד גע'טענה'ט, און קאַלטע טראָפּען שוויים האָבען איהם געגעבען אַ זעץ ארוים אויף דעם שטערען — דאָקטאָר, — האָט ער שוואַך ארויסגערעדט, און שווער אָבגעאָטהעמט, און האָט אַ פּאָר סעקונדען נישט קיין וואָרט געקענט ריידען.

דאָס קינד איז אַ געזונדס, און עס לעבט — האָט דער דאָקטאָר ווי פאר זיך געזאָגט מיט אַ קרעכץ.

— עס לעבט נאָך! עס לעבט נאָך! — האָט דער יונג געכליפּעט.

— געוואַלד, זי חלש'ט, דאָקטאָר! — האָט די מוטער דעם קאָפּ פון די קינפּעטאָרין'ס טהיר ארויסגעשטעקט — דאָקטאָר!

— מיין טאָכטער! מיין טאָכטער! — האָט דער שפּילטער געגע־בע אַ כאַפּ דעם דאָקטאָר מיט אַזאַ קראַפט, אַז דער דאָקטאָר האָט זיך

אומגעקוקט אויף איהם, וואונדערענדיג זיך פון וואנען נעהמט זיך ביי דעם אידעל אזא קראפט.

ער איז אריין נאכ'ן פאטער צו די קינפעטאָרין.

דער יונג האָט זיך געגעבען א וואָרף אן דר'ערד און זיך אָנגע־הויבען די האָהר פון קאָפּ צו רייסען, און געשריען און געברומט מיט אַן אונמענשליכע שטימע.

— מאמע, מאמע, עס לעבט נאך! — האָט דער יונג אָנגעכאַפּט ווי א קינד די מוטער'ס שירץ, ווען די מוטער זיינע איז ארויס פון די קינפעטאָרין'ס צימער און זיך געאיילט פלינק מיט א טעפּעל אין קיך אריין — מאמע, מאמע לעבען — מיין קינד, איך וועל אויסגעהן — עס לעבט, מאמע, עס לעבט.

— אוי, בעריל, וואס האסטו געטהאן? — האָט די מוטער גע־וויינט און איז אריין אין קיך מיט'ן טעפּעל.

דער יונג האָט זיך אויפגעכאַפּט און איז ארויס מיט א געוויין אין גאס, ארונטער אין בית־המדרש, געכאַפּט א תהילים, און זיך אוועק־געשטעלט פאר'ן עמוד, און האָט זיך אָנגעהויבען צו שאָקלען, אָבער תהילים האָט ער נישט געזאגט, נור ער האָט געכליפּעט מיט א געוויין:

— אוי, רבונו של עולם, גאָט אין הימעל, טאַטע, עס לעבט דאך נאך! עס לעבט דאך נאך.

די אידען, וועלכע זיינען געווען אין בית־המדרש, האבען געקוקט אויפ'ן יונג און געשאָקעלט מיט די קעפּ, זאָגענדיג איינער צום צווייטען: אז עס איז זיי שלעכט, קומען זיי אריבער אין בית־המדרש. „וואוילע יונגען", הע?

לאנג איז ער נישט געשטאנען. ער איז מיט דעם זעלבען געוויין אהיים געלאָפען, פאר די טהיר האָט ער געטראָפען א קופּע ווייבער. ער האָט אריינגעוואָרפען א פראגע: „עס לעבט נאך?" און נים וואר־טענדיג אויף קיין אנטוואָרט איז ער אין שטוב אריין. אין פאדער־צימער איז קיינער נישט געווען — נור א שטילקייט איז געווען ארום, און פון „דאָרט", פון די צוגעמאַכטע טהיר האָט זיך גאר געהערט א קלאַפּען פון איין געשיער אין די צווייטע. א קרעכץ פון מינוט צו מינוט. ער איז צו, אונטערגעלייגט דאָס אויער און זיך איינגעהערט. ער האָט געהערט ווי מען גיסט עפּעס איבער פון איין כלי אין די צווייטע, און אַ שטיל, שטיל קרעכצען האָט אויף איהם געוואָרפען

אזא שרעק, אז דער יונג האָט זיך געגעבען אַ וואָרף אין אַ ווינקעל, איינגעגראָבען דעם פּנים אין די הענד און געבליבען אַזוי אַהן אַ וואָרט. אזוי איז ער אָבגעלעגען אַ לאַנגע צייט. ער האָט געהערט ווי די מוטער עפענט זיך, און טריט לויפען איבער דער שטוב אין קיך אריין, מען טראָגט איבער כלים פון קיך אין שטוב. ער האָט זיך נישט געוואָלט אומקוקען, נישט זעהן, נישט הערען, נור געבליבען אין דער שטיל אַהן ווערטער, ביז נאָך אַ לאַנגע צייט איז די מוטער צוגעגאַנגען צו איהם און האָט איהם אָנגעריהרט ביים פּלייצע:

— מעגסט זיך שוין אויפהויבען — עס איז שוין נאָך אַלעמען.

ער האָט שוין נישט געפרעגט, אויב „עס לעבט נאָך?“ — ער האָט געוואוסט... נור נאָך אַ קליינע ווײַלע האָט ער אין דער שטיל די מוטער געפרעגט, שעהמענדיג זיך צו קוקען איהר אין די אויגען:

— וואָס איז געוועזן, אַ אינגעל?

— וואָס איז דער אונטערשיעד? עס איז שוין ניטאָ — האָט די מוטער געקרעכצט.

דער יונג האָט שוין גאָר נישט געפרעגט, נישט אויפ'ן ווייבעל, נישט אויף קיינעם, האָט צוריקגעוואָרפען דעם פּנים אין די הענד אריין, און איז געלעגען, און האָט שוין ניט מעהר געבליבען.

באַלד האָט ער זיך אויפגעהויבען און איז ארויס פון שטוב, מיט קיינעם קיין וואָרט נישט גערעדט. ער האָט זיך איבער דער געסעל געדרעהט אַהין און צוריק אין דער נאַכט, און האָט עפּעס געברומט צו זיך — באַלד איז ער ווידער אין שטוב אריינגעקומען, געטראָפען די שוויגער מיט דעם שווער, וועלכע האָבען זיך געדרעהט אויף די שפּיץ נעגעל, די קראַנקע ניט צו שטערען. ער האָט נישט געקוקט אויף זיי, ער איז צו צום פענסטער און געקוקט אין די טונקעלע נאַכט אריין.

— בעריל, וועסט נישט אריינגעהן צו איהר? — רחש'ע האָט געפרעגט אויף דיר, זי איז נעבעך אזוי שוואַך — האָט די שוויגער געזאָגט אין אַ וויינענדיגע שטימע — ווער ווייס, אויב זי וועט שוין קענען איבערטראָגען.

— זי וועט שוין איבערטראָגען, שוין איבערטראָגען!

— וועסט ניט אריינגעהן צו איהר? — האָט די מוטער ווייטער געפרעגט.

— איך וועל שוין אריינגעהן, איך וועל שוין אריינגעהן — האָט

דער יונג מיט אַ געבייזער געזאָגט, נישט אומדרעהענדיג זיך צו איהר.

דער שפּילטער האָט צום ווייב געוואונקען, אַז זי זאָל אויפהערען — האָט זי אויפגעהערט.

דערנאָך, אַז די קראַנקע איז איינגעשלאָפען, האָבען שוועהר און שווינער אויף אַ מינוט פערלאָזט דעם צימער, און בעריל איז אַריינגעגאַנגען צו איהר. ער איז אַריינגעקומען אויף די שפּיץ נעגעל, בייז און מיט אַ שלעכטען געפיהל צו איהר.

אין שטיבעל וואו די קראַנקע איז געלעגען איז געווען שוואך בעלויכטען, אַ ליכט האָט געברענט אויפ'ן טישעל פאַר איהר, און דאָס געזיכט, וואָס האָט אַרויסגעקוקט פון דעם ווייסען ליילעך איז בלייך געווען, און די האָאר נאַס און צולאָזען, די אויגען געשלאָסען, די הייטלעך איבערגעצויגען איבער דעם אויג־אַפּעל, האָבען אויסגעזעהן ווי ביי אַ טויב ווען מען דריקט עס ביים האַלז... און די דינע בלייכע ליפּען האַלב אָפען, און אַ שטילע גרימאַסע פון צער האָט גערוהט איבער איהר שמייכעל, און אַ חן'דעל איז געווען אויף איהר בלייך פּנים'על, דאָס זעלבע חן'דעל, וואָס האָט געלויכטען איבער איהרע ליפּען דענסמאָל אין גאָרטען — נור יעצט האָט עס גאָר נישט געוואָלט, נור שוואך און אונשולדיג האָט עס גערוהט איבער איהר איינגעשלאָפענעם פּנים'על, ווי איבער אַ קינד, און די גרימאַסע פון צער איבער איהרע ליפּען האָט עפּעס אין דער שטיל געבעטען — אַ רחמנות האָט עס געבעטען, ווי אַ טייבעלע, וואָס בייגט דאָס קעפּעלע איין, אַזוי האָט זי איהר קעפּעל איינגעבויגען. און דעם יונג האָט אַזאַ רחמנות אָרומגענומען אויף דער ווייבעל, אַז עס האָט איהם דאָס גאַנצע האַרץ צוזאַמענגעקניפּט. איהרע פערמאַכטע אויגען האָבען יעצט געקוקט אויף איהם ניט מיט יענעם בעקאַנטען אָנגעשטרענגטען בליק, נור האָבען אויסגעדריקט אַן אונטערטהעניגקייט, ווי אַ שוואַכע פייגעלע, וואָס בייגט דאָס קעפּעל איין, און דער יונג האָט דאָס געפיהל געהאַט, ווי זי בייגט איהר קעפּעל פאַר איהם איין און בעט זיך ביי איהם: „פערלאָז מיך נישט!" „פערלאָז מיך נישט!" און דאָס האָט זיין האַרץ אַזוי דערוואַרימט, אַז טרעהרען האָבען זיך איהם געוויעזען אין די אויגען, שטילע טרעהרען האָבען גערונען איבער זיינע באַקען, און אַזאַ רחמנות־געפיהל האָט איהם אָרומגענומען, אַז אַ גרימאַסע פון צער האָבען זיינע ליפּען פער־

קרימט, און ער האָט זיך פערשעהמט פאַר די געדאַנקען, וואָס ער האָט פריהער געהאַט, און געזאָגט אין דער שטיל: „ניין, רחש׳ע לעבען, ניין — איך וועל זיך מיט דיר נישט גט׳ען — ניין, איך וועל מיט דיר שטענדיג זיין, שטענדיג, רחש׳ע לעבען — אַלעס וועל איך טהאָן פאַר דיר, אַלעס!“

דאָס ווייבעל האָט שוואַך די אויגען געעפענט, ווי אַ טייבעל, וועלכעס פערגלייסט מיט די אויגען און האָט קוים געקרעכצט:

— בע־ריל!

און זי האָט די בלייכע אונמעכטיגע האַנד פון אונטער דער קאָלדרע ארויסגעגליטשט.

דער יונג האָט זיין פנים איינגעגראָבען אין די בלייכע האַנד, און מיט טרעהרען זי בענעצט.

— שוויג, רחש׳ע, שוויג! — איך וועל מיט דיר אייביג זיין, אייביג.

דאָס ווייבעל האָט די אויגען פערגלייסט.

זיין ווייב׳ס געזיכט.

אין זיינע אינגעלשע יאהרען פלעגט זיך רובינשטיין שטענדיג פארשטעלען ווי אזוי זיין צוקינפטיגע ווייב וועט אויסזעהן. געוואוסט האט ער, אז זי וועט זיין א שעהנע, נור ניט גלאט אזוי א שעהנע, נור עפעס אן אויסטערלישע שעהנקייט — אבער ווי אזוי זי וועט אויס־זעהן — האט ער זיך באין אופן ניט געקענט פארשטעלען. ניט עהנליך צו אלע מיידלעך, וועלכע ער האט געקענט, אויך ניט עהנליך צו זיין מוטער — נור עפעס אנדערש — גאר גאנץ אנדערש...

ביינאכט אז ער פלעגט ליגען אויף זיין געלעגער מיט פערמאכטע אויגען, האט איהם עפעס יא א שיין געטאן. עס האט זיך איהם גע־דאכט, אז אין די טונקעלקייט צינדען זיך אן פערשידענע קאלירטע ליכטער. אין די ליכטער דערזעהט ער א געזיכט, וואס גיט נור א שיין אזוי ווי א בליץ, און פערשווינדט. ער זוכט דאס געזיכט, ער וויל זיך דערמאנען, ווי אזוי עס האט אויסגעזעהן, וואס פאר א אויגען האט עס געהאט? וואס פאר א ברעמען? — נור ארום איז פינסטער, און ער דריקט צו דאס קישען צו זיין הארץ, ווי ער וואלט צוגעטוליעט צו זיך יענע אונבעקאנטע געזיכט, וואס איז צו איהם ערשינען אין בליץ, און וואס וועט זיין זיינס, זיין אייגענס אויף שטענדיג... אויף שטענדיג....

חתונה געהאט האט ער דוקא מיט א מיידעל, וועלכע האט זיך מיט גארנישט אונטערשיידט, ניט מיט איהר אויסזעהן, נישט מיט איהר אינערליך און אויסערליך געשטאלט, פון אנדערע שעהנע מייד־לעך, וועלכע ער האט געזעהן, בעגעגענט און געקענט. זיין ווייב׳ס געזיכט איז געווען עהנליך צו הונדערטע אנדערע מיידלעך. קיין אויסטערלישעס איז אין איהר ניט געווען. גלאטע, רונדע בעקלעך, מיט שווארצע ברעמען און רויטע ליפלעך. זיין ווייבעל איז טאקע געווען פערדעכענט ביי בעקאנטע פאר א שעהנע, און פיעלע יונגע

לייט, חברים, האבען איהם מקנא געווען און חנ'דעלעך געמאכט צו זיין ווייבעל. ניט איינמאל האט איהם א פריינד געשלאגען איבער די אקסלען און געזאגט האלב אין ערנסט, האלב אין שפאס, עפעס ווי מיט בעדויערען:

— דו, רובינשטיין, ביזט שטענדיג געווען א גליקליכער. אונ־טער א גליקליכען שטערען ביזטו געבוירען.

אבער רובינשטיין אליין האט ניט געוואוסט, אז ער איז גליקליך. זיין פרוי'ס געזיכט האט איהם נאך דער חתונה אנגעהויבען אויסצו־זעהן אזוי באנאל, אז ער האט זיך געוואונדערט ווי אזוי האט ער, רו־בינשטיין, וועלכער האט זיך געהאלטען פאר אן עסטעט און א ליעב־האבער פון פאעזיע און מוזיק, געקענט זיך פערבינדען מיט אזא בא־נאלען מענשען אויפ'ן גאנצען לעבען. זיין ווייבעל, וועלכע האט זיך נאך גערופען מיט דעם זיסען ראזעווען נאמען „ראזע", האט באלד נאך דער חתונה אנגעהויבען צו וואקסען אין דער ברייט. עס האט זיך אויסגעלאזט, אז דאס חן'עוודיגע, קליינע, ברונעטע מיידעל, וועלכע איז איהם געפעלען געווארען דערפאר, ווייל זי האט געקענט ארונטער־געהן אונטער זיין גאמבע און צוטוליען זיך צו איהם, ווי א קליין קינד — אט דאס קליינע מיידעל איז נאך דער חתונה געווארען ברייטלעך. איהר לייכטער, קליינער, בויגזאמער קערפער איז געווארען שווערפעל־טיג און שווער ריהרעוודיג. די אריגינעלע געקרייזעלטע פאה'לעך, וואס פלעגען איהר מיידעלוויז פאלען אראב איבער די באקען (וואס דאס האט אזוי געפאנגען רובינשטיין'ס הארץ) זיינען פערשוואונדען געווארען. און אנשטאט זיי האבען זיך געוויזען די דיקליכע קיילעכ־דיגע ליניען פון איהר פנים, וועלכע האט זיך פערענדיגט מיט א פעטע דאפעלטע גאמבע אונטער איהר פנים.

און גלאט אזוי א נאמען „ראזע"! ווי אזוי האב איך זיך גע־קענט פערליבען אין א מיידעל, וואס הייסט „ראזע"? קלינגט ניט דער נאמען ראזע, ווי א פאפירענע ראזעווע בלום, וואס שמעקט ניט, נור שטעכט די האנד, ווען מען ריהרט זי אן?

זיינע פריינד און בעקאנטע, וועלכע זיינען בעשטאנען פון זיינע חברים פון די בחור'שע יאהרען, זיי איז דוקא יא געפעלען געווארען דער נאמען „ראזע". און ביי זיי האט דוקא זעהר אויסגענומען ראזע'ס אויסגעפילטע, רונדע בעקלעך מיט די שמאלץ־גריבעלעך אין זיי —

און אפילו די דאפעלטע גאמבע איז זיי זעהר געפעלען געווארען. דאס האט זי געמאכט אין זייערע אויגען „ווייבליך“, און ראזע'ס פעטע, אויסגעבעטענע הענטלעך, מיט די בריליאנטענע פינגערלעך, מיט וועלכע זי פלעגט באמבלען אויפ'ן טיש, ווען זי האט מיט איינעם פון איהרע בעוואונדערער גערעדט, און אין איהרע שווערע בעוועגונגען האבען זיי געפונען אזא רייץ, אז ניט איינער האט אין הארצען געשאלטען רובינשטיין'ען. שפּילענדיג מיט רובינשטיין'ען אין קארטען, פלעגט ער פּלוצלינג א קלאפּ טאן דעם לעצטען אויף דער פּלייצע און שמייכלען:

— אזא טריפה'נעם מזל האסטו שוין, רובינשטיין. אין אלעם — פלעגט דער פריינד ציהען דאס ווארט „אל—עם“ און קוקען דערביי אויף רובינשטיינס ווייבעל.

דאס ווייבעל פלעגט דערביי מיט איהרע אויסגעפילטע פינגער (אויף וועלכע דער פריינד האט געקוקט און געוואלט זיי אויפעסען מיט די אויגען) קאקעטיש געבאמבעלט אויפ'ן טיש, און דערביי חנ'עוודיג פערגלאצען די אויגען צום באלקען — וואס דאס איז געווען איינע פון איהרע אויסגעפּרובירטע חנ'דעלעך, מיט וועלכע זי האט געפאנגען רובינשטיין'ס פריינד.

און שפּעטער, אז דער מאן איז געבליבען מיט איהר אליין, האט ער געקוקט אויף איהר און געזעהן איהר פולע, רונדע, גלאטע פנים, און איהם איז פארגעקומען דאס געזיכט אזוי פרעמד, אז ער האט זיך פערוואונדערט, וואס ער איז מיט דער פרעמדער אין איין שטוב...

עס איז איהם געווען לאנגוויילינג. און איהם האט זיך געדוכט, אז די גאנצע וועלט איז אנגעפילט מיט א ראזעווע לאנגוויילינגקייט, און ער טרינקט זיך אין איהר און קען זיך ניט ארויסקריגען.

— ראזע...

מיט די יאהרען האט זיך דאס געענדערט. זיין ווייב'ס געזיכט האט איהם אנגעהויבען פארצוקומען באקאנט. עס האט זיך אנגעהויבען פון א קנייטש אין שטערען. עס איז געווען נאך מאשא'ס קראנקהייט. מאשא איז געווען זיין צווייטע קינד, א טעכטעריל, וועלכע רובינשטיין האט זעהר ליעב געהאט. דאס קינד איז קראנק געווארען אויף קאקלוש. דערנאך האט

זיך צוגעטשעפעט נאך א קראנקהייט. דאס ווייבעל איז געווען פער־נומען מיט'ן קינד און האט ניט געהאט קיין צייט פאר רובינשטיין'ס חברים. און די פריינד, זעהענדיג, אז דאס ווייבעל איז פערנומען מיט אייגענע צרות, האבען אויסגעמידען דאס הויז.

איינמאל אין אן אבענד, האט רובינשטיין בעמערקט, ווי איבער דעם גלאטען, גלאנציגען שטערען פון זיין ווייבעל'ס געזיכט, האט זיך דורכגעצייגען א טיפער קנייטש. דער שטערען, וועלכער האט שטענ־דיג אויסגעוויזען רובינשטיין'ען אזוי באנאל און אזוי לאנגווייליג, האט מיט אמאל ארויסגערופען אין רובינשטיין'ס הארץ א געפיהל, וואס עס האט ניט געוואוסט וואס דאס איז. רחמנות? ניין, רחמנות איז דאס ניט געווען, נור עפעס א ווארים, הײמיש געפיהל צו דעם שטערען. עס האט זיך איהם געדאכט, אז ער קען שוין דעם שטערען אזוי לאנג, און ער געהערט זיך אן מיט איהם, טיעף מיט איהם — עס איז זיין שטערען.

און דענסטמאל, נאך דעם, ווען ראזע איז געוואהר געווארען ווע־גען יענער ווייבעל, מיט וועלכער רובינשטיין איז אויסגעגאנגען אין געהיים אין טהעאטער אריין, און פערבראכט מיט איהר א פאר אבענ־דען אין דער וואך, האט רובינשטיין בעמערקט, ווי אויף ראזע'ס גע־זיכט, אונטער די אויגען, האבען זיך אריינגעכאפט צוויי טונקעלע פלעקען, וואס האבען געוועבט א נעץ פון שאטענס ארום ראזע'ס אוי־גען. די צוויי טונקעלע פלעקען האבען היימיש געמאכט ראזע'ס פנים אין איהר מאנ'ס אויגען. עס האט זיך איהם געדאכט, אז די פלעקען זיינען זיינע. דאס האט ער איהר געשאנקען א מתנה אויפ'ן לעבען לאנג. און קוקענדיג אויף איהר פנים און זעהענדיג די צוויי טונקעלע פלעקען, וואס ער האט איהר געשאנקען, האט זיך איהם געדוכט, אז דאס פנים רעדט צו איהם, ער האט רחמנות געהאט אויף דעם פנים. רחמנות? ניין. האט מען רחמנות אויף זיך אליין? — האט זיך רו־בינשטיין געטראכט — זיך האט מען ליעב, ניט רחמנות. און רובינ־שטיין איז געוואהר געווארען, אז ער האט ליעב זיין ווייב'ס פנים...

און ווען דאס עלטערע אינגעל זייערס האט אין דעם אבענד, ווען ער האט געהאט געענדיגט די „פאבליק סקול" זיך אבגערופען: „פא, זארג ניט. ווען איך וועל גרויס ווערען, וועל איך פערדינען א סך געלד און דיר אלעס אוועקגעבען" — האט אין ראזע'ס אויגען

אויפגעשיינט א ליכט, וואס איז שוין קיינמאל ניט פערשוואונדען פון זיי. און ווען רובינשטיין האט געזעהען דאס ליכט אין ראזע'ס אויגען, האט זיך איהם געדוכט, אז עס לייכט זיך דארט אין זיי זיין לעבען...

און אז רובינשטיין איז קראנק געווארען און ער האט א האלב יאהר צייט ניט געקענט פערדינען און מען איז ארומגעלאפען צו משפחה און פריינד לייהען געלד אויף איבערצולעבען די שלעכטע צייט (וואס איז אפטמאל אויסגעקומען מיט חרפה) — האט זיך אויף ראזע'ס גע־זיכט, אונטער די שלייפען, ארייגעכאפט א נעץ פון קנייטשען וואס האבען איינגעקארטשעט ראזע'ס שעהנע, גלאטע בעקעלעך און איינ־געשניטען די חן גריבעלעך ביים מויל און צורונצעלט ראזע'ס ווייכע, אויסגעפילטע קיען. נור פון די אויגען שיינט א ליכט...

אפטמאל טרעפט זי רובינשטיין זיצען אין די אבענדען ביים שיין פון ליכט, פעררוכטענדיג א קינד'ס א העמדעל, אדער פערבינדען א קינד'ס א וואונד, איינוויגענדיג א קינד צום שלאף, דאכט זיך איהם, אז דאס איז דאס געזיכט, וואס ער האט אמאל געזעהן אין שיין פון א בליץ אין די אינגעלשע יאהרען, ווען ער איז געלעגען אויף זיין גע־לעגער ביינאכט און געטראכט, ווי אזוי זיין ווייב וועט אויסזעהן...

רובינשטיין'ס אמאליגע פריינד און בעקאנטע דערזעהען ראזע'ן ווי זי איז אלט געווארען, פערוואונדערען זיי זיך, וואס אזא עסטעט און ליעבהאבער פון פאעזיע, ווי רובינשטיין פלעגט זיין אין זיין יוגענד, קען לעבען מיט אזא אלטע, אויסגעלאשענע ווייב, און מוז שטענדיג קוקען אויף אזא ניט־שעהנעם און טרויעריגען פנים. וואס פאר א פרייד קען ער געפינען אין אזא געזיכט? ווי אזוי קען ער קושען אזא געזיכט?

נור ווען רובינשטיין זעהט זיין ווייב'ס געזיכט, דאכט זיך איהם, אז זיין גאנצער לעבען שטעהט אנגעשריבען אויף זיין ווייב'ס פנים. און טיילמאל דאכט זיך איהם, ווען ער קוקט טיעף אריין אין זיין ווייב'ס געזיכט, אז דאס איז ניט זיין ווייב'ס פנים. אזוי זעהט ער אליין אויס, און ער געהט צו און קושט זיין אייגענעם פנים.

אין אַ פריהלינגס-נאַכט.

(ערצעהלונג)

שבת צו־נאַכט פאר הבדלה. אין געסעל פאר די פענסטער שפּאַצי־רען נאָך די מיידלאַך, די ווייבער זיצען פאר די טהירען און מאַטלען. מאטעל קארעטע איז געזעסען ביי זיין טיש אהן א קאפּאטע און האט גערעדט מיט דער ווייב, קוקענדיג פון צייט צו צייט אויף זיין כלה־מיידעל, וועלכע איז געזעסען אין האלבען שאָטען און האט ארויס־געקוקט דורכ'ן פענסטער אין געסעל אריין.

— וואָס פעהלט דיר נאָך, חנה, הא? און נישט ווארטענדיג אויף קיין אנטוואָרט, האט ער צוגעלעגט, ווי ער וואָלט זיך פלו־צלונג דערמאָנט — ווייסט וויפיעל חיים'על האט געטראָפען אויפ'ן זייגער? הונדערט און פופציג קארבונעס, כ'האב דאך גאָר נישט גע־וואוסט, א 65־ציגער פּרואוו, דו הערסט? דאָס אידעל האָט נישט גע־נארט — וועט דאָס זיין אַ מתנה, זאָג איך דיר, שוין איינמאָל!

— מיינסט, אַז זיי וועלען זיך פערשטעהען דערויף. זיין מא־מעלע וועט עס נאָך גאָר נישט געפעלען פאר איהר קינד. אַז זי האט זיך משדך געווען מיט די פערד־הענדלער. אַז דו וועסט זי אפילו אָב־גילטען, וועסט דו זיך אויך נישט אויסקויפען.

— נו, שוויג, שוויג, ער איז אַ וואוילער יונג (אין דער שטיל, אַז דאָס מיידעל זאָל נישט הערען). זיי זיינען מיך מקנא מיט'ן חתן — ווייזט מיט אַן אויג אהין צו דער טאָכטער — האָט געפּאַקט אַ קע־פּעל — די גאָל ווערט דאך זיי צופּלאצט. מאטעל קארעטע זאָל האבען אזא חתן!

— אז זיי זאָלען נאָר צופלאצט און צוזעצט ווערען, טאטע איי־נער! אז וואָס זיי ווינשען אונז, זאָל זיי געשעהן. — ווי גרויסע אוי־גען מען האָט דאָס! מען קען דאָס נישט צוזעהן.

— שוין גוט, שוין גוט, אלטע, — קלאפט ער איהר אויף די פּליי־צעס — זאָלען זיי רעדען, זאָלען זיי נור רעדען, און מיר וועלען מיט גאָט'ס הילף אונזער קינד אויסגעבען. א נדן געבען, א חתונה מאכען, און אויסשטייער און זאָלען זיי צוקוקען און רעדען. וואָס ארט עס דיך! נאָר — זאָג נאָר, האָסט נור אלעס, וועלען מיר מאכען א שבועות. דו הערסט, כ'האָב דעם חזן געזאָגט, אז ער זאָל מיר א צוויי משוררים'לאך שיקען צום טיש, ווען דער חזן וועט זיין ביי אונז צו גאסט, און ער אליין קען אויך קומען אויף קוגעל, ס'שאַדט נישט. ער קריגט כבוד־יום־טוב־געלד.

— גיב נור א פּאָר רובעל, גיב נור, מען דארף אין געוועלב געהן — שרה'לען דעם זומער קאפּעליוש אהיים נעהמען, צום שפּאציער.

— שוין צו דער פולער וואך געלד! — זאָגט ער מיט האַלב גע־בייזער פון געוואָהנהייט, ווען דאָס וויב רעדט צו איהם וועגען געלד — און געהט צו צום פענסטער, שטעקט ארויס דאָס קאָפּ, זוכט א שטערן. בעמערקענדיג דאָס מיידעל, בעטראכט ער זי און זאָגט אין דער וועלט אריין: מען דארף שוין באַלד דעם וואָגען שפּאנען, לייב'לען (דעם חתן) אנטקעגען צו פאָהרען.

— נו, שרה'לע, וואָס קוקסט דו?

— גלאט אזוי, — ענטפערט דאָס מיידעל, האַלטענדיג איהר שעהן רונדיג פּנים'על אנגעלעגט אויףביידע הענד.

ער נעהמט אַן א געקרייזעלט לאָקען פון איהרע געקרייזעלטע האָהר, וועלכע פאלען איבער איהר פּנים און פערשטעלען איהר די אויגען און דעם הויכען בולט'ן שטערן ביז די שארפע שווארצע ברעמען און לאנגזאם וואָרפענדיג אויף איהר בחן'ט פּנים'ל א צערטליכען געטרייען פאָטער־בליק, פרעגט ער זי:

— נו, שרה'לע, ביזט צופריעדען וואָס דער חתן קומט צו גאסט?

א רויטער בלוט פלאם האָט געגעבען א שלאָג ארויס אויף דעם מיידעל'ס רונדיגע נור גענוג בולט'ע בעקלאך. זי האָט מיט איהרע ליפּעלאך, וועלכע זיינען נישט גאנץ צוגעגאנגען און האָבען שטענדיג ארויסגעוויזען איהרע צייהן, און מיט איהר לענגליך געמבעלע

און שארף נעזעל, וועלכער האָט זיך שארף גריסעוועט פון איהר גע־זיכט ארויס, אַז אונצופריעדענע גרימאסע געמאכט. און גערויטעלט זיך אין גאנצען ביז איהר ווייטען האלז אריין, און איהר פולער רונ־דיגער קארק, און איהר קליינע נור דיקע האלז, וואס האָבען זיך ארויס־געוויזען פון איהרע האָהר, האָבען זיך אויך גערויטעלט און אויסגעזאָגט, אַז ווייטער, ווייטער הינטער איהר ווייס שבת'דיג בלוזקעלע מוז נאָך דאס רויטליכקייט דערגרייכען און צודעקען איהר גאנצען ניעדריגען, נור רונדיגען און אויסגעקנעטען קערפּער'ל.

דער פאָטער האָט איהר אַ גלעט איבער איהרע הערלאָך געגעבען, און געשמייכעלט צופריעדען און גליקליך געזוכט אַ שטערן און גע־זאָגט:

— מען מעג שוין הבדלה מאכען. חנה, צינד אָן אַ ליכט.

אָנגעצונערן אַ ליכט. די אידענע האָט דאָרט געברומט: „גאָט פון אברהם". דער פאָטער האָט זיך אויך אין אַ ווינקעל געשטעלט, דאָרט עפּעס גערעדט. דאָס מיידעל האָט זיך ווייטער שטיל־שוויי־גענדיג דורך דער פענסטער ארויסגעקוקט און בעטראכט מיט אַ שטילע מינע, וועלכע בעהאַלט עפּעס ווי אַ סוד, די שפּאַצירענדע.

ערשט ווען דער פאָטער האָט שוין דעם וויין אין בעכער אריינ־געגאָסען צו הבדלה, האָט ער זי גערופען, אַז זי זאָל די ליכט האַלטען.

דאָס מיידעל האָט מיט דער שטילער מינעלע פון פריהער די ליכט גענומען און דעם פאָטער צו די הבדלה געלויכטען.

ביי דער ליכט האָט מען בעמערקט איהרע אויגעלאָך, וועלכע זיי־נען שווארץ און אונרוהיג אין ראנד פון איהר הויכען שטערן געזעסען און די הייטעלאָך, מיט שארפע שווארצע הערלאָך האָבען זיך אין גאנ־צען איבערגעצויגען איבער דער אויג עפּעל, און הינטער איהר אויי־בערשטע ליפּ, וועלכע האָט ניט דערגרייכט צו איהר ווייסע נור עט־וואס געקרימטע שארפע צייהנדעלאָך, האָט זיך אַ מין שטיל לעבעלען ארונטערגע'גנב'עט, ווי אַ שטיל קוואלכעל וואסער, וואס האָט עפּעס בעהאלטען איז זיך, אַ קליין, קליין, נור אַ אינטערעסאנט סוד'ל... איינציייטיג האָבען זיך איהרע הייטעלאָך איבערגעקוקט כשר איבער די אויגען און איהר פּנים'ל האָט אָנגענומען אַן ערנסט פרום מינעלע...

הבדלה געמאכט, האָט דער פאָטער ארויסגענומען פון שראַנק אַ צעהן־רובעלדיגע, געגעבען עס דער מוטער, אַז זי זאָל מיט דער כלה־

מיידעל געהן אין געוועלב אריין. עס איז געקומען דער פעטער חיים'ל און דער בחור, לייבעלע דעם שרכנ'ס זוהן, וועלכע האבען געווארט אויפ'ן וואגען, אז זיי זאלען פאהרען אנטקעגען דעם חתן, וואס דארף אנקומען פון זיין שטעדטעל צו זיין כלה צו גאסט אויף שבועות, וואס וועט זיין מאנטאג און דינסטאג.

די מאמע מיט דער טאכטער, דאס כלה־מיידעל, האבען זיך אנ־געטהאן, גענומען די שירמלאך אין די הענד אריין און זיינען אוועק־געגאנגען אין געוועלב אריין, קויפען א קאפעליוש אויף שבועות.

עס איז געווען א ליכטיגע פריהלינגס שבת־צו־נאכט אין די שבועות־טעג אין אונזערע קליינע אידישע שטעדטלאך. שפעטלאך איז שוין געווען און די זון האט נאך געהאלטען ערגעץ אין אונטערגעהן, אויסגע־גאנגען לאנגזאם, לאנגזאם, לאנגזאם אין די טונקעלע נאכט אריין. עס האט זיך געהערט די זשאבעס קוויטשעריי אין די וואסערלאך אויף די פעלדער, וואס איז ארום די שטעדטעל, אין די הייזלאך האבען זיך ליכטלאך געפינקעלט. נור דאך זיינען די מענשען אין די גאסען געווען,פאר טהיר און טויערען געזעסען. מאמעס האבען זייערע קינ־דער אויסגעבעט אויף די בענק, אין די רינשטאקען האבען זיך קליינע מיידלאך געשפיעלט, און אינגלאך האבען פון די בוימער כראבאנזשעס געכאפט, אידען און ווייבער האבען אין די געסלאך גערעדט און שניי־דער־מיידלאך האבען אויף די שטאדטס־וועגען שפאצירט, ראמאנען געשפיעלט און איבער דעם אלעם איז די נאכט צוגעפאלען. וויגענדיג זיך צווישען די בלעטער פון די צווייגען און צווישען דעם גרינס פון די פעלדער, און די קנאספען פון אלערליי געבליטהען האבען זיך גע־עפענט און אנגעפילט די נאכט מיט א ליעבען חלומ'דיגען ריח, וואס האט זיך אין שטח געטראגען, און איינגעשלעפט און געוועקט צו א בעהאלטען שטיל... שטיל... לעבען...

זיי זיינען אין ברייטען מארק אנגעקומען, מען האט נאך שפא־צירט אויפ'ן טראטואר, אין געוועלב ביי די ווארשאווער קאפעלוש־מאכערין האבען זיי געטראפען איינינע פון די פיינסטע בעל־הבית'ישע מיידלאך, וועלכע האבען זיך אויך קאפעלושען צוגעקליבען, געווארט אלץ אויף דעם פרייטאגדיגען טראנספארט, וואס דער „שפיליטער" וועט ברייינגען פון ווארשוי, שרה'לע האט זיך לאנג א קאפעלוש צוגע־קליבען, די מוטער האט זיך געוואלט פלינק אפפארטיגען, אהיים

געהן, די פּוטער־קוכענס באַקען, אָבער שרה'לע האָט לאַנג, לאַנג זיך געפּאַסט און אַלע האָבען געקוקט אויף איהר, ווי זי האָט מיט איהרע פולע רונדיגע הענדלאַך די קאַפּעלושלעך געמאַסטען אויף איהר קעפּעלע, און געטראַכט זיך אין דער שטיל: די מיידעלע ווייסט וואָס עס איז איהר שעהן.

אהיים געקומען מיט'ן קאַפּעלושעל שוין שפּעטלאַך. דאָס געסעל איז שוין לעער און שטיל געווען, נור וואו נישט וואו האָט זיך הינטער א לאַדען א שטיל פערטרויען שעפּטשען געהערט פון א פּאָר'ל, אָדער אַז אויסגעלאָסען קיכער'ן פון א דיענסט־מיידעל, אָדער אַ שוסטער־יונג. איינצעלנע פאַרלאַך האָבען ווייט אין געסעל שפּאַציערט. אין שטוב ביי מאַטלען האָט זיך שוין גערודערט. די מויד האָט שוין די פּוטער־קוכענס געקנאָטען, די מוהמע האָט איהר צוגעהאָלפען, דער פאָטער מיט'ן פעטער זיינען אין דער גרויסער שטוב געזעסען און האָבען די וואָך־רעכנונג געמאַכט. די מוטער האָט זיך באַלד אויך גע־נומען צו דער ארבייט, און דער פאָטער מיט'ן פעטער האָבען זיך גע־גרייט אין די חברה צו געהן אויף תקון שבועות.

שרה'לע האָט זיך ארומגעדרעהט, האָט געוואָלט מיטהעלפען באַ־קען און זיך געפרעהט, אַז זי וועט אויך אויף זיין א גאַנצע נאַכט, נור די מוטער האָט זיך אויף איהר געבייזערט און זי געיאָגט, אַז זי זאָל געהן שלאָפען.

— געה, שרה'לע, געה שלאָפען, דו וועסט דאָך מאָרגען אויסזעהן בלאַס.

— באַלד, באַלד, מאַמעלע, איך וועל נאָך אביסעלע אויף זיין. עס איז אַזאַ שעהנע נאַכט, אוי, מאַמעלע, איך וועל אביסעלע פאַר דער טהיר ארויסגעהן.

— געדענק אין גאָט, שרה'לע, א כלה אַליין ביי נאַכט! וואָס טהוט זיך מיט דיר?

דאָס מיידעל האָט זיך פערשעהמט און לייכט און ליעבליך זיך אָב־געהוסט. באַלד איז דער פאָטער מיט'ן פעטער אריינגעקומען פון דער צווייטער שטוב. מאַטעל האָט געזעהן ווי מען באַקט די קוכענס, און אין אויוועז ברענט זיך, האָט עס איהם הנאה געטהאָן. און ער האָט געקוקט אויף דער טעכטערעל... זי האָט אביסעל איהר קליידעל מיט מעהל איינ־געריבט, האָט ער זיך אָבגערופען מיט א ליעבליך געבייזער:

— געה, כלה מיינע, מארגען קומט דער חתן, מוזט זיך גוט אויס־שלאפען, אז דו זאלסט שעהן אויסזעהן, אפשר וועסט דו איהם גאר נישט געפעלען ווערען?

דאס מיידעל האט זיך פערשעהמט און איז פלינק אין איהר צי־מער אריין ניט זאגענדיג איהרע עלטערען א „גוט וואָרט“.

— כא, כא, כא, ווי זי איז אנטלאפען וואו פעפער וואקסט!

— און שטענדיג מוזט דו מיט דיינע שעהנע ווערטעלאך דאס קינד קרענקען — זאגט די מוטער, — האב נישט קיין מורא, זי איז אזוי אויך גענוג שעהן, מעגען אונזערע שונאים צופלאטצט ווערען.

— רעד נישט און גיב לעקאך און בראנפען — מען דארף באלד אין די חברה געהן צו תקון שבועות.

די מוטער איז מיט די מאנספערשוינען אין צווייטען שטוב אריין לעקאך און בראנפען געבען.

אז דאס מיידעל איז געקומען צו זיך אין שטיבעל אריין, האט זי די טהיר פערשלאסען הינטער זיך, אויף איהר בעט זיך געזעצט און אנ־געהויבען זיך לאנגזאם אויסצוטהאן. אויסגעטהאן האט זי זיך אבער נישט, בלויז די קאמאשען פון זיך אראבגעווארפען און צום אפענעם פענסטער צוגעגאנגען און געקוקט אין גערטענדעל אריין, וואס איז אויפ׳ן הויף הינטער דעם פענסטער געווען. די נאכט איז שטיל געלעגען צווישען די בוימער, און האט זיך איינגעקוקט צו די בלישטשענדע שטערן אין הימעל און זיך צוגעהערט צום זשאבען־קוויטשעריי. דער זשאסמין האט געבליהט און דער בעז האט איהר קליין שטיבעל אנגע־פילט מיט פריהלינגס דופט. דאס מיידעל איז פאמעליך אין די זאקען צוגעגאנגען צו דער טהיר, אריינגעקוקט דורך דעם שליסעל־לאך אויב דער פאטער איז נאך דא. דאן האט זי זיך אנידערגעזעצט האלב־גע־קליידעט אויף איהר בעט. געלעגען א לאנגע ווילע, האט זי זיך באלד אבער אין דער שטיל אויפגעהויבען, גענומען א טוך אויף זיך, איינגע־וויקעלט זיך, אז מען זאל זי נישט דערקענען, און מיט גאנץ לייכטע טריט, קוים, קוים ווי געשוועבט, דורך דער ניעדריגער פענסטער אין גערטענדעל אריין; און ווי א קאץ דורך דער הינטער טהירעל זיך ארויסגעלאזט, אריבער בארפוס איבער דאס שטיקעל פעלד און פלינק אריין אין דאס הויז, וואו עס האט געוואהנט דער יונגער אפיצער, פון דער איינציגער ראטע וואס איז געשטאנען אין שטעדטעל.

עס האָט זי אָבער בעמערקט גיטעל די שכנ'טע, וועלכע איז פּונקט ארויסגעגאנגען אַן עמער וואסער אָנשעפּען. זי האָט איהר אין דער שטיל נאָכגעקוקט און געזעהן, ווי דאָס מיידעל לויפט אריין צו דעם אָפּיצער אין הויז.

די שכנ'טע איז צו קארעטע'ן אין קיך אריין, גערופען דעם פאָטער און מוטער אַן א זייט און דערצעהלט זיי וועגען דעם.

דער פאָטער האָט געגעבען א לאָף צו דער מיידעל'ס טהיר און די מוטער האָט די אידענע אויסגעזידעלט.

געפינענדיג די טהיר פערשלאָסען, איז ער ארויס אין גאס צום פענסטער צו. די מוטער האָט דערווייל אָנגעהויבען שטארק צו האַקען אין טהיר, רופענדיג: „שרה'לע, שרה'לע, עפען, עפען!“

— עפענען וועט זי דיר! — איז דער פאָטער געגעבען א לאָף אריין. זי איז ביים אָפּיצער! — און האָט געכאַפּט דעם שטעקען און איז ארויס אין גאס.

— א בראָך איז צו מיר — האָט די מוטער געשריען איבער'ן געסעל — אַן אונגליק האָט מיך געטראָפען. און מיט'ן טוך איבער'ן קאָפּ איז זי אויך געקומען צו לויפען פאר דעם אָפּיצער'ס טהיר.

— חנה, געוואלד, וואָס שרייסט דו, מאַכסט דאָך אונז אונגליקליך! — האָט דער פאָטער געשריען און איז ארויף צום אָפּיצער. ער האָט אָבער אויף די טרעפּ א זעלנער געטראָפען, וועלכער האָט איהם געסטראשעט מיט דער ביקס אין האנד.

דאָס שטעדטעל איז נישט געשלאָפען. די ווייבער זיינען ביים בעקער געזעסען, האבען פּוטער־קוכענס אויף שבועות געבאקט, די מאַנספערשוינען אין די חברות אין די שוהל'עכלאך, אָדער אין דער היים האָבען תקון שבועות געזאָגט, געהערט א געוואלד אין געסעל, זיינען זיי פון די הייזער ארויסגעקומען, האָבען אויפ'ן הימעל געקוקט. אָבער דער הימעל איז נישט רויט געווען, און ס'איז ניט ערגעץ וואו א שרפה געווען. איינער האָט דעם צווייטען געפרעגט: „וואו ברענט?“ — נור זיי האָבען נישט געזעהן קיין רויטען הימעל, האָבען זיי זיך בערוהיגט. פאַר א הויז האָט זיך א איד אין גאטקעס געוויזען, ארומגערינגעלט פון א קופּע ווייבער און האָט זיי עפּעס דערצעהלט. פון א לופטשיק האָט א אידענע דעם קאָפּ ארויסגעשטעקט

און גערופען אין מארק און האט געבעטען זיך ביי די פארבייגעהענדע:
„ליעבע ליוט, וואס האט געטראפען? וואס האט געטראפען?"

אז דער עולם האט זיך בערוהיגט, האבען זיי אויסגעשפיגען, וואס זיי זיינען אבגעקומען בלויז מיט שרעק און זיינען צוריק אין די הייזער געגאנגען.

די נייגעריגע האבען אבער געוואלט דערגעהן, וואס עס האט געטראפען. זיינען זיי געגאנגען נאכ'ן קול און זיי זיינען אנגעקומען צום אפיצער'ס הייזעל. דארט האבען זיי געטראפען מאטעל קארעטע מיט זיין ווייב; זיי האבען זיך אביסעל פון דערוויטענס אבגעשטעלט, געשטויסען זיך יא, געשטויסען זיך נישט, און א נייגעריגער האט געפרעגט: „וואס האט געטראפען? וואס איז געשעהן?"

— וואס'אי געשעהן? — וואס האט געזאלט געשעהן? גאר נישט איז געשעהן.

נור אז זיי האבען געזעהן, אז מאטעל און זיין ווייב שטעהען און װארטען, האבען זיי זיך אויך אנידערגעשטעלט װארטען.

— וואס ווארט איהר דא? וואס שטעהט איהר דא? וואס איז? האט מאטעל גע'טענה'ט צום עולם.

— גאר נישט, גלאט אזוי.

— גאר נישט, גלאט אזוי — פאשאל וואן! — האט ער געשריען צו די אינגלאך, וואס זיינען געקומען צולויפען.

דערווייל זיינען אנגעקומען נאך אייניגע און האבען געזעהן א קופּקעלע שטעהט, זיינען זיי אויך געבליבען שטעהן און געפרעגט איינער דעם אנדערען:

— וואס איז געווען פאר א געוואלד? ווער האט עס געשריען?

— ווער האט געשריען? עס האט קיינער נישט געשריען.

דערווייל האט שוין אנגעהויבען צו טאגען, די פעלדער זיינען ענטפּלעקט געווארען פון דער טונקעלהייט, פון די וואסערלאך זיינען פארעס אויפגעגאנגען, און דער מארגען-שטערן, וועלכער איז רויט אויפגעגאנגען און צופלאמט א האלבען הימעל, האט געטריקענט די פייכטע ערד, די פויגעלאך האבען געשפרונגען אויף די צווייגען פון די בוימער און פרעהליך געקוויטשעט; די בעז-בוימער, וואס האבען ארומגערינגעלט דעם אפיצער'ס הייזעל, האבען פערשפרייט א שטארקען

גערוך, וועלכער האָט דעם טרוקענעם בעשמעקטען פריהלינגס פריה־מאָרגען אָנגע׳שיכור׳ט.

דער עולם איז אלץ געשטאַנען פאַר דער טהיר, וואָס אמאָל האָבען זיך מעהר נייגעריגע געוויזען. אַ איד אין אַ שלאַף־ראָק, פון וועלכען מען האָט די אונטער־הייזען געזעהן, אין שלאַף־מיץ אויפ׳ן קאָפּ איז שטיל שפּאַצירענדיג אַנגעקומען, די הענד פערלייגט אויף הינטען און געפרעגט: „וואָס שטעהט מען?" איינינע יונגע לייטלאַך זיינען אין די ווינקעלאַך געשטאַנען און האָבען נייגעריג ארויסגעקוקט צום אָפּיצער׳ס פענסטער, וועלכע זיינען געווען אָפען, און דער ווינד האָט די אָראַבגעהאַנגענע גאַרדינען בעוועגט. אַ יונג איז אויף דעם דאַך ארויפגעקראָכען וואָס איז געגענאיבער דעם אָפּיצער׳ס הייזעל און האָט דורך אוים געוואָלט כאַפּען אַ בליק אין פענסטער אריין. מיידלאַך אין די טיכער איינגעהילט האָבען זיך ווייט אין געסעל געדרעהט, אהער גע־קוקט צו דער קופּקעלע פאַר דעם אָפּיצער׳ס הייזעל און געריימט זיך אין די אויערען און זיך בעהאַלטען אין די הייזער, ווען זיי האָבען גע־זעהן אַ מענשען אַנקומען. יונגע לייטלאַך, בחורים, האָבען זיך תמ׳ע־וואַטע אהין און אהער געדרעהט פאַר׳ן אָפּיצער׳ס הייזעל און האָ־בען געוואָרפען אַ בליק צו די פענסטער ארויף. ווייט אין געסעל איז נאָך אלץ דער איד אין די גאַטקעס געשטאַנען פאַר דער טהיר, ארומגע־רינגעלט פון אַ קופּקעלע ווייבער, אין די שלאָף־הויזען, און האָט זיי געוויזען אויפ׳ן אָפּיצער׳ס פענסטער, און עפּעס דערצעהלט: פון דאָרט האָט זיך אַ שטיל קיכערן געהערט.

און די מאי פריהלינגס לופט האָט זיך אין געסעל געגאָסען. עס האָט זיך געדראַכט, אז פון׳ם אָפּיצער׳ס אָפענע פענסטער, צו וועלכע אַלע האָ־בען גנב׳יש זייערע בליקען אין דער שטיל געוואָרפען, גיסט די מאָרגען לופט ארוים, וועלכע שיכור׳ט אַז דעם שטח מיט דעם שטאַרקען בעז־גערוך, און לעגט זיך איבער די פעלדער, און איבער דעם גאַנצען שטעד־טעל.

און די יונגע לייטלאַך און די מיידלאַך שטעהען, סוד׳ען זיך און שעפּטשען אין די ווינקעלאַך און אָנגע׳שכור׳ט אין דער שטאַרקער מאי־לופט, וואַרפען זיי בענקענדע, בעהאַלטענע בליקען צו די פענסטער ארויף און איינער פרעגט דעם אַנדערען: „וואָס האָט געטראָפען? וואָס האָט געטראָפען?"

— גאר נישט האט געטראפען, א טאפ פוטער־מילך איז צובראכען געווארען — זאגט דער פערד'ס יונג און ווייזט אין געהיים מיט דער האנד אויף מאטעל קארעטע.

— א טאפ פוטער־מילך? וואונדערען זיך א טהייל.

— יא, יא, דאס טעפעל איז צובראכען געווארען און די מילך האט זיך אויסגעגאסען — ענטפערט דער יונג, ווייזענדיג אויף די אפענע פענסטער.

אין די ווינקעלאך הערט זיך א פערשטיקט קיכערן, נור באלד האט זיך מאטעל קארעטע גע'סוד'עט מיט סטעפאן'ען, דעם סטרוזש. דער עולם האט זיך נייגעריג פון דערווייטענס צוגעקוקט און געטייטעלט מיט די פינגער.

און פלוצים האט זיך געהערט א קלינגען פון די פייער־גלאקען, וואס שטעהען אין מיטען מארק. דער עולם איז אין די ערשטע מינוט דערשראקען געווארען, בלייך געווארען, איינער האט אויפ'ן צווייטען געקוקט — געוואלד עס ברענט! — האט מאטעל קארעטע געגעבען א געשריי אויס און האט אנגעהויבען צו לויפען. דער עולם איז איהם אין די ערשטע מינוט נאכגעלאפען, נור באלד האט זיך איינער פון'ם עולם אנגערופען, ווייזענדיג מיט'ן פינגער אויפ'ן אפיצער'ס פענסטער:

— דא ברענט אויך, דא אויך!

דער עולם האט ארויסגעזעצט אין א געלעכטער.

מאטעל איז געלאפען איבער די גאסען. דער עולם, וועלכער איז איהם אין די ערשטע מינוט נאכגעלאפען, האט זיך באלד צוריק אומגעקעהרט, לאזענדיג מאטלען אליין לויפען.

— א חכם, ער וויל אונז פון דאנען אוועקקריגען!

— עס ברענט איהם, נעבעך, אוי, ברענט עס איהם! — האט א אידענע צוגעלעגט.

— דארט אויבען איז היים, היינט א הייסע נאכט דארט אויבען געוועזן.

דערווייל האבען די גלאקען אין געסעל געשאלט, פון דערווייטענס הערט מען שוין פערד פון די פייער־לעשערס פענדזשען: ווייבער, אידען, מוידען זיינען יעצט ארויס פון די הייזער אין די נאכט־העמדער, אין די אונטער־הויזען, געכאפט אויף זיך ווער א טוך, ווער א ראק, און

זיך געלאָזט לויפען מיט פעקלאך אין די הענד, וואָס זיי האָבען אין איילעניש געכאַפּט מיט געוואַלדען און געשרייען:

— געוואַלד, אידען, וואו ברענט? וואו ברענט?

— די קינדער ראטעוועט מיר, די קינדערלאך!

— מיין ביסעל אָרימקייט, אוי משה, משה!

דערזעהן פון דערווייטענס אַ רעדעל מענשען פאַר'ן אַפּיצער'ס הויז, איז דער עולם געקומען צולויפען פאַר'ן אַפּיצער'ס הויז מיט די פעקלאך.

— אידען! וואו? וואו?

— דאָ, דאָ! —

— אַ בייזע נאַכט אויף קארעטע'ס קאָפּ! די טאַכטער איז איהם צום אַפּיצער אַנטלאָפען, שרעקט ער דאָס שטעדטעל איבער, האָט'ס שוין געהערט אַזעלכעס? — שרייט אַ אידענע.

דער עולם לאַכט.

מאַטעל קומט צולויפען פון מארק, שטעלט זיך אָב און שרייט פון דערווייטענס, ווייזענדיג מיט דער האַנד אויפ'ן עק שטאָדט.

— אין דאָרף ברענט, — אין לאַנשיצע, קומט'ס, אידען, קומט'ס — און מאַכט זיך לויפען.

דער עולם שטעהט אויף איין אָרט, קוקט איהם אָן און לאַכט.

— די פייער־לעשער קומען שוין אָן.

— מיט'ן שפּריטץ לעשען! — זאָגט קאַמיזע, — און דער עולם ברעכט אויס מיט אַ געלעכטער.

— אַ כאָלעריע וועט אייך דאָ אויפ'ן אָרט אַנידערלייגען — שרייט אויס מאַטעל — אוועק פון דאַנען, וואָס שטעהט איהר דאָ? און האָט זיך געגעבען אַ לאָז אריין אין דעם עולם מיט פויסטען, דעם עולם פאַנאַנדערצוטרייבען. אינגלאך האָבען אָנגעהויבען צו לויפען, דער עולם האָט זיך אַביסעל מיט אַ געלעכטער אָבגערוקט אָן אַ זייט.

— וואָס לאַכט איהר? און איז זי געלאָפען, און איז זי ביים אַפּיצער — שרייט מאַטעל — און הענגט זיך אויף!

פון דערווייטענס האָט מען שוין טאַקע געהערט די פייער־לעשערס, די שפּריטץ פאָהרט איבער'ן געסעל מיט'ן קלומפּער פון פאַרענט. דער עולם איז זיך יעצט וואָס אמאָל מעהר צונויפגעקומען נאָך דעם שפּריטץ.

— די שפריטץ פאהרט, די שפריטץ!

נור דאס האט מאטעל שוין ניט געקענט אויסהאלטען. ארויף אויף די טרעפ פון אפיצער'ס וואהנונג, אוועקגעשטופט דעם זעלנער. צו לאנג האט ער נישט געברויכט צו ווארטען. ער האט געפונען דער טאכטער הינטער דער טיהר איינגעוויקעלט דאס פנים אין א טוך, נור דאס גנב'ישע לעבעלע אויף די ליפעלאך האט פון אונטער דער טוך ארויסגעשיינט...

— א בראך זאל מיר געשעהן נאך דיר! און ער האט זי געגעבען א כאפ און א טראג אראב פון די טרעפ אהיים איבער דער גאס.

די מוטער איז נאך דער מויד נאכגעגאנגען און מיט די פויסטען זיך אין קאפ געשלאגען.

— וועה איז מיר און ווינד!

און דאס גאנצע שטעדטעל, האלב נאקעט, אין די נאכט־העמדער, אין די אונטער־הויזען איז נאכגעגאנגען נאך דער לויה, מיט א געשריי און א פייפעריי און די שפריטץ פון די פייער־לעשערס נאך זיי — אזוי האט מען זיי אהיים בעגלייט — און וואס מען האט זיי דארט אנגעשאלטען זאל אין אלע וויסטע מדבריות אריין.

אין א שעה ארום איז לייבעל בעל־העגלה'ס וואגען איבער'ן לעשניצער טראקט געפאהרען, צו ברייננגען שרה'לעס חתן אויף שבועות צו גאסט.

יום־טוב האט מאטעל א מנין ביי זיך אין שטוב געמאכט, די קרובים פערבעטען, געהייסען דעם חתן, אז ער זאל מיט קיינעם נישט א ווארט רעדען. עס האבען זיך געפונען גוטע פריינד וואס האבען פאר'ן חתן צום טיש כיבוד געשיקט.

און יום־טוב נאכמיטאג צום שפאציר איז שרה'לע, מאטעל קאַרעטע'ס טאכטער, ארויסגעגאנגען מיט דעם חתן'ס שוועסטער שפאצירען, אין דעם נייעם זומער־קאפעלושעל, מיט דעם זומער אנצוג פריי און פראנק איבער'ן מארק, איבער דער שטאדט אפען פאר אלע אויף דעם שפאציער ארוים.

די ווייבער זיינען פֿאר דער טהיר געזעסען און צוגעקוקט:

— ווער איז דאָס?

מאטעל'ס טעכטערעל.

אין די ווייסלען פון איהרע ליפען האט זיך אויפבעהאלטען א נײ אונבעקאנט שמייכעלע, וואס מען האט עס ביז יעצט גאר נישט בעמערקט...

דריי בעלי בתים.

פריה־מארגען. דאס געסעל האט זיך געבאדען אין דער זון.
די לאדען פון די הייזער האבען זיך איינציגווייז אנגעהויבען אויפ־צועפענען. דא און דארט האט אבגעקלונגען אין געסיל דאס עכא פון זייערע אויפגעפראלטע זייטלאך, וואס האבען זיך הויך אן די ווענד אנ־געשלאגען. זיי האט אבגעענטפערט דאס געדויש פון דעם מילכיקער'ס וועגעלע, וואס איז ארויסגעפאהרען פון זאמדיגע וועג אויף דעם פריש־געברוקעוועטען געסעל. דער מילכיגער, דאס פערדעל און דער וואגען מיט די קאנען זיינען געווען פערהויכט אין א בלאהען טוי, ווי פריה־מארגענדיגע פלוימען, און עס האט זיך געדאכט, אז זיי פיהרען מיט זיך אין שטעדטעל אריין דעם סוד פון די פעלדער און פון דער ערשט־אוועקגעגאנגענער נאכט, וואס זיי האבען זי נאך געמוזט אויפ'ן וועג בעגעגענען...
די ארויסגעבויגענע קעפ, בערד און פאות פון די אויפגעעפענטע לופטשיקעס, האבען קוקענדיג אויפ'ן שטאדט־זייגער — ווי שפעט עס איז — בעגעגענט די זון, און א פרעהליכער שטראהל פון האפנונג האט די ארימע, ווינטערדיגע בריסט ערפילט. דארט, וואו מען האט זיך פערשפעטיגט מיט די לאדען אויפעפענען, איז זי אליין אריינגעדרונגען דורך די לעכער, וואס זיינען געווען אויסגעשניטען אין די לאדען אין די געשטאלטען פון הערצלאך, קעזלעך און האלבע לבנות, און זי האט געזוכט די שלאפעדיגע אונטער די ווינטער־דעקען, אין וועלכע עס זיינען געווען אנגעפיהלט פעדער'ן פאר קינדער און קינד'ס־קינדער'ס אויסשטייער...
אומגעריכט און אהן א חשבון, ווי א קינד, האט די זון איהרע שטראהלען פערשפרייט, נישט קוקענדיג אויף וואס און ווען זיי פאלען.

די שטראהלען זיינען אריינגעדרונגען אין בעהאלטענע, פערשפּארטע לעכער און רינשטאקען, צולאזען דעם רעשט פערשוואַרצטען אייז; עס האבען זיך אויפגעעפענט די פערבארגענע מיסט־קאסטענס, וואס דער פראסט האט זייער חרפּה צוגעדעקט, און דאס שטעדטעל האט זיך געבאדען אין זון און אין בלאטע...

איבער דער גַעסעל האט זיך איבערגעצויגען א יונגער הימעל, ווייט, רייך, העכער און ברייטער פון תמיד: אבגעריסענע, פליסענדיגע וואל־קענדלעך האבען זיך געבאָדען אין זיין טיפענייש, געוועבט זיך פון איהם און פערלארען זיך אין איהם, און אזוי זיך אינאיינעם צוזאמענגעגאסען, אז עס האט זיך געדאכט, אז די הימלען זיינען צוזאמענגעוועבט פון צי־טערדיגע, צערטליכע מוזיק־טענער, וואס זיינען פערגליווערט געווארען אין דורכזיכטיגע רויך־וואלקענדלעך. די לופט, ווי זי וואלט זיך בע־פרייט פון שווערען בליי, איז געווארען אזוי קלאהר און דורכזיכטיג, אז מען האט געהערט און געזעהן די לייכטסטע, דינסטע וואלקענדלאך רויך, וואס זיינען ארויסגעגאנגען פון די בוימער־ווארצלען, שטעהענדיג אין געסיל פאר די הייזלעך. די שווארצע צווייגען פון די בוימער, וואס האבען דא און דארט אין געסעל אריינגעקוקט פון איבער די ווייס־אב־געקאלכטע פּלויטען, האבען געציטערט אין אויר פאר פרישקייט. די ערד ארום דעם שטעדטעל האט אראבגעווארפען פון זיך דעם ווייסען, ווינטערדיקען דעק, און אזוי שווארץ און אזוי יונג, האט זי געווארט אויף עפּעס, ווי א חתן, וואס ווארט אויף דער כלה... דאס אלץ האט אויסגעזעהן ווי א גרויסער פרייטאג פון א גרויסען, גרויסען שבת, א שבת פון פריהלינג. די וועלט איז געווען אזוי פריש און אזוי יונג, דאס עס האט זיך געדאכט, אז דער אונבעוואוסטע „מע" פון דעם אונשולדיגען קאלב, וואס מרדכי קצב האט געפיהרט אין שחט־הויז (דער איינציגער מעגליכער שטעדטילשער קרבן), איז א ברכה אויף דעם יונגען געבארענעם טאג, וואס קומט אויף דער וועלט...

דער ערשטער פון די בעלי־בתים, וואס האבען זיך אין געסעל גע־וויזען, איז געווען ר' נחום רויטהאלץ.

עס איז קיין וואונדער נישט: ר' נחום רויטהאלץ איז א איד, וואס ליעבט שעפּען „פרישע לופט", און ווייל מאיאווע לופט איז א

מחיה צו דער ברוסט, טהוט זיך א איד ווי ר׳ נחום אן דאס פערגעניגען: אביסעל דורכשפאצירען זיך אין געסעל אין דער־פריה, נאכ׳ן טהיי, צווישען „מה טובו״ און „קרבנות״. פאר וואס דען נישט? א גאנץ געזונטע זאך, און עס קאסט קיין געלד נישט.

און נישט אזוי מחמת דער ברוסט אליין נעהמט זיך א איד צייט צום שפאצירען אין געסעל (שוואך איז ר׳ נחום פונקט אזוי אויפ׳ן הארץ, ווי אויף די ברוסט, און די „לעבער״ איז אויך נישט אינגאנצען אין ארדנונג), נאר דערהויפט דערפאר, וואס ר׳ נחום האט בטבע ליעב „וויגאדעס״. א אידעל איז עס א רונדיגס, א פולס, מיט א רויטען קארק און א פול בייכעל, וואס די קאפאטע דאכט זיך, וואקסט ביי איהם מיט, ווי ביי אונזערע עלטערן פערצייטען אין דעם מדבר. א איד, וואס ווייסט זיין ווערט און וויל זיך אליין נישט „דוצען״. האט ער צו זאגען, למשל, אז מען זאל איהם דערלאנגען א גלאז טהיי, וועט ער נישט זאגען פשוט „מיר״ נאר מען זאל „איהם״ דער־לאנגען, בלשון נסתר. נחום איז זעהר ריהרעוודיג. האט זיך הנאה פון אלץ וויסען, א סך הערען, נאר ריידען — א מכה! רעדט ער שוין אמאל מיט זיין חסד, איז יעדעס ווארט אבגעוואויגען, אבגעמאסטען און געצעהלט: א ווארט — א רענדעל. צום אנבייסען גיט ער זיך א זעץ אנידער ביים טיש און שניידט זיך די שטיקלאך ברויט פון לעבעל, בעשמירט מיט פוטער, דין גאר דיניטשקע, אז עס זאל נאר האבען א טעם פון פוטער. אזוי פייניגט עס דאס פינגערהויט פוטער, צוציהט עס אויף פופציג דינע פעדעמלעך, אז עס זאל איהם גענוגען פאר דאס גאנצע ברויט. דערנאך שניידט ער זיך די שטיקלאך כסדר אין מויל אריין, רוהיג, נישט געאיילט, און טרינקט זיך צו צום עסען א גאנצען טשייניק טהיי, דערוויילענדיג דערביי דעם קונץ אויסצור־קומען נאר מיט איין שטיקעל צוקער. ער כאפט ארונטער דאס שטי־קעל צוקער הינטער די צונג, אז עס זאל איהם נישט צוגעהן בשעת׳ן עסען, און גיט דערמיט אנצוהערען מיט יעדען זופ, אז צוקער, ברידער, איז דא... אזוי עסט ער זיך רוהיג, א ביסען ברויט, א זופ טהיי, נישט צולאזענדיג זיך ביים עסען קיין שום עגמת־נפש, אז ער זאל נישט האבען חלילה בחנם ארויסגעווארפען. נאכ׳ן אנבייסען לעגט זיך ר׳ נחום צו אויף דער קאנאפע אין עס־שטוב, נעהמט זיך צום שלאף דעם „קו הישר״ און לייענט זיך די מעשיות צום שלאף, ביז דער שלאף

וועבט זיך נישט איבער זיינע אויגען. דענסטמאל רוהט דאס הייליגער סופר אויף זיין ברוסט, און ר׳ נחום שלאפט שוין רוהיג איין. בשעת ער שלאפט טאר זיך קיינער פון די קינדער נישט ווייזען אויף דעם שוועל פון דער שטוב: דער טאטע שלאפט.

ער לעבט פון זיין ווייב׳ס געוועלבעל. נעהע די שווארצע (זיין ווייב) איז א גאנצען טאג אין געוועלב. ווינטער פריהרט זי און ווארימט איהרע פערשטיינערטע פינגער, פון וועלכע די הויט איז אבגעקראכען פון הערינג און זאלץ, ארום א טאפּ גליהענדע קויהלען. ר׳ נחום געהט אריין נאכ׳ן שלאף פאר מיטאג אין געוועלב עצות געבען. און אז ער איז אין גוטען הומאר, טהוט ער דער ווייב א חסד, שפּריט אוים די הענד און גענעצט הויך אויפ׳ן קול. נעבע די שווארצע פרעהט זיך אין הארצען, וואס זי האט אזא איידעלען מאן. ווארום נאר איידעלע מענשען שלאפען פאר מיטאג און גענעצען נאכ׳ן שלאף...

שפּאצירענדיג בנעימות׳דיג איבער׳ן געסעל, נעהמט נחום זיך דאס שנופּטיכעל ארוים און וויקעלט זיך דעם האלז ארום, אז ער זאל זיך חלילה נישט פערקיהלען. פלוצים דערהערט זיך א געשריי אין געסעל. ר׳ נחום דערשרעקט זיך, נאר באלד דערמאהנט ער זיך, אז דאס שרייט „אויף די צייהן" יאדוויגע דעם „ציווילנעם סטראזשניק׳ס" ווייב, וואס דער מאן שלאגט זי אוים יעדען פריהמארגען, דאן שפּייט ער אוים דריי מאל, אז דער שרעק זאל איהם נישט שאדען און געהט זיך ווייטער, צעהלענדיג די טרעפּ.

אין געסיל האט זיך געוויזען דער צווייטער בעל־הבית פון שטעד־טעל, גאספּאדין איוואן איוואנאוויטש. אמאל איז ער געווען א סטראז־שניק אין ווארשוי. אויף דער עלטער, איז ער געקומען צו געלד, האט ער די שטעל אוועקגעווארפען, האט חתונה געהאט מיט א דיקער פּוילישער יאדוויגע און איז ארויסגעפּאהרען אויף דער פּראווינץ, געקויפט זיך א הייזעל און לעבט זיך בשלום ושלוה. מיט די בעלי בתים לעבט ער גוט, א פאן בראט מיט יעדען. האט ער עפּעס צו זאגען, גיט ער באלד אין טאטען אריין. נאר די בעלי־בתים האבען זיך צוגעוואהנט דערצו — עס איז ביי איהם אזא מין לשון. ווייטער האט ער א טבע יעדען אין דער פריה אויסשלאגען זיין ווייב, איין גאט אליין ווייס פאר וואס און

פאר וועז. די געוואלדען זיינען דאן ביז אונטער'ן הימעל. נאר עס ווייזט אויס אז זי האט עס געדראפט. ווארום וואס מעהר גאספאדין איוואן איוואנאוויטש האט זי געשלאגען, איז יאדוויגע געווארען אלץ דיקער. דאס פנים איהר'ס איז געווארען גלייך, ווי א געשוואלענער. אנגעבלאזענער פענכער, און וועלכען עס האבען געטיקט צוויי אויגען, ווי צוויי פערלאך... קיין קינדער האבען זיי נישט געהאט, אבער דער־פאר האבען זיי געהאדעוועט א שעהן רעשטעל קעז, הינד, פויגעל און אזא מין ווייסע מייז, וועלכע זיי האבען געהאלטען אין א שטייג. די ווייסע מייז האבען שטארק דערעסען ר' נחומ'ן. זומער פאר נאכט, ווען ר' נחום וויל זיך אנטהאן תענוג, זעצט ער זיך אנידער פאר דער טהיר און הייסט זיך ארויסגעבען דאס „קליין מיטאג", וואס טהוט דער גוי? נעהמט זיך דער גוי די ווייסע מייז אויף די קניע און זעצט זיך אויך פאר דער טהיר, פונקט געגענאיבער ר' נחומ'ן (להכעים אודאי) און ר' נחום מוז אויפהערען צו עסען. ער שפייט אויס און קרעכצט אב: וואס זאל מען טהאן, אז מען איז אין גלות!...

איוואן איוואנאוויטש האט געוואלט ווערען אויס סטראזשניק און זיין גלייך מיט אלע „ציווילנע", און ער איז שוין טאקע געווארען אזא „ציווילנער", אז דערזעהענדיג פון דער־ווייטען דעם שטאדט־סטראזש־ניק, האט ער זיך אויך געכאפט פאר'ן בעזעם און אנגעהויבען אויסצו־קעהרען דעם רינשטאק מיט אנדערע בעלי־בתים צוגלייך. ער האט זיך אבער קיינמאל ניט געקאנט בעפרייען פון די בלויהע הויזען מיט די רויטע ברעגען. צי ער האט זיי געהאט נאך פון גוטע צייטען, צו א גע־שמאק שוין איז געווען ביי איהם אזעלכער, — איין גאט ווייס איהם. אויך די רעקלאך מיט די היטלאך זיינע זיינען געווען געשניטען אויף אזא מין שניט, אז חאטש זיי האבען אויף זיך נישט געהאט קיין שום בלעכעל, פונדענסטוועגען פלעגט יעדער „ארענטליכער" מענש, וואס פלעגט וועלען זיין אין „ארדנונג" פיהלען צו זיי אזא שוואכקייט, אז דערזעהענדיג זיי, פלעגט ער נישט קאנען איינהאלטען דעם יצר הרע, ער זאל נישט פריהער דאס היטעל אראבנעהמען און גריסען: „גוט מארגען, פאניע נאטשאלניק"!

יעדען טאג אין איין צייט איז דורגעגאנגען דורך דאס געסעל דער אלטער פריץ מיט זיין הונד.

דעם אלטען פריץ, וואס וואהנט איינער אליין אין דעם געל־געפארב־טען הייזעל מיט די שטענדיג־פערמאכטע לאדען, אויפ'ן וועג קיין קראַ־שענוויץ, האט דאס געסעל נישט געקענט. דער פריץ האט זיך געהאל־טען פאר זיך, מיט קיינעם האט ער נישט געלעבט און איז תמיד געווען בעהאלטען אין זיך, קיינער האט נישט געוואוסט פון וואנען ער איז גע־קומען, און וואס פאר א מענש איז ער. נאר קודם כל איז עס א פריץ. האבען איהם דערפאר אלע א לאנגע צייט געגריסט. ער אבער האט אויף די גריסען נישט אבגעענטפערט. האט מען איהם דערנאך אויפ־געהערט צו גריסען. צום סוף האט זיך דאס שטעדטעל צו איהם צוגע־וועהנט: עפעס דארט אנ'אבגעקומענער פריץ! און מען האט איהם אנגעהויבען צו בענוצען אנשטאט א זייגער, ווארום ער האט זיך אזוי פינקטליך, צו דער מינוט, יעדען טאג געוויזען אין געסעל, אז דאס שטעדטעל האט אנגעהויבען צו צעהלען די שעה'ן לויט זיין ווייזען זיך: „א האלב שעה ארום פאר'ן פריץ'ס אנקומען"... הינטער די אויגען האט מען געלאכט פון איהם. א נאמען האט מען איהם געגעבען: „דער מלך אביון" און זיין הייזעל: „דעם מלך אביון'ס גיטער". נאר טרעפענ־דיג זיך מיט איהם „סאם נאסאם", האט דער א איד (חאטש ער האט גאנץ גוט געוואוסט, אז דער פריץ איז ארים) נישט געקאנט זיך איינ־האלטען, אז ער זאל נישט פאר איהם דאס היטעל אראבנעהמען און בויגען זיך: פארט דאך עפעס א פריץ. זיין האלז און געמבע. וואס די ווארצלען פון די האאר זיינען פון פיעל גאלען זיך אזוי פערהאר־טעוועט געווארען אין זיי, אז זיי האבען דעם איינדרוק געמאכט פון אבגעברענטע פעדער־ווארצלען אויף א פעטער גאנז, האבען זיך תמיד געריבען אן א שטייפען ווייס געפרעסטען קאלנער, אז עס איז געווען א גרויס רחמנות צו צוקוקען. דאס נישט צוטרעטענקייט צו איהם האט בעשאפען וועגען איהם פערשיעדענע לעגענדען; מען האט געזאגט, אז ער האט צו טהאן מיט די נישט־גוטע, וועלכע בעזוכען איהם יעדע נאכט צוועלף א זייגער. די אלטע בעלי־בתים האבען אבער איהם גאנץ גוט געקענט און געוואוסט, אז דאס איז דער אלטער פריץ פון „דאב־ראוועקע", וואס האט זי פערקויפט דעם היינטיגען פריץ, איז אוועק

דערנאך אין די פרעמדע לענדער, נאך א לאנגער צייט געקומען צוריק און זיך בעזעצט אונטער דער שטאדט און געלעבט זיך אליין. ער זאל האבען מיטגעבראכט מיט זיך, זאגט מען, פון די ווייטע לענדער פופ־צעהן האאר און פינף נעגעל פון זעהר א בעריהמטער זינגעריז, וואס דאס זאל האבען פאר אמאטארען זעהר א גרויסען ווערט. אידען אבער אלס א פראקטיש פאלק האבען זיך אויף קיין האאר און נעגעל נישט פער־שטאנען און געלד אויף דעם וואלטען זיי נישט געבארגט...

די דריי בעלי־בתים, יעדער מיט זיין בעזונדער גאוה, האבען שפא־צירט יעדער פאר זיך אין געסיל.

אנקומענדיג צום „הויז" צו האבען זיי דערהערט א קלאפעריי פון העק אין אלטע פערפוילטע באלקעס. זיי האבען זיך אבגעשטעלט, ארומגעקוקט און האבען ד'ערזעהן, ארבייטער שטעהען אויף דעם אלטען דאך פון „הויז" און זייערע שארפע העק טיקען זיך אין די אלטע, פער־פוילטע שינדלען, וועלכע זיינען אזוי צוזאמענגעוואקסען ווי א שארבען פון א זקן. די בעלי בתים, וואס האבען ביז איצט מתרעם געווען אויף די פאליציי, וואס זי לאזט איבער אין געסעל אלטע הייזער, וועלכע קאנען ברענגען אן אומגליק, האבען זיך צוגעקוקט, ווי זייער פערלאנג ווערט אויסגעפיהרט. און האבען שטיל־געשוויגען. אין זייער בליק איז מעהר געווען שרעק און טרויעריגע ערוואַרטונג איידער נייגעריגקייט.

וואס איז דאס אזעלכעס דאס „הויז"?

פון דורות־לאנג איז געשטאנען א „הויז" אין געסעל. אן אלטע האלב פערפוילטע הויז פון איין שטאק, וואס בשעת א ווינד, האט זיך געדאכט, אז דאס דאך פון הויז שאקעלט זיך אויך אינאיינעם מיט די צווייגען און בלעטער פון די בוימער, וועלכע זיינען געשטאנען פאר די הייזלאך. גערופען האט מען עס, דאס „הויז" סתם. צו קיינעם האט עס ניט געהערט: די בעלי־בתים האבען נישט געוואלט, ווייזט אויס, בעצאהלען פאדאטקעס פאר א הויז, וואס ברענגט נישט איין, האבען זיי זיך דערפאר אבגעזאגט פון זייער אייגענטהום. און דאס „הויז" איז געווארען א „הכנסת אורחים" שטיבעל פאר די נאקעטע יונגען. וואס וואלגערען זיך אין געסעל ארום, און א בעהעלטעניש פאר גע'גנב'־בעטע זאכען. דער „ציווילנער געשטארבענער" מיט די שטענדיג־פער־

מאכטע לאדען און מיט זיין פערפוילטען דאך האט אויסגעזעהן צווישען די קליינע פרעהליכע הייזלאך אין געסעל, וואס זייערע פענסטערלאך האבען זיך געבאדען אין די גליהענדע זונען־שטראהלען, ווי אנ׳אלטער זיידע מיט א פאר שווארצעברילען אויף דער נאז. עס האט זיך גע־דאכט, אז די פארצייטיגע דורות האבען איבערגעלאזט אנ׳אנדענקען נאך זיך די היינטיגע קינדער דאס „הויז״. אז עס זאל זיי זיין צו א „מעטע״, ווען זיי וועלען זיך אין געסעל אין בעהעלטעניש שפיעלען.

ווארום דאס „הויז״ איז געשטאנען אין געסעל נור פאר די חדר־קינדער וועגען. א שבת נאכ׳ן עסען, א שטייגער, דער טאטע איז נאך נישט אויפגעשטאנען צום פרק, די מאמע שמועסט מיט א שכנה פאר דער טהיר, און די חדר־אינגלאך, אנגעטהאן אין די שבת׳דיגע קאפאט־קעלאך, פערפלאכטען אין די זונען־שטראהלען האבען ארומגערינגעלט דאס „הויז״ ווי די ווערעמלאך. ווער עס האט זיך ארויפגעכאפט אויפ׳ן דאך און לאכט אריבער צו די „פלשתים״, וואס מען זעהט זיי פון יענער זייט טייך; ווער עס שטעהט אויפ׳ן פלייט און קוקט אין „שפאקטיוו״. און דאס „הויז״, דער זקן האט אראבגעווארפען פון זיך די חרפה, שפיעלט זיך מיט די אינגלאך, שטיפט מיט, אט איז עס זיך נוקם אן א קונדס און גיט איהם א שטעק אריין א נאגעל אין די נייע, שבת׳דיגע קאפאטע; אט רייסט עס איינעם די קלאפע אראב. די אינגלאך געהען צוריק צו דער מאמען מיט די פאלעם אין דער האנד, נור דענסטמאל זייט זיי ניט מקנא, חברים...

ביי נאכט איז דאס גאנצע געסעל איינגעטוקט פון קאפ ביז צו די פיס אין שלאף, די הייזלאך שטעהן איינגעטוליעט איינס ביים צווייטען און זעהן אויס ווי שלאפענדיגע היהנער, וואס זיצען אויף די אייער. נור דאס „הויז״ שטארט ארויס ווי אן אומגעלומפערטער גולם מיט זיין הויכען קאפ צווישען די אנדערע הייזלאך און שאקעלט זיך איבער זיי, ווי עס וואלט זיי דערצעהלט, אנגעזאגט איין גאט ווייס וואס, און זיין לאנגער אונפאר־מדיגער שטן שפרייט זיך אויס איבער דער גאס, קריכט אריבער אויף די געגענאיבערדיגע הייזלאך. און זיי ביידע, דאס „הויז״ מיט׳ן שאטען, זעהן אויס ווי צוויי פרעמדע אורחים פון א פרעמדער וועלט, וואס קומען פון ערגעץ גאנץ ווייט און וואנדערען ערגעץ גאנץ ווייט און האבען זיך אבגעשטעלט אין געסעל נאכט האלטען...

די בעלי בתים זיינען געשטאנען און האבען זיך צוגעקוקט, ווי מען לעגט דאס „הויז" איין. נאך יעדען קלאפּ האבען זיך געשאטען פער־פוילטע ברעטער, פערשימעלטע שינדלען, א וואלקען שטויב האט זיך געדויכערט. די ווענד האבען זיך אזוי געטרייסעלט, אז עס האט זיך געדאכט, אז דאס „הויז" זינקט איין אונטער די הענט. פון אונטער'ן דאך זיינען נאך אין גאס אראבגעפאלען פערפוילטע און פערשימעלטע ברעטער און ציגעל, ביינער, אלטע „קאלקעס", וועלכע האבען געמוזט ליגען אויפ'ן דאך נאך פון יענער צייט אן, ווען אונזערע זיידעס האבען אין גאס אין פאלענט געשפּיעלט. די בעלי־בתים האבען געקוקט אויף די שפּיעלערייען, זיינען טרויעריג געווארען און האבען געשוויגען. ר' נחום האט זיך געוואלט עפּעס אנרופען, ער האט געקוקט אויפ'ן פּריץ. דער האט אזוי געשוויגען, אז דער איד האט מורא געהאט דאס מויל צו עפענען. דער „גאספּאדין" איז עפּעס נעהנטער געווען, דערפאר האט ר' נחום איהם גאנץ שעהן געגריסט מיט'ן היטעל און האט געזאגט:

— גוט מארגען דיר, פּאניע נאטשאלניקו!

דעם „גאספּאדין" האט עס פערדראסען, וואס דער איד האט איהם גערופען „נאטשאלניק". האט ער זיך האלב ערנסט און האלב אויף געלעכטער געווענדעט צום איד:

— דעם רינשטאק פאר דער טהיר האסט שוין אויסגעקעהרט? — מיט קאלך אויסגעשאטען? הא?

— ווינאוואט — האט ר' נחום געשטאמעלט און אבגערוקט זיך נערענטער צום פּריץ צו, איבערבעטענדיג דעם סטראזשניק מעהר מיט'ן הוט איידער מיט די ליפּען.

שפּעטער האט ר' נחום אליין גערעדט צו זיך:

— נייע בעלי־בתים, נייע הייזער.

דערווייל איז עפּעס געשעהן. די ארבייטער, אב'פּטר'ענדיג זיך מיט'ן דאך, האבען זיך גענומען צום בוידעם, זיי האבען אראבגע־נומען די פיער באלקענס, אויף וועלכער דער דאך רוהט. פון די באלקענס האבען זיך אנגעהויבען צו שיטען פערפוילטע ברעטער, שמאטעס און לאטעס. די ארבייטער האבען מיט די פיס אויף דער גאס אראבגעשארט אלטע שמאטעס, וואס האבען זיך אויפ'ן בוידעם

ארומגעוואלגערט, — שטיקער בלעך,ביינער פון א גע'פגר'טער קאץ, אדער הונד; קעפ און פיסלאך פון געשאכטענע היהנער, א גע'גנב'עט קאלב־פעל פון נאטעם שפייכלער. צווישען די אראבגעווארפענע שמאַ־טעס איז געבליעבען ליעגען צו די פיס פון די בעלי־בתים אנ'אלט זעלנעריש היטעל.

עס איז געווען א הוסארסקע היטעל פון נאפאלעאן'ס צייטען.

עס קאן זיין, אז א זעלנער, זיך צוריקקערענדיג מיט נאפאלעאנ'ען פון דער מלחמה פון יאהר 1812, א פערוואונדעטער און א קראנקער, האט זיך בעהאלטען פאר די רוסען אויפ'ן בוידעם. זיין קערפער האבען די מייז שוין לאנג אויפגעגעסען, נאר דאס הימעל, לעדער און אייזען, איז געווען נישט צו צוטרעטען פאר די מייז'ס מיילער. די בלעכען פון היטעל זיינען געווען פערראסטעט און די ברעגען זיינען גע־ווען בעדעקט מיט א געלען, פייכטען שימעל. דאס היטעל איז ווי א שטומער עדות געלעגען צו די פיס פון די בעלי־בתים, האט אן עפעס דערמאהנט און האט דערצעהלט, אז עס זיינען געווען אמאל אנדערע צייטען, אנדערע מענשען...

און א געפיהל האט אויפגעלעבט אין איין מינוט אין דריי פער־שיעדענע הערצער: א געפיהל אז דא שטארבט נישט קיין מענש, דא שטארבט א הויז, א געסעל און אפשר א וועלט. אז עס זיינען אמאל געווען אנדערע צייטען, אנ'אנדער געסעל, אנדערע בעלי־בתים און אנ־דערע הייזלאך. אז דער איד איז נישט דער איד פון אמאל, אז דער פריץ איז נישט דער פריץ פון אמאל, און אפילו דער סטראזשניק איז שוין אויך נישט דער סטראזשניק פון אמאל. ביי אלעמען איז גע־קומען דער געדאנק, אז מען מוז זיך אנגרייטען צו לעבען אין אנ'אנדער געסעל צווישען אנדערע מענשען...

און טרויעריג איז זיי געווארען איבער דעם, וואס שטארבט אב און וועט שוין קיינמאל נישט צוריקקומען.

דער פריץ האט ארויסגענומען דאס טאבאק־פושקעלע און דערמיט מכבד געווען דעם אידען. דער סטראזשניק איז אויך צוגעקומען און האט אויך די פינגער אריינגעשטעקט.

דער איד, האלטענדיג דעם שמעק־טאבאק צווישען די צוויי פינגער, האט זיך אבגערופען צום פריץ:

טאק, טאק, פאניע שלאכטשיצו!

דער פריץ האט זיך אויסגעניסט און האט איהם אבגעענטפערט:

— טאק, טאק, פאניע זשידזשע!

דער סטראזשניק, האלטענדיג איין האנד אין די הויזען־קעשענע און מיט דער צווייטער די וואנצעס דרעהענדיג, האט זיי אבגעענטפערט:

— טאק, טאק שלאכטשיצו, טאק, טאק, פאניע זשידזשע.

ערך

ערד

דאָס שטיק ערד פון וועלכען איך וויל ערצעהלען, איז געלעגען אויסגעצויגען פון יענער זייט דאָמבראָווער גרויסע וועלדער ביים ברעג פון דער ווייכסעל. די הויכע סאָסנעס וואָס זיינען געשטאַנען ווי אַלטע גרויסע מלכים, מיט זייערע קרוינען אויף די קעפּ און האָבען מיט זייער הויך איבערגעשטיגען איינער די צווייטע אין ווייטען, ווייטען וואַלד אריין, האָבען פון דער ערד דורך דורות און דורות אויסגעטרונקען איהר פעטקייט און פייכטקייט און זי איבערגעלאָזט טרוקען און זאמדיג ווי א סובאַטניטשע אויסגעזויגענע ברוסט פון א דארער מוטער, און זי האָט אויסגעצויגען מיט איהר טונקעלען טרוקענעם זאמד־רוקען, אונטער דעם העלען ליכטענדען הימעל, וואָס האָט יעצט אין פריהלינגצייט בעגאָסען אַלעס ארום מיט לייכטענדע יונגע שטראַהלען. די יונגע שטראַהלען האָבען ערפילט דעם שטח מיט א לעבענס־לוסט וואָס האָט געוועקט צום שאַפען, נור די לייכטענדע פול מיט קראַפט אָנגעטרונקענע שטראַהלען האָבען ווי יונגע חתנים־בחורים איבערגעלויכטען זיך איבער דער ערד, און האָבען ניט געפונען קיין כלה צו דער חתונה. בחנם האָבען זיי געוועקט פון דער ערד דאָס פערבלאָנדזשעטע קערנדעל וואָס דער ווינד האָט עס אהער געבראַכט פון פעטע פעלדער, די ערד האָט קיין גרינס ניט ארויסגעצויגען און האָט זיך שוין יאָ דאָ און דאָרט דורך דעם זאמד גרינע קנאָספען־שפּראָצעכטס געוויזען, איז עס פריהצייטיג פון זאמד און שטויב פערטריקענט און אויפגעגעסען געוואָרען. און דאָס גאַנצע שטיק לאַנד אויסגעצויגען ארום ברעג פון ווייכסעל איז געווען ווי אַן אונגוצליכע שמאַטע, וואָס איז געוואָרען ארויסגעוואָרפען פון דעם הויכען רוישענדען וואַלד, פערשעמט פון גאָט און לייט.

זי האָט ניט צוריקגעגעבען דעם פויער, איהר בעל־הבית, די מאָס ווייטצען וואָס ער האָט בעדארפט ארויסנעהמען פון איהר, זיין ארבייט און די קערענדלעך וואָס ער האָט אין איהר אריינגעלעגט, האָט ער זי בעשטימט פאַר דעם אָרעמען קאַרטאָפעל און פאַר'ן אָרעמען ברויט,

וואָס זי האָט איהם אָבגעגעבען צוריק פאַר זיין פּראַצע מיט זעהר אַ קאַרגע האַנד. טאַקע דער שטרוי איז געוועזן קליין און שיטער, און די קערענדלעך אַזוי מאָגער דאַר, אַז עס האָט ניט געלוינט זיי פון די פּלעווע אַרויסצוהאַקען — נור דאָך איז עס געוועזן גאָט'ס ערד, און זי צו פערשעמען, איבערצולאָזען ניט בעאַרבייט — וואָלט געוועזן אַ זינד פאַר גאָט.

איז ער אָרעם געוועזן דער פּויער פון דער ערד און האָט איבער־געטראָגען זיין אָרעמקייט מיט אונטערטהעניגקייט און געדולד. זיינע קינדער ווי זיינע פיה האָבען זיך איהם ניט געבאָוועט, זיי זיינען איהם געבוירען געוואָרען ווי די ערד, סוכאָטניקעס, אָדער זיי זיינען פריה־צייטיג געשטאָרבען. צי פאַר הונגער און דחקות, צי איבער די קללה, — דאָס שטיק לאַנד, איז עפּעס איבער אַ פערבאָרגענע געהיימניס־פאָלע זינד געוואָרען פערשאָלטען, ווי די פּויערים האָבען געגלויבט — נור אפילו די וואָס זיינען יא געבליבען ביים לעבען, און ווי דאָרט זיך געקענט דורכשטופּען און דערוואַקסען, האָט די סוכאָטנישע ערד אויך ניט געקענט זיי מפרנס זיין און ערהאַלטען. דאָס פיה ווי די מענ־שען, כאָטש זיי זיינען קליין־וויקסיג געוועזן, האָבען זיי איהר געמוזט פערלאָזען אין דער יוגענד און פיהרען זייערע הענד אויף אַנדערע פעל־דער, צו פרעמדע פעלקער, איבער די דייטשע גרענעץ. אָדער אויף יענער זייט ים, אין וויטען בראַזיליען.

און געהאַלטען האָבען זיך נור אויף איהר די פון איהרע קינדער, וועלכע האָבען ניט געקלערט — און ניט געוואוסט, אַז עס איז ערגעץ אַנדערש־וואו דאָ אַנדערע ערד, וועלכע בעצאָהלט בעסער און רייכער פאַר דער ארבייט און ווייצען וואָס מען לעגט אריין אין איהר ; די פון איהרע קינדער, וועלכע עס האָט זיך געדאכט, אַז זיי זיינען בעשאַפען געוואָרען פאַר איהר, אָנגעוואַקסען אָן איהר, און מוזען אריבערטראָגען מיט איהר צוזאַמען איהר אָרעמקייט און טרוקענקייט.

האָבען זיי זיך געהאַלטען אָן איהר, און איהר צוריקגעגעבען די קראַפט און פּראַצע, וואָס זיי האָבען גענומען פון איהר ביסעל בידנע חיונה, פון איהר לופט, פון איהרע אָרעמע פּרוכטען, און נאָך די צייט פון זייערע יאָהרען זיך איינגעגראָבען אין איהר, און זייערע לייבער אויסגעמישט מיט איהר שטויב און זאַמד, און ניט איינמאָל האָט אַ פּויער געפונען ביים אַקערען מיט'ן אייזען אין די ערד דעם שייטעל פון

זיין עלטער־זיידע, וואָס זיין קערפּער איז שוין לאַנג געוואָרען אַ חלק פון די ערד.

אויף אַ שיידען־וועג אין אַ ווינקעל פון דעם שטיק לאַנד, איז געשטאַנען אַן אַלטער האַלב־איינגעזונקענער צלם. דער צלם מיט דעם קריסטוס וואָס איז געווען אויף איהם האָבען פערשפּרייט זייערע אַלטע מיט מאָך בעוואַקסענע הענד איבער די צוויי זייטען וועג און האָבען געזאָלט, אַזוי ווי מען האָט אויף זיי אָנגעשריבען, אָבהיטען די געגענד פון הונגער, פייער און מלחמה. דער צלם מיט דעם קריסטוס־בילד וואָס זיינע הענד און פיס זיינען געווען צוגעשלאָגען צום קרייץ — זיינען אַזוי אַלט געווען, אַזוי אָבגעלאָזען און מיט מאָך בעוואַקסען, אַז עס האָט זיך געדאַכט, אַז זיי זיינען אַזוי ווי דער אַלטער אויסגעלעבערטער און מיט דונער׳ס דורכגעברענטער בוים, וואָס איז געשטאַנען הינטער זיי — אַז זיי זיינען אויך אַרויסגעוואַקסען פון דער ערד, האָבען אַמאָל געבליהט, צווייגען און בלעטער געהאַט, נור פאַר אַלטקייט זיינען זיי אַזוי אויסגעדאַרט און טונקעל געוואָרען, און מיט מאָך בעוואַקסען און נייגען זיך צו דער ערד.

אויף יעדען מאַי־יום־טוב האָבען די קינדער פון דאָרף דעם צלם מיט בלומלעך בעפּוצט, ריכטיגע פעלד־בלומלעך, גאָט׳ס אַרבייט וואָס זיי האָבען ערשט פון בוימער אין פעלד אָבגעריסען און פּאַפּירענע, זייערע הענד־אַרבייט. נור די בלומלעך האָבען זיך אויסגעמישט. מען האָט ניט געוואוסט וועלכע עס זיינען פעלד־בלומלעך און וועלכע זיינען פּאַפּיער־בלומלעך. ס׳האָבען ליכטלעך געברענט פאַר די הייליגע מאַמע׳ס בילד וואָס איז געווען אַריינגעוואַקסען אין בוים אַריין, האָט דעם צלם מיט בוימעלעך וואַלד־קשאַקעס אַרומגעזעצט, מיט זאַמד אויסגעשיט און אַ ווייסען טישטוך פאַר דעם צלם אויפגעהאַנגען, האָבען ווי קינדער זייער גאָט׳ס שטיבעל, וואָס איז געשטאַנען אין מיטען וועג אונטער׳ן פרייען הימעל אָהן אַ דאַך, אָהן אַ וואַנד, אויסגעפּוצט און אויסגעציערט, און דאָרף־גוי׳עס האָבען זיך יעדען אויף־דער־נאַכט אין גאַנצען חודש מאַי אונטער דעם קרייץ, צווישען די אַריינגעשטעלטע בוימלעך אַרונטערגעקליבען און אַלע, ווי מענער און ווייבער, ווי אינגלעך און מיידלעך, האָבען פון די ביכער מיט די ליכט בעלויכטען הייליגע ליעדער אין די נאַכט אַריין געזונגען.

אין איינע פון אַזעלכע מאַי־נעכט האָבען זיך די גוים פון דעם דאָרף צונויפגענומען מיט די ליכטער און די געבעט־ביכער אין די הענד אַרום דעם קרייץ און האָבען אָבגעריכט זייער מאַי־געבעט. די פּויערים זיינען זעהר בעטריעבט געווען, עס איז שוין געווען אין שפּעטען מאַי, ווען אַנדערש־וואו האָבען שוין געמוזט די פעלדער אין גאַנצען בעקליידט זיין מיט גרינס, דער ווייטץ און דער קאָרן האָט שוין בעדאַרפט אין דער הויך צו שטעהן און דאָ נאָכ׳ן אַקערען אַזוי ווי דער ווינד האָט אָנגעטראָגען דעם שטויב, בעהויכט די ערד, אַזוי איז עס געווען איצט, טאַקע דאָ און דאָרט האָט זיך געגרינט קאָרן, די קאַרטאָפּעל האָבען בלעטלעך אַרויסגעגעבען, עס וואָלט אפשר דאָס האַ־יאָהר בעסער געווען ווי אַן אַנדערש מאָל, נור וואָס קומט אַרויס — קיין רעגען איז ניטאָ. די ערד איז טרוקען, צוזאַמענגעבאַקען פון די זונן וואָס האָט שוין האַ־יאָהר אין מיטען פריהלינג היים געוואַרעמט. די ערד שפּאַלט זיך און דער שטויב לעגט זיך אויפ׳ן גרינס. דער גלח אין די קירכע פון נאָהענטען שטעדטעל האָט שוין איינינגע געבעטען אָבגעריכט אויף רעגען, נור דער רעגען ווייזט זיך ניט. יעדען פאַרנאַכט קוקען די פּויערים אויף די רויט־אונטערגעהענדע זונן וואָס לאָזט זיך אין טיעפען וואַלד אַריין, זוכען צייכען אויב עס וועט מאָרגען זיין רעגען — געפינען אָבער קיינע ניט. די טעג זיינען וואַרעם, די נעכט זיינען שוואַרץ, מיט שטערען איז דער הימעל בעדעקט, און די זונן געהט יעדען טאָג גליהענד אונטער, בעלייכט דעם גאַנצען וואַלד און די בוימער נייגען זייערע קעפּ צו די רויט־אונטערגעהענדע זונן. האָבען די גוים דאָס מאָל זייער געבעט אָבגעריכט מיט צובראָכענע הערצער, און זייערע שטימען זיינען געווען זעהר ריהרענד. אין די ווייבערישע שטימען האָבען זיך טרעהרען געהערט, און די מענער־שטימען זיינען געווען האַרט, רויה, נור דאָך האָט זיך אין זיי אַ קלאָגען געהערט. זיי האָבען זיך ניט געהאַלטען אין טאַקט, ניט מיטגעזונגען, נור האָבען געשריען, רויה געשריען די ווערטער אין די שטילע טונקעלע נאַכט אַריין, וואָס האָט אַרום־געהאָרכט אַרום דעם גאַנצען, גאַנצען שטח. דער וואַלד איז שוואַרץ געווען און זיך איינגעהילט, געטוליעט זיך צו זיך, יעדער בוים איז געשטאַנען פאַר זיך, ווי אַליין אין זיין סוד בעהאַלטען און געמאַכט דעם איינדרוק ווי אַ שוואַך אונבעהילפיג קינד, וואָס מען האָט עס אַניעדערגעשטעלט און עס ווייס ניט ווי צו דער

מאַמען אהיים צו געהן. נור די קעפּ אין דער הויף האָבען זיך אויסגע־
מישט, בעהאַלטען זיך אין איינעם און פּערלוירען געוואָרען אין די
שווארצע נאַכט. שטיל איז געווען ארום, נור אַ שטיל טיעף גערויש
האָט זיך געהערט אין טיעפען וואלד — ווי דאָס וואָלט אויסגעזאָגט
פון דעם טיעפען שרעקליכען געהיימניס וואָס טהוט זיך יעצט אין וואלד
אָב... דאָס שטילע גערויש האָט געוואָרפען אַ שרעק אויף די קינדער,
וואָס די גוים האָבען מיטגענומען צום צלם. די קינדער האָבען ארומגע־
קניעט און זיך איינגעטוליעט צום צלם צו. צוערשט האָבען זיך געהערט
זייערע קינדער־שטימען מיטזינגען די ליעדער, דערנאָך ,ווען די נאַכט
איז שווארץ געוואָרען, דאָס ביסעל רויטליכקייט איז פערטרונקען גע־
וואָרען אין טיעפען וואלד, און פון וואלד האָט זיך דערהערט דאָס שטילע
גערויש — זיינען זיי שטיל געוואָרען, נור ענגער נאָך צוגעטוליעט זיך
צום קרייץ צו... זייערע ליפּען האָבען אין דער שטיל געברומט „טאַטע
אונזער"... דאָס ליכט, וואָס האָט זיך געברענט ארום קרייץ, און די
עלטערען'ס שטימען וואָס האָבען יעצט שוין ניט מעהר געזונגען נור
געשריען, הארצרייסענד געשריען, קלאָגענדיג זיך, קלאָגענדיג זיך, האָט
אויף זיי אזא שרעק געוואָרפען, אז זיי זיינען איינגעשלאָפען, איינס
צוגעטוליעט צום צווייטען, און מיט די הענד ארומגענומען דעם האַלץ
פון קרייץ. די סוכאָטניטשע ערד וואָס האָט זיך יעצט איינגענאָרעט, און
איינגעקאָרטשעט זיך אין די שווארצע נאַכט אריין איז געלעגען אויס־
געצווינגען ארום דעם שווארץ־געהילטען וואלד, ארום דעם טיעף אין סוד
איינגעזונקענעם וואסער און האָט זיך איינגעהאָרכט צו די געשרייען,
און האָט זיך צוגעקוקט צו די ליכטלעך וועלכע לייכטען זיך פון קרייץ
אהער, און צו די שווארצע שאָטענס פון די פויערים וועלכע ליגען
ארום דעם קרייץ, איינגעהאָרכט און צוגעזעהן זיך אַלץ און געוואוסט,
אז איבער איהר זיינען די געשרייען וואָס רייסען זיך אין די נאַכט
אריין, און ווי אַ קאַפּריזנע, שלעכטע מאַמע איז זי געלעגען, „איך וועל
ניט בעסער ווערען".

ניט ווייט פון צלם, אָבגערוקט פון די קינדער, אָבגערוקט פון די
פּויערים, איז געלעגען אויף דער ערד איינגענאָרעט אַ מין בעשעפע־
ניש, וואָס האָט געמאַכט דעם איינדרוק אין די נאַכט ווי אַ משוגע'נער
הונד, וואָס קוקט אויס אויף וועמען אָנצופאַלען און בייסען, אזוי האָט
דאָס בעשעפעניש אריינגעגלאָנצט אין די נאַכט אריין, מיט זיינע

צוויי שווארצע גלאנצענדיגע אויגען, וואס זיינען געווען אונרוהיג, געווארפען זיך און געמיאוטשעט. עס האט געבילט, אונפערשטענדליכע געשרייען האט עס געשריען, טהיילמאל מיט געבייזער ווי אויף די קופע מענשען געבילט, געוואלט אנפאלען אויף זיי, טהיילמאל פאר זיך אליין געשריען, בעקלאגענדיג זיך אויף עפעס... אדער איינגעטוליעט דעם קאפ צו דער ערד, און פאר דער ערד עפעס געקלאגט, געזאגט, געוואלט... טהיילמאל האט עס זיך פון ארט דערהויבען, צוגעלאפען אויף אלע פיער, צום קרייץ צו, ווי געוואלט זיך אויף וועמען ווארפען, מיאוטשענדיג עפעס, נור באלד האט עס זיך ווידער אניעדערגעלעגט פון דער־ווייטען, געלעגט זיך אויף אלע פיער, צוגעקוקט זיך, דעם קאפ צו דער ערד צוגעבויגען און אנגעהויבען צו קלאגען מיט אזוי אן אונ־מענשליך קול, אז עס האט דאס הארץ געשניטען... די פויערים האבען דאס בעשעפעניש צוערשט נים בעמערקט, דערנאך, ווען דער אלטער מארטשין האט בעמערקט פון דער־ווייטענס זיינע גלענצענדיגע אויגען, האט ער א מינוט אויפגעהערט צו זינגען, ארויסבויגענדיג דעם קאפ האט ער געזאגט צו אנטאן גראבאוו:

— אנטאניו, דיין אונגליק דערנעהנט זיך.

א מינוט האבען די גוים אויפגעהערט צו זינגען, און געסטרא־שעט פון דער ווייטען דאס בעשעפעניש.

— אנטלויף, דערוויייטער זיך, דו אונגליק, — און גע'צלם'ט זיך איינצייטיג פאר'ן היילינגען בילד: — היילינגע פריילייין ערבארעם דיך!

אנטאן האט גענומען א וויטקע פון דער ערד, און פון דער ווייטען געשאקעלט דערמיט צו דער בעשעפעניש:

— צו די סטאראלע, צו די סטאדאלע, דו פאקראקע.

די אנטאניכע האט זיך דערוויייל גע'צלם'ט, און ווייזענדיג אויף דער בעשעפעניש האט זי זיך געבעטען פאר'ן היילינגען בילד, מיט טרעה־רען אין די אויגען:

— היילינגע פריילייין, ערבארעם דיך, און טרייב פון איהם ארויס דעם שלעכטען גייסט, און נעהם איהם צו דיר אין הימעל אריין; בעשיץ איהם אונטער דיינע לייכטענדע פליגעל, היילינגע, היילינגע פריילייין, קריסטוס הער!

דאס בעשעפעניש איז אלץ געלעגען אויף אן ארט, און צוגעהארכט זיך ווי די גוים שרייען אויף איהם. די קינדער האבען זיך אויף א

מינוט אויפגעכאפט, דערזעהן די גלענצענדע אויגען, געשראָקען זיך, און געהנטער זיך צוגעטוליעט צו די עלטערען.

— דאָס האָט דיך דער טייוועל אהער געשיקט, אז דו זאָלסט אונז אין אונזער בעטען שטערען — האָט א גוי זיך אָנגערופען פון דער חברה.

באלד האָט זיך אנטאָן גענעהנטערט צו דער בעשעפעניש, יאָגענ־דיג איהם מיט די צווייג, און דאָס בעשעפעניש האָט זיך אויפגעכאפט, אנטלאָפען און פערלוירען געוואָרען אין די טונקעלע נאכט אריין.

באלד דארויף האָבען די פויערים זייער תפילה געענדיגט, איבער־געלאָזט דעם קריסטוס אויפ'ן צלם מיט דעם ליכטעל וואָס האָט געברענט פאר איהם אין מיטען דער נאכט און זיינען זיך ווי שאָטען צוגאנגען.

אנטאָן מיט די אנטאָניכע זיינען אהיים געקומען אין זייער שטיבעל אריין, האָבען געוואָרפען א בליק אויף די קוה מיט'ן קאלב וואָס זיינען געשטאנען אין הויז און זייערע פיסקער אין שטיבעל דורכ'ן לייטער'ל אריינגעשטעקט. אנטאָן איז ארויסגעגאנגען די לאָדען צומאכען, די אנטאָניכע האָט פון אינעווייניג דאָס אייזענדעל אריינגעשטעקט, דאָס שטיקעל קיהן האָט זיך אויפ'ן אויווען געברענט. אנטאָן איז אריינגע־קומען, און אָנגעהויבען זיך אויסטהון, האָט די אנטאָניכע געפרעגט דעם מאן:

— עס ליגט הינטער דער שוועל?

— עס ליגט — האָט אנטאָן אָבגעענטפערט.

די אנטאָניכע האָט א שטיק ברויט אָבגעשניטען פון דעם שווארץ ראָזעוואַנע לעבעל, א שפאלט פון די טהיר אויפגעעפענט, און הויז ארויסגעוואָרפען.

— נא, האָסט דו, מיין אונגליק.

דאָס בעשעפעניש וואָס איז הינטער די טהיר געלעגען, האָט דאָס שטיק ברויט געכאפט. די אנטאָניכע האָט דאָס קיהנדעל פערלאָשען און זיך אין בעט צום מאן געלעגט שלאָפען.

דאָס בעשעפעניש, וואָס איז יעצט געלעגען אויף די שוועל פון אנטאָנ'ס כאלופע, אין וועלכער עס האָט זיך געפונען זיין קוה מיט'ן קאלב, און קרישענדיג דאָס הארטע שטיק ברויט האָט עס זיך איינ־

געהילט אין די גרויסע וועסט וואָס האָט געטראָגען און געבלישטשעט מיט די צוויי גרויסע שוואַרצע אויגען — האָט געהערט צו אנטאָנ׳ען מיט די אַנטאָניכע.

די סוכאָטניטשע ערד פלעגט פון צייט צו צייט ארויסוואַרפען פון זיך ווילדע מיני בעשעפענישען, קאַליקעס און אונגעוועהנליכע בעלי מומים, סיי ביי מענשען, סיי ביי פיה, וואָס האָבען געהאַט פערשיעדענע מאָדנע פאָרמען. עס פלעגען געבוירען ווערען טהיילמאָל פון אַ קוה קעלבער מיט געשטאַלטען פון פערשיעדענע בהמות, אָדער פון די ערד פלעגען ארויסוואַקסען פרוכטען, עהנליכע צו מענשליכע פאָרמען, קאַרטאָפלען אין געשטאַלט פון קליינע פערדלעך, קעלבליך, ווי לאַנגע אויסגעצויגענע טאָפּאָלען; מענשליכע קינדער מיט הינדטישע פנים׳ער, אָדער אין געשטאַלט פון קעלבער, וואָס פלעגען קריכען אויף אַלע פיער, און פלעגען בילען ווי הינד, מיאוטשען ווי קעץ, און האָבען די אייגענשאַפטען פון חיות. די גוים האָבען געגלויבט ביים געבוירען ווערען פון אזאַ מין בעשעפעניש אַז דאָס איז פון שטן, און דאָס איז די גאַנצע סיבה פון זייער אָרעמקייט, טרוקענקייט און פערשיעדענע קרענק. דאָס פיה אין די אונגליקליכע געשטאַלטען פלעגען זיי באַלד אונטערברענגען, אין וואַסער דערטרינקען, אין די ערד איינגראָבען, אָדער טהיילמאָל עס אין וואַלד אַריינפיהרען און ביי א געוויסע צערעמאָניע עס אין פייער פערברענען. די מענשליכע בעשעפענישען אין אַזעלכע געשטאַלטען, ווען עס פלעגט זיך טהיילמאָל ווייזען, האָבען זיי געלאָזט אויסהונגערן ביז עס פלעגט אַליין פון זיך שטאַרבען, דערנאָך האָבען זיי דאָס ערגעץ אין די ערד איינגעגראָבען, וואו קיין מענשען׳ס פיס טרעטען ניט.

די אַנטאָניכע האָט פאר א פּאָאר יאהר צוריק געבוירען אזאַ מין בעשעפעניש — אַ קינד אין געשטאַלט פון אַ הינדטעל. עס איז געוועזען גאַנצען מיט האָאר בעוואַקסען, קליינע שוואַרצע אויגען וועלכע זיינען טיעף אין פלייש געזעסען, לאַנגע אַראָבהענגענדע אויערן, שטום איז עס געוועזען, און פלעגט אַרויסלאָזען פון זיך קולות עהנליך צו הינדטישען בילען. אין די ווינקלען פלעגט עס קריכען, ליעגען אויף אַלע פיער און קוקען ווילד און אונהיימליך ערגעץ־וואו מיט די אויגען.

די גוים האָבען געגלויבט, אַז דאָס בעשעפעניש איז געקומען פון שטן, און אַזוי לאַנג ווי דאָס לעבט איז עס נור דאַ שלעכט צו מאַכען. אַלע אונגליקען וואָס פלעגען פאַסירען אין דאָרף האָט מען

אַנגעלעגט אויף דעם בעשעפעניש. האָט מען עס געטראָפען אויפ'ן וועג, האָט מען דאָס אָנגענומען פאַר אַ שלעכטען צייכען; אַז עס פלעגט זיך ווייזען ביי אַ געבעט, איז געווען אַ צייכען אַז דער שטן האָט זיך אריינגעמישט. אין דאָרף האָט מען עס געוואָלט אונטער־ברענגען, אויסהונגערן, די עלטערן האָבען עס פון קליינערהייט אָן פון שטוב דערווייטערט, און עס פלעגט זיך אין דאָרף ארומוואַלגערן, נור וואָס די גוים האָבען ניט געטהאָן דאָס בעשעפעניש אונטערצוברענגען, האָט עס זיך דאָך ערהאַלטען, אין דאָרף ארומגעלאָפען, געפרעסען אַלץ וואָס עס האָט געפונען; דורך די אָפענע פענסטער, דורך די אָפענע טהירען אין די שטובען זיך אריינגעכאַפּט, אראָבגעשלעפּט אַלץ וואָס האָט געפונען אויף די טישען אין די שיסלען, און ערנעהרט זיך פון וואָס עס האָט געקאָנט. אָבלאָוועס פלעגט מען מאַכען אויף דעם בעשעפעניש, פעריאָגען עס אין וואַלד אריין, נור עס האָט ניט געהאָל־פען קיין שום זאַך, אזוי ווי אויף להכעיס די גוים האָט דאָס דער שטן גענומען אין זיין שוטץ, בעשערט עס טאָג און טאָג זיין ביסעל בידנע חיונה, פון וואָס עס האָט זיך גערדאַרפט ערנעהרען אום צו דערהאַלטען זיין אונגליקליך לעבען, צו שאַדען די מענשען אין דעם דאָרף, און צו דער שאַנד פון זיין מוטער, וואָס דער שטן האָט זיך דערנעהנט צו איהר, און פון זיך אַזאַ בעשעפעניש ארויסגעגעבען...

ביי טאָג האָט עס זיך אין דאָרף אויפגעהאַלטען, הינטער יעדער טהיר געטשאַטעוועט, אויף די קינדער אָנגעפאַלען, פעריאָגט זיי און דאָס ברויט אוועקגענומען. און קוים האָט עס עפּעס דערטאַפּט, פלעגט עס זיך בעהאַלטען הינטער אַ טרעפּ, הינטער אַ שטאַל, און אויפפרעסען דאָס וואָס עס האָט דערטאַפּט. קוים אָבער איז די נאַכט צוגעפאַלען, פלעגט עס פאַר געוואוינהייט אָנקומען פאַר'ן טויער פון זיין מוטער'ס שטיבעל, זיך דרעהען אהין און דרעהען אהער, און ווי אַ הונד, וואָס מען לאָזט איהם ניט אין שטוב אריין אין אַ רעגען, האָט עס הינטער די טהיר געבילט, געמיאַוטשעט, ביז דער פאָטער פלעגט ארויסגעהן דעם לאָדען צומאַכען, האָט ער עס אריינגעלאָזט אין הויז אריין וואו דאָס פיה איז געשטאַנען. די מוטער פלעגט דאָן אַ שטיק ברויט, אַ טעלער מיט איבערגעבליבען עסען הינטער די טהיר ארויסשטעלען, און די טהיר פערמאַכען נאָך זיך.

די מוטער וועלכע האָט געהאַט נאָך קינדער, און האָט בעדאַרפט

אינאיינעם מיט די קיה אין אקער זיך איינשפאנען, אום די צוויי מארגעם ערד, וואס איהר מאן האט געהאט, צו בעארבייטען, האט ניט קיין צייט געהאט צו זארגען, אדער צו דענקען פון דעם בעשעפעניש. אז זי פלעגט עס זעהען, אדער מען האט איהר עפּעס דערצעהלט פון דעם, פלעגט זי די הענד פערשפרייטען פאר די הייליגע מאריע, און בעטען אז גאט זאל זיך אויף איהם מרחם זיין, ארויסטרייבען פון איהם דעם גייסט און צונעהמען איהם צו זיך. נור אין די ווינטערדיגע נעכט, ווען דאס בעשעפעניש איז געלעגען אין הויז, דער פראסט אין דרויסען איז גרויס געוועזן, פלעגט זי אין דער שטיל בייגאכט זיך אויפהייבען, ווען דער מאן איז שוין געשלאפען, די טהיר עפענען און דאס בעשעפעניש אין שטוב ארייגלאזען, צוּוואַרפען איהם א לאכמאנע, אז ער זאל זיך צודעקען, א שטיק ברויט איהם צוּוואַרפען, אז קיינער זעהט ניט, אדער א טעלער עסען. און ווען עס איז געווען דער בויך־טיפוס אין דארף, קליינע קינדער זיינען פיעל געשטארבען, די גוים האבען געזאגט אז עס איז פון איהם, מעשי שטן, און האבען איהם דורכאויס געוואלט סם'ען, האבען פאר איהם א קוכען אבגעבאקען מיט סם און איהם אונטערגעווארפען אז ער זאל עס אויפפרעסען, — איז זי געשטאנען א גאנצען טאג, א גאנצע נאכט, דאס בעשעפעניש מיט א שטעקען אבגעהיט, און פון דעם ארט וואו דער קוכען איז געלעגען איהם אוועק־געיאגט, ביז עס איז געקומען דער דארפס־סטראזשניק, מיט'ן סאלטים, און האבען דעם קוכען צוגענומען, און דאס בעשעפעניש אויף א פאאר טעג אין די וואך איינגעשלאסען ביז די גוים האבען זיך בערוהיגט...

דער פאטער האט אויך וועגען דעם בעשעפעניש וועגיג געקלערט, האט מיט זיין פערדעל א גאנצען טאג האלץ געפיהרט פון וואלד צו די זעג; ער האט געוואלט עס זאל שטארבען, נור עס זאל אליין פון זיך שטארבען. טויטען עס, ווי די פויערים האבען געוואלט, האט ער ניט געקענט איבערטראגען, דאך, ווען די גוים, ביים טיפוס־קרענק, האבען איהם סם'ען געוואלט, האט ער געוואלט זיך בעהאלטען אין וואלד, ניט געוואלט אהיים געהן, און געשריגען, אז עס איז איהם אלץ איינס, נור ווען ער האט זיך אנגע'שכור'ט, מיט די פויערים אין שענק געקריגט, אז זיי האבען איהם פארגעווארפען מיט'ן בעשעפעניש: — „דיין ווייב איז מיט'ן שטן געשלאפען! כאוועסט א בענקארט פון שטן

אויף״ — פלעגט ער אהיים קומען, דאָס ווייב ביי די האָאר כאַפּען, און שלאָגען מיט די פויסטען אין קאָפּ אריין :

— דו פערשאָלטענע ! טייוואָלים געווינסט דו, צום שאַנד פון די מענשען.

זי פלעגט זיך ארויסרייסען פון איהם, בעהאַלטען זיך ביי א שכנ׳טע. דער גוי איז אויף דער ערד געפאַלען, אויסגעשלאָפען זיך, אויסגעניכטערט, דערנאָך האָט ער ווידער פערגעסען אין בעשעפעניש.

צו מאָרגענס אין דער פריה האָט זיך אנטאָן אויפגעהויבען, האָט פון הויז ארויסגעפיהרט דאָס פערדעל, (דאָס בעשעפעניש איז שוין ניט געווען), איינגעשפאַנט צום וואָגען און ווי זיין געוואָהנהייט געפאָהרען אין וואַלד אריין, פיהרען די אָבגעהאַקטע בוימער צו די זעג. עס איז געווען א שעהנער פריהמאָרגען, די יונגע זון האָט געוואַרעמט דעם וואַלד פון דעם קאַלטען אָבענד, און געטריקענט די בלעטלעך. דער פויער — ווי זיין זאַק וואָס ער האָט געהאַט אויף זיך — האָט גאָר ניט געקלערט, גאָר ניט געוואוסט, נור געטהאָן זיין ארבייט. פּלוצים, אזוי ווי ער איז טיעפער אריינגעפאָהרען אין וואַלד, האָט ער דערזעהן איינינע וועגען־הייזלעך פון צירק־קאָמעדיאַנטען שטעהען אין מיטען וואַלד, א פייער׳ל ברענט זיך, א רויך געהט, און עס הערט זיך א קול פון האקען האָלץ. אז ער איז נעהנטער צוגעקומען האָט ער דערזעהן ווי די שעפּער־שקצים׳לעך האָבען נייגיעריג ארומגערינגעלט איינס פון די וועגען־הייזלעך, פון וועלכען עס האָבען דורך די גראַטעס ארויסגעקוקט פּער־שיעדענע חיות : א לייב האָט זיך געדרעהט ארויף און אראָב אונרוהיג, מאַלפּעלעך האָבען אין א שטייג אויף א לייטער׳ל ארומגעשפּרונגען און אמוזירט זיך מיט די שעפּער־אינגעלך, וועלכע האָבען זיי שטיקער צוקער און עסענוואַרג צוגעוואָרפען. א מענש, אין א קאַרטאָן אָנ־געטהאָן, מיט ארויפגערוקטע ארבעל און מיט פאַרב־אויסגעשטאָכענע הענד און א רינגעלע אין אויער האָט די חיות פלייש דערלאַנגט דורך די גראַטעס און צוגעוואָרפען זיי אזעלכע מאָדנע ווילדע ווערטער, וואָס נור די חיות האָבען פערשטאַנען. צוערשט האָט דאָס פויער׳ל געוואָלט דורכפאָהרען, עס איז שוין שפּעט, ער איז אָבער נייגיעריג געווען צו זעהען די חיות, האָט ער אָבגעשטעלט די פוהר, און א מינוט זיך אויף

צוגעקוקט צו די בעשעפענישען, געקוקט און געשוויגען און געטראַכט זיך: „ס'אַרא ווילדע בעשעפענישען דאָס זיינען!"

ער איז נייגיעריג געווען צו וויסען פון וואָס פאַר א מין דאָס איז — צו פרעגען האָט ער קיינעם ניט געהאַט, האָט ער זיך נאָך א פּאָאר מינוט צוגעקוקט, נייגיעריג, מיט א געוויסען שרעק, באַלד אָבער אינסטינקטיוו האָט ער געגעבען א פּישטש צום פערדעל, א שמיטץ מיט'ן בייטשעל „וויאָ" — און איז ווייטער געפאָהרען זיין וועג.

— קריסטען אודאי ניט. — האָט ער זיך געטראַכט.

— מיט מאַלפּעס טרייבט זיך דאָס ארום, צום טייוועל מוז דאָס דיענען.

— און דאָס בלאָנדזשעט ארום איבער די וועלט, דאָ אהער געקומען זיך צו שלעפּען, מענשען שלעכטס צו טהון...

— וועט שוין וועם דארפען אן עולה ארויסקומען, — טראַכט ער זיך ווייטער — אז דאָס ווייזט זיך נור. בחנם ווייזט זיך דאָס ניט.

— מען האָט עס געדאַרפט מיט שטעקענס צו פערטרייבען פון דאַנען; שדים וויסען ווער דאָס איז. — אזוי קלערענדיג איז ער צוגעפאָהרען צו די גוים וועלכע האָבען שוין געוואַרט אויף איהם, דעם אָבגעהאַקטען בוים אין דעם פערדעל איינצושפּאַנען, צום זעג צוצופיהרען.

ער האָט זיי געוואָלט דערצעהלען וועגען די מענשען וואָס זיינען אין וואַלד — נור עפּעס ווי מורא־האָבענדיג, אז מען זאָל איהם ניט זיין „חרפּה" פּאַרוואַרפען, האָט ער געוואַרט ביז די גוים וועלען דערפון אָנהייבען צו רעדען.

נאָך דעם מיטאָג־עסען, ווען די גוים האָבען זיך אנידערגעזעצט הינטער די בוימער מיט די טעפּ אין די הענד, האָט דער אַלטער וואַיטעק זיך אָנגערופען:

— באַ! דען דאָס איז פון שטן געשיקט — אונז נור קאַליע צו מאַכען. דען דאָס האָט ניט קיין רוהיגע נשמות, אזוי ווי דער ווינד וואַנדעלט עס פון לאַנד צו לאַנד, און וואו עס קומט טהוט עס שלעכטס די מענשען.

— און די מאַלפּעס, מיינט איהר, זיינען ריכטיגע מאַלפּעס? — דערצעהלט א דריטער — אָדער די מייזלעך וואָס זיי האָבען אין די קעסטלעך. עס איז דאָך בעוואוסט, אז דאָס זיינען אַלץ פערשאַלטענע

נשמות, וואָס זיי נעהמען אויף אויף זייער וועג, אָדער וואָס טשעפּעט זיך צו און זיי פיהרען עס צום טייוועל אהין.

— פערטרייבען דאַרף מען דאָס! מיט שטעקענס דאַרף מען דאָס פערטרייבען פון דאָרף. — האָט זיך אנטאָן אָנגערופען.

— אַלערערשטענס דאַרף מען דעם שטן, וואָס זיצט צווישען אונז, פערטרייבען. — האָט איינער פון די מחנה געזאָגט, מיינענדיג אנטאָנ׳ס בעשעפעניש, וואָס וואַלגערט זיך אין דאָרף אַרום.

אַ מינוט האָבען אַלע שטיל געשוויגען. נור דאָרט הינטער אַ בוים האָט אין דער שטיל געקיכערט... אנטאָן איז בלייך געוואָרען, האָט געקלערט צו כאַפּען דעם דישעל פון זיין וואָגען און צושלאָגען. ער האָט דאָס דאָך ניט געטהאָן, ער האָט זיך געפּוילט...

אַ מינוט איז דער שמועס אָבגעהאַקט געוואָרען, נור באַלד איז ער פיעל ערנסטער געוואָרען, דען מאַטשיק, דער עלטסטער פון די פּויערים מיט אַן אָבגעהאַקטען פוס, האָט זיך אָבגערופען:

— מיר האָבען איהם שוין לאַנג געדאַרפט פערטרייבען פון דאָרף, אַל־דאָס שלעכטס ברענגט ער צו אונז, און ווער ווייסט צי ער האָט זיי ניט אויך דאָ אהער געבראַכט, די קאָמעדיאַנטען, אויב ניט איבער זיינעטוועגען זיינען זיי דאָ אהער געקומען.

— ווי ער האָט נעכטען אין מיטען געבעט באַלמוטשעט! דאָס שיקט איהם דער שטן אהער, דער שטן אהער.

— צו סם׳ען האָט מען איהם געדאַרפט נאָך דערנסטמאָל, אויף גאָר ניט צו קוקען — נור סם׳ען — האָבען שוין איינ־גע הויך געשריען.

— ווער האָט דען אייך ניט געלאָזט? — האָט איהר בעדאַרפט מיט אייגענע הענד. ווילט איהר, אַז די זינד זאָל דערנאָך אויף מיין האַלז ליעגען — וויל איך ניט! — האָט אנטאָן זיך אָנגערופען.

דער אַנטוואָרט פון פאָטער האָט איינגעשטילט די פּויערים, ווייבער געמאַכט זיי, האָבען זיי אויפגעהערט צו רעדען דערפון, און אַ גאַנצען טאָג, ביי דער אַרבייט, שוין איין וואָרט ניט געלאָזט פאַלען דערפון.

ווען אַנטאָן איז פאַרנאַכט אהיים געפאָהרען, האָט ער געוואָלט אויסמיידען די קאָמעדיאַנטען און פאָהרען דורך אַן אַנדערען וועג, זיך ניט בעגעגענען מיט׳ן שטן פּנים אל פּנים, נור צוקומענדיג נאָהענט האָט ער דערהערט פון דאָרט, וואו די וועגען זיינען געשטאַנען, אַ גרויס ברומען און אַ געשריי, און אַ גרויסע מענגע איז דאָרט געשטאַנען. ער

איז נייגיעריג געווען צו זעהן, וואס דארט איז אזעלכעס, האט ער אויסגעדרעהט און צוגעפאהרען צו זיי. אהינקומענדיג זיינען איהם שוין איינעגע דארפס־יונגען פאראויסגעלאפען, מיט איינעם פון די קאמעדיאנטען מיט דעם רינגעלע אין אויער, און האבען געשריען, ווייזענדיג אויף איהם:

— אט איז דער פאטער! אט איז דער פאטער!

דער קאמעדיאנט, ארויסנעהמענדיג א פאפיראס און פעררויכערנדיג, האט געזאגט צו אנטאנען, ווייזענדיג אויפ'ן אינגעל:

לאז אונז אב, פאטער, דעם אינגעל, אין דארף וואלגערט ער זיך ארום, האסט קיין נוצען פון איהם סיי ווי סיי ניט.

אנטאן האט זיך ערשט יעצט אומגעקוקט און דערזעהן זיין בעשעפעניש אנגעטהאן אין א קליידעל, ווי א צירק־הינטעל, און מיט א קייטעל אויפ'ן האלז האלט איהם איינער פון זייערע לייט, און לערנט איהם שפרינגען דורך א רייף, צום געלעכטער און פרייד פון די מענגע דארפס־אינגלעך און ווייבער, וואס רינגלען ארום דעם ספעקטאקעל.

— מיט אן אמת, פעטערל — קומט אן א צווייטער פון זייערע לייט, א הויכער און א דיקער, מיט א גרויסען בויך און א גאלדענע בראנזועלעט אויף דער האנד, מיט א שפיצרוט אויף דער האנד און אן אדלער אויפ'ן אויפגעדעקטען הארץ אויסגעמאלט — מיט אן אמת, און געלד וועסטו אויך קריגען — אויף צוויי מארגעס ערד. וואו וואוינסטו דו פעטער'ל?

— און וואס נאך? דו טייוועל! און איך וועל דיר דא ווייזען, הע, הע, דו טייוולישער בענקארט! — ער איז אראב פון די פוהר מיט די בייטש צום בעשעפעניש, ווען עס האט איהם דערזעהן מיט דער בייטש אין האנד, האט זיך עס געגעבען א רייס ארוים פון דעם קאמעדיאנט און מיט א ווילד בילען זיך געלאזט אין טיעפען וואלד אריין.

דער פויער האט געגעבען א שמיץ דאס פערדעל, און בעגלייט מיט די נעוואלדען פון די שקצים אין ער אין דארף צוגעפאהרען.

אריין אין שטוב, איז ער מיט די פויסטען צו צום ווייב:

— היט דיר דיין בענקארט, היט דיר דיין טייוועל, דו טייוולישעס ווייב!

— א לא באגא, א לא באגא. — האט די גויה געשריען.

די שקצים'לעך, די קינדער, זיינען פונקט פון וואלד אנגעקומען מיט

די קוה און קאַלב, האָבען דערזעהן ווי דער פאָטער שלאָגט די מוטער, האָבען זיי אָנגעהויבען הויך צו וויינען, און צוגעפאַלען איהם צו די קניען.

— אַ יעזאַ, אַ יעזאַ, טאַטולקאַ, טאַטולקאַ. — און די פּיס איהם געקושט.

— שווייגט, בענקאַרטס, איך וועל אייך די קעפּ שפּאַלטען! — האָט ער געשריען.

די גויה האָט זיך פון איהם אַרויסגעריסען, און צו אַ שכנ׳טע אַנטלאָפען.

דער ערשטער כעס איבערגעגאַנגען, האָט ער זיך דערמאָהנט אַז דאָס פערדעל שטעהט נאָך איינגעשפּאַנט צום וואָגען. ער איז אַרויס, דאָס פערדעל אויסגעשפּאַנט, אין שטאַל געפיהרט, דעם וואָגען אין הויף געבראַכט — איז ער הונגעריג געוואָרען, אין אויווען געזוכט, האָט ער אַ שייגעצ׳ל נאָך דער מוטער געשיקט.

די מוטער איז געקומען, קאַלאַציע דערלאַנגט. צו די „מאַליטוואַ מאַיאָווע“ איז ער ניט געגאַנגען — האָט זיך ניט געוואָלט מיט די גוים טרעפען נאָך די סצענע אין וואַלד, איז ער אין בעט געקראָכען שלאָפען.

דערנאָך ווען די מוטער איז אַרוים דעם לאָדען צו פערמאַכען, האָט זי שוין געטראָפען איהר „אומגליק“ ליעגענדיג הינטער די טהיר פון הויז און בילענדיג ווי אַ הונד, אַז מען זאָל איהם אַריינלאָזען.

די נאַכט איז שוואַרץ און קאַלט געווען, עס האָט זיך געקליבען אויף רעגען. פון דערווייטענס האָט אָבגעשאַלט דאָס געזאַנג פון די פויערים ביים צלם... דאָס בעשעפעניש איז געלעגען אין דעם היגטישען קלייד, איינגעגנאָרעט דאָס פּנים אין דער ערד. געציטערט פאַר קעלט מיט פיס און הענד, און געבילט, געקלאָגט זיך, געקלאָגט זיך... האָט אַ גרויסער רחמנות די מוטער אַרומגענומען אויף איהר בעשעפעניש... אַ פשעטשעז איז ער דאָך איהר בלוט — וואָס איז ער שולדיג, אַז דער טייוועל האָט זיך אין איהם בעזעצט. האָט זי די האַנד אויסגעשטרעקט, איהם געגלעט איבער׳ן קאָפּ:

— דו מיין אונגליק... דו מיין וועהטאָג! פאַרוואָס האָט דיך גאָט אַזוי געשטראָפט? פאַרוואָס? יעזוס ליעבער, פריילין הייליגע, ערבאַרם דיך איבער איהם, ערבאַרם דיך.

דאָס בעשעפעניש האָט זיך געטוליעט צו איהר, און געלעקט ווי אַ

הונד איהר האנד... געביסען איהר קלייד און מיט'ן פנים עפּעס געזוכט אין איהר... צוטוליענדיג זיך צו איהר ענגער... ענגער...

זי האָט איהם, דורך די טהיר, אין דער שטיל, דער מאן זאָל ניט זעהן, אַ טעלער ארויסגעשטעלט, צוגעמאכט די טהיר נאָך זיך, און פאַר'ן הייליגען בילד זיך געוואָרפען איהר נאכט-געבעט זאָגען:

— הייליגע פריילין, ערבאַרם דיך איבער איהם, נעהם איהם צו דיר אין הימעל ארויף... הייליגע פריילין, קריסטוס ליעבער.

— קריך אין בעט אריין, אַלטע. — האָט דער פּויער האַלב פון שלאָף געזאָגט.

זי האָט זיך אויסגעטהאָן, אין בעט געקראָכען.

דער פּויער האָט אַ גאַנצע נאכט ניט געקענט שלאָפען, געוואָרפען זיך, געדרעהט, און יעדעס מאָל דאָס ווייב געוועקט:

— דו שלאָפסט?

— איך שלאָף... און האָט זיך פערדרעהט אויף דער צווייטער זייט.

ער האָט געקלערט וועגען דעם, וואָס דער דיקער האָט איהם אין וואלד געזאָגט.

געלד פאר צוויי מאָרגעס ערד...

— איך וועל דאָך דעם טייוועל קיין קינד ניט פערקויפען, און ווי עס זאָל ניט דאַרט זיין, פון מיר איז עס דאָך. — האָט זיך דער פּויער געטראַכט און צו דער וואַנד אויסגעדרעהט שלאָפען.

געשלאָפען איז ער דאָך ניט. ער האָט די אויגען צוגעמאַכט, און עס האָט זיך איהם פאַרגעשטעלט דאָס בילד אין וואלד, ווי דער צירק-מענש האַלט דאָס בעשעפעניש אויף אַ קייטעל אַנגעבונדען און לערנט עס שפּרינגען דורך אַ רייף, צושלאָגענדיג פון אונטען מיט די שפּיצרוט וואָס ער האָט אין האַנד.

— און פון שטן איז דאָס געשיקט, געוויס פון שטן. דאָס האָט ער זיי אהער געבראַכט, דאָ אהער. — האָט ער זיך געטראַכט, דערמאָהנענ-דיג זיך וואָס די גוים האָבען געזאָגט אין וואלד.

איינצייטיג אָבער ווי ער האָט זיך דאָס געטראַכט, איז איהם איין מינוט פון קאָפּ ניט ארויס, דאָס וואָס דער „דיקער" האָט איהם געזאָגט: און געלד פאר צוויי מאָרגעס. — ער האָט איין מינוט געגעבען אַ טראַכט

וועגען דעם שטיק ערד וואָס ליעגט ביי איהם אין שכנות אויפ'ן בערגעל, דאָרט קומט דער זאַמד ניט ארויף — בעסער ווי זיינע — נור מאַנטשיק האָט דריי מאָרגעס. צוויי וועט ער ניט פערקויפען — אין איינעם מיט זיינע פיער וואָלט ער אַ זיעבען מאָרגעס געהאַט, אריינגעכאַפּט אויך אין וואַלד אריין.

— אַ, דו זינדיגער, דו זינדיגער, פערקויף ניט די נשמה! פערקויף ניט! ווייסט דאָך עס איז פאַר דעם טייוועל! —

נור טראַכטען מעג ער זיך.

האָט ער זיך אַרונטערגערוקט הינטער די לאַכמאַנע, בעהאַלטען דעם קאָפּ אונטער די קאָלדרע, אזוי ווי ער האָט מורא געהאַט פאַר די שווארצע שטוב, אַז עס זאָל קיינער ניט הערען זיינע געדאַנקען, און דאָרט זיך פאָרגעשטעלט דאָס בילד אין גאַנצען צו קויפען דעם באַרג, אַ, אויף דריי וועט ער אויך געבען. דאָס „אונגליק" וועלען זיי מיטנעהמען מיט זיך, עס וועט שוין קיינער ניט האָבען מעהר אויסצוזידלען, אזוי ווי היינט אין וואַלד — דאָס „אונגליק" איז נישטאָ און ערד האָסטו נאָך דערפאַר, און אזוי ווי אַזוי וואָלט גלייכער געווען עס וואָלט געשטאָרבען.

און ווי ער האָט זיך דאָס געטראַכט, האָבען אַלץ די ליפּען געקלאַפּט: אוי, אוי, מעשי שטן, מעשי שטן. פריילין היילינע, יעזוס ליעבער, העלף מיר, זיי רחמנות'דיג, זיי רחמנות'דיג.

עס איז איהם היים געוואָרען. ער האָט פון זיך די קאָלדרע אראָבגעוואָרפען, דערזעהן פּלוצלונג דאָס לעמפּעל וואָס האָט געברענט פאַר'ן הייליגען בילד, און אַ שטאָך האָט איהם געטהאָן אין הארצען.

— דו טראַכסט דיר, און גאָט ווייס אַלעס. אוי, דו זינדיגע נשמה, דער טייוועל נעהמט דיך גוט אין האַנד אריין.

און דאָך האָט ער איינצייטיג דאָס ווייב געוועקט:

— אַלטע, אַלטע, הער נור.

— ע, וואָס לאָזט דו היינט ניט שלאָפען? ביזטו קראַנק? דער בויך טהוט דיר וועה?

— מען וויל דיר דאָס „אונגליק" אבקויפען, אויף צוויי מאָרגעס ערד ווילען זיי געבען.

געוואָלט האָט ער זאָגען: דער „טייוועל" וויל דיר דאָס קינד אָבקויפען.

— ע, רעד ניט קיין נארישקייטען, לאז שלאפען.

— אז זיי ווילען — באַ זיי ווילען — האט דער גוי נאך צוגע־ברומט.

שלאפען האט ער ניט געקענט, עס איז איהם היים געווען, און דאס ליכטעל פאר'ן הייליגען בילד האט איהם עפּעס געשטערט... האט ער זיך אָנגעטהאָן, דען פון שפּאלט פון לאדען האט זיך שוין געלויכטען.

— וואס איז דיר דאס היינט ? פאר וואס טהוסט דו דיך אָן ? — פרעגט איהם די אלטע פון שלאף ארויס.

— עס דאכט זיך מיר, אז עס ריהרט וועך דארט ביי די בהמות.

— ע, דיר דרעהט זיך היינט אין קאפּ.

דער גוי האט גארניט אָבגעענטפערט.

נאך א קליין שטילשווייגען, האט זיך די פויערטע אָנגערופען, ווי זי וואלט זיך אָן עפּעס דערמאָהנט :

— וואס האסטו דאס פריהער געזאגט, אז זיי ווילען קויפען. וואס ווילען זיי קויפען ?

—אָ, דאס אונגליק, דיין בעשעפעניש ווילען זיי קויפען — ווילען זיי קויפען. — האט דער פויער געזאגט בייז, ניט וויסענדיג פארוואס ער איז בייז.

— איך וועל דיר באלד דאַ געבען א קויפען. איך וועל באלד לויפען צום גלח, דעם סטראזשניק וועל איך דערצעהלען.

— אָ, שווייג, וואָרעם, שווייג. איך בין אז קריסט ווי יעדער איינער. אז דו וועסט עפּעס רעדען, וועל איך דיר די צייהן אויס־האקען.

די גויה האט שוין געשוויגען.

אין א פּאאר מינוט ארום איז דער גוי אזוי בייז געוואָרען, אז ער האט געוואלט נעהמען א האק און איהם דעם קאפּ אָבהאקען, אזא כעס האט איהם ארומגענומען.

— טייוואָלים געווינסט דו, מיט'ן טייוועל שלאָפסט דו — א זאָל דיר ! — און איז ארויס, צוהאקענדיג די טהיר נאך זיך.

די גויה האט דאס פּנים אין קישען איי:·גראָבען, און געבליפּעט : פּאני באָזשע, פּאני באָזשע !

אויף דער שוועל אין הויז האט ער אָנגעטרעטען אויף עפּעס

ווייכס, פון וועלכען ער איז מיט שרעק פלינק צוריקגעשפרונגען. עס איז געווען דאָס בעשעפעניש, אין הינדטישען העמדעל, וועלכעס איינגענאָרעט דעם קאָפּ אין זיך איז געלעגען און געשלאָפען. ער האָט אויפגעעפענט די טהיר פון הויז און ביי דער שיין פון דעם ערשט־איינברעכענדען טאָג, האָט ער בעטראַכט דאָס בעשעפעניש.

דאָס הארץ האָט איהם עפּעס געזאָגט, אז ער זאָל צוגעהן נעהנטער, ער האָט ניט געוואָלט, איז אַרויס אויף דער גאַס, געטראַכט זיך, ער וועט אליין געהן צום גלח.

איינשפּאַנענדיג דאָס פערדיל האָט ער געגעבען אַ וואָרף אַ בליק אויף מאַטשיק׳ס נחלה, וואָס ליעגט מיט איהם אין שכנות אויפ׳ן בערגעל. אין פריהען מאָרגען־גרוי איז די ערד אויפ׳ן בערגעל געווען גרינער ווי אין דער גאַנצער אומגעגענד, אַ ראַסע־וואָלקען איז איבער געלעגען.

נישט צו קומען צו קיין פּרובונג, איז ער געפאָהרען אין אַן אנדער׳ן וועג אין וואַלד אריין, כדי זיך ניט צו בעגעגענען מיט די קאָמעדיאַנטען.

די אַנטאָניכע האָט זיך אויפגעהויבען באַלד נאָכ׳ן מאַנ׳ס ארויסגעהן, ארויס אין הויז, גענומען דאָס בעשעפעניש, צוגעפיהרט עס צום שטרויבוידעם, איהם אריינגעלאָזט און פערשלאָסען די טהיר נאָך איהם, פאַר דער טהיר זיך געשטעלט, ווי עפּעס געוואָלט ווענען אָבוואַרטען, בערייט געווען מלחמה צו האַלטען מיט דעם וואָס וועט קומען איהר דאָס בעשעפעניש אַוועקנעהמען, האָט דעם שייגעץ אַ טעלער מיט אַ שטיק ברויט ארויפגעטראָגען, איהם אוועקגעשטעלט, בעהאַלטענערהייד, עס זאָל קיינער ניט בעמערקען ווי זי האָט דאָס בעשעפעניש בעהאַלטען, און ערשט דאַן, ווען זי האָט דאָס שליסעלע פון שלאָס, הינטער וועלכען דער שייגעץ איז געווען בעוואַרנט, אויף איהר הארץ געפיהלט, האָט זי זיך גענומען נעהמען צו איהר טעגליכע ארבייט.

אַ שכנ׳טע איז אריינגעקומען, האָט געוואָלט באָרגען אַ שופעל דאָס ברויט ארויסצונעהמען, און שוין ביי דער טהיר האָט זי זיך אָנגערופען:

— היט אייער אונגליק, היט איהם גוט, דען ניט־גוטע זיינען געקומען נאָך איהם. מען הערט זיי פון וואַלד. — האָט די גויה געזאָגט.

— וואָס האָב איך איהם דאַרט צו היטען. אז גאָט וועט וועלען וועט ער זיין געהיט — זאָגט די אַנטאָניכע, טהוענדיג איהר אַרבייט, און פיהלענדיג דאָס שליסעלע אויפ׳ן האַרץ.

— וואָרום דאָס זיינען אזעלכע מענשען, וואָס זיינען פון טייוועל געשיקט נאָך איהם. א סך האָבען זיי שוין מיט זיך.

די אנטאָניכע האָט גאָר ניט געענטפערט, נור פעסטער צוגעדריקט דעם שליסעל צו איהר ברוסט, ווי זי וואָלט איהר קינד בעהאַלטען.

אז די גויה האָט געזעהן אז יענע שווייגט, איז זי ארויסגעגאַנגען.

דערווייל האָט זיך איבער'ן דאָרף דער קלאַנג פערשפּרייט, אז ניט־גוטע זיינען געקומען, געשיקט פון טייוועל, צוצונעהמען אנטאָן'ס בעשעפעניש. עס האָט אָנגעהויבען ארומצוגעהן איבער'ן דאָרף פערשיעדענע לעגענדען און איין פויערטע האָט די צווייטע געשראָקען מיט די ווילדסטע זאכען. מען האָט אָנגעהויבען דערצעהלען וועגען טייוועל־מעשים, וואָס זיי, די קאָמעדיאַנטען, טהוען אין דאָרף מיט די חיות און מאַלפעס אָב. די פויערטעס האָבען זייערע קינדער בעהאַלטען, הונדערט מאָל אין טאָג זיך געצלמ'ט און ניט געלאָזט קיינעם פון זייערע געהן אין וואַלד אריין, ווייזען זיך, אָדער זעהען זיך מיט'ן שטן וואָס איז דאָרט.

און דערווייל האָט זיך עפּעס טאַקע איבער'ן דאָרף געוויזען פערשיעדענע מיני קאַליקעס, אַלטע לייט מיט לירעס האָבען דאָס דאָרף דורכגעצויגען, מכשפות האָבען זיך געזעהען, ווי זיי האָבען דורך די פענסטער אריינגעקוקט... אזעלכע גויה'ס, בלינד אויף איין אויג, האָבען זיך אין דאָרף געוויזען, האָבען זיך אין די הייזער געפרעגט, ווער עס האָט מייז צו פערטרייבען, וואַנצען אויסצוראָטען. אין דעם אַלעם האָבען די גוים געזעהן צייכענס פון שטן, אז ער איז געקומען נאָך דאָס זייניגע.

— אז ער איז געקומען נאָך דעם איז פערפאַלען, מוז מען עס דעם שטן ארויסגעבען, אז ניט, וועט ער דאָס גאַנצע דאָרף מזיק'ן. — האָבען די גוים געזאָגט.

די אנטאָניכע אָבער האָט זיך פאַרגעברייט מלחמה צו האַלטען מיט'ן שטן מיט אַלע כחות. זי האָט אויף דער טהיר פון היי־בוידעם א צלם אויפגעקריצט מיט א שטיקעל קרייד, אז דער שטן זאָל קיין שליטה ניט האָבען. זי האָט געפיהלט, אז עפּעס טהוט זיך אין דאָרף... מען ברייט זיך אָן אויף איהר, דען אן אנדערע שכנ'טע איז ווידער אריינגעקומען, און האָט איהר געזאָגט:

— און איהר זיינט דאָ, און איהר ווייסט ניט וואָס די פויערים

זאָגען — און דאָ איז דאָך דער טייוועל געקומען נאָך דיין אונגליק.

די גויה האָט געשוויגען.

— אוי, עס איז פערפאַלען, אוי, עס איז פערפאַלען. מיט'ן טייוועל וועסטו גאָר ניט מאַכען.

די גויה האָט ווידער געשוויגען און געטהאָן איהר אַרבייט, רויט־טויט ווערענדיג.

און די גוים זיינען אין קרעטשמע געגאַנגען אויף אַ נאַראַדע... דען מען דאַרף איהם אַרויסגעבען פון דאָרף.

— און איך וועל זיי דעם יונג ניט אַרויסגעבען, און וואָס וועט זיין, וועט זיין. — האָט די גויה געזאָגט.

— אוי, שפּאַר דיך ניט איין, אוי שפּאַר דיך ניט איין, וואָרום מיט'ן טייוועל וועסטו גאָר ניט מאַכען.

— און איהר געהט און צוברעכט הענד און פיס, — האָט זי געזאָגט — דען איך וועל אייך דאָ געבען מיט'ן לאָפּעטע — האָט זי אויפגעהויבען די לאָפּעטע אַז די שכנ'טע איז אַרויסגעלאָפען. און די אַנטאָניכע האָט צוגעמאַכט די טהיר נאָך איהר.

פּשא יוכא! — זי האָט געטראַכט צו כאַפּען דאָס טוך און לויפען צום גלח, אָדער נאָכ'ן מאַן. אָבער זי האָט זיך דערמאָהנט אַז זי לאָזט איבער דאָס בעשעפעניש אַליין, האָט זי אָנגעגרייט דעם רידעל און געוואַרט אויף דעם.

די גוים, וואָס זיינען איבערגעבליבען אין דאָרף, זיינען נישט געווען אויף די אַרבייט, נישט אין פעלד נישט אין וואַלד — האָבען זיך צוזאַמענגעקליבען אויפ'ן בריקעל און האָבען גערעדט, און האָבען געראַדזשעט:

— און מען דאַרף אַהין געהן, דאָס בעשעפעניש מיט געוואַלט אַרויסנעהמען און זיי אַרויסגעבען. זאָלען זיי געהן פון דאַנען, זאָלען זיי נעהן פון דאַנען.

— אַ פייער וועט ער שיקען, אוי אַ פייער וועט ער שיקען. און יעדעס מאָל זיינען אייניגע פון זיי דורך איהר שטיבעל דורכגעגאַנגען, געוואָלט כאַפּען אַ בליק וואו דאָס „בעשעפעניש“ געפינט זיך. זיי האָבען געזעהן די אַנטאָניכע מיט צופלאַמטע אויגען, צופלאָשטעטע האָאַר און רויטע צוקאָכטע באַקען האָט זיך מיט דעם רידעל ווי אַ טיראַן פאַר איהר שטיבעל געדרעהט, גרייט געווען אַרויפצופאַלען אויף די וואָס

וועלען קומען איהר קינד אוועקנעהמען, און מיט די נעגעל ווי א חיה אויף זיי זיך ווארפען, איהר אייגען־געבוירענעם מיט דעם גאנצען לייב און לעבען ראטעווען — האבען זיי מורא געהאט, אבגעלעגט די זאך ביז פארנאכט, ווען דאס גאנצע דארף פויערים וועלען פון פעלד אהיים קומען, און די זאך זיך איבערלעגען, וואס זיי האבען צו טהון.

דאס בעשעפעניש האט זיך צווישען די צירק־לייט, אין גנזעלשאפט פון די חיות און מאלפעס, געפיהלט גוט און צופריעדען. אהנע צו וויסען האט זיך אין דער מענשען־חיה ערוועקט א אינסטינקט פון א צירק־הונד צו ערגעטצען און צו ערפרעהען די צושויער מיט זיינע העויות און קרומע בעוועגונגען. און וואס העכער עס האט זיך געהערט דאס געלעכטער פון די דארפס־אינגלעך, וואס האבען איהם נעכטען געזעהן דורך דעם רייף שפרינגען, און וואס צופריעדענער זיי זיינען געווען — האט זיך עס געסטארעט וואס מעהר צו ערגעטצען דעם עולם.

און קוים האט עס די מוטער אין היי־בוידעם איינגעשלאפען, האט עס זיך געפיהלט געפאנגען, און געבענקט און געצויגען נאכ'ן וואלד, נאך דעם צירק. עס האט דאס עסען ניט אין מויל גענומען, געווארפען זיך פון איין ווינקעל אין צווייטען, בעהאלטען דאס פנים אין די פאדלאגע און געוואיעט, און געוואיעט. א שכנה פון דער־נאהענט האט דאס וואיען געהערט, האט זי געזאגט: „דאס ווייגט, דאס ציהט דאס זיין נשמה צום שטן.“ און זי האט דאך רעכט געהאט, עס האט זיך אזוי לאנג געווארפען, און געשמעקט און אויסגעקוקט ביז עס האט דאך א לאך געפונען פון וואנען עס זאל זיך פון היי־בוידעם ארויסקריגען. און ווען די מוטער האט זיך הינטען פאר'ן הויז מיט דעם רידעל ווי א ווילדעס טהיער ארויף און אראב געדרעהט, בעשיצענדיג איהם, האט דאס זיך דורך א בעהאלטען לאך, דורך א בעהאלטענעם וועג, צווישען קשאקעס און שטעכערס, אז קיינער זאל דאס ניט זעהן, אין וואלד זיך צו די צירק־לייט געלאזט...

ביי די צירק־לייט איז היינט קיינער ניט געווען. די מוטערס האבען זייערע קינדער ניט געלאזט אין וואלד אריין, שרעקענדיג זיך, אז דאס איז דער טייוועל מיט די מכשפים, וועלכע זיינען געקומען נאך דעם „בעשעפעניש“. זיי זיינען שוין גרייט געווען אבצופאהרען אין די נאהנטסטע שטאדט אריין, נור זיי האבען געוואלט דאס „בעשעפע־

ניש” מיטקויפען, וועלכעס וואָלט פאַר זיי אַ גוטע סחורה געוועזן. אין דאָרף אַריין האָבען זיי מורא געהאַט צו געהן מיט דעם פּאַטער איבער־צורעדען, כדי עס זאָל ניט קיין גערודער ווערען. זיי האָבען איהם אָב־געוואָרט אין וואַלד, וואו קיין מענש וועט ניט זיין.

און אַזוי ווי דער קאָמעדיאַנט מיט׳ן רינגעלע אין אויער און מיט די בעמאָלטע הענד שטעהט פאַר די מאַלפּעלעך און וואַרפט זיי פלייש דורך די גראַטעס אַריין, דערהערט ער פון דער נאָהנט אַ בילען ווי פון אַ הונד. ער קוקט זיך אום — ערשט דאָס „בעשעפעניש” ליעגט פאַר איהם, און פּיעשטשעט זיך צו איהם, און קוקט אויף איהם מיט אַזעלכע בעטענדע אויגען, ווי עס וואָלט רעדען געוואָלט, און מאַכט מיט די ליפּען, און ברענגט פון זיך אַזעלכע וויינענדיגע בעטענדיגע קולות, אַז דער קאָמעדיאַנט האָט רחמנות געקריגען דאַרויף, און האָט עס ליעבליך מיט די האַנד אויפ׳ן קאָפּ געגלעט, און דאָס „בעשעפעניש” האָט זיך געפרעהט, געלעקט איהם די האַנד, און געשפּרונגען געגען איהם ווי אַ הינדטעל.

אַז אַנטאָן האָט געדאַרפט פאַרנאַכט אַהיים פאָהרען פון וואַלד, האָט ער געוואָלט, ווי אין דער פריה, דורך אַנאַנדער וועג פאָהרען, זיך ניט צו בעגעגענען מיט יענע לייט, נור ביים פאָהרען האָט ער געטראַכט: סיי ווי סיי וועט פון דעם גאָר ניט ווערען. די ווערטער האָט ער מעהר געזאָגט מיט׳ן מויל ווי מיט׳ן האַרץ. פאַר׳ן האַרץ האָט ער אַנאַנדער׳ן תירוץ געהאַט, אַז ער וועט ניט פאָהרען דורך דעם וועג, ער וועט נור צופאָהרען צום צלם, דערנאָך וועט ער אויסדרעהען צום געלען וועג צו— און וועט דאָרט אַרום אַהיים פאָהרען, דען דורך דעם גאַנצען טאָג האָט איהם דער שטן דערקוטשעט, האָט איהם פאַרגעשטעלט מאַטשיק׳ס באַרג־שטיק אין פערשיעדענע צייטען פון יאָהר... ער האָט מורא געהאַט פאַר די פּויערים אַז זיי זאָלען ניט זעהען זיינע געדאַנקען, האָט ער זיך דערוויטערט פון זיי דעם גאַנצען טאָג, און אַלץ געקלערט וועגען דעם. אויף דער נאַכט, האָט ער זיך געטראַכט, וועל איך אַהיים פאָהרען דורך אַנאַנדערן וועג, זיך ניט צו בעגעגענען מיט זיי, נור קוים איז ער צוגעקומען צום צלם האָט ער ווי ניט וויסענדיג אָבגעדרעהט אויף דעם זייט וועג, וואו די קאָמעדיאַנטען זיינען.

דער וואַלד איז אין פאַרנאַכט שטיל געוועזן. די סאָסנעס זיינען געשטאַנען יעדע איינציגע בעזונדער, הויך געשפּאַרט אין הימעל אַריין

מיט זייערע קעפּ און געשוויגען. אַנטאָן האָט זיי ניט דערקענט. עס האָט איהם געדאַכט, אַז ער זעהט צום ערשטען מאָל דעם וואַלד און ערקענט ניט די סאָסנעס; פרעמדע, ניי אָנגעקומענע זיינען זיי. אַזוי שווייגען זיי... דאָס הארץ האָט איהם געקלאַפּט און ער האָט זיך געשראָקען... ער האָט ניט געוואוסט פאַר וואָס עס שרעקט איהם, פאַרוואָס דאָס הארץ קלאַפּט איהם.. דאַכט זיך, ער האָט יעצט איבער דעם גאָר ניט געטראַכט, ער האָט איבערהויפּט וועגען גאָר ניט געקלערט... ער האָט גאָר ניט געדענקט... עס איז איהם גאָר ניט איבערגעבליבען, נור שרעק...

פון דערווייטענס צווישען די בוימער האָט זיך געשפּיגעלט דער רויטער הימעל, איבערגעפלאָסען מיט בלאָע וואָלקענס, וועלכע האָבען דורך די בוימער פון וואַלד געמאַכט אַן איינדרוק, ווי אַ ברייט ליכטיג וואַסער־פעלד פון אַ ים. אין וואַלד דאָ און דאָרט האָבען זיך העלע זון־פלעקען געוויזען, און די בוימער שטעהען און שווייגען... קוקען זיך צו אַלעם צו און שווייגען...

באַלד האָט ער פון דערווייטענס די פוהרען צווישען די בוימער דערזעהען, אַ שטיל געוויש פון דאָרט דערהערט. דער גוי האָט געציטערט, און מיט שרעק ווי פאַר עפּעס אונהיימליכעס האָט ער דאָס פערדעל אָבגעשטעלט.

ער האָט געטראַכט, געוואוסט אַז ער דאַרף אומקעהרען, און אוועק־פאָהרען, פלינק, פלינק אוועקפאָהרען; דאָך האָט ער זיך ניט געקענט ריהרען פון אָרט, ווי צוגעשמידט.

באַלד האָט ער דערזעהן ווי מען דערנעהנטערט זיך צו איהם, דער דיקער מיט׳ן גראָבען בויך, מיט די בראָנזעלעטע אויף די האַנד און די שפּיטצרות אין די האַנד, זיין פּנים האָט ער ניט געזעהן, נור אַ פּיער־קאַנטיג היטעל אויפ׳ן קאָפּ. נאָך איהם איז ווער נאָכגעגאַנגען.

און ווי זיי האָבען זיך דערנעהנטערט צו איהם, האָט זיך דער פויער געטראַכט: „שוין, אַז עס איז שוין לאַנג פערפאַלען, אַז ער איז אין די האַנד פון שטן. דער שטן האָט איהם ארומגענומען מיט זיין מאַכט, געפאַנגען איהם אין זיין נעסט און ער מוז טהון אַלץ וואָס ער וועט איהם הייסען.“

און ווי די קאָמעדיאַנטען זיינען נור צו איהם צוגעקומען, איידער זיי האָבען נאָך אַ וואָרט געזאָגט, האָט דער פויער זיך אָנגערופען:

— און אויף דריי מאָרגעס וועט איהר געבען?
— מיר וועלען געבען.
— טאָ איז גוט.
— גוט.
— פאָהרען מיר צו יענקל'ען.
— פאָהרען מיר.

די קאָמעדיאַנטען האָבען זיך אויף זיין וואָגען ארויפגעזעצט, און ער איז געפאָהרען מיט זיי צו יענקל'ען.

דער גוי האָט געוואוסט, אז ער פאָהרט מיט'ן טייוועל, און ער האָט זיך געוואונדערט, אז עס איז גאָר ניט אזוי שרעקליך ווי ער האָט געמיינט.

יענקל דער קרעטשמער האָט זיי אין זיין בעזונדערע שטוב אריינגעלאָזט, בראַנפען דערלאַנגט, ביער דערלאַנגט. ער האָט ניט געוואוסט וועגען וואָס עס האַנדעלט זיך, האָט ער זיך אויך אָנגעהויבען אריינצומישען, האָט אָנגעהויבען צו ריהמען דעם פויער'ס פעלד, דאָס הייזעל, די קיה, געוואָלט זיך אין געשעפט אריינקריגען. געוואָהר געוואָרען צום סוף וועגען וואָס עס האַנדעלט זיך, האָט ער זיך אָבגערוקט, מורא געהאַט, און שטיל שווייגענדיג מיט אַ געלעכטערל אויף די ליפען האָט ער מאַנעקיניש דערלאַנגט צום טיש דעם בראַנפען, וואָס זיי האָבען פערלאַנגט, געהיט זיך מיט אַן איבריג וואָרט און געמאַכט זיך ווי ער וויים גאָר ניט וועגען וואָס דאָ האַנדעלט זיך, איבערהויפט זיי אליין געלאָזט, און צו זייניגע, וואָס זיינען הינטער דער טהיר געשטאַנען, געזאָגט:

— מיר ווייסען פון גאָר ניט, ניט אונזער געשעפט... זיי ווילען בראַנפען, גיט מען זיי בראַנפען, אַן אָפענע שענק — ווער עס וויל קומט אריין.

און די אידענע, וואָס איז הינטער די שענק געזעסען, האָט זיך די באַקען געקניפט, די הענד געבראָכען... אין דער שטיל געזאָגט:

— אוי, וועה, מאַמעלע קרוין, עס איז דאָך גאָר קיין אומה ניט. אַן אייגען פלייש און בלוט, ווי קען מען דאָס? — און האָט דאָס מיידעלע געקושט אין קעפעלע, וואָס איז ביי איהר געשטאַנען, מיט גרוים רחמנות, צוטוליענדיג עס צו זיך, ווי זי וואָלט מורא געהאַט מען זאָל עס פון איהר ניט אַוועקנעהמען. איהר גוט אָרומגעוויקעלט דאָס

טיכעלע אויף איהר העלזעל, און צוגעקנעפּעלט איהר דאָס קאַפּטענדעל:

— ערקעלט דיך ניט, קינד.

דער פויער איז שפּעטליך אהיים געקומען. אהיים געקומען, האָט ער שוין געפונען די קאַלאַציע אויפ'ן טיש און די שקצים'לעך האָבען געוואַרט אויף איהם. שווייגענדיג איז ער אין שטוב געקומען, שווייגענ־דיג האָט ער זיך צום טעלער געזעצט, זיך ניט גע'צלם'ט פאַר'ן עסען. די גויה האָט איהם געוואָלט דערצעהלען וועגען די נאַראַדע אין דאָרף איבער דעם „בעשעפעניש", נור זי האָט עס אָבגעלעגט אויף נאָכ'ן עסען. דער פויער איז בייז געווען. אין מיטען עסען האָט זי זיך ניט געקענט איינהאַלטען, און האָט אָנגעהויבען צו רעדען:

— א יאָשט טי, זיי האָבען זיך געראַדזעט, געראַדזעט, דעם שייגעץ ארויסצוגעבען...

דער פויער האָט גאָר ניט געענטפערט, וואָרום דורכ'ן פענסטער האָבען זיך געהערט פוהרען דורכפאָהרען, א געלויף פון קינדער נאָך... און פון דער גאַס האָט זיך געהערט דורכ'ן אָפענעם פענסטער א קול רופען:

— בעהאַלט די קינדער, בעהאַלט די קינדער, דען דער טייוועל פאָהרט דורך!

אין הויז האָבען צוויי שכנ'טעס געשמועסט:

— געלויבט איז גאָט, פערלאָזט שוין אונזער געגענד.

די גויה האָט שוין מעהר ניט גערעדט דערפון, מורא געהאַט זי זאָל ניט ברענגען צו קיינע אונאַנגענעהמע סצענעס.

אָבגעגעסען, האָט די גויה א טעלער גענומען, אין דער שטיל, ווי האַלב גע'גנב'עט, ארויסגעגאַנגען, און ארויפגעטראָגען דעם בעשעפעניש אין „היי־בוידעם"...

באַלד האָט זיך געהערט פון דרויסען א שרעקליך האַרץ־געשריי, ווי מען וואָלט מיט די פויסטען אין פענסטער געקלאַפּט.

— אוי יעזו, יעזו, ראַטוי ראַטוי, — איז זי אין שטוב אריין, מיט אַן אונמענשליך געשריי, ווי מען וואָלט זי גע'שחט'ען — כלאָפּאַקאַ ניעמאַ...

זי האָט זיך אויף דער ערד געוואָרפען און געשלאָגען דעם קאָפּ אין די פּאָדלאָגע...

— ראַטעוועט, ראַטעוועט דעם יונג... ער איז נישטאָ...

דער פויער האָט זיך שווייגנדיג פון טיש אויפגעהויבען, אַרויס־גענומען דאָס געלד פון די הויזען־קעשענע און אויף דעם טיש געוואָרפען.

די גויה האָט זיך פון דער ערד אויפגעכאַפּט, מיט אַ בליק פון אַ וועלפין צו צום מאַן, מיט די הענד אויסגעשטרעקט, באַלד האָט זי געכאַפּט אַ טוך אויפ'ן קאָפּ, אַרויס אויף דער גאַס, און מיט אַלע כוחות געלאָזט זיך לויפען נאָך די פוהרען.

אויף אַלע שוועלען איבער די דאָרף־גאַס, וואו די גויה איז מיט אַ געוואַלד אויפ'ן וועג געלאָפען, האָבען זיך קופּקעלעך פויערטעס און פויערים צוזאַמענגעקליבען, די גויה נאָכגעקוקט, גע'צלם'ט זיך און געזאָגט איינע צו די צווייטע:

— וואָס איז צום טייוועל — דאָס איז צום טייוועל; דו וועסט גאָר נישט מאַכען; געקומען נאָך ס'זייניגע און גענומען זיך ס'זייניגע...

די גויה איז געלאָפען מיט אַלע איהרע כחות, שוין אַרויס אויפ'ן וועג, די נאַכט איז צוגעפאַלען, די נאַכט איז שוואַרץ געווען, און די ערד האָט זיך אין שוואַרצען געהילט... אַ קליינער רעגען האָט געטריפט, און פון ביידע זייטען וועג די אַלטע טאָפּאָלען האָבען אויסגעזעהן ווי אַנגעלאָפענע שדים האָבען זיך אַהער געקליבען מיט אָבגעהאַקטע קעפּ און שטעהען אויפ'ן וועג. די ערד איז שוואַרץ אַרום און אַרום — ווי אַ ווילד פער'עקשן'טער פויגעל, בויגט דעם קאָפּ אין די קניען און בעהאַלט זיך... די גויה האָט זיך געדאַכט אַז שדים און רוחות יאָגען איהר נאָך, יעדע טאָפּאָליע איז אַן אַנגעלאָפענער שד, יעדער שוואַרצער פלעק איז אַ פערשאָלטענער טייוועל... נשמות פערשאָלטענע... און דאָרט די בוי־מער אין די נאַכט מיט זייערע שוואַרצע צווייגען — אַ פערשאָלטענע משפחה, פערשטיינערט געוואָרען אין אַ בוים... געהען איהר נאָך... געהען איהר נאָך און בעטען איהר עפּעס... און די גאַנצע שוואַרצע ערד אַרום און אַרום... ווי אַ שוואַרצער פערשאָלטענער פויגעל, בויגט דעם קאָפּ אין זיך און קלאָגט... און קלאָגט... אַ פערשאָלטענע גרויסע נשמה... וואָס מוטשעט זיך און זוכט אַ רוה... און באַלד האָט זיך איהר געדאַכט אַז אַלעם אַרום איז אַ ים פון שדים, רוחות רעות, טייוואָלים, אַז אַלץ וואָס רינגעלט אונז אַרום טרינקט זיך אין פערשאָלטענע נשמות, יעדער בוים, יעדער שוואַרצער פלעק, יעדער טראָפּען וואַסער, יעדעס שטיקעל טונקעלע גראָז, איז אַ פערשאָלטענע נשמה, וואָס איז פער־

וואנדעלט געוואָרען דורך אַ געהיימען שפּרוך אין אַזאַ זאַך, און שטעהט און קלאָגט, און בעט זיך, עס וויל אויסגעלעזט ווערען... זי האָט מורא געהאַט מיט אַ פוס צו טרעטען אויף דער ערד, אַז זי זאָל ניט הינטער זיך אַ קוויטשע הערען... און די טאָפּאָלען שטעהען ווי אַלטע שדים און שטעקען אַזעלכע לאַנגע, לאַנגע צונגען ארויס...

האָט זי פאַר זיך אַ צלם געזעהן, שטעהט צווישען די טייוואָלים — דער צלם, האָט זיך איהר געדאַכט, אַז דאָס איז דער איינציגער שטיקעל פּלעק, אינזעל אין דעם ים פון שדים, — איז זי צו דערצו, ארומגעכאַפּט מיט ביידע הענד דעם צלם, די האָר זיך ארום דעם צלם ארומגעוויקעלט, דאָס פּנים איינגעגראָבען, ווי זי וואָלט זיך ראַטעווען געוואָלט פון די נאָכיאָגענדע שדים און האָט געברומט:

— יעזו! יעזו! יעזו!

און זי האָט געזעהן ארום זיך די גאַנצע ערד, ווי עס וואָלט אַ ים פון שדים געווען, אַ פערשאָלטענע נשמה... יעדער פּלעק — רוחות טייוואָלים, און איבער דעם אַלעם שטעהט אַ גרויסער צלם און אויף דעם צלם הענגט אַ גרויסער, גרויסער קריסטוס מיט ברייטע, לאַנגע, לאַנגע הענד, וועלכע ער פערשפּרייט איבער די גאַנצע ערד און שיצט זי פאַר די שדים... און שוואַרצע וועגען פאָהרען ווייט, ווייט אין אַ שוואַרצען ים אריין, וואו עס איז דאָרט פול מיט שדים, מיט לצים און רוחות רעות... און איהר „בעשעפעניש“ איז אויף די וועגען... און די וועגען פיהרען איהם טיעף, טיעף אין דעם שוואַרצען ים אריין פון די שדים און טייוואָלים... טיעף, טיעף אריין.

האָט זי צום צלם געברומט, ביי וועלכען זי איז געלעגען:

— יעזו, יעזו, ערבאַרעם דיך אויף איהם! ערבאַרעם דיך אויף איהם!...

צווישען אַ וואַנד

אויף אַן איינזאַם פעלד, הינטער אַ גרויסער שטאָדט אין אַ טהאָל איז געלעגען אַ גרויסע שוואַרצע פעסטונג, אַרומגעצוימט מיט אַ הויכער דיקער מויער, וועלכע האָט אָבגעשניטען די פעסטונג פון דער וועלט און פערשטעלט פון איהר די וועלטליכע שיין. פון איין זייט מויער האָט אַ ברייטער שטאַרקער טייך געפלאָסען, וואָס נור ביי נאַכט, ווען עס איז אין דער געגענד אַרום שטיל געווען, האָט מען געהערט דאָס קלאַפּען פון זיינע כוואַליעס אָן די מויער. דאָס עכאָ פון די כוואַליעס האָט זיך אָבגערופען פון גאַנץ ווייט און האָט ערוועקט אַ געפיהל פון עפּעס אַ משוגענער מאַמע, וואָס איז אָנגעבונדען ביי דער מויער און וויל זיך אַלץ דערשלאָגען צו דער פעסטונג אַרויסצובעקומען די גופים פון איהרע קינדער, וועלכע זיינען דערינען בעגראָבען... אין דער פעסטונג אין אַן איינזאַמען ווינקעל איז געשטאַנען אַ הויכע שוואַרצע טורמע פאַר פּאָליטישע פערברעכער.

די טורמע, וועלכע איז בעשטאַנען פון איינציגע עטאַזשען, איז געווען פול מיט אַרעסטירטע. די אַרעסטירטע פלעגט מען פון צייט צו צייט איבערבייטען די צימערס, כדי זיי זאָלען נישט קיין צייט האָבען צו בעקענען זיך מיט די שכנים, און טאַקע ביי טאָג איז דאָס הויז געווען אויסגעשטאָרבען און האָט דערמאָהנט אָן אַ קאַטאַקאָמבע, וואָס אין איהרע לעכער ליגען לעבעדיגע, געזונדע מענשען אָהן בעוועגונג. יעדער פון די אַרעסטירטע איז געלעגען אויף זיין נאַרע, אָדער פערקוקט זיך צו משוגע ווערען אויף דעם שפּיץ אויבען. איינציגע אַרעסטירטע האָבען פון אַן אָפענעם לאָך פון זייערע פענסטערלעך געזעהן די רויטע קוה, וואָס פיטערט זיך אויפ׳ן פעלד, און זיינען שוין אַזוי געוואָרען צוגעוועהנט צו דער קוה, אַז זיי האָט זיך גערדאַכט אַז זיי האָבען מעהר אין זייער לעבען ניט געזעהן... אַנדערע אַרעסטירטע האָבען ווי עפּיס אויף צו להכעיס געקוקט אויף דעם אויג פון דעם זשאַנדאַרם, וואָס

האָט ניט מיעדוועדענדיג אריינגעקוקט דורך דאָס טהיר־לאָך... קוים אָבער פלעגט צופאַלען די נאַכט איז דאָס הויז ווי בעלעבט געוואָרען. פון אלע זייטען וואנד האָט זיך געהערט א בעשפּענדיגעס פינגער־קלאַפּען. איין ארעסטירטער האָט זיך מיט דעם צווייטען אויסגע־שמועסט און דערצעהלט זיך פון די אינטימסטע זאכען, ניט זעהענדיג איינער דעם אנדערען. דער צווייטער האָט ווייטער איבערגעגעבען דעם שמועס דעם דריטען שכן, דער דריטער דעם פיערטען, אזוי, אז דאָס גאַנצע גרויזאַמע שווארצע הויז האָט אָנגעהויבען צו רעדען און צו לעבען אין איינעם. עס האָבען זיך דערקענט פריינד מיט פריינד, ברי־דער מיט ברידער. נאָהענטע און ווייטע... פון צייט צו צייט האָט זיך געהערט פעסטע טריט אין קאָרידאָר, און דאָס שטומע ריידען פלעגט זיך איבעררייסען און דאָס גאַנצע הויז שטום טויט ווערען. באַלד אָבער ווי די טריט זיינען נור פערשוויעגען געוואָרען, פלעגט ווייטער דער שמועס זיך אָנהויבען און דאָס הויז פלעגט אויפ'ס־ניי אויפ־לעבען...

אזוי האָט דאָס הויז איינגעוועהנט זיך צו לעבען שטומערהייד, און די פינגער אָנשטאָט די ליפּען צו בענוצען, און מענשען האָבען זיך איינער מיט דעם צווייטען בעקענט אזוי ארום. דאָס אויער פון די ארעסטירטע איז געוואָרען אין דעם פאַך אזוי אויסגעבילדעט, אז זיי האָבען לויט דעם פינגער־קלאַפּען דערקענט יענעמס האראַקטער — איז ער א גוטער אָדער א שלעכטער, אַן אינטעליגענט אָדער אַן ארבייטער. זיי פלעגען אין די פינגער קלאַפּען הערען יענעמס מינע, דאָס געלעכ־טער און דאָס געוויין פון יענעם. איינער פלעגט דעם צווייטען טרייס־טען דורך די פינגער, ליעב קריגען און פיינד האָבען. נישט איינמאָל אָבער האָט זיך אַן ארעסטירטען פערגלוסט אזוי אין העלען מיטען טאָג אָנהויבען צו שרייען, אָדער גלאַט צו ריידען אין די וועלט אריין, פּרו־בירענדיג זיין רעדענס־אָרגאַן, אויב ער דיענט איהם נאָך...

אַמאָל אין מיטען דער נאַכט, ווען די טורמע האָט געהאַלטען אין מיטען בעסטען שמועס דורך די פינגער קלאַפּען, האָט פּלוצלונג ריין און פריש אָבגעשאַלט א יונג, געזונד לאַכען פון א לויטערער מיידעל־שער שטים. די ארעסטירטע זיינען פּלוצלונג דערציטערט געוואָרען. זיי האָט זיך געדאַכט, ווי עס וואָלט עפּיס געשעהן א נישט נאַטירליכעס, און פערשטומט זיינען זיי וואַרטען געבליבען, אָבהאַקענדיג דאָס פינ־גער־קלאַפּעריי, האַרענדיג אויף עפּעס וואָס: עס זאָל זיך הערען א

קאנאנען־שאָס צו דאָס גלייכען... נאָר נאָך אמאָל האָט זיך דערהערט דאָס מיידעלשע זונען־לאַכען, וועלכעס האָט אין די איינזאמע פער־שטומטע וועגד פון טורמע אזוי ווילד אָבגעשלאָגען, ווי א טויטער וואָלט פלוצלונג אָנגעהויבען צו ריידען. ביי די ארעסטירטע האָט זיך אָנגעהויבען דאָס קול צו רייסען פון הארץ... עס האָט זיך געוואָלט אָנ־הויבען צו שרייען, הויך צו שרייען אויפ'ן גאַנצען קול. אָט שוין האָט דער און יענער דאָס מויל געעפענט, וועלענדיג א געשריי טהון, נאָר ביי אַלע איז געווען ווי דאָס לשון וואָלט זיי געוואָרען אָבגענומען און קיינער האָט נישט געקאָנט קיין זילבע פון מויל ארויסברענגען...

דאָס לאַכען איז געווען פון א יונג מיידעל, נאָך א קינד. אז מען האָט זי דאָ אהער געבראכט פון איהר מאַמעס שטוב, האָט זי אזוי ווייט נים פערשטאַנען די ערנסטקייט פון דער זאַך, אז מוטהיג און שטאָלץ מיט א ראָמאַנטישער מינע האָט זי זיך אויפגעהויבען און איז נאָכגעגאַנגען דעם קאָמיסאַר מיט די פּאָליציאַנטען, וועלכע האָבען זי דאָ אהער געפיהרט. איהר האָט זיך געדאַכט, אז נאָכדעם וואָס עס האָט זיך מיט איהר געטראָפען, מוז געשעהען עפּעס זעהר א וויכטיגע זאַך... און זי איז די העלדין דערפון. קוים אָבער איז זי געבליבען אליין צווישען די שטומע פיער וועגד האָט זי זיך אין א ווינקעל גע־זעצט, און איהר יונג לעבעדיג הארץ האָט מיט א מאָל דערפיהלט די עלענדקייט, אין וועלכער זי געפינט זיך איצט אין די פרעמדע הענד וואָס זיינען ארום איהר, און זי האָט אָנגעהויבען צו וויינען: שטיל גע־וויינט, און לאַנג געוויינט אליין נישט וויסענדיג פאַר וועמען און צו וואָס. אז זי האָט אָבער זיך געהאַט גוט אויסגעוויינט, איז איהר לייכ־טער געוואָרען, און זי האָט זיך געפיהלט ווי א העלדין, און דאָס האָט איהר מוטה און שטאָלץ געגעבען. זי האָט זיך אויפגעהויבען פון איהר געלעגער, שטאַרק געמאַכט א פּאָר פויסטען און הויך די בריסט אויס־געשטרעקט, ווי גרייט צו ערהאַלטען דאָס שיסען פון די זעלנער. נאָר דערמאָהנענדיג זיך אין מיטען דערינען, אז זי רעדט אליין צו זיך, האָט זי זיך פלוצלונג נים וועלענדיג און נים וויסענדיג קינדיש־הערצליך צו־לאַכט אופ'ן גאַנצען קול.

דער זשאַנדאַרם, וואָס איז געשטאַנען אין קאָרידאָר אויף דער וואַך, איז פלינק צו צו איהר טהיר און האָט אריינגעוואָרפען א שטרענ־גען בליק אין דעם פענסטער, בייזערענדיג זיך. זיין ערנסטער און

שטרענגער בליק וואס האט ארויסגעקוקט פון א פיער־עקעדיג לעכעל, האט זי נאך מעהר גערייצט צום לאכען. און זי האט עס לויז געלאזט. אז דער הארטער סטראזשניק האט דערזעהן, ווי א יונג פריש מיידעל (די איינציגע אין טורמע) שטעהט איינע אליין ביי דער וואנד פון איהר צימערעל און רעדט אליין צו זיך, איז זיין מענשען־הארץ גע־ריהרט געווארען, און פאר גרויס פערגעניגען האט ער אויך אנגעהויבען מיטצושמייכלען, ער האט זיך אבער באלד דערמאהנט אן זיין זעלנערשע פפליכט, און האט געפרובט מאכען אן ערנסט שטרענג געזיכט, בע־פעהלענדיג מיט דעם בעוואוסטען זעלנערשען טאן. ער האט עס אבער ניט געקאנט אנווענדען צו דעם יונגען לוסטיגען קינד, און דורכדעם האט עס אויך, פערשטעהט זיך, קיין ווירקונג ניט געהאט.

דאס איז געוועזען דאס ערשטע מאל, ווי די דיסציפלין אין דער שטרענגער טורמע איז געווארען געבראכען און האט זיך פערפעהלט איהר ווירקונג אויף שפעטער.

דאס מיידעל האט זיך באלד איינגעוועהנט אין איהר ענג־קליין צימערעל. מיט איהר מיידעל־גייסט האט זי זיך איהר ווינקעל אזוי בעקוועם געמאכט און אויפגערוימט, ווי עס וואלט איהר בעשטענדיגעס ווינקעל זיין. שוין זיינען אויף די בעשמוצטע פענסטערלעך געהאנגען א פאר ריינע זויבערע פארהאנגלעך. די וואנד זיינען שוין געווארען בעהאנגען מיט קליינע פיער־עקעדיגע בילדלעך, דאס בעט איבערגע־צויגען מיט א קלאר ווייס ליילעך. דאס צימער'ל האט גאר בעקומען אן אנדער חן; פון יעדען ווינקעל האט ארויסגעקוקט די איידעלקייט און די זויבערקייט פון דער איידעלער פרויען־האנד, און אין גאנצען האט עס געמאכט דעם איינדרוק ווי אן אונשולדיגער מיידעל־ווינקעל, אין וועלכען עס ווערט געטרוימט די זיסע חלומות פון דער ערשטער פרויען־ליעבע, ווען אויס דעם קינד ווערט א פרויענצימער...

און נישט דוקא זי בלויז, נאר די גאנצע שווארצע גרויזאמע טורמע איז עפעס ווי איבערגעאנדערשט געווארען. עס האט זיך געפיהלט, אז אין זיינע שווערע מויערן האלט זיך אויף א פרויענצימער — א מיידעל... נאך האט זי קיינער פון די ארעסטירטע נישט געזעהן, נישט געוואוסט, ווי זי זעהט אויס, צו זי איז א שעהנע אדער א מאוסע, א יונגע צו אן'אלטע, נאר דאך האבען אלע געפיהלט, ווי די ארעסטירטע, אזוי די

זשאנדארמען, די נאָהענטקייט פון אַ פּרויענצימער מיט זיי אין שכנות.

און דאָס מיידעל האָט דעם טאָן גאַנץ איבערגעאַנדערשט אין דעם שרעקליכען הויז.

דאָס מיידעל האָט געשפּיעלט פּיאַנאָ, און נאָך גאָר נישט האָט זי געבענקט אין איהר פערשפּארונג, ווי נאָך דעם ראָיאַל. טיילמאָל, ווען עס פלעגט אָנהויבען טונקעל ווערען אין איהר צימערעל און אָנ־צינדען זיך דאָס קליינע לעמפּעל, פלעגט זי אָנכאַפּען אַ שרעקליך בענ־קעניש נאָך שפּיעלען, דאַן פלעגט זי זיך אַוועקזעצען אין אַ ווינקעל־שטוב, פערקעמט זיך די צעפּ ווי „גרעטכען" און איינהאָרכען זיך, טיעף זיך איינהאָרכען. דענסטמאָל האָט זיך איהר געדאַכט, אַז ערגעץ וואו שפּיעלט מען, אַז עס קומט צוציהען אַ שפּיעלען פון ערגיץ גאַנץ ווייט, דרינגט אריין דורך די שווערע פעסטונגס־מויערען און קלינגט אָב אין איהר צימערעל, און דער נגון שפּיעלט איהר אויס די טענער, דעם זמר, וואָס זי וויל הערען. און אַזוי איינהאָרכענדיג זיך אין דעם געזאַנג, פלעגט זי זיך אויפהויבען און אָנהויבען ארומדרעהען זיך איבער דעם קליינעם ענגען צימערעל ארויף און אראָב און מיט איהרע פיס אויס־טרעטען דעם טאַקט פון דעם זמר. און איהרע לייכטע, שוועבענדע טריט האָבען זיך אַזוי אָבגעשלאָגען אָן דער פּאָדלאָגע, אַז מען האָט געקאָנט הערען דעם נגון, וואָס עס זינגט זיך איהר ערשט. אַז איהר האָט זיך געזונגען און איהרע טריט האָבען אויסגעטרעטען דעם ניגון, פלעגט דענסטמאָל דאָס גאַנצע גרויסע, שוואַרצע הויז איינהאָרכען זיך צו איהר פוס־טרעטען. יעדער ארעסטירטער איז ביי זיך געזעסען אין זיין טונקעל ווינקעל און האָט זיך איינגעהאָרכט צו די שוועבענדע שפּי־לענדע טריט, וואָס הערען זיך איבער זיין קאָפּ, און האָט געצעהלט דעם טאַקט פון איהרע טריט און אויסגעזונגען דעם נגון... אַזוי האָט דאָס גאַנצע שוואַרצע גרויסע הויז און יעדער איינזאַמער אין זיין ווינקעל געלעבט אַ מאָמענט אין אַ שעהנעם ליעבעס ליעד...

מען האָט זי קיינמאָל נישט געזעהן. איינע אַליין פלעגט מען זי ארויספיהרען און ביי איהר דורכגעהן דעם קאָרידאָר פלעגען די ארעס־טירטע אין די קעמערלעך דערפיהלען איהרע טריט און פלעגען זיך צו־ווארפען צו דער טהיר זיך איינהאָרכענדיג צו איהרע טריט און זוכענדיג מיט געוואַלד אַ שפּאַרע, אַ לאָך פון וועלכע זיי זאָלען קאָנען אַ בליק וואַרפען אויף איהר. זי פלעגט פיהלען דאָס נייגעריגקייט, וואָס קוקט

פון הינטער די שווערע אייזערנע טהירען ארויס, און עפּעס ווי נישט ווילענדיג פּלעגט זי איהר יונגען לייכטען קערפּער אויף א טהיר פון א פערשלאָסענעם קעטערעל ארויפוואַרפען. דער פערשלאָסענער דרינען האָט דאָס דערפיהלט... און עס האָט זיך ערוועקט ביי איהם א געפיהל, ווי פינגער־ציטערען פון א לייכטער מיידעלשער האנד וואָלט פּלוצלונג אויף די קלאַווישען פון א ציטערענדער פּיאַנינאָ ארומגעבלאָנזשעט...

אין דעם צווייטען קעמערעל אין שכנות מיט איהרע איז געזעסען א יונגער מאַן. די פּיער שווארצע שטומע ווענד, וואָס האָבען פון דעם יונגען מענשען שוין אַכט חדשים ארויסגעריסען פון זיינע בעסטע טעג, זיינען נאָך נישט אים שטאַנד געווען אויסצולעשען זיין יונג געפיהל, וואָס האָט געלעבט אין דעם יונגען מענשען'ס הארץ. דעם יונגען מענ־שען איז געווען, ווי זיין לעבען וואָלט אין איהם איינגעשלאָפען געוואָ־רען... אויפגעהויבען זיך אין דער פריה, פלעגט ער ליגען אויפ'ן טאָפּ־טשאַן שעות לאַנג און דערמאָהנען זיך סצענעס פון זיינע קינדערשע יאָהרען, וואָס האָבען איצט צו איהם אהער געשמייכעלט ווי פון א חלום, אָדער ער פּלעגט קוקען אויף די רויטע קוה, וואָס פּיטערט זיך פאַר דעם פענסטערעל, און בעוואונדערען מיט דער גרעסטער התלהבות יעדע קלענסטע בעוועגונג, וואָס זי האָט געמאַכט. די ענערגיע, וואָס האָט זיך געהאַט אָנגעזאַמעלט אין זיינע גלידער, נישט האָבענדיג קיין מיטעל זיך אויסצודריקען אין עטוואָס, איז איינגעשלאָפען אין איהם — און איהם איז געוואָרען גלייך, צי אין דרויסען שיינט די זון, אָדער עס גיסט א רעגען... עס איז אָבער געגוג געווען א לייכט ווינטעל, וואָס זאָל אויפוועקען דאָס פערשלאָפענע געפיהל אין איהם און דאָס יונגע בלוט זאָל זיך אָנהויבען צו גיסען אין די אָדערען מיט'ן הייסען אָטהעם פון דער יוגענד...

און דאָס ווינטעל איז געווען זי...

ער האָט געהערט איהרע טריט, איהרע בעוועגונגען, איהר גאַנ־צעם וועזען דורך די וואַנד. ער האָט געפיהלט, אז הינטער דער וואַנד לעבט א יונג לעבען ווי זיינס... און ער בענקט נאָך עפּעס און דאַרשט נאָך עפּעס... ווי א הונד פלעגט ער ליגען א גאַנצע נאַכט ביי דער וואַנד און איינהאָרכען זיך צו אַלע איהרע בעוועגונגען. ער פּלעגט הערען דאָס מינדעסטע גערודער, ווי זי הויבט אויף די האַנד, ווי זי צולאָזט

זיך די האָר, און אַט דאַכט זיך איהם, ווי איהרע האָר קוועטשען זיך צוזאַמען אויף איהר האַלז. אַט ווי זי ציהט איבער זיך די דעקע. א ווינטעל בלאָזט איבער איהר נאַקעטען האַלז, בלאָזט אין איהרע האָר, און זי גראָבט איין טיעף, טיעף דאָס פּנים אין קישען...

ער האָט זי געזעהן אין זיין פאַנטאַזיע, זי מוז זיין אַ קליינע מיט דינע, לייכטע גליעדער. אַן איידעלקייט איז אויסגעגאָסען אין איהרע גליעדער און זיי קישען זיך אַרוים פון איהר שוואַרצען שעהנעם קלייד. האָר האָט זי לאַנגע, שוואַרצע איינצעלנע, דינע ווי זייד, און שטענדיג זיינען זיי געוואַשענע, און קיהל זיינען זיי ווי טראָפּענס וואַסער, און זי זיצט די פיס אונטער זיך, ווי אַ יונגע קאַץ אויף איהר בעט, און שפּיעלט זיך מיט איהרע שוואַרצע, לאַנגע קיהלע האָר... און זי שמייכעלט ווי זי וואָלט עפּעס געוואָלט זאָגען דענסטמאָל, ווען עס בעהאַלטען זיך האַלב פערשעהמט, האַלב עזות'דיג איהרע שוואַרצע אויגען, האַלב אין טרעהרען בענעצט, אונטער איהרע געדיכטע שוואַרצע ברעמען. און אַ שטילקייט איז אין איהר, אַ רוהיגע שטילקייט, ווי אַ שטילעם ליעד... איהר געזיכט וויל גאָר נישט. נור עפּעס אַזוי פאַר זיך, בעהאַלטען אין זיך, לעבט דאָס שטילע מיידעל אין אַ שווערען בעהאַלטענעם סוד... און אַ סוד עפּעס גאָר נישט ווי פון דער וועלט... און אייזערנע טהירען זיינען פערשלאָסען פאַר דעם סוד... קיינער, קיינער קאָן זיך דאָרט נישט אַריינקריגען, טהיילען זיך מיט איהר סוד...

ער האָט זי געזעהן אין שאָפּענס אַ נאָקטורן. זי האָט איהם געזונגען, מיט די פיס אויסגעטראָטען אַ מאָל אין אַ טונקעלע פאַרנאַכט. ער האָט געזעהן אַ יונגען בליהענדען סאָסנע־וואַלד אין פריהען הערבסט, שיטער געהען די יונגע, דינע בוימער הויך אין הימעל אויף און שפּרייטען אויס זייערע פליעגעל — זייערע יונגע צווייגען — איינער צום צווייטען און וואַרפען אַ שאָטען אַרום זיך. עס איז אַ יונגער הערבסט־פאַרנאַכט. טרויעריג און רויט געהט די זון אונטער הינטער'ן שוואַרצען וואַלד און וואַרפט אַ גליהענדע בענקשאַפט אין שוואַרצען וואַלד אַריין. דאָ און דאָרט צווישען די יונגע סאָסנע־בוימער בלאָנדזשען נאָך אַרום אָבגעריסענע זונען־פלעקען. דאָרט, הינטער דעם יונגען סאָסנע־וואַלד, שטעהט אַן איינזאַם פערלאָזטער שלאָס, וואָס שפּיגעלט זיך טרויעריג און הערבסט'דיג אָב אין דעם בלויען וואַסער־שפּיגעל, וואָס קעסטעלט זיך אַנטקעגען דער רויט אונטערגעהענדער זון. פון

דעם פעראייגזאמטען שלאָס פיהרט א פערלאָזטע ווייס שטעגעל־סטענגע צווישען די יונגע סאָסנעס. שטום און פערשלאָסען אין פער־באָרגענעם סוד טרעט זי איינזאם אויף דעם שטעגעל צווישען די יונגע סאָסנעס. באָרוועס ווייזען זיך איהרע ווייסע פיס ארוים פון אונטער איהר שווארצען לאנגען רעפאָרם־קלייד, וואס ווארפט איהר נאך ווי א שווארצער שאָטען איהר סילועט, און א שווארצער פליעגעל פון א גע־שאָסענעם פויגעל פוצט איהר שווארצען קאָפּ האָר... אזוי מאיעסטעטיש שטיל טרעט זי אויף דעם איינזאמען שטעגעל פון א פרעמדער וועלט אין א פרעמדע וועלט...

ער פלעגט צו איהר אריינקלאפּען דורך די וואנד מיט די פינגער. אויסזאָגען איהר די ליעבעס־געפיהלען. „ווער ביזט דו? זאָג, איך פיהל, אז דו ביזט יונג און שעהן און איך ליעב דיך... איך בין שטארק, ווי א לייב, איך וויל ביי נאכט די וואנד דורכברעכען און וועל קומען צו דיר אריין. איך וועל דיר ווי א ליעבען פויגעל אויף מיין ברוסט נעהמען, אנטלויפען מיט דיר, ווייט אוועק מיט דיר, ווארט, דו פויגעל, אויף מיר...“

און זי פלעגט זיך צוהערען צו זיין פינגער־קלאפּען. זי האָט נישט פערשטאַנען וואס ער וויל זאגען, זי האָט די שפּראך פון „פינגער־קלאַ־פּען“ נישט פערשטאַנען, נאָר זי האָט געפיהלט, אז דאָרט הינטער דער וואנד ליעבט פאר איהר א געפיהל, א הייס געפיהל. אז דאָרט פון הינ־טער דער וואנד רופט צו איהר א שטים, מען רופט זי! מען רופט זי!...

פלעגט זי ליעגען ביי דער וואנד און איינהאָרכען זיך צו דעם פינ־גער־קלאפּען. א געזאנג, א ליעד פון ליעבע איז דאס פינגער קלאפּען פאר איהר געוועזן, זי האָט געפיהלט די ווערטער, וואס שטאַרבען אין דער וואנד אָב. און האָט געהערט א פאָכען פון א הארץ פאר איהר...

פלעגט זי מיט די פינגער אויף דער וואנד ציטערען, קלאפּען, קלאַ־פּען, ווי זי וואָלט מיט א כוואליע פון ליעבע די וואנד געוואָלט בעגיסען.

ער האָט געהאָרכט דעם געזאנג פון איהרע פינגער.

„קום... ווארט אויף מיר, מיין ליעבער פויגעל, איך פיהל דיך, איך פיהל דיך ווער דו ביזט, ווארט, איך ברעך די וואנד און קום צו דיר.“ אזוי האָבען צוויי נשמות דורך א וואנד זייער לעבען אויסגעזונגען...

און זי האָט זיך שוין געהאָט צוגעוועהנט צו איהם. נישט גע־

וואוסט, וואָס ער איז, ווער ער איז — צו איז ער אַ יונגער אָדער אַן אַלטער, צו האָט ער אַ ווייב, צו ער האָט אַ קינד — זי האָט נור געוואוסט, אַז עס איז הינטער דער וואַנד דאָ אַ נשמה, וואָס בענקט נאָך איהר, און אַז איהרע בענקט נאָך יענער נשמה. זי האָט געפיהלט דאָס הארץ, וואָס קלאַפּט פאַר איהרעט־וועגען דאָרט הינטער דער שטומער, שווייגענדער וואַנד.

איז עס נאַכט געוואָרען, האָט זי זיך אויף דער ערד נעבען דער וואַנד אַנידערגעזעצט, אַנגעקלאַפּט מיט דער האַנד, צו זיצט ער אויף יענער זייט וואַנד אויף דעמזעלבען אָרט. אַזוי זיינען זיי ביידע געזעסען שעות לאַנג. ער האָט איהר דורך די וואַנד ליעדער מיט פינגער־קלאַפּען געזונגען. ער האָט איהר פון זיין ליעבע דערצעהלט. ער האָט זי געטרייסט, ער האָט איהר ווערטער געזאָגט, טיעפע ווערטער און ערנסטע ווערטער. זי האָט נישט פערשטאַנען — נור געפיהלט האָט זי זיין הארץ און זיין נשמה אין זיין פינגער־קלאַפּען, פלעגט זי דעם קאָפּ שוואַך אויף דער וואַנד אָנלעהנען, ווי זי וואָלט געוואָלט אין זיין שוים פאַלען, אָדער שטיל, פאַמעליך שטיל אַ מאָטיוו מיט איהרע לייכטע שוועבענדע פינגער דורך די וואַנד אויסקלאַפּען. דער־נאָך פלעגט איהר עפּעס אַזוי גוט ווערען אויף דער נשמה, אַז זי האָט זיך אויפגעהויבען פון דער פּאָדלאָגע און אָנגעהויבען ארויף און אראָב צו געהן איבער דעם צימערל — אַ ליעד אויסצוטאַנצען מיט איהרע פוס־טרעטען. און דאָס גאַנצע גרויסע גרויזאַמע הויז האָט דענסטמאָל געפיהלט די ריינע נשמה, וואָס לעבט אין זיינע מויערען. יעדע פּאָ־ליטישער בעזונדער האָט איהרע טריט געצעהלט, און עס האָט זיך איהם אויסגעזונגען דאָס, וואָס עס זינגט זיך איהר איצט...

פלוצלונג איז געשעהן אַ זאַך, וואָס האָט געמאַכט ציטערען דאָס גאַנצע גרויזאַמע, שוואַרצע הויז.

פון דער שיין פון זיין קליין פענסטערל האָט אַ פּאָליטישער געזעהן, ווי מען בויט אַ תליה אויף דעם בערגעל פאַר דער טורמע. און אין אַ שטילע שוואַרצע נאַכט האָט אַ שטיל פינגער־קלאַפּען געברומט אין טורמע אַ גאַנצע נאַכט, ווי איינזאַמע, פערלאָזטע טראָפּענס רעגען וואָלטען געבלאָנדזשעט אין אַ רינע. דאָס האָט איין פּאָליטישער דעם צווייטען צו וויסען געגעבען: „מען בויט אַ תליה", און דאָס גאַנצע

גרויזאַמע שרעקליכע הויז האָט געציטערט אין דער נאַכט פון דעם וואָרט „תליה“.

צוערשט איז געוואָרען א געקלאַפּעריי, איין וואַנד מיט דער צוויי־טער, אויבען מיט אונטען. איינער האָט דעם צווייטען צו וויסען גע־געבען, עצות געגעבען, געטרייסט זיך, געזעגענט זיך. און פון דעם שטילען טרויעריגען פינגער־קלאַפּען אין דער טרויעריגער נאַכט האָט זיך געדאַכט, אז דער מלאך־המות קלאַפּט אָן מיט זיינע שוואַרצע פליג־לען אין דער וואַנד. באַלד אָבער דערויף איז שטיל געוואָרען אין גאַנ־צען הויז, ווי דאָס גאַנצע הויז וואָלט אויסגעשטאָרבען. יעדער אַרעס־טירטער האָט זיך געוואָרפען אין זיין ווינקעל אריין, געמאַכט א חשבון הנפש מיט זיך אליין און געוואַרט אויף דעם מלאך־המות, וואָס זאָל קומען נאָך איהם...

אין יענער נאַכט האָט זיך זיין פינגער־קלאַפּען געענדערט. זיינע פינגער האָבען געציטערט. ער האָט איהר דורך די וואַנד עפּעס גע־זאָגט; זי האָט געפיהלט, אז ער האָט איהר עפּעס צו זאָגען, זיין פינ־גער־קלאַפּען האָט זיך עפּעס געבעטען... געבעטען און געטרייסט און געוואָרענט עפּעס. און שטיל איז געוואָרען זיין פינגער־קלאַפּען, עפּעס מיט הארץ־ציטערניש. זי האָט געפיהלט, ווי ער לעהנט אָן דאָס פּנים אָן די וואַנד, קלאַפּט מיט זיין שטערן אָן די וואַנד... קושט די וואַנד... שפּרייט אויס די אָרעמס אויף דער וואַנד... באַלד דערויף איז ער שטיל געוואָרען. נאָר ווייטער האָט זיך געהערט, ווי ער פאַלט אויף די וואַנד, בייסט די וואַנד מיט די צייהן, ראַצט זי... עפּעס וויל ער, עפּעס האָט ער איהר א סוד צו פערטרויען, נאָר וואָס האָט זי נישט פערשטאַנען...

שטיל און טרויעריג איז געווען די נאַכט. אין דרויסען האָט א ווינד געוויינט. עס האָט געמוזט אין דרויסען א געוויטער זיין, נאָר אינוויינינג אין דער טורמע האָט מען נית געהערט. פון צייט צו צייט האָט זיך פון גאַנץ ווייט אָבגערופען א ווידער־קלאַנג ווי פון א פריהד־צייטיג אויסגעהענדען דונער. א ווינד האָט זיך געריסען פון דאַך, פון די קליינע אייזערנע לעדענלעך, וואָס זיינען פאַר די פענסטער פון דאַך טורמע, און געטשעפּעט זיך אָן די אייזערנע שטריכעטען.

אין איהר צימערעל איז פינסטער געווען און שטיל געווען, זי־

האָט אייניגע מאָל געפּרובט אָנקלאַפּען ביי איהם. נאָר ער אינווע־ניג — ווי ער וואָלט זיך מיט איהר אַ ברוגז געמאַכט — ענטפערט איהר היינט נישט. איז זי אויך ברוגז געוואָרען און האָט זיך אויף איהר בעט געלעגט. שלאָפען האָט זי נישט געקאָנט — איהר איז טרויעריג און אומעטיג געוואָרען. זי האָט געוואָלט אייניגע מאָל צו־געהן צו דער וואַנד אָנקלאַפּען, נור זי האָט געוואַרט ביז ער וועט דאָס צוערשט טהון. דערנאָך איז אין טורמע אַזוי שטיל געוואָרען. מען האָט קיין פינגער־קלאַפּען נישט געהערט, נישט דעם מינדעסטען גע־רויש, נור פון אַ גאַנץ ווייטען אָרט האָבען זיך געהערט איינזאַמע שטילע טריט פון אַ וואַכענדען אויף און אָב. אויף איהר איז אָנגע־פאַלען אַ שרעק. דער ווינד וויינט אין דרויסען... זי איז אַראָב פון איהר בעט, צו צו דער וואַנד, אָנגעקלאַפּט אָן דער וואַנד — ער ענט־פערט נישט. זי איז אין אַן אַנדער ווינקעל אריין, געזוכט אין יענעם ווינקעל, פון דאָרט שווייגט מען אויך. זי האָט דאָס אויער צוגעלעגט צו דער וואַנד, איינהאָרכענדיג זיך, טיעף איינהאָרכענדיג זיך — דערי־נען איז טויט שטיל. דער שרעק איז אויף איהר וואָס מעהר בעפאַ־לען, דער ווינד וויינט אין דרויסען — האָט זי אָנגעהויבען זוכען ביי דער וואַנד אין יעדען ווינקעל, איינגעגראָבען דאָס פּנים אין דער וואַנד און געבעטען זיך מיט אַ וויינענדיג, שלוכצענדיג קול: ענטפער מיר! ווער ביסט דו? און וואו ביזט דו? פאַר וואָס שווייגסט דו?... וואָס איז מיט דיר געשעהן?... איך האָב מורא, וואָס שווייגסט דו? ענטפער מיר!... ענטפער מיר!...

די מעשה מיט די „שעהנע מאַרי"

די מיידלעך האָבען נאָך אין גאס שפּאַצירט, אָפּוואַרטענדיג געסט. עס איז שוין שפּעט אין דער נאַכט געווען. די געוועלבער זיינען שוין לאַנג פערמאַכט, קיין שאָטען האָט זיך אין דער גאס נישט געוויזען. דאָך זיינען נאָך די מיידלעך נישט געגאַנגען שלאָפען. אויסגעשלאָפען זיינען זיי געווען פון ביי־טאָג, און פון א צווייטער גאס האָט זיך אין דער שטילער נאַכט געהערט טריט. ביי דעם דענק־מאָל מיט דעם פיש־מענש, וואָס שטעהט לזכר, אז עס איז דאָ אמאָל א תקוה געווען, ווייזט זיך א שאָטען, אפשר קומט א יאָלד אָן? נאָר די טריט הערען זיך אליץ אין איינעם, און דעם איינגעשלאָפענעם פיש־מענש'ס שאָטען ריהרט זיך נישט פון אָרט.... עס איז געווען א ליעבע שבת־צו־נאַכט, פּסח־צייט, די לופט יונג, פריש און זי ערקוויקט. דער הימעל טיעף בלוי, אויסגע־מאָלט מיט שטערן, אז עס איז א ליעבע לוסט צו שפּאַצירען. אליץ האָט נאָר געשמעקט, און די מיידלעך האָבען זיך געפיהלט ניי געבוירען. איינע האָט געפייפט, די צווייטע האָט געזונגען און האָט קאָקעטיש גע־וואונקען מיט די אויגען, ווי עס וואָלט פאַר איהר א חברה בחורים גע־שטאַנען. די נאַכט איז זעהר שטיל געוואָרען, ווי עס וואָלט דעם אָטהעם אויפגעהאַלטען, אזוי אז די מיידלעך'ס געזאַנג האָבען אין די ווייטע גאַסען איבער די הויכע דעכער אָבגעקלונגען. די הויכע שמאָלע הייזער פון די „אַלטע שטאָדט" וואַרשוי זיינען געשטאַנען און האָבען געשוויגען. די הויכע שטאָקען זיינען געווען פערבאָרגען אין שווארצע נאַכט־פלעקען און די שטיקער גרויע טויערען, וואָס זיינען בעלויכטען געוואָרען פון די איינזאַמע נאַכט־לאַמטערן, האָבען נאָך מעהר געשוויג־גען, און זיינען נאָך מעהר פער'סוד'עט געווען...

עס האָט אָנגעהויבען קאַפּען א רעגענדיל, א לייכט־טריעפענדער, פריהלינג רעגענדיל, וואָס יעדער טראָפּען האָט געזוכט א אָפּען מיילכבעל ערד, וואָס זאָל עס קענען מחיה זיין. נאָר די טראָפּענס פאַלענדיג אויף שטיינער און מויערען האָבען זייער פרישקייט און זומער־גע־

שמאַק אין אויר פערשפּרייט. דאָס רעגענדיל האָט דאָס געסעל מחיה געוועזן און היימליך געמאַכט. די מיידלעך האָבען זיך הינטער די רי־נעס געשטעלט און איינע דער צווייטער אריבערגערעדט, אריבערגעזונגען און אריבערגעשאָלטען. באַלד איז איינע אפּער פון דער רינע און זיך געשטעלט אויפ'ן רעגען. „וועט זי העכער וואַקסען“ — זאָגט זי. האָבען איהר די חבר'טאָרינס באַלד נאָכגעטהון. די צווייטע, דערמאָ־נענדיג זיך וואָס זי פּלעגט טהון אין אזא רעגען ביי זיך אין דערהיים, האָט זי זיך דאָ אויך די קאַמאַשען מיט די שטרימפּ אויסגעטהון, און אין די וואַסערלעך ארומגעשפּרונגען. די איבעריגע האָבען אויך דאָס זעלבע געטהון. זיי האָבען זיך די נאַסע האָר צולאָזט, און באָר־וועס געיאָגט איינע נאָך די צווייטע אין רעגען. און פערגעסענדיג אין אַלעס, וואו זיי זיינען און וואָס זיי זיינען, האָבען זיי זיך ווי קינדער גע־שפּיעלט, געלאַכט, געזונגען, געפּייפּט און געפּאַטשט איינע די צווייטע מיט וואַסער; נאָר פּלוצים האָט זיך אַ גרעגערן געהערט פון נאַכט־סטרוזש. דער „פּעטער“ פון „הויז“ האָט מורא געהאַט, אז מען געהט אויף אַ „וואָלאָווע“, האָט ער זיי אין „שטוב“ גערופען. די „מיידלעך“ האָבען זיך מיט רעש אין שטוב געלאָזט, איינע איז באַלד צו צו „איה־רען“ און האָט איהם אָנגענומען ביי די קאָדלעס האָר און פון די קאַ־נאַפּע איהם אראָבגעשלעפּט:

— וועסט מיט מיר חתונה האָבען?

— אַ מכה.

די צווייטע איז צו צו „איהרען“, און האָט איהם געקלאַפּט אין רוקען:

— דו ביזט אַ יאָלד! דו ביזט אַ יאָלד!

אין שטוב האָט געהערשט אַ טונקעלהייט און אַ אומעט. אויף די בעטען זיינען געלעגען אויסגעצויגען יונגען און האָבען געקאָרשעט פּאַ־פּיראָסען און הויך געשאָלטען איינער דעם צווייטען. טהיילמאָל האָט זיך אריינגעמישט אין געשפּרעך אַ קול פון אַ נישט־געזעהענע פּערזאָן, וואָס איז געווים געוועזן פערנומען מיט עפּעס אנדערש אין איינם פון די פּיעלע שטיבלעך, וואָס נאָר אַ דין ווענטעל האָט זיי אָבגעשיידט פון די גרויסע שטוב.... נאָר אזוי ווי די חאַלאַסטרע מיידלעך האָבען זיך גע־געבען אַ וואָרף אריין אין שטוב איז דער שמועס אָבגעהאַקט געוואָרען. זיי האָבען זיך געגעבען אַ וואָרף אין די אָרימס פון די געקויפטע חתנים,

וואָס זיי מוזען זיי אויפהאַלטען, דערפאַר וואָס זיי זאָגען זיי צו, אַז זיי וועלען מיט זיי חתונה האָבען. די מיידלעך האָבען די יונגען די מייד־לער מיט די הענד פערשטעלט. אין שטוב איז געוואָרען פרעהליך. דער „יאָלד“, וואָס איז געוועזן ביי די וואָלאָצלאַווקערין, האָט געשטעלט ביער. עס איז אויך געקומען דער „ווילדער יונגער מאַן“, וואָס פאַלט אַלע מאָל אריין, קלויבט זיך אוים אַ „יאָלדין“, בעצאָהלט זיין רובעל און טהוט גאָר נישט.... זיי ווייסען נישט ווער דאָס איז אזעלכער, עפּעס אַ משוגענער ליטוואַק אין ברילען. אָרעם אָנגעטהון, אַז עס איז אויף איהם אַ רחמנות צו קוקען. ער קומט אריין ביי־נאַכט, זעצט זיך אַני־דער און פרעגט זיי אוים נארישע קשיות. טהיילמאָל קושט ער און שמייכעלט בשעת מעשה ווי די באָבע וואָלט איהם געהאַט, בעהאַלט דאָס פּנים, און הייסט די אויגען פערמאַכען ווי אַ צנועה׳דיגע כּלה.... טהיימאָל דאָס אויך נישט...

מיטגעבראַכט האָט ער מיט זיך „דער משוגענער ליטוואַק“ אַ מעשה־ביכעל. זיי האָבען געמיינט, אַז עס איז די מעשה פון די „שעהנע מאַרי“ — האָט עס זיי גרוים הנאה געטהון, און האָבען זיך ארומגעזעצט אויסהאָרכען! ער האָט אָבער זיי אָנגעהויבען צו לייענען אַ מעשה פון אַ „יאָלדין“, וואָס איז געלעגען אין שפּיטאָל, און איז דער־נאָך משוגע געוואָרען, און האָט זיך אין די גאַסען ארומגעוואַלגערט. זיי האָט די מעשה גענודזשעט. די גראָבע רויטע מויד, דעם קצב׳ם טאָכ־טער פון קראָשעווניץ, וואָס דער פאָטער זוכט זי ארום, איז באַלד איינגעשלאָפען ביי די מעשה ווי אַ שטיק „קל וחומר“, איז צוגעלאָפען צו איהם חנה׳לע און האָט ביי איהם דאָס בוך פון האַנד ארויסגעשלעפּט, אַ שנעל איהם אין נאָז געגעבען, און געכאַפּט איהם אין אָרים אריין: „קום מיט מיר טאַנצען!“

דער „פעטער“ איז אריינגעקומען פון דער צווייטער שטוב און האָט די „חתנים“ אהיים געבעטען, עס ווערט שפּעט. די חברה האָבען זיך אָבגעטראָגען. דער „משוגענער ליטוואַק“ האָט זיך איינגעבעטען, עס גלוסט זיך איהם ניט אהיים צו געהן. אין שטוב איז ביי איהם פוסט און פּאַסט, און ער האָט מורא פאַר די פיער ליידיגע ווענד. דער „פעטער“ האָט אָבער נישט געוואָלט הערען. די „חברה“ האָבען די „שטוב“ פערלאָזט. די מיידלעך האָבען זיך אויף די קאַנאַפּעס אוים־געצויגען, וואַרטענדיג אונגעדולדיג אויף גאָלדה׳לען, דעם „בעל־הבית“

טאָכטער, וועלכע וועט קומען און פאַרלעזען די מעשה מיט די „שעהנע מארי“.

דער בעל־הבית, וואָס איז אמאָל געוועזן איינער פון די „חתנים“, האָט חתונה געהאַט מיט אזא „איינע“ און אליין פאר זיך אויפגעעפענט א „הויז“. אין לעבען האָבען זיי זיך זעהר „אָרענטליך“ אויפגעפיהרט. ער איז געוואָרען א אָרענטליכער מענש, אפילו א ספר געלאָזט שרייבען אין זיין חברה אריין, וואו ער דאַווענט, און פון איהר האָט מען תמיד א נדבה געזעהן. זיי האָבען געהאַט א טאָכטער גאָלדע. די טאָכטער האָט זיך אויפגעכאָוועט אין „הויז“. דער פאָטער מיט די מוטער האָבען זי אָבגעהיט ווי די אויגען אין קאָפּ, אז זי זאָל א „מיידעל“ בלייבען. אָבער עס איז נישט געוועזן צו וואָס. דאָס בעשטענדיגע שמוטץ, אין וועלכען זי האָט זיך געפונען, האָט אויף איהר דעם מינדסטען איינדרוק ניט געמאכט, זי איז געוואָרען צוגעוואָהנט צו דעם לעבען פון קינדהייט אָן, און ביי איהר האָט עס אויסגעזעהען, אז עס איז קיין עולה נישט, אז עס איז אזאַ מין פערדיענסט... ווער עס דאַרף עס, מעג עס. זי האָט צו עסען ביי טאַטע־מאַמע... און „דאָס לעבען“ האָט נישט בעליידיגט איהר מיידעל.... ערשט אז דער פאָטער האָט זיך איבערגעצויגען אין זיין פריוואַט־וואָהנונג און פאַרוועהרט די טאָכטער צו ווייזען זיך אין „הויז“ — האָט עס זי געצויגען דאָרט אהין אין „הויז“ אריין, צו פאַר בענקשאַפט צו איינינגע מיידלעך, אָדער מיט דעם פאַרוועהרען איהר אין „הויז“ אריינצוקומען, האָט מען זי נייגעריג געמאכט. זי פלעגט זיך טהיילמאָל, ווען דער פאָטער ווערט גוט אנטשלאָפען, ארויס׳גנב׳ענען זיך פון דער וואָהנונג, וואָס זיי האָבען געהאַט אויפ׳ן ערשטען שטאָק און אראָב אונטען אין „הויז“ אריין, צו די מיידלעך... די „מיידלעך“ האָבען זי זעהר ליעב געהאַט, זיי האָבען מיט איהר געשמועסט וועגען חתנים, וואָס מען רעדט איהר, וועגען תנאים־שרייבען, און וועגען חתונה האָבען... און זיי פלעגען מיט גרויס פערגעניגען און נייגעריגקייט קוקען אויף די רויטע בלוט־פלעקען, וואָס די מינדעסטע בעוועגונג פון א „פערנומען“ שטיבעל רופט ארויס אויף איהר פולע מיידעלשע געזיכט, זייט זיי האָבען זיך פון דאַנען ארויסגעצויגען...

נאָר אונגעדולדיג געוואַרט האָט אויף איהר יעדע נאַכט „מאַנקע“. די אַלע מיידלעך, וואָס זיינען דאָ געוועזן — האָבען זיך געטרייסט

מיט דעם, וואָס היינט זיינען אפילו די בעל־הבתישע טעכטער נישט בעסער, דער חילוק איז נור, וואָס זיי זינדיגען פאַר פּרנסה, און די בעל־הבתישע טעכטער פאַר וואָהלטאָג, און קוים וועלען זיי נור קריגען מע־נער וועלען זיי צוריק אָרענטליך ווערען, אזוי ווי זייער „בעל־הבית׳טע". זיי וועלען פיהרען אָרענטליכע הייזער, און האָבען אזעלכע טעכטער, וואָס וועלען זיך רייטלען ביי די קלענסטע געלעגענהייט ווי גאָלדה׳לע. נור דאָך פלעגען זיי איהר נישט פערגינען די רויטע באקען, און ווינשען זיך אין הארץ, אז עס זאָל זיך געפינען א „גוטער ברודער", וואָס ער זאָל ביי איהר די רויטע באקען צונעהמען.... אנדערש איז מאַנקע. מאַנקע האָט טאַקע נור ליעב געהאט גאָלדה׳ן איבער איהר פרישקייט און מיידעלקייט, צו האַלזען און איינצונאָרען זיך אין איהרע פול־רויט־ליכע בריסטען...

מאַנקע האָפט נישט חתונה צו האָבען. זי איז „אזא איינע", ווייל זי איז.... ווען זי האָט געוואָלט, דעם האָט זי זיך איבערגעגעבען דאָס ערשטע מאָל.... ער האָט איהר גאָר נישט פערשפּראָכען... די מאַמע איהרע איז אויך נישט בעסער געווען. די מוטער האָט זי גע־האט, ווען זי איז מיט איהר אין שפּיטאָל געלעגען.... די מאַמעס ירושה ליעגט איהר אויפ׳ן פּנים אויסגעגאָסען... א שוואַכע מיט דינע ביינער, נור געשיקט, און בעהאַלטענע צוציהענדע תאוה ליעגט איהר אויסגע־גאָסען אין אלע איהרע אברים... א גע׳ממזר׳טע לאָק איבער׳ן שטערן פערוואָרפען, מיט א פּאָר הויכע קאָליערטע שטרימף, א קורצע האַלקע מיט א געריייטעלטע בלוזקע, וועלכע איז געשניטען אויפ׳ן זעלנערישען אָרט מיט א טראָלט... ווינקט זי מיט׳ן לאָק, בייסט זיך דיר די תאוה אין די ביינער איין. דער גאַנצער קערפּער גיט איהר א ציטער מיט׳ן וואונק... און דו פיהלסט א געברויך איינצונאָרען זיך אין די בלאָטע, ווייל זי איז שמוטציג.... ביי איהר אין שטיבעל האָט זי שטעהן צוויי בעטען. אויף איין בעטעל קאָסט א רובל; דאָס איז איהר געשעפט, פאַר דעם מוז זי באַצאָהלען דעם „בעל־הבית" דריי רובל א טאָג. אויפ׳ן צווייטען בעט שלאָפט זי אליין. הונדערט רובל גיב איהר, אז זי זאָל מיט א „יאָלד" געהן אויף איהר בעט... דאָס איז איהר היים... זי איז נאָך געגוג יונג, אז זי זאָל קלערען אויף שפּעטער. פון 12 יאָהר אָן איז זי שוין דאָ — ס׳איז איהר גאַנץ גוט, האָט איהרע שעהנע קליידער, איהר קאָרב וועש, געהט זיך יעדען פאַרנאַכט אין קאַווע־הויז אריין.

די גראָבע איטע, דעם קצב'ס טאָכטער פון טעמפּאָווקע, ווײנט בײ־נאכט אין שלאָף, און כאפּט זיך אויף ווי א משוגענע טהײל־מאָל. זי זעהט די געשטאָרבענע מוטער אין חלום. א בײזע נאכט אויף איהר קאָפּ! — וואָלט זי, מאנקע, געזעהען איהר מוטער, וואָלט זי געווײנט? — אדרבה, זי וואָלט גערן געוואָלט זעהען, ווי א מאמע זעהט אויס...

אין פענסטעריל האָט זיך גאָלדה'ס געזיכט געוויזען. זי האָט דאָס פענסטער אויפגעעפענט, און איהר פאליע נאסע האָר דורכ'ן פענסטער אריינגעשיקט. ווי א לײכטער ווינד וואָלט דורך דער שטוב דורכגעוועעט. די מײדלעך האָבען זיך אויפגעכאפּט...

א לײכטע האנד האָט אין דער טהיר שטיל געקלאפּט.

מאנקע איז מיט לײכטע טריט צו צו דער טהיר, און מיט א קלאָפּענדיג הארץ, ווי זי וואָלט א חתן ערווארט, האָט זי די טהיר אויפגעשלאָסען. עס האָט זיך אריינגעשלײכט גאָלדה'לע. זי איז געווען אויסגעטהון ביז צום העמד, און מיט א טוך ארומגעהילט. דער פריי־שער פריהלינג־געשמאַק, וואָס דער רעגען האָט ערשט אין דער לופט פערשפּרייט, האָט זיך צווישען איהרע האָאר אויפגעהאלטען... מאניע האָט זי ליידענשאפטליך ארומגענומען און איהרע פרישע ליפּען גע־קושט. זי האָט זי צו דער קאנאפּע צוגעפיהרט, אנידערגעזעצט זיך נעבען איהר, טיעף איהר אין די אויגען געקוקט און זי האָט גאָלדה'לען איהרע נאסע האָר געוויזען, דערצעהלט איהר ווי זײ זײנען אויפ'ן רע־גען ארומגעלאָפען, דערנאָך האָט זי זיך צו איהר צוגעטוליעט, איהר די בריסטען ענטפּלעקט — און געקושט זי.... און צו די איהריגע צוגע־טוליעט.... איהרע פולע, קילע הענד געהאלזט, און דאָס פּנים אין איהר פולען האלז אײנגענאָרעט.

מאנקע האָט זי געוואָלט אריינגעהמען צו זיך אין שטיבעל אריין, אז זי זאָל מיט איהר דורכשלאָפען די נאכט. האָבען די איבעריגע מײדלעך נישט געלאָזט. זײ האָבען זיך ארום איהר ארומגעזעצט, אײנע האָט איהר די האָר צולאָזט, די צווײטע האָט איהר אין נאקעטען נאקען געקושט, און געבעטען זי, אז זי זאָל פאָרלעזען די מעשה מיט די „שעהנע מארי“. דאָרט, וואו דער „שווארצער יונגער־מאנטשיק“ האָט זי אריינגעכאפּט צו זיך אין קערקער.

גאָלדה'לע האָט געקענט לעזען, און האָט געלעזען מעשה־ביכלעך. נור יעדעס מאָל, ווען זי איז געקומען צו זײ — האָט זי זײ געמוזט

פאַרלעזען די מעשה פון דער „שעהנער מארי“, — און יעדעס מאָל פלעגען זיי זיך אנידערזעצען ארום רוהיג און אויסהאָרכען מיט די אונ־געדולדיגקייט, נישט דוקא ווי זיי וואָלטען עס דאָס ערשטע מאָל גע־הערט, נור ווי די פּערזאָן פון די ערצעהלונג קעהרט זיך מיט זיי אָן גאָר א נאָהענטע. גאָלדה׳לען האָט די מעשה שוין נישט אינטערעסירט. שוין דריי יאָהר ווי זי לעזט אלץ פאר זיי פאַר די מעשה. נור דאָס „הויז“ האָט פון קיין אנדערע מעשה נישט געוואָלט הערען. איינע האָט שוין געבראכט צו־שלעפּען דאָס „מעשה ביכעל“ די „געהיימע מערדער“, געבראכט איהר די לאָמפּ, און אלע האָבען זיך ארום איהר געזעצט. איינע האָט די צווייטע אוועקגעשטופּט, אז זי זאָל נעהענ־טער זיין צו גאָלדה׳לען, און זייגען שטיל געוואָרען אויסהאָרכענדיג.

גאָלדה׳לע האָט אָנגעהויבען צו לעזען פון דעם אָרט וואו עס ווערט דערצעהלט, ווי דער „שווארצער מערדער“, וואָס האָט צום טויט פער־ליעבט זיך אין די „שעהנע מארי“, „וועלכע האָט געהאט אויגען ווי די שטערען ,און א געזיכט ווי דער מאָנד“ — האָט ער זי ארויסגע׳גנב׳עט א נאכט פאַר דער חתונה מיט איהר „הייס־געליעבטען“ ראָבערטען, און ער האָט זי אריינגעשליידערט צו זיך אין קערקער, און ער איז געשטאַ־נען און ער האָט פאַר איהר אויסגעגאָסען זיין הייסע ליעבע, און ער האָט זי צוגערעדט, אז זי זאָל פערגעסען אָן איהר ראָבערט, וועלכער איז יעצט ביי איהם געפאנגען, און אז מיט איין וואָרט „יאָ“, קען זי איהם גליקליך מאכען און זיך גליקליך מאכען און ווערען די קעניגין פון די „געהיימע מערדער“. די „שעהנע מארי“ וויל אָבער ניט ברעכען דאָס וואָרט, וואָס זי האָט פערשפּראָכען איהר ראָבערט׳ן צו זיין זיינע, ביז צו דעם לעצטען שאָפּעל ערד. זעהט דער „שווארצער מערדער“, אז מיט גוטען וועט ער ניט קענען אויספיהרען, טהוט ער א פייף און עס לויפען אריין פופציג זיינע באנדיטען „מיט שווארצע אויגען אין די שטערען“ און „מיט געשארפטע שפּיזען אין די הענד“.

— גיב זיך אונטער!“ גיט ער א רוף אויס.

— א מכה דיר! א מכה דיר. — ברומען די מיידלעך העכסט אויפגערעגט אין דער שטיל...

עס עפענען זיך די טהירלעך פון די „פערנומענע“ שטיבלעך, און מיידלעך, אויסגעטהון ביז צום העמד גנב׳ענען זיך ארויס פון די איינ־געשלאָפענע געסט, קומען אויך אהער צו גאָלדה׳לע, און הערען זיך איין

אין דער שטיל, צו דעם וואָס גאָלדה׳לע לעזט ווייטער.

„... האָט ער זי געהייסען אויסטהון נאקעט אזוי ווי גאָט האָט זי בעשאפען, און געגעבען א בעפעהל, אז מען זאָל אריינברענגען דעם גע־בונדענעם ראָבערט׳ן, ער זאָל זיך צוקוקען מיט זיינע אייגענע אויגען ווי איהר שעהנער קערפער וועט ווערען בעזיטצען פון „דעם שווארצען מערדער“ — און דערנאָך ווערען צושניטען אויף שטיקלעך. — דער „אונגליקליכער“ ראָבערט האָט געבעטען זיין ברויט, אז זי זאָל נישט לאָזען אונטערקומען איהרע יונגע יאָהר פון דעם מערדער׳ס האנד. האָט די „שעהנע מארי“ איהם אזוי אָבגעענטפערט:

— „אזוי לאנג ווי עס טהוען אונזערע שטערן אין הימעל לייכ־טען, אזוי לאנג וועל איך אונזער הייסע ליעבע ווי מיינע אויגען אין קאָפּ אָבהיטען.“

— אָך, שעהנע מארי! — האָבען די מיידלעך געברומט.

— „האָט דער „שווארצער רויבער“ געהייסען, פיער בעדיענטע זאָלען איהר דאָס העמד אויסציהען און די שפּיזען גרייט מאכען. נור אזוי ווי עס איז געוואָרען ענטפּלעקט איהר יונגעס לייב, איז דער „שווארצער מערדער“ פערבלענדט געוואָרען פון זיין הערליכקייט און שעהנקייט:

— „שטעהט! האָט ער געגעבען א רוף אוים צו די מערדער מיט די שפּיזען.

— „לאָזט מיך מיט איהר אליין — האָט ער געגעבען א בעפעהל. אין איין מינוט האָבען אלע דאָס קערקער פערלאָזט, און עס איז נור איבערגעבליבען די „שעהנע מארי“ מיט׳ן שווארצען מערדער אליין.

„האָט ער זיך געגעבען א וואָרף צו איהרע פיס און האָט אזוי געזאָגט:

„שעהנע מארי! דיין שעהנעם לייב האָט אָנגעצונדען דעם פלאם פון דער ליעבע אין מיין הארץ, און נישט מיט דיין אונשולדיגעם יונג בלוט, וואָס עס וועט ווערען פערגאָסען דורך מיין האנד, וועל איך קענען פערלעשען דאָס העלישע פייער פון די ליעבע, וואָס פלאקערט אין מיין הארץ — נור דיין מונד און דיינע זאנפטע קושען, זיי וועלען קענען פארלעשען. זעה! איך בין דער קעניג פון די „שווארצע מערדער“ — מיין האנד טהוט אייזען ברעכען, נור די ליעבע פון א פרוי איז שטאר־קער פון אייזען. מיין האנד טהוט מענשענס בלוט פערגיסען און מענ־

שענם רייכטהום רויבען — נור די ליעבע פון די פרוי קען זי ניט רוי־בען... שעהנע מארי! ווי א אונמעכטיג קינד ליעג איך, קעניג פון די „שווארצע מערדער". צו דיינע פיס, און בעט ביי דיר מיטלייד! ווי א הונד וועל איך ליעגען ביי דיינע פיס. — אויף די הענד וועל איך דיך ארומטראָגען! — ! —"

— שווארצער הונד! א מכה דיר! האָבען די מיידלעך געברומט.

„האָט די שעהנע מארי איהם אזוי אָבגעענטפערט:

„קעניג פון די שווארצע רויבער! אין דיין האנד בין איך, טהו מיט מיר וואָס דו ווילסט, אָבער פערלאנג ניט פון מיר מיין עהרליכקייט. איך האָב פערשפּראָכען מיין וואָרט מיין היים־געליעבטען ראָבערט'ען, און זיינע מוז איך איבערבלייבען ביז צום טויט...

— אָט אזוי — האָבען די מיידלעך געברומט.

— „האָט זיך דער שווארצער מערדער גענעבען א וואָרף ארויף אויף איהר שעהנעם קערפּער. די שעהנע מארי האָט געשריען רע־טונג, אָבער אומזאָנסט איז געווען איהר רופען אין וויסטען וואלד. האָט זי געביסען מיט די ציין די שטריק וואָס האָבען פערבונדען איהרע הענד. אָבער אומזיסט! די שטריק זיינען געווען צו שטארק פאר איהרע עדעלע ציין.

אין דער שטוב איז געוואָרען זעהר שטיל. די מיידלעך האָבען דעם אָטהעם אויפגעהאַלטען — איינהאָרכענדיג וואָס וועט דאָ זיין.

— זי האָט געביסען דעם מערדער'ס פינגער, איינגעביסען זיך אין זיין הארץ....

— אָט אזוי, לאָז דיך ניט! לאָז דיך ניט! האָבען די מיידלעך שוין הויך געשריען.

„נור באלד דאָך איז דער שוואכער ווייבליכער קערפּער געלעגען ווי א געבונדענער קרבן אונטער דעם מערדער'ס האנד.

— מאמע, קרוין, מאמע לעבען, — האָבען די מיידלעך געוויינט הויך.

„פּלוצלונג האָט זיך די טיהר געעפענט א פּראל אויף, און זשאנ־דארען מיט בלויזע שווערדען אין די הענד זיינען אריין, געגעבען א חאפּ דעם באנדיט.

— א — א — — — — — — — — — — — — — — — —

*

אין שטוב איז שטיל געוואָרען. גאָלדה׳לע האָט אויפגעהערט צו לעזען, און האָט די גאנצע צייט געקוקט צו דעם פערמאכטען שטיבעל: וואָס דאָרטען טהוט זיך... די מיידלעך האָבען געשמועסט פון די מעשה. מאניע האָט מיט שטייפע טריט שפּאציערט איבער דער שטוב אהין און צוריק, ווייזענדיג איהרע קאָליערטע זאָקען פון דער קורצער האלקע, און האָט געוואונקען מיט׳ן לאָק פאר זיך, און האָט גערעדט צו זיך, יאָלד! יאָלד! יאָלד!

דעם בעל הבית׳ס טאָכטער האָט זיך אונטערגע׳גנב׳עט הינטער׳ן ווענטיל פון א פערמאכטען חדר׳ל און נייגעריג דורך א שפּאלט אריינ־געקוקט.

רויטע בלוט פלעקען האָבען אויף איהרע באקען געבליהט. די ברוסט איהרע האָט זיך הויך בעוואויגען, און זי האָט הויך און ווארם אָבגעאָטהעמט, אז דאָס בלוט אין איהרע הענד האָט געציטערט און געוועקט זיך.

מאניע האָט עס בעמערקט. זי איז פלינק צו צו איהר, איינגעבי־סען איהרע דינע טרוקענע ליפּען אין דעם מיידעל׳ס באקען, און האָט דאָס מיידעלשע בלוט מיט׳ן פולען מויל אויסגעזופּט...

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

אין פענסטער האָט זיך שוין אָנגעהויבען צו גרויען די וואנד פון דער געגענאיבערדיגער מויער...

די שטומע.

נאָך א געוויסע צייט, אז איך האָב מיך אין דער וועלט ארומגע־וואַלגערט בין איך צוריק צו מיין טאַטע־מאַמע אהיים געקומען.

איך זיץ ביי׳ם פענסטער און קוק מיר ארויס אין מיין בעקאַנט געסעל... די גאַס איז אין א האַלב־טונקעלען וואָלקען איינגעהילט ווי אין א פאַטשיילע, א וואַרים ווינטעל האָט אין געסעל געבלאָזען.

געגענאיבער מיין פענסטער — דער בעקאַנטער אייביג ווימטער און אייביג בעשמוצטער סטעלמאַר׳ס פּלויט, מיט די גרינע צווייגען, װעלכע שטייגען פון איהם ארויס, און אינגלעך קריכען און רייסען ציאָרנעס... ווייט אין הימעל, ביי׳ם אַלטען פּאַלאַץ, וואָס שטעהט אין איינזאַמען וואַלד, וואו דער פּריץ ליעגט בעגראָבען, באַדען זיך וואָל־קענדלעך, פליסענדיג אין זיך און פון זיך, געהען אין ים אריין, טרינ־קען זיך אָן מיט וואַסער, און וועלען באַלד אין געסעל אָנקומען אויף אונז אראָבגיסען דאָס וואַסער, וואָס זיי האָבען אין ים זיך אָנגע־טרונקען...

יעקב דער טרעגער לויפט פאַרביי פאַר׳ן פענסטער, טראָגט א באַרעל ביר פון לאַנקעשין און קינדער אין דער גאַס זינגען:

„— די מאַמע, די מאַמע איז ניטאָ.

„— וואו איז זי געפאָהרען?

„— נאָך לאַנקעשין.

„— וואָס וועט זי מיטברענגען?

„— א טונדעל ביר.

„— וואו וועט מען עס שטעלען?

„— הינטער דער טהיר.

„— ווער וועט עס טרינקען?

„— איך מיט דיר“.

עס פאָהרט א וואָגען פאַרביי פאַר'ן פענסטער אָנגעפּאַקט מיט קאָרב און קאַסטען, און אַזוי פיעל דרענגער, מיט מענער און ווייבער; מען פאָהרט אודאי פון מאַרק, א שטויב גהעט אויף. א גאַנצע סטאַדע געגנז שרייען, נאָך זיי געהן נאָך „צוויי הויכע דייטשען מיט לאַנגע בייטשען"...

און דונקעל ווערט אין געסעל.

די הימלען קומען נעהענטער צו דער ערד. קומט א וואָלקען צו ציהען און שלינגט איין אַלע קליינע וואָלקענדלעך אין זיך, און א שוואַרצער פלעק הילט איין דאָס געסעל, דאָס שטעדטעל...

ווייט אין געסעל רופט א מאַמע:

— קומט, קומט קינדערלעך אין שטוב אַריין, א רעגען וועט זיין, א רעגען וועט זיין!

געהט א אידענע פאַרביי, איינגעהילט דאָס פּנים אין א שוואַרצע פאַטשיילע; דאַכט זיך זי וויינט און לאַכט צוזאַמען. שטעלט זיך אָב פאַר מיין פענסטער און נעהמט צוזאַמען שפּענדלעך פון גאַס. דאָס טוך פאַלט איהר פון קאָפּ אַראָב, די האָר פרעסען זיך אויפ'ן שטערן, און די ווייבע לעפּלען פון די אויערען ציטערען אין דער שטיל... דער ווייסער האַלז, וואָס ציהט זיך פון א געדרויטעלט קאָפּ־טענדעל אַרויס איז טרויעריג־שטום, און די ברוסטען בעוועגען זיך לייכט אונטער דעם קאָפּטענדעל. דאָס יונגע און נאָך גאַנץ פרישע געזיכט, אויף וועלכען עס ליעגט אויסגעגאָסען א בעהאַלטענע תאוה, האַרמאָנירט ניט מיט די טיפע, ערנסטע שוואַרצע אויגען, וואָס בעהאַלטען זיך טיעף אין געזיכט. און די אויגען וויינען, דאַכט זיך, אין דער שטיל פאַר זיך, נאָר דאָס פּנים שמייכעלט גוטמוטיג.

— הינדעלע!

— יאָ, הינדעלע.

... טאַטע אין הימעל! דענסטמאָל ווען איך האָב געהאַלטען איהר האַנד אין מיינע... איהר גאַנצע נשמה האָט געציטערט אין איהר צערטליכע האַנד... און די ליפּען האָבען זיך אין דער העלפט געעפענט, און עס האָבען זיך געוויזען א רייהע ווייסע צייהן...

מיין האַרץ קלאַפּט אין דער שטיל:

— הינדעלע... הינדעלע...

און זי שטעהט פאר מיין פענסטער, פעררירכט זיך דאס טיכעל אויפ'ן קאפ און שמייכעלט, ווי זי וואלט זאגען:

— יא, יא, הינדעלע!

און א רעגען הויבט אן צו טריפען, א טראפען צו א טראפען. דער פלויט ווערט דורכגעווייקט, א סך טרעהרען ווייזען זיך אויף די בלעטער פון די בוימער.

און דער רעגען נעצט זי דורך, זי שטעהט, לאכט און וויינט...

— נו, וויים ניט גאט וואס ער טהוט? ער שענקט ניט קיינעם. אוי, אוי, ווייסט ער וואס ער טהוט.

איך קוק מיך אום, מיין מאמע זיצט אין צווייטען ווינקעל די ברילען אנגעטהון אויף די אויגען, האלט א גרויסען קרבן־מנחה סדור אין דער האנד, און דאווענט מנחה...

— זעהסט דו, מיין זוהן, ביי גאט ווערט גארניט פערפאלען. לאזט געהן דעם קרוג ביז צום וואסער...

— דאכט זיך, הינדעלע?

— יא, הינדעלע, די ארענטליכע...

— וואס איז דאס מיט איהר געווארען?

— זי האט דאך חתונה געהאט!

— חתונה געהאט?!

— אודאי! מען זאגט, זי האט געוואלט א פערענטפערניש אויף יענער וועלט איבער איהרע מעשים, האט זי זיך גענומען א מאן, גלאט אזוי, נאר זי זאל הייסען זיין ווייב... איהם געגעבען וואס ער דארף, נאר ער זאל יעדען טאג דאווענען פאר איהר, שבת האלטען. זי וויל, הייסט דאס, גאט איבערבעטען. נור גאט דארף ניט אזעלכע... איז זי קראנק געווארען, דער מאן וואלגערט זיך ערגיץ אין דער מדינה, און זי אין שטאדט ארעם, שטומערהייד.

שטום?

— מיט איהר קול האט זי געצויגען צו זיך פרעמדע מאנספערשוינען, האט זי גאט שטום געמאכט.

און הינדעלע שטעהט אין גאס, קוקט אויף מיר, ווי זי וואלט מיט'ן קאפ צוגעשאקעלט: אזוי איז עס, אזוי איז עס.

— לויפט זי א גאנצען טאג אין גאס ארום, און ברומט... וואס? ווען? קיינער ווייס ניט וואס זי וויל; זי איז דאך שטום. מען

זאגט, אז זי וויל מען זאל איהר שרייבען א בריעף צו איהר'ן עפּעס א „קאַבּאַנעק", וואָס האָט זי פערלאָזט. ווער קאָן זי דאָרט פער־שטעהן?

— און וואו נעכטיגט זי?

— אין איהר שטוב. עס איז דאָך א ירושה פון איהר פאַטער, א פרומער איד געוועז, און האָט איבערגעלאָזט נאָך זיך אזא טאָכטערעל, ליעגט זי אויף איהר שעניק.

— און פון וואָס לעבט זי?

— מענשען זיינען זיך אויף איהר מרחם, ברענגען איהר א לעפעל עסען. פון אונז טראָגט מען איהר פון צייט צו צייט אויך עפּעס אהין. עס איז דאָך א נפש. גאָט בעצאָהלט איהר פאַר דאָס איהריגע אויף דער וועלט.

דער הימעל האָט זיך פּלוצלונג געשפּאָלטען, און גאָט'ס וואָגען איז איבער אונזערע קעפּ דורכגעפאָהרען...

מיין מאַמע האָט די האַנד אָן די שויבען אָנגעריהרט און א ברכה געמאַכט איבער'ן דונער.

— שמואל, שמואל! געה אוועק פון פענסטער.

די טראָפּען רעגען האָבען אין די שויבען אָנגעקלאַפּט. מיין מאַמע האָט זיך געשטעלט דאַווענען שמונה־עשרה.

אין עק גאַס שפּילען זיך קינדער אין רעגען, אַזוי ווי זיי וואָל־טען זיך מיט'ן טאַטען אין הימעל געריי'צט: דיינע טראָפּענס קענען אונז אין שטוב ניט אַריינזאָגען. טהוען זיי זיך אויס די שטיוועלעך מיט די קאַפּאָטקעלעך און האַלאַ! אין די רינשטאָקען.

אין דעם ווערט א גערודער אין געסעל. פון דערווייטענס לויפט א אידענע מיט גרויסע געוואַלדען:

— כאַפּט'ס! כאַפּט'ס!

איך קוק אַרויס פון פענסטער. חנה שרה'לעס געוועלב שטעהט אין גאַנצען אין רינשטאָק און דאָס וואַסער כאַפּט פון איהם שטיקער האָלץ אַרויס: א באַנק, א שטוהל, און חנה שרה'לע דורכגעווייקט אין רעגען לויפט נאָך נאָך די זאַכען: כאַפּט'ס! כאַפּט'ס!

אין גאַס ווערט א גרויס געלעכטער. קינדער וואָס טרעפּטשען אין די רינשטאָקען און לאָזען שיפען אויס'ן וואַסער לויפען נאָך חנה שרה'לען:

— דאָ! דאָ!
איך האָב זי געזוכט.
זי איז שוין אין גאַס ניט געווען.

ביינאַכט בין איך אין געסעל אַרויסגעגאַנגען, בעקוקען מיינע אַלטע חברים — די הייזער אין זייער נאַכט־שאָטען. דער שאָטען פון איין הייזעל האָט אין זיך איינגעהילט דאָס צווייטע הייזעל, און אַזוי איינ־איינעם האָט עס עפּעס געטרוימט, שלאָפעדיגערהייד צי וואַכעדיגערהייד, די גוטע יאָהרען ווייסען זיי... נאָך דעם רעגען איז די נאַכט געווען אַ פינסטערע. שטיל איז אַרום, ערגעץ אין אַ נאָרע קלאָגט אַ הונד... ערגעץ אין אַ דאַך־שטיבעל וויינט אַ קינד... ווייט אין גע־סעל פּאָהרט אַ פוהר און אַ מענש געהט פון דערווייטען, און דאָס עכאָ פון זיין טריט, ווי עס וואָלט פון אַ הוילען פאַס אָבגעקלונגען... ווייט אין געסעל קלאָגט דאָס מיהלעכעל פון אַרע קאַשעמאַכער, צורייבענדיג דעם ווייץ אויפ׳ן שטיין, און עס הערט זיך דעם ווייץ׳ס קרעכצען... און איבער דעם אַלעם איז צוגעדעקט אַ גרויער נאַכט־פּלעק, בעהאַל־טען פון מענשענ׳ס אויגען...

איך געה פאַרביי דאָס הויכע, איינשטאָקיגע הויז, וואָס שטעהט אין ליק פון אונזער געסעל. דער דאַך איז בעהאַלטען און אויסגע־מישט אין נעבעל פון דעם נאַכט־פּלעק. אין דער הויך אין אַ קליין פענסטערעל, ווייזט זיך אַ ליכטעל, און עס הערט זיך אַ האַרצריי־סענדיג ברומען: אים־מ־מ־ם! אים־מ־מ־ם! ווי אַן איינזאַמע נשמה וואָלט פאַר זיך געוויינט.

איך קוק מיך אום.

אויף דער שוועל פון דעם קעלער־שטוב ווייזט זיך אַ אידענע, די בעקעריין, אין אַ טוך איינגעהילט, און ווייזענדיג מיר מיט׳ן פינגער אין דער הויך צו׳ם פענסטערעל זאָגט זי:

— קיין אויג לאָזט דאָס ניט צומאַכען אַ גאַנצע נאַכט, אַט אַזוי ברומט דאָס.

— וואָס וויל זי דאָס אַזוינס?

— איין גאָט ווייסט זי, ליגט אַ גאַנצע נאַכט און ברומט; זיי זאָגען דאָך: אַ בריעף וויל זי שרייבען. געה פרעג אַ שטומען!

איך בין ארויף אויף די פערקרימטע טרעפ, אריין צו איהר אין שטיבעל. אויפ'ן בעט, אין וועלכען די קישענס מיט די קאלדרע האַבען נאך דערמאַהנט אַן די גוטע צייטען, איז הינדעלע געלעגען. דער טונקעלער שיין פון דעם פּעררוויכערטען לעמפּעל האָט האַלב בעלויכטען איהר קערפּער און די ווייסע הענד, וועלכע האָבען ווייך דעם קאָפּ ארומגעהאלזט. די צולאָזטע טונקעלע האָהר, וועלכע זיינען געווען פערבאָרגען אין שאָטען, האָבען, דאכט זיך, דאָס גאַנצע בעט צוגעדעקט. אין איהרע אויגען האָט אַ שוואַרץ ליכטעל געברענט, און פון דער אויפגעדעקטער ברוסט האָט ארויסגעשמעקט דער געשמאַק, מיט וועלבען די קישענס און די קאָלדרע האָבען דערמאַהנט אַן גוטע צייטען...

— דו ווילסט שרייבען אַ בריעף צו איהם? — פרעג איך זי.

אַ ליעבליכער שמייכעל האָט איהרע ווייסע צייהן בעלויכטען.

איך האָב אויפגעדרעהט דעם קנויט פון לעמפּעל, ארויסגענומען פון מיין בוזעם מיין ביכעל, און הויב אַן שרייבען, לעזענדיג איהר הויך, וואָס איך שרייב.

„צו מיין געליעבטען...

„פאַרוואָס האָסטו מיך פערלאָזט? זעה, איך בין שוין געזונד, אין גאַנצען געזונד, און וואַרט אויף דיר, אַז דו זאָלסט קומען צו מיר, וועלען מיר ביידע ביי'ם רב חופּא וקדושין נעהמען.

„זעה, איך וואַרט אויף דיר, איך בין שוין ווידער געוואָרען די „שעהנע הינדעלע". די האָהר וועל איך מיר צולאָזען, איך וועל פאַר דיר זינגען, ווי דענסטמאָל, דענסטמאָל..."

אַ וואַרעמער נערוו האָט אין מיינע גליעדער געגעבען אַ ציטער... זי האָט מיך ביי דער האַנד אָנגענומען. אין איהר האַנד, אזוי שוואַך און בלייך, האָט געציטערט דאָס גאַנצע צערטליכקייט פון אַ פרוי, וואָס איז קראַנק געווען און קומט ביסלעכווייז צוריק צום געזונד. דאָס געזיכט האָט זי טיעף אין קישען איינגענורעט, און אָנגעהויבען צו וויינען, אָבער אזוי טיעף געוויינט, אַז זי האָט די טרעהרען געקושט, געטרונקען אין זיך...

איך האָב אויפגעהערט צו שרייבען. דערנאָך האָט זי פון מיין האַנד דאָס בלאַט גענומען, אויף וועלכען די פּאָר ווערטער זיינען געווען אויפגעשריבען, און טיעף און צערטליך דאָס בלאַט צו איהרע

בריסטען געטוליעט, דערנאָך האָט זי דאָס פּאַפּיער פעסט, ערנסט און לאַנג געקושט:

איך האָב געפיהלט, אַז דאָס, וואָס עס האָט איהר האַרץ ערפילט חדשים, וואָכען, טעג, און זי האָט עס ניט געקענט מיט די ליפּען אַרויס־ברענגען, האַלט זי יעצט אין איהרע הענד, און טוליעט עס צו איהר ברוסט...

יעדער נאַכט בין איך אין איהר שטיבעל געקומען, און איהר בריעף געלעזען פון מיין אנגעשריבענעם ביכעל, און זי האָט דאָס שטיקעל טויטע פּאַפּיער צו איהר ברוסט געדריקט...

פון דענסטמאָל אָן האָט איהר מורא־דיגער ברומען אויפגעהערט אין דער שטילער נאַכט דאָס שטילע געסעל צו שרעקען.

דאָס איז געווען מיין איינציגע טובה, וואָס איך האָב געקענט טהאָן פאַר אַ שטומע...

גוסס'דיגע שטערען

(אַ בילד).

געוואוינט האָב איך דענסטמאָל אונטער די הויכע ריעזיגע בערג „טאַטרען“, אין אַ קליין דערפעל, וואָס איז בעוואָהנט פון איינציגע בערג בויערען, וואָס האָבען געלעבט אין ערד־גרובען אָהן דעכער, אָהן קוימען, ווי אין מיטעל־אַלטער. „קאָזניץ“ ליגט אין אַ טיעפען טאָהל, וואָס איז איינגעזונקען דריי טויזענד קלאַפטער טיעף צווישען בערג. אין דעם דאָרף פיהרט אריין אַ שמאָל שנעע־ווענעל, וואָס ציהט זיך צווישען צוויי הויכע וואַסער־פּאַלען, וואָס זיינען יעצט, אין די דרייסיג גראַד פראָסט פערפרוירען געוואָרען, און געבילדעט צוויי אונגעהייערע הויכע אייז־ווענד, וועלכע די אָרט מענשען רופען: „קראַשינסקעס טהויער“. אין דאָרף האָט די זונן קיין מאָל נישט אריינגעשיינט. די דריי, פיער שטונדען טאָג האָט מען אויך געמוזט בעלייכטען מיט קליינע נאַפט־לעמפּלעך, אָדער ברענענדיגע שטיקלעך קינן. פון דער זונן, וואָס האָט הויך גערוהט אויף די שפּיצען פון די שנעע־בערג האָט זיך נאָר טהייל־מאָל אָבגעשפּיגעלט אַ גלאַנץ אין אַ בויעריש פענסטערעל, וואָס איז אין דער העלפט געווען פערשטאָפּט מיט עפּעס אַ שמאַטע. דער איינ־ציגער פלעק פון דער זונן האָט אַ ביסעל היימישער געמאַכט דאָס טויטע דערפעל, וואָס איז שטענדיג געלעגען פערבאָרגען אינ'ם שאָטען.

ביי דעם „גאַזדע“ (בעל הבית) וואו איך האָב געוואָהנט, איז אַ מאָל אין אָנהויב הערבסט אַ זוהן אוועקגעקומען. ער איז אויף די בערג געגאַנגען און איז שוין מעהר נישט צוריקגעקומען. דער „גאַזדע“ האָט געגלויבט, אַז די לצים פון די בערג האָבען איהם פערנאַרט אין אַ הייל אריין, און ער לעבט דאָרט מיט אַ שדית, פערגעסענדיג אין גאַנצען אָן דער וועלט. יעדעס מאָל, ווען אויף די בערג האָט זיך אָב־[illegible]יריסען אַ שטורם ווינד, אויסגעריסען בוימער מיט די וואָרצלען און [illegible]לײדערט זיי פון די בערג אַראָב, — האָט דער „גאַזדע“ מיט'ן הויז־

געזינד אין אַ ווינקעל זיך בעהאַלטען, געקניעט און געצלמ'ט זיך, און אָנגערופען שמות פון בערג־געטער, פאַר שרעק. דער זוהן זיינער זאָל ניט צוריקקומען מיט דער שדית — און חרוב מאַכען זיין נחלה. און וואָס אַ מאָל דער ווינד האָט די בוימער געוואָרפען אויפ'ן אויבענדעק פון דער הייל — האָט ער זיך אויף דער ערד געוואָרפען, מיינענדיג אַז אָט איז דער זוהן שוין דאָ.

דאָס לעבען פון די בערג בויערן האָט מיך אַזוי דורכגענומען, אַז איך האָב איינציגווייז אָנגעהויבען צו גלויבען אין זייערע סמנים, אין זייערע לעגענדען. און ווען אַ אוראַגאַן האָט געוועלטיגט אין די בערג, האָב איך מיך אויך, גלייך מיט דער גאַנצער משפחה, אין אַ ווינקעל פון שטוב איינגעקאָרטשעט פאַר פחד, דעם „גאַזדעס" זוהן זאָל פון די בערג נישט צוריק־קומען.

דענסטמאָל האָב איך זיך מיט איהר בעגעגענט.

אין דעם ווילדען טהאָל צווישען איזי און שניי, פערגעסען פון גאָט און לייט, איז געשטאַנען אַ דריישטאָקענדיגע געביידע. — דאָס סאַני־טאַריום פאַר קראַנקע אויף סוחאָטע. פון דער געביידע האָט ארויסגע־שטאַרט אַ הויכער קוימען, וואָס האָט דריי מאָל אין טאָג געפייפט, און יעדעס מאָל ווען עס האָט זיך דערהערט דער פייף פון סאַניטאַריום, האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס איז אַ גוסס'דיגער קרעכץ פון די קראַנקע, וואָס געפינען זיך דאָרט...

די געזונדע מענשען, די „גאַזדעס", האָבען מיט שרעק געקוקט אויף דעם הויז, וואָס האָט דערמאָנט אָן טויט... וועגען הויז פלעגט ביי זיי ארומגעהן פערשיעדענע לעגענדען: ווער עס קומט דאָרט אַריין, קומט שוין מעהר ניט אַרויס. אין סאַניטאַריום פלעגט אייגענטליך זיין פרעהליך. מען האָט זיך געוויילט, געשפיעלט, נעגעבען פון צייט צו צייט פאָרשטעלונגען, וואָס די קראַנקע אַליין האָבען אויסגעפיהרט, נאָר יעדען מאָרגען אין דער פריה האָבען צו פריהשטיק געפעהלט אַ פּאָר געסט, וועלכע מען האָט ביי נאַכט דורך די געהיימע, אין די ווענד איינ־געמויערטע טרעפ, ארויסגעפיהרט אויף מטה'ס בעטלעך, כדי די לעבע־דיגע זאָלען עס ניט בעמערקען.

זי איז געווען אַ קראַנקע פון סאַניטאַריום; פלעגט זי זיך פון צייט צו צייט ארויס'גנב'ענען פון קראַנקען־הויז און שפּאַצירען איינע אַליין צווישען די ווילדע בערג אין טיעפען שניי. די דאָקטוירים, וועלכע

האָבען שוין נישט געלייגט קיין שום האָפנונג אויף איהר געזונד, האָבען איהר ערלויבט צו געניסען פון דעם וואָס זי וויל, אין איהרע געצעהלטע טעג. געווען איז זי נאָך אַ גאַנץ יונגע. — אַ אכטצעהן, ניינצעהן יעה־ריגע, מיט לאַנגע ווייכע בלאָנדע האָר. פון די בלויע אויגען, וואָס האָ־בען זיך פערשעהמטערהייט ארונטערגערוקט אונטער איהר שטערען, האָט שוין ארויסגעקוקט דער טיעפער ערנסט פון טויט. אויף איהרע יונגע פרישע ליפען האָט אָבער נאָך געשיינט דער זיסער שמייכעל פון לעבען... און זי האָט געמאַכט דעם איינדרוק פון א הויכער, בליהענ־דער אונטערגעשניטענער טובעראָזא בלום. איך וויים ניט ביז היינט, צי זי האָט געוואוסט פון דעם, אז איהרע טעג זיינען געצעהלטע, צי זי האָט נישט געוואוסט — זי איז זעהר פרעהליך געווען. און עס האָט זיך איהר געוואָלט לעבען. איינע אליין מיט די צופלאַשעטע האָר, אַנגעטהון אין אַ ווייסען סערדוק, מיט אַ הויכען שטעקען אין דער האַנד, האָט זי אויף די בערג געשטייגט, גלייך ווי זי וואָלט געגאַנגען זוכען איהר גליק, וואָס זי האָט ערגיץ פערלוירען...

איך האָב זיך בעגעגענט מיט איהר אויף אַ שפּיץ באַרג, ביי אַ גע־פרוירענעם סטאַוו, צווישען „סאַקראַקען“ מיט „שטעכערס“, וואָס זיי־נען געווען בעלעגט מיט קישעלעך שניי. מיר האָבען זיך באַלד דער־קענט. און, גלייך ווי מיר וואָלטען שוין לאַנג געוואַרט אויף אַ צוזאַ־מענטרעפען, האָבען מיר זיך ביי די הענד אַנגענומען און הויך אויף די בערג געשטיגען.

די זון האָט בעגאָסען מיט ליכט דעם שפּיץ „געוואַנט“ און דער וויי־סער שניי, באַדענדיג זיך אין דער העלער זונן, האָט אַזוי פיעל ליכט פערשפּרייט, אַז עס האָט זיך געדאַכט אַז אויף דעם שפּיץ „געוואַנט“ פליסט אַ ליכטיגער ים, וואָס גיסט זיך ארויף אויף דעם באַרג „ציער־וואַנער ווירכ׳ס“ אַקסעל. זי, בעגייסטערט מיט לעבען, האָט געצויגען מיין האַנד און געשטיגען אין שניי. אין דער ארומיגער שניי־וועלט איז קיין מענש, קיין בעשעפּונג פון מענשליכע הענד נישט געווען צו זעהן. אונז האָט זיך געדאַכט, אַז מיר זיינען געקומען אויף די גרענעץ פון יענער זייט וועלט... וואו איין פליעגעל שניי ליגט אויפ׳ן צווייטען, אין אוצר הקרח זיינען מיר געקומען. — אַט באַלד וועט זיך דער בלעך הויבען און וועלטען וועלען ווערען פערשאָטען מיט שניי...

און, אַז זי האָט דערזעהען דעם ווייסען וואַלד־שניי, וואָס האָט

ארויסגעקוקט פון צווישען די שווארצע וואסער־טאָוולען פון קליינעם וואסער־קוואל, וואָס גיסט זיך פון די בערג אראָב, האָט זי איהרע לאנגע יונגע הענד פערשפרייט:

— גאָט, ווי שעהן איז די וועלט!

און לאנג, לאנג דערנאָך האָט זי שטיל געשוויעגען....

פון צייט צו צייט האָבען מיר זיך געזעהען, צוזאמען שפּאַצירט. שטענדיג איז זי די אייגענע: פרעהליך, אָפען און דאָך אין זיך עפּעס א סוד געהאַט בעהאלטען. דעם סוד, וואָס איז פאר אונז און נאָך אונז... זי האָט קיין איינציג מאָל נישט דערמאָנט פון דער וועלט, פון וועלכער זי איז אהער געקומען צו פאָהרען, ניט פון יענע וועלט, וואו זי מאכט זיך אין וועג אריין... איז איהר קאלט געוואָרען אין די בערג, האָט זי זיך ווייך געטוליעט צו מיר, זעהר ווייך און זעהרווארם, דעם קאָפּ בע־האלטען ווי א קינד אין מיין ברוסט, גלייך ווי זי וואָלט געוואָלט אין מיר אריין.

ווי א גוטער ליכטיגער מלאך האָט זי זיך אויף מיין שוועל בע־וויזען:

— קום — זאגט זי צו מיר, און מיין האנד געצויגען.

איך האָב מיך אין מיין פוטער איינגעטוליעט און מיט איהר גע־גאנגען.

א נאכט איז געווען א ליכטיגע און א לויטערע. א האלבע לבנה אָהן איין פּגימה'לע איז געשטאנען אויפ'ן שטערען פון „געוואַנט", וואָס איז, אין גאנצען פון קאָפּ ביז די פיס איינגעהילט אין א ריין גע־וואשענעם קיטעל, געלעגען טיעף פערקלערט אין זיין סוד... די לופט איז אזוי קלאָר געווען, אז מען האָט געפיהלט דעם פראָסט, וואָס טראָגט זיך ארום. די שטערען זיינען שארף געזעסען אין דער שווארצער סאמעט־נאכט, ווי איינער וואָלט זיך אין צווייטען געריבען. זי איז זעהר פרעה־ליך געווען. זי האָט קיין איין וואָרט ניט גערעדט, נאָר זעהר ווארם מיין האנד געדריקט און מיך געצויגען נאָך זיך. און מיר האָבען אין דער איינזאמער לויטערער נאכט ווייט און לאנג שפּאַציערט. דער שניי האָט געסקריפּעט אונטער אונזערע פיס און די ארומיגע שטומע ווייסע וועלט האָט מיט אויפמערקזאמקייט אויסגעהערט די טריט פון צוויי יונגע

פערבלאָנדזשעטע נשמות... אין די הייזלעך זיינען שוין לאַנג די ברע־נענדיגע קיהנדעלעך אויסגעלאָשען געוואָרען, שווארצע שאָטען האָבען זיך געלעגט איבער דעם ווייסען נאַכט־פּלעק אויף די קליינע הייזלעך, און אַרום אונז איז אַזוי שטיל געווען, אַז מיר האָט זיך גערדאַכט אַז אימיצער געהט נאָך אונז נאָך און צעהלט אונזערע טריט.

פון צייט צו צייט איז אַ שטערענדעל געפאַלען פון הויכען הי־מעל, אין אַ סעקונדע אַ רייזע אַרום די וועלט געמאַכט און איז פער־לאָשען געוואָרען. זי האָט געקוקט מיט בענקשאַפט אויף די אויסגע־הענדיגע שטערענדלעך, און וויבּך מיין האַנד אָנגענומען, מיר טיעף אין די אויגען געקוקט, און מעהר מיט אַ געלעכטער און פרעהליכקייט ווי מיט טרויער האָט זי זיך צו מיר אַזוי אָנגערופען:

— צו איז וואָהר, וואָס קינדער דערצעהלען, אַז יעדער מענש האָט זיין שטערן אין הימעל, און אַז זיין שטערן פאַלט פון הימעל אראָב ווערט זיין לעבען אויסגעלאָשען?

— אַזוי דערצעהלען קליינע קינדער.

זי איז אויף אַ מינוט שטיל געבליעבען.

— דאָס וואָס קינדער דערצעהלען איז טהייל־מאָל זעהר וואָהר, ניט אַזוי? האָט זי געפרעגט מיט אַ קינדיש־חן׳עווריגע מינע.

— מיין מאַמע פלעגט אַזוי זאָגען...

— און וואו קומען אהין די אויסגעהענדע שטערענדלעך?

— דאָרט וואו עס קומען אהין די געשטאָרבענע נשמות.

— נאָכ׳ן טוידט וואשען זיך די נאַקעטע נשמות אין קאַלטען וואַ־סער, איידער זיי שטייגען ארויף צום בית־דין של מעלה.

— דאָרט באָדען זיך אויך די געפאַלענע שטערן.

זי איז אויף אַ מינוט שטיל געבליעבען.

— אָט, אָט, פאַלט אַ שטערן! — ווייזט זי מיר אָן מיט׳ן פינגער.

— פערביי אונז געפלויגען.

— אפשר איז עס מיינער? ווארט, ווארט — מאַכט זי מיט דער האַנד – און האָט זיך געלאָזט נאָכיאָגען דעם געפאַלענעם שטערן.

איך בין אַליין איבערגעבליעבען אין די ליכטיגע נאַכט צווישען שטערן און שניי.

פון דענסטמאָל אָן האָב איך זי מעהר ניט בעגעגענט.

ווייסע רויזען.

(ערצעהלונג)

אויף דעם בולוואר סט מישעל, אין קווארטאל, וואו עס קלאפט דאס לעבעדיגסטע הארץ פון פאריז — זיין יוגענד, זיינען מיר געזעסען דריי יונגע לייט פון אלטען אידישען פאלק, און מיר האבען גערעדט פון דעם, אז די אלטע געטער שטארבען אפ און קיינע נייע ווערען נישט געבוירען. ארום אונז האט געראוישט די יוגענד. יונגע לייט און יונגע מיידלאך, צוזאמענגעקליבען פון אלע עקען וועלט, מיט ליידיגע קעשענעס און מיט רייכע הערצער, דרעהען זיך אויף דעם בולוואר און זיי קאכען און ברומען, לאכען, רעדען — און זשוזשען, ווי די ביהנען וואס ארום די רויטע ווארימע בלומען. בבל'ס שפראכען ווערען גערעדט און דאך פערשטעהט זיך גוט מיט אנאנד אלעס, וואס קומט דא אהער, ווייל זייער איינציגע שפראך איז די ליעבע, וועלכע אלע פערשטעהען. און אין דעם טייך פון ליעבע, זיינען מיר געזעסען די דריי אידישע יונגע לייט און האבען גערעדט פון די אבגעשטארבענע געטער. אידישע יונגע לייט האבען צו פיעל גע'ירש'ענט פון זייערע זיידעס זייער אמונה און האבען תמיד צו טהאן מיט זייער גאט: קריגען זיי זיך ניט מיט איהם, בענקען זיי נאך איהם. און אויך דא, וואו די יונגע מיידלאך, געהילט אין זיידענס, צווישען אונז הונגעריגע און דארשטיגע, (הונגעריגע נאך עסען און דארשטיגע נאך ליעבע), מיט זייערע אונטערגעפארבטע אויגען און בעטלען עסען און נאכט לעגער, זיצען מיר און רעדען וועגען די געטער.

— מען קען נישט וויסען ווי גאט ווירקט — עס קען זיין זיצען מיר דא אויף סט. מישעל — צווישען די פאריזער מיידלאך און דער גאט

פון אברהם ווירקט דא דורך איינעם פון זיינע אגענטען און דער סט. מישעל קריגט דורך איהם אנ'אנדער פנים.

— דורך דעם גאט פון אברהם?

— יא.

— ווילט איהר זיך איבערציינגען א קלייניגקייט, אט וועט איהר באלד זעהן, זאגט מיין פריינד.

— ?

— ווארט א מינוט.

גיט א ווינק — עס ווייזט זיך פאר אונז די פרוי מיט דעם קארב בלומען. וואס פערקויפט אונז יעדען טאג פאר די פראנצויזישע מיידלאך, וואס זיצען נעבען אונז און הערען אוים אונזער געשפרעך אויף א שפראך וואס זיי פערשטעהן נישט און עס איז זיי גאנץ גלייכגילטיג וועגען וואס מיר רעדען און ווארטען נור אז מיר זאלען זיי צו אבענד־ברויט בעטען.

די פרוי הויבט אן צו אונז רעדען פראנצויזיש.

— שאדט נישט, זאגט דער יונגער מאן צו איהר, וועלכער האט זי צוגערופען, — איהר קענט רעדען מיט אונז אידיש.

די פרוי קוקט זיך מיט מורא ארום און פרעגט אויף אידיש:

— אידען?

— זייט איהר א אידיש קינד? — פרעגען מיר זי אלע — און מיר האבען ביז אהער ניט געוואוסט.

— א געוועזענע — ענטפערט די אידענע פערשעהמט.

— וואס, גע'שמד'ט? — פרעגט איינער פון אונז.

— חלילה, — שפייט אוים די אידענע. אלע שונאי ישראל, אזוי געפאלען זאל איך שוין זיין?!

— נור פאר וואס רופט איהר זיך א געוועזענע?

— וואס דען בין איך, א אידיש קינד? — קרעכצט די אידענע — איך פערקויף אין שבת און האנדעל אין שבת און וויים ניט פון קיין יום־טוב, פון קיין שוהל [illegible], פון קיין תחינה זאגען, מיט וואס בין איך א אידיש קינד?

— פאר וואס? פרעגען מיר.

— פאר וואס? וואס זאל מען טהאן. דער מאן איז אוועק, איבערגעבליבען מיט די קינדער אליין, מען דארף דאך די שוואלבען ברויט געבען, געהען דאך אין שוהל. געה נישט שבת ארוים, וועט

מען דיר אין דער וואַכענס אויך ניט צולאָזען, אַ אידיש קינד, די קעלנער וועלען פעריאָגען, אַנדערע וועלען צונעהמען דעם פּלאַץ, צינד איך אָהן די שבת-ליכטלעך אין דער היים און לויף מיט דעם קייבירעל אַרויס.

— און שבת אין דער פריה?

— וואָס זאָל איך טהאָן? איך מוז נאָך די קינדער אַליין אויפ־וועקען, אַז דער עלטערער זאָל געהן צו דער ארבייט און די אינגערע אין די שוהלען אריין. איך זעה ווי ער נעהמט, מיין עלטערער בחור, די כלים און געהט אַוועק, און איך האָב איהם נאָך אַליין געוועקט. וואָס זאָל איך טהאָן, ניט וועקען? וועט ער דאָך די שטעלע פער־לירען.

— האט איהר גאר ניט מורא פאר דער צווייטער וועלט?

— אודאי האב איך מורא. עס געהט א שרעקליכער יום הדין: א ראש השנה, א יום כפור; נאר איך וועל איהם זאגען דעם רבונו של עולם אויף דער צווייטער וועלט, אז איך וועל אהין קומען: טאטע, א איך איז שווער צו זיין אין אזא גרויסע שטאדט ווי פאריז. דא קען ניט יעדער איינער פערגינען זיך צו זיין א איד. א ראטשילד יא, ער האט אן אייגענע שוהל ביי זיך אין הויף, פאר זיך אליין. ווילסטו אז איך זאל א איד זיין, טו גיב מיר פרנסה, אז איך זאל נישט דארפען ארומגעהן מיט מיין קייבעריל צו די גויים אויף דער גאס, בלומען פערקויפען. מוז איך ווידער ארומגעהן מיט מיין קייבעריל און שבת פערקויפען, קאן איך קיין איד נישט זיין, אז וואו איך וואהן איז ניטא קיין שוהל, נאר א קירכע להבדיל, און וויל איך געהן א מאל אין שול אריין אויף רוע דריוועערי מוז איך סיי ווי סיי נעהמען א טראמוואי, איידער פאהרען שבת, וועל איך ליעבער אין גאנצען אין שוהל נישט געהן. אזוי ווערט מען פערגויישט, מען ווייסט ניט פון קיין שבת, פון קיין יום טוב. א איד זיין אין פאריז איז א שווערע זאך און אויך א טהייערע זאך, און אז ארימאן קען זיך ניט ערלויבען דערויף. דאס וועל איך זאגען דעם רבונו של עולם אויף דער צווייטער וועלט.

די אידענע האט געענדיגט מיט א זיפץ און געוואלט שוין אוועקגעהן. צום סוף האט זי אונז אנגעבאטען די בלומען, זיי זיינען געוועזן ווייסע אונשולדיגע רויזען און האלטענדיג די פאנטשקעס אין דער האנד, בעטראכט זי די בלומען און זאגט מיט א קרעכץ:

— ווען ניט די רויזען, וואלט איך גאר ניט געוועז געוואוסט, אויב עס איז היינט שבת אדער א וואכען טאג.

— די רויזען? ווי הייסט די רויזען?

די אידענע ווערט פערשעהמט און זאגט מיט א נידריגע שטים, ווי זי וואלט מורא געהאט, אז די מיידלאך, וואס זיצען נעבען אונז זאלען ניט הערען איהר סוד:

— יא, די רויזען, זעהט איהר, א גאנצע וואך פארקויף איך רויטע רויזען — און פרייטאג אבענד האב איך מיר אבגעמאכט, זאל איך נור פערקויפען ווייסע רויזען, דאס איז מיין סימן, און דורך דעם דערמאהן איך מיך, ווען איך קוק אויף די ווייסע רויזען, און ווייס, אז עס איז שבת אויף דער וועלט — איך ווייס, ווי זינדיג איך בין.

מיר האבען זיך ארומגעקוקט אויף סט. מישעל. אויף אלע מיידעלשע ברוסטען האבען ווייסע רויזען געבליהט, אין די הענד ווייסע רויזען און ווי אונשולדיגע יונגע טייבעלאך, האבען די ווייסע רויזען אויסגעלויכטען פון די געפארבטע געזיכטען, — פון די לאכענדע, פערשארטע אויגען, פון די טאנצענדע בעוועגליכע הענד — און געהאלפען מיטווירקען און מיטציהען אין די ווייכע ארעמס פון די יונגע פאריזער מיידלאך.

— נו, זאגט מיין פריינד, ווען די אידענע איז אוועק — איז עס נישט וואהר, וואס איך האב געזאגט אז דער גאט פון אברהם ווירקט דורך איינעם פון זיינע אגענטען, אפילו דא, אויף סט. מישעל, אין ברענענדען קעסעל פון זנות און תאוה — פון יוגענד און ליעבע. אומעטום איז דא גאט, אומעטום ווירקט ער — הינטער ארום. איז עס ניט אין דער שוהל, איז עס אין דער גאס, אין געהיים, דורך איינעם פון זיינע אגענטען.

און פון דענסמאל אן, ווען איך געה אויפ'ן סט. מישעל און דערזעה די ווייסע רויזען אויף די ברוסטען פון די מיידלאך, ווייס איך, אז עס איז שבת אויף דער וועלט — ריין ווערען מיר דאן די זנות־מיידלאך, ווי צניעות'דיגע אידישע כלות, אויף וועלכע עס רוהט דער חן פון שבת. איך האב דאס געפיהל, אז איבער סט. מישעל פאכען ווייסע, אונשולדיגע טויבען מיט זייערע פליגלען, א ברכה פון קדוש השבת האט אויסגעשפרייט זיינע פליגעל איבער דעם רוישענדען לעבען און אלץ ווערט

מיר געהייליגט, ריין און אונשולדיג, און איך דאנק גאט איבער דעם שבת, וואס ליעגט זיך ווי א זיסער תאוה'דיגער ווינד איבער סט. מישעל.

אזוי בענשט די אידענע שבת-ליכט מיט איהרע ווייסע רויזען אין דעם סט. מישעל.

און ווער ווייסט, אויב איהר שבת איז נישט ביים גאט פון אברהם אנגענומען ווי א הייליג געבעט, און וויפיעל נשמות זי דערהייבט מיט איהר **קדוש השבת.**

אַ שווערע פּרנסה

אין דעם קאַכעדיגען פּאַריז, אויף די גרויסע בולוואַרען, פאַר דער טהיר פון אַן ערשטע קלאַסיגען האָטעל, שטעהען אַ פּאָר יונגע לייטלאַך, פיהרער און וואַרטען אַף די געסט, וואָס וועלען אַרויסקומען, זיי פאַר־צולעגען פיהרען און ווייזען די „מערקווירדיגקייטען" פון פּאַריז.

צווישען זיך רעדען די פיהרער אידיש, און איינער אַ גאַליציאַנער מיט אַ קוויטשענדיג קול'כעל רופט זיך אַף צו אַ צווייטען, צו דעם „רוסישען":

— הער נור דו, ליטוואַק, וועסט מיר געבען אַפּטרעט־געלד, וועל איך דיר געבען אַן אינטערעסאַנטען גאַסט. נור אַ נאַפּאַליאָן (אַ צוואַנציג פראַנק שטיק).

— אַ נאַפּאַליאָן! גיב נור אַ קוק ווי דער גאַליציאַנער וואַרפט זיך מיט נאַפּאַליאָנ'דלעך!

— דאַרף מען נישט —זאָגט דער פּוילישער און ווערט אַנשוויגען.

— זאָג שוין, זאָג שוין, דו העכט איינער — ווערט אונגעדולדיג דער רוסישער.

זיי זיינען דורכגעקומען אויף פינף פראַנקען.

— געה אַריין — ווייזט ער איהם אויפ'ן האָטעל — געקומען נעכטען בייגאַכט, אַ רייכער „מאַסקוויטש", אויסער רוסיש פערשטעהט ער קיין וואָרט נישט.

— און פאַר דעם האָסטו גענומען אַ פינפעריל! — בייזערט זיך דער ליטוואַק.

— גיב נור אַ קוק דעם ליטוואַק חזיר — דיין גאַספּאַדין וועט דיר בעצאָהלען דערפאַר, מאַסקווימשען האָבען אַ סך געלד. זעה שוין, געה צו דיין מאַסקוויטש.

דער איד, א מאגערס, א קליינס, אין גאנצען מיט א הארץ־פעהלער און א געשוואלענעם לעבער, מאכט זיך גלייך דעם קאפעלוש, א פערדרעה די וואנסעם מעשה פראנצויז און — אריין אין האטעל.

— „העי, מאסיע, וואו פארלע רים?“ שרייט אויף איהם דער לאקיי

— דא איז דא א „מאסיע“ וואס דארף האבען א רוסישען פיהרער.

פון סאלאן געהט ארויס א גרויסער רוסישער גוי, מיט א פאר ברייטע פלייצעס, ברייטען קארק און א גרויסען בויך, אז דאס אידעל זעהט אוים א קארליק געגען איהם — און דער לאקיי ווייזט דעם גרויסען פריץ אויפ'ן אידעל.

— ס'ע ט'ען רים, פארל רים! (דאס איז א רוס, רעדט רוסיש).

דער ברייטער, הויכער גוי בעטראכט דאס אידעל, ווי מען בעטראכט עפעס א חפץ וואס מען וויל קויפען, קראצט זיך מיט איין פינגער אין דער בארד און פרעגט איהם:

— טשטא, רוסקי?

— דא, גאספאדין, רוסקי.

— קא־רא־שא — ציהט אוים דער מאסקווער סוחר.

— נו, וואס קענסטו מיר אינטערעסאנטעס ווייזען אין פאריז, טשטא־ניבוד אינטערעסנאיע?

— אה, איך קען פאריז גוט, פון שטענדיג אן דא געוועזן, כמעט דא געבוירען געווארען.

— טשטא, פראנצוז? — פרעגט איבער דער גוי.

— ניעט, ניעט, רוסקי, רוסקי — כאפט צוריק דער איד די ווערטער

— נור שוין לאנג דא, איך קען פאריז גוט.

— נו, וואס וועסט מיר ווייזען „אינטערעסנאיע“ — לייגט דער גוי דעם אקצענט אויף דעם „אינטערעסנאיע“.

דער איד האט באלד פערשטאנען, וואס דער גוי מיינט, ער האט איהם דערקענט אין די קליינע שווארצע אויגעלאך, וואס לויפען ארום, אין דעם גרויסען פנים מיט דער בארד, נור דער איד מאכט זיך ניט וויסענדיג, ווי ער וואלט מיט איהם אין שטעקעלאך געשפיעלט.

— דעם „לואוור“, — יעדער עטראנזשעי (אויסלענדער) דארף זעהן דעם „לואוור“ — זאגט דער איד. — זעהר אינטערעסאנט.

— טשטא עטא טאקאיע? — פרעגט דער רוס.

— דאס זיינען בילדער, דארט זיינען דא „ווסאקיא ראזניא קאר־טיני“, זעהר טייערע, פון נאפּאלעאָנ'ס צייטען — זאגט דער איד.

— ק'טשארטו! — שפּייט אוים דער גוי און קוקט איהם אן — „טי פאקאזשי מניע טשטא־ניבוד אינ־טע־רעס־נא־יע — . דריקט דער גוי ווייטער דעם „אינטערעסנאיע“.

דאס אידעל מאכט זיך נאך נישט פערשטעהן:

— אה, איך וויים וואו מיר וועלען געהן. מיר וועלען געהן אין נא־ציאנאל ביבליאטעק. אה, דאס מוז יעדער זעהען, וואס קומט נאך פאריז.

— טשטא עטא טאקאיע? — פרעגט דער גוי.

— דארט זיינען דא, „ווסיאקיא ראזניא קניגי“ (פערשיעדענע בי־כער), אה, זעהר זעהר אלטע און טייערע. דארט זיינען דא אזעלכע ביכער, וואס אזא קליינס איז ווערטה טויזענד רובעל, פון נאפּאלעאנען — זאגט דער איד, וואס האט ליעב אלעס וואס איז אין פאריז צוצורע־כענען צו נאפּאלעאָן'ען.

— ק'טשארטו! — שפּייט אוים דער גוי. טי מניע פאקאזשי טשטא־ניבוד אינטערעסנאיע, טשאבי סטאילא סמאטריעט (עס זאל ווערטה זיין צו זעהן) — דריקט דער גוי.

דער איד מאכט זיך נאך נישט פערשטעהען:

— אה, יעצט וויים איך, וואס דער גאספּאדין וויל זעהען — פאלט דער איד — אהא, יא, מיר וועלען ווייזען דעם גאספּאדין דעם „אייפעל־טהורם“.

— טשטא עטא טאקאיע? — פרעגט דער גוי.

דאס איז אזא הויכער טהורם, ווען מען שטעהט אויף איהם, זעהט מען גאנץ פאריז און די גאנצע אומגעגענד. עס איז זעהר הויך ארויפ־צופאהרען, מ'פאהרט, מ'פאהרט זעהר הויך, פון נאפּאלעאנען.

— ק'טשארטו! — שפּייט אוים דער גוי און ווערט שוין בייז — ניעט, דו ביזט נישט קיין פאריזער, דו קענסט ניט פאריז. מען ווערט זיך דארפען אומקוקען אויף אן אנדערען פיהרער. „מאסיע, מאסיע!“ — שרייט ער צום שווייצאר און וויל אוועק.

— ניעט, גאספּאדין, איך וויים וואס דער גאספּאדין וויל זעהען, איך וויים. איך וועל דעם גאספּאדין ווייזען ווי אזוי... און ער שפּרינגט

אונטער צום גוי און רוימט איהם עפּעס איין אין דעם אויער און גיט א וואונק מיט די אויגלאך.

— אזוי רעדט — זאגט דער גוי, דאס איז אינטערעסאנט. קום, פיהר מיך.

יעצט האט דאס אידעל אויסגעשפּיגען און געמאכט א זויערע מינע און געברומט פאר זיך: „אוי, גוים, גוים, אלע ווילען זיי דאס זעהן, אלע!" און צום מאסקוויטש מיט א לאכענדיג פּנים'ל: „עטא אינטע־רעסנא, אטשען אינטערעסנא!" — ווינקט דער איד מיט די אויגעלאך.

— פּאיעזשאיעם, בראט, פּאיעזשאיעם, קלאפּט דער מאסקוויטש דעם אידעל אויף די פּלייצעס און זיי נעהמען א אטאמאביל און פאהרען.

— וואו אהין זאל ער פאהרען? — פרעגט דער גוי אונגעדולדיג.

— איך וועל איהם שוין זאגען — זאגט דער איד — זאל דער גאס־פּאדין זיך נור פערלאזען אויף מיר. אלעס וועט זיין אין ארדנונג.

ער האט געזאגט דעם שאופער און זיי זיינען פערפאהרען אין איינע פון די שמוציגסטע, שענדליכע געסלאך אויף'ן מאנמארטר, אפּ־געשטעלט זיך פאר א פערדעכטיג הייזעל... אריינגעקומען, האט דער אידעל צוגערופען די „מאדאם", געשטאנען מיט איהר אין א ווינקעל און גע'סוד'עט זיך, דערנאך גענומען פון גוי א הונדערט־פראנקען שטיק און בעצאהלט, האט מען דעם אידעל אוועקגעזעצט ביי אן אפענעם פענ־סטער און זיי האבען אריינגעקוקט אין די צווייטע שטוב...

דער גוי איז געזעסען און איז געווארען צופלאמט, דאס פּנים צו־קאכט ווי ביי אן עשיו, און דער אידעל האט זיך אוועקגעזעצט אן א זייט און געוואונקען צום גוי:

„א קאק אינטערעסנא, טשטא"! — און הינטען ארום אויסגעש־פּיגען. געשפּיגען און די אויגען פערמאכט, געקוקט אויף א זייט אויפ'ן באלקען, אויפ'ן וואנט און געשפּיגען און גערעדט צו זיך: אנ'אומה, אנ'אומה!....

דער מאסקוויטש האט זיך צופלאקערט, און געגעבען א קלאפּ מיט'ן האנד אויפ'ן טיש און געשריען:

— שאמפּאנסקאיע!

און דער איד האט נאכגעמאכט מיט דער האנד און נאכגעשריען: שאמפּאנסקאיע, מאדאם, שאמפּאנסקאיע!

מ'האט דערלאנגט שאמפאניער. דער גוי האט אנגעגאסען דעם איד: נא, טרינק, אינטערעסאנט. דער איד, וועלכער האט געהאט א געשוואָלענע לעבער און אלקאהאל איז געווען פאר איהם געפעהרליך, האט שוין געהאט אפגעמאכט מיט דער מאדאם אז איהם זאל מען דערלאנגען אנשטאט א גלאז, א פערגלייזט טעפעל מיט מילך אז מען זאל נישט אנזעהן פון דרויסען וואס ער טרינקט. און דער איד האט זיך געמאכט אז ער טרינקט שאמפאניער און האט געטרונקען די מילך.

— שאמפאניער! — האט דער צוהיצטער גוי געשריען — פאר אלע, פאר זיי דרינען אויך! איך בעצאהל — האט ער ארויסגעווארפען דעם טייסטער מיט געלד.

— שאמפאניער — האט דער אידעל נאכגעשריען און מען האט איהם דערלאנגט נאך א טעפעל מיט מילך.

— א עטא טשטא? — פרעגט דער גוי, בעמערקענדיג זיין טעפעל.

— איך האב ליעב צו טרינקען שאמפאניער פון א טעפעל, נישט פון קיין גלאז, ס'איז ביי מיר אזא געוואהנהייט.

— עי, יעוורעי, ניע מאשעניטשאי! גענאר נישט, גענאר נישט — שרייט דער גוי און גיסט די מילך פון דעם טעפעל ארויס, גענאר נישט!

דער אידעל האט נעבאך ביטער אפגעקרעכצט, געגעבען א קרעכץ און געמאכט זיך טרינקען.

— טרינק, טרינק, גענאר נישט! — שרייט דער גוי און נויט איהם.

— איך טרינק דען ניט—שמייכעלט דער איד.—זאל נאר דער גאספאדין אזוי פיעל שטעלען, מען דארף מיך בעטען שאמפאניער צו טרינקען? — שמייכעלט דער אידעל גיט א קרעכץ און טרינקט.

— יעשטשא ראז! — שרייט אוים דער גוי — אויף דעם וואס ס'טהוט זיך אין דער צווייטער שטוב, נאך א הונדערטער — ווארפט ער פון טאש — יעשטשא ראז!

יעצט האט שוין דער גוי גענומען דעם קליינעם אידעל צו זיך און געוויזען איהם וואס עס טהוט זיך אין דער צווייטער שטוב.

— סמאטרי, סמאטרי — שרייט אוים דער גוי און ווייזט איהם מיט דער האנד.

— אטשען, אטשען אינטערעסנא — קוקט דער איד אוועק און בעהאלט זיך אויסצושפייען.

— ניע מאשעניטשאי! — שרייט דער גוי — סמאטרי, סמאטרי — און רוקט דאס אידעל נעהנטער צו.

— וויזשו, וויזשו — קאק אינטערעסנא — און עס נודיעט איהם.

דערנאך, ווען ער האט מיט'ן גוי אפגערעדט אויף מארגען נאך א אינטערעסאנטע זאך צו ווייזען, איז דער איד בעקומענדיג זיין לוין, אהיים אוועק צום ווייב מיט די קינדער אויף מיטאג. עס איז שוין נאכט געווארען און די קינדער וועלכע זיינען פון שוהל א היים געקומען האבען זיך ביים טיש אויסגעזעצט. זיצענדיג ביי זיין טיש מיט די קינדער און ווייב, דערמאהנט זיך דער איד אן זיין פרנסה, קרעכצט ביטער אפ און זאגט פאר זיך:

— א שווערע פרנסה, שווער קומט אן דאס שטיקעל ברויט, ווייב, שווער....

דער גנב מיט זיין מוטער.

(סקיצע).

עס איז געווען א קאלטער ווינטער־טאג. דער שנעע איז גע־לעגען הארט פערפרוירען ביז איבער די האלבע הייזלאך, און האט פערשלאסען די איינוואהנער אין זייערע לעכער. זעלטען ווער עס האט זיך ארויסגעוואגט אויף דער גאס ארויס אין דעם בייסענדען פראסט. די איינוואהנער האבען זיך איינגעקופּעט אין די ווארימסטע שטובען אדער אין די קיכען פון זייערע הייזלאך און געגעסען דאס, וואס זיי האבען זיך אויפ'ן ווינטער אנגעגרייט: קארטאפעלס און איינגעזויערטע קרויט. און האט די נויטה ווען פון שטיבעל אין גאס געיאגט צו פערדיענען א פאר גראשען, איז ער ניט ווייטער דערגאנגען ביז צום אי־דישען שענקעל, וועלכעס איז געווען אין א עק פון גאס, אריינגעכאפּט זיך אנצוואווארעמען אין רויך פון פאפּיראסען און די פּארע פון די מענשען וועלכע זיינען געזעסען אין שענקעל, געשפּיעלט אין דאמענע, און פון צייט צו צייט אויסגעטרונקען א געוואונענע גלעזעל בראנפען, אדער א קופּעל ביער.

אין אזא פראסט האט זיך נטע גנב געלאזט איבער'ן געסעל פון זיין הייזעל ארויס, אריין אין שענקעל און אויסגעקויפט א האלבען שענ־קעל. א צוויי פלאשען שנאפּס, די גאנצע ווארשט וועקגעקויפט וואס האט זיך געפונען אויפ'ן לאגער, דאס שטיקעל פערטריקענטע לעקאך, קיכעלאך און אריינגעלעגט דאס אלעס אין קייבעריל. מיט פייכטקייט אין מויל און מיט קנאה'דיגע אויגען האבען די בעל־מלאכה'ס, קצבים־יונגען און קארטען־שפּיעלער געקוקט וואס נטע קויפט איין. אלע הא־בען געוואוסט פון וואס פאר א געלד נטע קויפט איין די גוטע זאכען, אז פאר צוויי וואכען צוריק האט ער ערשט אויסגע'גנב'עט לייבעל'ס

לערער קראַם און איז ערשט נור צוריקגעקומען פון זשאַבליז, וואו ער האָט די סחורה פערקויפט. נור קיינער האָט ניט געוואָגט איהם אַ וואָרט צו זאָגען. אָבער טראַכטען האָבען זיי זיך געמעגט וואָס זיי ווילען און אויך מורמלען זיך אין די אויערען:

— פאַר לייבעל'ס געלד, פאַר וואָס זאָל ער זיך נישט לאָזען לוסטיג געהן שווער געהאָרעוועט האָט ער אויפ'ן געלד?

— זעה זעה, די גאַנצע וואורשט קויפט ער אויף.

נטע האָט אָבער ליעב געהאַט ווי מען בעטראַכט ווי ער קויפט אויף דאָס שענקעל. און אז ער האָט געזעהן, אז די פורמאַנעס און די קצבים יונגען האָבען אוועקגעוואָרפען די דאַמענע און זיך אַרומגע־שטעלט צו בעטראַכטען איהם — האָט נטע אריינגעשטעקט די הענד אין די קעשענעס און געפרעגט:

— און אַ געבראָטענע גענזעל האָט איהר נישט?

די פעטע אידענע וואָס איז געשטאַנען הינטער דעם בופעט און פערקויפט האָט געשמייכעלט, חנפה'דיג זיך צו איהם:

— פאַר ווען זאָל איך האַלטען געבראָטענע גענזלאַך? פאַר די דלפנים דאָ? אַז איך וואָלט געוועז געוואוסט, אז זיי וועלען קומען — וואָלט איך אָנגעגרייט אַ פעט געזעל.

נטע'ן האָט געשמעקט דער קאָמפּלימענט. ער האָט זיך גלייך גע־מאַכט זיינע שעהנע צוויי וואַנצעלאַך, אריינגעשטעקט די הענד אין די קעשענעס און ארומגעקוקט זיך אויף די שעהנע לייט וואָס זיינען ארום געשטאַנען. ער האָט געזעהן ברוד'ל פוהרמאַן, ווי ער קוקט מיט גאוועה אין מויל אויף די גוטע זאַכען וואָס ער האָט איינגעקויפט — האָט ער זיך אָנגערופען:

— נו, ברוד'ל, ווילסט אַ שנאַפּס? — גיט איהם ראָזע אַ שנאַפּס.

ראָזע האָט אָנגעגאָסען און ברוד'ל האָט אויסגעטרונקען, אָבגעווישט זיך דאָס מויל און געזאָגט:

— גוט, נטע!

— נאַ, פערבייס, האָט איהם נטע אָבגעשניטען אַ שטיק וואורשט און האָט איהם געגעבען.

— גוט, נטע — האָט ברוד'ל געזאָגט, קייענדיג די פעטע פערטרי־קענטע וואורשט.

— און איהם גיט אויך — האָט נטע אָנגעוויזען אויף אַ צווייטען

בעל־עגלה, ווער עס וויל קען קריגען א שנאפס. דער יונג האט ארויס־גענומען א זילבערנעם קערבעל פון זיינע טאשען און אוועקגעלעגט אויפ'ן בופעט־טיש פאר ראזע'ן.

קאלט איז געווען און די מאגענס זיינען לעער געווען. און גאר ניט אין געווען צו טהאן אין אזעלכע פרעסט, און נטע'ס טהיילען שנאפס איז געווען ווי פון הימעל אראבגעפאלען: האבען זיי אלע זיך צו־גערוקט צום בופעטעל, געטרונקען שנאפס, זיך אבגעווישט די מיילער, און אלע האבען אנגעקוקט נטע'ן מיט דאנקבארקייט און געזאגט:

— גוט, נטע.

און נטע איז צופריעדען געווען.

און ווי נטע איז אזוי געשטאנען און געטהיילט שנאפסען, האט זיך די טהיר פון שענק אויפגעפראלט און עס איז אריין מיט א גערודער לייבעל, דער לעדער־סוחר, איינגעהילט אין אן אויסגעקראכען פעלצעל, אין א צוריסען שלימוזעל אויפ'ן קאפ — און האט אנגעקוקט נטע'ן מיט א ביטערען בליק, פערביסען די ליפען. די לאנגע נאז איז איהם בלייך געווארען, אזוי, אז עס האט זיך געדאכט, אז די נשמה האט זיך איהם אוועקגעזעצט אויף די שפיץ נאז, געשאקעלט מיט'ן קאפ:

— מיין בלוט טרינקסט דו, נטע, מיין שווערע פראצע, מיינע קינ־דער'ס ברויט עסט דו אויף — הע, — הע?

נטע האט איהם אנגעקוקט גלייכגילטיג, גלייך געמאכט זיך די שעהנע וואנצעלאך און געזאגט ווי צו זיך, גלייכגילטיג:

— צייט אהיים צו געהן.

און ער האט גענומען דאס קייבעריל מיט די איינגעקויפטע זאכען און איז ארויס פון שענקעל.

— גאט זאל דיר בעצאהלען וואס דו האסט מיר געקרדזשיוודעט— האט איהם לייבעל אנגעשאלטען.

נטע האט זיך ניט אבגערופען און זיך געגאנגען ווייטער זיין וועג.

אין דער היים האט שוין אויף נטע'ן געווארט זיין מוטער. די אלטע פעשע איז געווען א קצב'טע און האט געהאקט פלייש אין די יאטקעס. נור צייט נטע איז געווארען א גנב האט איהם נישט געפאסט אז די מו־טער זאל האקען פלייש אין די יאטקעס, האט ער זי געהאלטען אין דער היים, און ער האט פערדיענט אויף איהר. די אלטע פעשע האט

שטאַלצירט מיט איהר זוהן, און נטע האָט ליעב געהאַט דער מאַמען. טאָמער האָט ווער אַ שלעכט וואָרט אויסגערעדט אויף דער מאַמען, איז זיך נטע געגאַנגען שלאָגען.

— אויף מיר קענט איהר זאָגען וואָס איהר ווילט, איך בין אַ גנב. אַל־דאָס שלעכטס בין איך, נור מיין מאַמע׳ס נאָמען זאָלט איהר היטען. אויף מיין מאַמען זאָלט איהר קיין שלעכט וואָרט ניט אויס־ריידען אַז ניט וועל איך די קעפּ שפּאַלטען — האָט נטע ניט איינמאָל גע׳טענה׳ט אין געסעל.

די אַלטע פּעשע האָט געוואוסט, אַז נטע האָט געמאַכט אין זשאַבלין אַ גוט געשעפט מיט לייבעל׳ס גנבה. און ער איז געגאַנגען אין שענקעל אריין אהיים ברענגען גוטע זאַכען. זי האָט זיך דערמאָהנט, ווי גוט ער איז. האָט זי איהם אָבגעקאָכט קאַרטאָפּעל־קלויסקעס וואָס ער האָט ליעב. קאַלט איז געווען, די שויבען פערקאָוועט און דער פּראָסט האָט זיך געגנומען אויפ׳ן אָבענד שטאַרקער. האָט זי אונטערגעהייצט דעם אַל־טען אויווען מיט דער רעשט טאָרף וואָס איז געווען אין שטוב, און כדי די וואַרימקייט זאָל אנהאַלטען אַ גאַנצע נאַכט, האָט זי אריינגע־פּאַקט אין אויווען אריין אַלעם וואָס האָט זיך געפונען אין דעם ווינקעל, די רעשטלאַך טאָרף, העלצער, — עס האָבען זיך מיטגעשלעפּט אַלטע שמאַטעס, אַלטע לעדער; — אין שטיבעל איז באַלד געוואָרען אַ סוואָנט, אַ געשטאַנק, נור דער סוואָנט האָט געוואַרימט דאָס שטיבעל, און פאַר פערגעניגען פון וואַרימקייט האָט זי ניט געפיהלט דעם געשטאַנק.

אַז נטע איז אהיים געקומען מיט׳ן אַקעוויט און וואורשט איז שוין טונקעל געווען. די מאַמע האָט שוין אָנגעצונדען דאָס קליינע לעמפּעל. אויפ׳ן טיש איז שוין געשטאַנען אַ טעלער מיט קאַרטאָפּעל־קלויסקעס פון וועלכע עס איז ארויסגעגאַנגען אַ רויך.

— אַ, מאַמע, קאַלט איז דרויסען, אַ שרעק — האָט נטע געזאָגט אריינגעהענדיג.

— קום אהער, מיין קינד, נעהם אַביסעל בראַנפען, וועסט דו זיך דערוואַרימען. דאָס פּרעסטעל נעהמט צו.

נטע האָט אויפגעעפענט דעם בראַנפען.

— וואָס פאַר אַ געשטאַנק איז עס אין שטוב? — האָט נטע גע־פרעגט.

— עס דאכט זיך דיר נאָר אַזוי, מיין קינד — איך האָב איינגע־הייצט דעם אויוועז, איידער דער טאָרף צוברענט זיך איז אביסעל רויכיג.

— עפעז אויף די טהיר, מאַמע, מען ווערט דערשטיקט — האָט נטע געזאָגט.

— אין קיך איז ווארימער, מיין קינד, אין דרויסען איז קאַלט. נטע האָט געטרונקען פון בראַנפּען, און דער מאמען אָנגעגאָסען.

— טרינק, מאַמע, וועסט דו זיך דערוואַרימען.

— יא, מיין קינד, איך וועל טרינקען. דאס פרעסטעל נעהמט צו.

זיי האָבען געטרונקען שנאַפּס און פערביסען מיט די ווארימע קארטאפעל־קלויסקעס; דעם וואורשט האָט די אלטע פּעשע אויסגע־ריישט מיט א ציבעלע און דער רויך פון ריישערס האָט צוגעדעקט דעם רויך פון אויווען. דער אקעוויט האָט געוואַרימט די ביינער, און דער קאָפּ איז צוהיצט געוואָרען, און פון סוואנט האָט מען שוין גאר ניט געוואוסט און גאָר ניט גערעדט.

אַז די מאַמע און זוהן האָבען זיך גוט אָנגעגעסען מיט קארטאפעל־קלויסקעס, מיט די אנגערייכערטע וואורשט און פערטרונקען גוט מיט שנאַפּס, האָבען זיי זיך ביידע דערשוויצט. די אַלטע פּעשע האָט אויסגעבעט די בעטען, אויסגעזוכט קישענס און דעקען, אַלטע קאפּטאנעס און פּעלצען וואס האָבען זיך געפונען אין שטוב — און דערמיט צוגעדעקט די בעטען.

— דאָס פרעסטעל נעהמט דורך, מיין קינד, שטארק. פערקאָ־וועט די שויבען. מען דאַרף פערריגלען דעם אויוועז, א שאָד די וואַ־רימקייט וואָס לויפט ארויס. און די אַלטע פּעשע האָט ניט געזעהן אויב דער טאָרף איז יא צוברענט אָדער ניט. זי האָט פעררוקט דעם אויווען, אוועקגעלעגט זיך א צושוויצטע פון בראנד־וויין און וואורשט. זי — אין איין בעט און דער זוהן אין דער צווייטער בעט און גוט זיך צוגעדעקט מיט אַלע דעקען און קאָפּאָטעס, ווארים דער פראָסט אין דרויסען האָט טאקע שטארק צוגענומען...

צו מאָרגענס אין דער פריה, דער זייגער האָט שוין געשלאָגען צעהן. עס איז שוין געווען נאָך מיטאָג און ביי פּעשע'ן זיינען נאָך געווען די לאָדען פערהאקט. איינער איז פארבייגעגאנגען, געזעהן די פערהאקטע לאָדענס, האָט ער זיך געוואונדערט; א צווייטער איז דורכגעגאנגען

און געזעהן די פערהאקטע לאַדנעס, און מעהר האָט מען שוין ניט גע־דארפט; עס איז באלד געוואָרען אַן עולם ארום פעשע'ס פענסטער, און מען האָט אַנגעקלאַפּט אין די לאַדענס.

— פעשע, נטע, — וואס איז דער מעהר?

אָבער קיין ענטפער האָט מען ניט בעקומען. אַ איד האָט גע־פּרואווט די לאַדענס אויפרייסען, צו זעהן וואס אינווייניג טהוט זיך. האָט פון אויפגעריסענעם לאַדען געגעבען אַ זעץ ארויס אַ קנויל רויך און אַ געשטאַנק פון אַ סוואַנט. האָט מען זיך באַלד שוין דערוואוסט וואס עס איז געשעהן, און עס איז געוואָרען אַ געשריי אין געסעל:

— פעשע די קצב'טע מיט איהר זוהן זיינען פערסווענדזשעט גע־וואָרען.

באַלד איז געוואָרען אַ איינגעלאַף, און געוואַהר וועהרענדיג אַז מענשען זיינען אינווייניג, האָט מען ניט געפרעגט יאַ גנב, ניט גנב, דאָס לעבען איינגעשטעלט און אריין אין שטיבעל און די צוויי ארויס־גענומען און אוועקגעלעגט אויפ'ן שנעע.

— מען דאַרף די שלייפען רייבען מיט שנעע — האָט אַ איד אַן עצה געגעבען.

— ניין, מען דאַרף וואסער אין די נאָז גיסען.

מען האָט די שלייפען געריבען מיט שנעע, מען האָט וואסער אין די נעזער געגאָסען, געשאָקעלט זיי אויף דער לופט. דער יונג האָט די אויגען געעפענט און ארומגעקוקט זיך:

— וואו איז די מאַמע? — האָט ער דאָס ערשטע געפרעגט.

מען האָט איהם גאָר ניט געקענט ענטפערען, ווייל זיין מוטער איז שוין טויט געווען.

אַז דער יונג האָט געזעהן, אַז מען ענטפערט איהם ניט, איז ער ארוים מיט אַ געוויין, און וויפיעל כח ער האָט געהאַט, איז ער צוגעקראַ־כען אויף אַלע פיער צו דער מוטער, און זי געוועקט:

— מאַמע, מאַמע, שטעה אויף, מאַמע!

זיינע געשרייען „מאַמע" האָבען דערציטערט יעדעס האַרץ, אין פיעלע אויגען האָבען זיך בעוויזען טרעהרען, און איינער האָט דעם אַנדערען געזאָגט:

— כאָטש אַ גנב, דאָך ליעבט ער די מאַמען.

— וואס, א גנב האט ניט קיין הארץ? — יעדער מענש האט א הארץ — האט א אידענע געזאגט.

לייבעל, דער לעדער־סוחר, איז געקומען צולויפען: אין זיינע אויגען האט געברענט דער פייערעל פון נקמה. אויסגעגלעט זיך מיט דער האנד דאס בערדעל, כאטש דער פראסט האט געשניטען, און גע־זאגט צו די ארומיגע:

— איך האב געוואוסט אז גאט וועט זיך פאר מיר אננעהמען.

די ווייבער האבען איהם אוועקגעטריבען:

— געפונען יעצט אז ארט נקמה צו נעהמען — א מענש איז גע־שטארבען!

אינהאַלט:

זייט

יודישעס

דער פערבארגענער בחור — 3
דער זיידענער קאפטאן — 54
מיין טאטענ'ס פעלץ — 61

ערדישע נשמות

די יאטישע טאכטער — 1
דאס קוילער געסעל — 21
דער יונג מיט'ן קינד — 45
עס האט זיך נישט געלוינט — 52
א דינה — 59
א פשוט'ע מעשה — 64
מיין שענסטע ליעבע — 76
א חנ'דעלע — 94
זיין ווייבס געזיכט — 113
אין א פריהלינגס־נאכט — 118
דריי בעלי־בתים — 131

ערד

ערד — 144
צווישען א וואנד — 172
די מעשה מיט די שעהנע מארי — 183
די שטומע — 193
גוסס'דיגע שטערן — 200
ווייסע רויזען — 205
א שווערע פרנסה — 210
דער גנב מיט זיין מוטער — 215